This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-526

סאָוועטיש

10

1979

היימלאַנד

לייענט אינעם נומ. 11
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער: די צאָל ווערק — לויט די זשאַנרען, וועלכע זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן אין 200 נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

■

ווערק פון אונדזערע לייענער —
דערציילונגען, פארצייכענונגען, לידער, מיטיילונגען, בריוו.

■

אווראָם גאָנטאר. לידער.

■

נײַע דערציילונגען פון שמועל גאָרדאָן און הערשל פּאָליאנקער.

■

ארן ווערגעליס. אין פופצן יאָר ארום (פּאָרזע־צונג).

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1979

אינהאַלט

מיט אינפֿאָרמירן אונדזערע לייענער. **די היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט טאָרן קיינמאָל ניט „פֿאַרעלטערט ווערן"** 3

בוזי מילער. דרײַ דערציילונגען 15

באָריס מאַגילנער. פֿאַר שקיַע (סאָף) . . . 26

דאָרע כײַקינע. דאָס אייניציקע, דאָס וווּנדערלעכע לעבן (לידער) 63

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. יאָרשים (ראָמאַן. סאָף) צייכענונגען — ה. אינגער 68

צוויישנפֿעלקערלעך יאָר פֿון קינד. **שיקע דריז. דעם פֿידעלעס נעשאָמע; ניי מיר אויף א גרינע על־טער אא. בראָניע סינעלניקאָווע. ניצאָכן, פֿריילינג און אַנדערע לידער** 118

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **זאַלמען ליבינזאָן. א גרויסער דענקער, א זון פֿון זײַן עפּאָכע** . . . 124

אַרן ווערגעליס. אין פּופּצן יאָר אַרום (רײַזע־נאָטיצן. פֿאָרזעצונג) 135

60 יאָר סאָוועטישע קינעמאַטאָגראַפֿיע. **אוראַן גור־ראַלניק. די וויכטיקסטע פֿון אַלע מינים קונסט.** 143

מיר ענטפֿערן אַף פֿראַגעס פֿון אונדזערע לייענער. **ל. מעדוועדקאָ. וועגן דער ראָליע פֿון דער מיליטער־קליקע אין ייִסראָעל** 147

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. **טרײַהייט דער פּאָן** 149

די צעלינאַ איז אַלט געוואָרן 25 יאָר 150

קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע. **פּעטער, מע קען אײַך...** . 152

ווינקל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" 154

פֿריילעכע שורעס 157

מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 158

פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 160

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פֿונעם נומער (רוסיש — ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאַגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פֿאָליאַנקער, ס. פּריַי, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

די היטלעריסטישע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט טאָרן קיינמאָל ניט „פאַרעלטערט ווערן"

די פראגע וועגן באַשטראָפן די נאַציסטישע פאַרברעכער געפינט זיך שוין א לענגערע צייַט אין צענטער פון דער אופמערקזאמקייַט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג אין דער וועלט. ווי באַוווסט, איז אין דער יוריספרודענץ פון מייַרעוו־דייַטשלאַנד ביז איצט ניט פאַראַן קיין קלאָרער באַגריף וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס „נאַציסטישער פאַרברעכן". דאָרט גייט די רייד פּשוט וועגן מאָרד, אין פלאַן פון קרימינעלער פּראַקטיק, פאַר וועלכן דער שולדיקער קאָן פאַרפאָלגט ווערן אין משך פון דרייַסיק יאָר. אַזוי־אַרום באַקומט זיך, אַז דעם 31 דעקאַבער 1979 ענדיקט זיך שוין דער טערמין פון צוציִען צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייַט די פאַשיסטישע מאַסן־מערדער.

דרייַסיק מיליאָן מענטשן זייַנען אומגעקומען אין אייראָפּע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַכצן מיליאָן פון דער ציווילער באַפעלקערונג זייַנען דערמאָרדעט געוואָרן מיצד די היטלעריסטן פּלאַנמעסיק און מיט סאַדיסטישער אויסרעכענונג. אין די צוואַנגס־לאַגערן, טפיסעס און געטאָס זייַנען אומגעקומען אַמווייניקסטנס עלף מיליאָן מענטשן. א דריטל פונעם יידישן פאָלק — זעקס מיליאָן פרויען, קינדער, זקנים — זייַנען דערשאָסן געוואָרן בייַ די מאַסן־אַקציעס, געשטאָרבן פון הונגער אין די טויט־לאַגערן, דערשטיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

ביזן 1 יאַנוואַר 1978 האָבן די געריכט־קאַמערן פון דער פעדעראַלער רעפּובליק פון דייַטשלאַנד אַרויסגעטראָגן אורטיילן איבער 6432 היטלעריסטישע פאַרברעכער, ווען די אַלגעמיינע צאָל פאַרדעכטיקטע אין באַגיין מאַסן־מאָרדן איז 84.403. די מערסטע געריכט־פּראָצעסן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט פרייַשפּרעכן די באַשולדיקטע אָדער אַרויסטראָגן זיי סקאַנדאַליעז־ווייכע אורטיילן.

די וועלט־עפנטלעכקייַט איז אויפגערודערט פון אַזאַ פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע. ס'איז אויך קלאָר, אַז דאָס ניט באַשטראָפן די מערדער באַטייַט אונטערהאַלטן און סטימולירן די הייַנטצייַטיקע נעאָנאַציסטן, וועלכע גייען שוין איבער צו אָפענע ווילקירלעכע אַקטן.

הייַנט־צו־טאָג זייַנען טעטיק אין דער וועלט אַן ערך 2.000 פאַרשיידענע נעאָנאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס: אין מייַרעוו־דייַטשלאַנד — 300, אין פראַנקרייַך — 30, אין שפּאַניע — 100, אין איטאַליע — 50. פיל פון די דאָזיקע באַנדעס ציילן פון 30 ביז 100 אָנהענגער, ס'זייַנען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע, וועמענס צאָל מיטגלידער גרייכט אין די שווערע טויזנטער.

אָפּגעבנדיק זיך א דין־וחשבון, אַז זייער טעטיקייַט האָט ניט קיין שטאַרקן אייַנפלוס אויפן פּאָליטישן לעבן, באַנוצן זיך די נעאָפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט טעראָריזם, כדי אָנשרעקן די מאַסן, דעסטאַביליזירן די פּאָליטישע סטרוקטור פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, שאַפן אַן אַטמאָספער פון כאַאָס.

אין דער דייַטשישער פעדעראַלער רעפּובליק גיבן אַרויס די נעאָפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס 121 צייַטשריפטן מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 250 טויזנט עקזעמפּלאַרן. די נעאָנאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַרקריפּלט דעם אמת וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה, זי דערהייבט די

פאַשיסטישע אַטאַמאַנען צום ראַנג פון „ניט פאַרשטאַנענע ראָמאַנטיקער" און פּרוּווט שאַפן אַן אַטמאָספער פון נאָסטאַלגיע צו דער פאַשיסטישער פאַרגאַנגענהייט. אַלץ אָפטער און אָפטער ווערן אין אייניקע לענדער דורכגעפירט צוזאַמענטרעפן פון נעאָנאַציסטן, בייס וועלכע עס קומט פאָר אַן אויסטויש פון מענטשן־פײַנטלעכער דערפאַרונג און אויך פון געווער, אויפרײַס־מאַטעריאַלן.

די אידעאָלאָגישע באַזע פונעם הײַנטצײַטיקן פאַשיזם איז די זעלבע, ווי פונעם פאַרמיל־כאָמעדיקן. אַנטיקאָמוניזם, ראַסיזם, שאָוויניזם — אַזעלכע זײַנען זייערע הויפּט־לאָזונגען. דער נעאָפאַשיזם איז אַ רעאַלע געפאַר פאַרן שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס. דערפאַר טאַקע איז דער קאַמף קעגן אים — אַ געמיינזאַמער איניען פאַר אַלע קויכעס פון גוטן ווילן.

דאָס סאָוועטישע פאָלק, וואָס האָט אינעם קאַמף קעגן היטלעריזם פאַרלאָרן צוואַנציק מי־ליאָן בירגער, טרעט אַרויס דערפאַר, אַז מע זאָל דעמאַסקירן און באַשטראָפן די נאַציסטישע פאַרברעכער, ווו זיי זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן, אַז עס זאָל אויסגעוואָרצלט ווערן די מענטשן־פײַנטלעכע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם פאַשיזם. מיר זעען אין דעם אײַן די גאַראַנטיע פון פאַרווירקלעכן די אידעאַלן, פאַר וועלכע די פעלקער האָבן געקעמפט אין די יאָרן פון דער אַנטיפאַשיסטישער מילכאָמע.

ווײַטער ברענגען מיר אייניקע צײַטונגס־מאַטעריאַלן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די געשעענישן פון דער לעצטער צײַט אין פּראַט פון באַשטראָפן די היטלעריסטישע מאַסן־מערדער. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז עס איז באַרעכטיקט דער אומרו פון די פעלקער אין שײַכעס מיט די מאַכינאַציעס פון דער פּראָפאַשיסטישער רעאַקציע אַרום „מויכל זײַן" די שולדיקע אין פעלקער־מאָרד.

וו ל א ד י מ י ר   ג ר י ג א ָ ר י ע ו ו

דער פאַרצויגענער מישפּעט איבערן מאַסן־מערדער, האַופּטשאַרפירער פון עס־עס פּיטער ניקאָלאַס מענטען

אין דעקאַבער־נומער פון 1977 האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" דערציילט וועגן די שויד־דערהאַפטע סאַדיסטישע פאַרברעכנס, וועלכע עס איז באַגאַנגען אין אוקראַיִנע, באַזונדערס אינעם דאָרף פּאָדגאָראָדצי, דער נידערטרעכטיקער ייִדן־מערדער האַופּטשאַרפירער פון עס־עס פּיטער ניקאָלאַס מענטען — הײַנט אַ האָלענדישער מולטי־מיליאָנער, וועלכער קאָ־לעקציאָנירט קונסט־בילדער און אַנטיקוואַרע כפייצים.

דער אַמסטערדאַמער געריכט האָט צוגעמישפּעט מענטענען צו פופצן יאָר טפיסע. איצט אָבער דערוויסן מיר זיך פון דער פּרעסע, אַז דער פאַרברעכער איז ווידער אָף דער פרײַ, ער האַנדלט מיט זײַנע אָנגעראַבעוועטע בילדער און אַנטיקוואַרע כפייצים! צי איז דאָס ניט אַ מין נײַע פאָרם פון „קאַמף פאַר אָפּהיטן די מענטשן־רעכט"?

איינער פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון צווישנפעלקערלעכער רעכט באַשטייט אין דעם, אַז פערזאָנען, וועלכע זײַנען שולדיק אין קריגס־פאַרברעכנס מוזן באַשטראָפט ווערן.

די רעזאָליוציע פון דער גענעראַלער אַסאַמ־בליי פון די פאַראייניקטע נאַציעס נומ. (1) 3 פון 13 פעוראַל 1946 זעט פאָרויס, אַז אַלע לענ־דער — מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס דאַרפן אָנעמען די נייטיקע מאָסמיטלען צו אַרעסטירן די פערזאָנען, וועלכע זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קריגס־פאַרברעכנס, און אָפּשיקן זיי אין יענע לענדער, ווו די פאַרברעכנס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן, זיי זאָלן געמישפּעט און באַשטראָפט ווערן לויט די געזעצן פון די דאָזיקע לענדער.

די וויכטיקײַט דערפון, אַז די מעלוכעס זאָלן מיטאַרבעטן אין די דאָזיקע פראַגן, ווערט באַ־טאָנט אויך אין אַזאַ דאָקומענט, ווי „די פּרינ־ציפּן פון צווישנפעלקערלעכער מיטאַרבעט אין די פראַגן וועגן אָפּזוכן, אַרעסטירן, אַרויסגעבן און באַשטראָפן די פערזאָנען, וועלכע זײַנען שולדיק אין קריגס־פאַרברעכנס און אין פאַר־ברעכנס קעגן דער מענטשהייט". דער דאָזיקער דאָקומענט איז באַשטעטיקט דורך דער רעזאָ־

ליוציע נומ. 3074 (28) פון דער גענעראַלער אַסאַמבליי פון די פאַרייניקטע נאַציעס דעם 3 דעקאַבער 1973.

דער נאַציסטישער קריגס־פאַרברעכער מענ־טען דאַרף אין דער פולער מאָס באַשטראָפט ווערן. דאָס פאָדערן ניט בלויז די אַלגעמיין־אַנערקענטע נאָרמעס און פּרינציפּן פון צווישנ־פעלקערלעכער רעכט, נאָר אויך די אידעאַלן, פאַר וועלכע די פעלקער פון אייראָפּע האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן געקעמפט קעגן די נאַציסטן.

לאָמיר דערמאָנען דעם לייענער — ווער עס איז מענטען. געבוירן אין אַ פאַמיליע פון אַ האָ־לענדישן קליינעם אונטערנעמער, איז ער אין 1923 אוועקגעפאָרן קיין פּוילן, קעדיי עפענען דאָרט אַן אייגן געשעפט. נאָר דאָס איז געווען ניט דער איינציקער ציל פון זיַין ריַיזע. אין בערלין האָט ער באַקומען אַן אויפגאַבע צו פירן שפּיאָנישע טעטיקייַט אינעם פריצישן פּוילן. אין 1929 באַזעצט ער זיך אין די קאַרפּאַטן, ווו ער קויפט אויף גרויסע וואַלד־ און ערד־גיטער. אין סענטיאַבער 1939 אַרעסטירן אים די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען אַלס אַ דיַיטשישן שפּיאָן. ווען מיַרעוו־אוקראַיִנע איז אַריַין אין באַשטאַנד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַנטלויפט ער קיין פּוילן, וואָס איז דעמלט געווען אָקופּירט דורך די היט־לעריסטן. ער קערט זיך אום אין לוואָווער געגנט שוין אַ באַטיטלטער מיטן אַמט זאָנדערפירורער פון עס־עס, דאָרט דינט ער אין די „שלאַג־גרופּעס" פונעם עסעסישן גענעראַל שענהאַרט. אין איינעם פון זיַינע בריוו שריַיבט מענטען, אַז ער איז געקומען אינעם ראַיאָן פון לוואָוו צוזאַמען מיטן שטאַב פונעם גענעראַל שענהאַרט „קעדיי העלפן אינעם לייזן די יידן־פראַגע און דער־שטיקן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג".

דעם 7 יול 1941 האָט זיך אינעם דאָרף פּאָד־גאָראַדצי אַריַינגעריסן אַ גרופּע עסעסאָווצעס בעראָש מיט מענטענען. די היטלעראָווצעס האָבן געכאַפּט אַלעמען, אַף וועמען עס האָט אָנגעוויזן דער „פּאַרעץ פּעטראַ" (ד. ה. מענטען). מע האָט די איַינוווינער פונעם דאָרף צונויפגעטריבן אַף אַ פּלאַץ, ווו עס איז געווען אויסגעגראָבן אַ גרויסע גרוב. לעבן דער גרוב איז געשטאַנען מענטען מיט אַ נאַהיַיקע אין האַנט, אַרומגע־רינגלט מיט היטלעראָווצעס, וועלכע האָבן אָנ־געפירט מיט דער עקזעקוציע. אין יענעם טאָג זיַינען דערשאָסן געוואָרן 30 איַינוווינער פונעם דאָרף. דעם 26 אויגוסט האָט מענטען ווידער זיך באַוויזן אין פּאָדגאָראַדצי און דורכגעפירט נאָך איין עקזעקוציע. ווען מע האָט אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג וועגן דעם מענטען־איניען אופגעגראָבן די ברודער־קוואָרים, האָט מען דאָרט געפונען סקעלעטן פון העכער 70 פּאָדגאָ־ראַדצער איַינוווינער. דער נאַציסט האָט אָנגע־פירט אויך מיט דער עקזעקוציע איבער די יידן פונעם דאָרף אוריטש, ווו ער און זיַינע עסע־סאָווצעס האָבן אויסגעקוילעט אַרום 200 מאַן.

אַט די אַלע פאַרברעכנס זיַינען באַשטעטיקט דורך מענטשן, וועלכע האָבן דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן. פּילצאָליקע אַרכיוו־דאָקומענטן און פאַרטרוילעכע באַוויַיזן פון איידעס זיַינען איבערגעגעבן געוואָרן דער האָלענדישער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

עס איז פאַראַן אַן ערנסטער חשד, אַז מענ־טען האָט אויך אַ שיַיכעס צום אומברענגען אין אָנהייב יול 1941 אַ גרופּע לוואָווער פּראָ־פעסאָרן צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון זייערע געזינדן. עס איז באַוווּסט, אַז פאַר זיַין טריַיער דינסט האָבן די פאַשיסטן באַשטימט מענטענען אַלס פאַרוואַלטער פונעם קאָנפיסקירטן אייגנטום אין קראַקע. באַם אַרויספירן די קולטור־ווערטן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס האָט ער אונ־טערגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט הויכגעשטעלטע היטלעריסטן און איז אַרויסגעפאָרן קיין קיִעוו, לוואָוו, ריגע, קראַקע. אין האָלאַנד און אין אַנ־דערע לענדער ווייסט מען איצט גוט, וויִאַזוי עס איז געוואָרן אַזוי רייַך דער „אַנטיקוואַר פון בלאַריקום", ווי מע רופט מענטענען.

ווי עס איז באַוווּסט, האָט אין אַפּרעל 1977 די ספּעציִעלע פּאַלאַטע פונעם אַמסטערדאַמער גע־ריכט נאָכן באַקאַנען זיך מיט די פּילצאָליקע דאָקומענטן און נאָכן אויסהערן די באַוויַיזן פון די איידעס פון אַ ריי לענדער, דערונטער אויך פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פּוילן, אַנערקענט מענטענען פאַר שולדיק לויט די אַרטיקלען „קריגס־פאַרברעכנס" און „פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהיַיט". דער נאַציסט איז אין דעקאַ־בער פונעם זעלבן יאָר צוגעמישפּעט געוואָרן צו 15 יאָר טפיסע. אָבער אין מיַי 1978 האָט דער קאַסאַציע־געריכט אין האַאַג געפונען „פאָרמע־לע פעלערן" אינעם פירן דעם אַמסטערדאַמער פּראָצעס און איבערגעגעבן דעם איניען אַף אַ רעוויזיע אין אַ ספּעציִעלער קאַמער פונעם האַא־גער געריכט. דער האַאַגער געריכט האָט צו־ערשט צוגעשיקט די סאָוועטישע איידעס איַינ־לאַדונגען אפן ניַיעם מישפּעט, דערנאָך אָבער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן דעם איניען לויטן טאָך פון די באַשולדיקונגען, וועל־כע זיַינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן דעם נאַציסט. דער געריכט האָט פריַיגעשפּראָכן דעם פאַרברעכער און פאַראָרדנט צו באַפריַיען אים.

דער באַשלוס פון דער ספּעציִעלער קאַמער פונעם האַאַגער געריכט האָט אַרויסגערופן שטורעמונג בא דער האָלענדישער עפנטלעכקיַיט און אומרו בא די מענטשן פון גוטן ווילן אין אַנדערע לענדער. ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע פּראָטעסט־באַוועגונג פאַר באַשטראָפן דעם הענקער.

„קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", מאָסקווע

פון רעדאַקציע:

ווען דער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין געווען אין זאַץ, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונטער דרוק פון דער פּראָגרעסיוועער געזעלשאַפטלעכקיַיט האָט דער העכסטער געריכט פון האָלאַנד אַרויסגע־טראָגן אַ באַשלוס צו באַניַיען דעם פּראָצעס איבער מענטענען. לויט דער פאָדערונג פונעם פּראָקוראָר איז דער פאַרברעכער אַרעסטירט געוואָרן. פרעגט זיך: ווי לאַנג וועט זיך ציִען די ניַיע געריכט־פּראָצעדור און וועלכער פּסק־דין וועט דאָס מאָל אַרויסגעטראָגן ווערן?

מישעל גאלדבערג־קאיא

א שמועס אין לאַ־פּאַס מיטן טאַליען פון ליִאָן קלאַוס אַלטמאַן־באַרביע

קלאוס בארביע איז א געוועזענער עסעסאָוועץ. ער איז שולדיק אין מאסן־מאָרדן און אין אנדערע שווערסטע פארברעכנס, וועלכע ער איז אין די מילכאָמע־יאָרן באגאנגען אָף דער פראנצויזישער ערד. אויסבאהאלטנדיק זיך פון דער פארדינטער שטראָף, האָט ער זיך באזעצט אין לאטײַן־אמעריקע, ווּ ער לעבט ביז איצט. די דאָזיקע אומבאשטראָפטקײַט פון א מילכאָמע־פארברעכער באליידיקט דעם אָנדענק פון די נאציסטישע קאָרבאָנעס פונעם נאציזם.

דעם 6 דעקאבער 1974 האָט דער העכסטער געריכט פון באָליוויע אָפּגעזאָגט זיך צו באפרידיקן די ביטע פון דער פראנצויזישער רעגירונג, מע זאָל איר ארויסגעבן דעם געוועזענעם ליִאָנער געסטאפּאָ־שעף קלאוס בארביע, וואָס וווינט אין דעם דאָזיקן לאנד אונטער דער פאמיליע אלטמאן. נאָך דער זיצונג פונעם געריכט האָט דער אדוואָקאט פון אלטמאן־בארביע געזאָגט אין א שמועס מיט די זשורנאליסטן: „אין באָליוויִער קרימינעלן קאָדעקס איז ניטאָ קיין אָפּטייל „פארברעכנס קעגן דער מענטשהײַט”, אין וועלכע עס ווערן באשולדיקט דײַטשישע בירגער”.

אלטמאן איז איצט, אזויארום, פרײַ פון „יורידישע אומאָנגענעמלעכקײַטן”, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט זײַן פארגאנגענהײַט. אלס עסעס־אָפיצער, איז ער שולדיק אינעם שרעקלעכן טויט פון צען טויזנט מאנצבלען, פרויען און קינדער. ער האָט אוועקגעשיקט קיין אָשווענטשים די יעסוימים פונעם קינדערהויז אין איזיִאָ לעבן ליִאָן. דער עלטסטער פון די קינדער איז אלט געווען סאכאקל 13 יאָר. לויט בארביעס באפעל איז געפּײַניקט געוואָרן זשאן מולינען, איינער פון די לידערס פון דער פראנצויזישער ווידערשטאנד־באוועגונג. אין דער רעשימע פון זײַנע קאָרבאָנעס געפינט זיך מאקס בארעל, א העלד פונעם ווידערשטאנד.

אויב קיינער קלײַבט זיך ניט צעשטערן אלטמאנס רויִק לעבן, וועל איך דאָס פרווון טאָן. צום אָנדענק פון יענע אומבאוואָפנטע, וועלכע זײַנען אומגעקומען פון זײַנע הענט, צום אָנדענק פון מײַן טאטן, וועלכער איז געווען צווישן דער גרויסער צאָל זײַנע קאָרבאָנעס. ביז איצט כאָלעמען זיך מיר נאָך אין די נעכט בערג שוכווארג, אָן א שיר ברילן, וועלכע די נאציסטן האָבן אָפּגענומען בא די קאצעטניקעס פון די קאָנצענטראציע־לאגערס, — מיר, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקענט און ניט געזען אָט די מענטשן.

איך האָב באשלאָסן פאָרן קיין לאטײַן־אמעריקע.

אלטמאן האָט דעמלט געוווינט אין קאָטשאָבאמבע, א קליין געמיטלעך שטעטל אין באָליוויע, בא זײַן פרײַנט קרעמזער. אין אזעלכע פראָווינציִעלע שטעטלעך, ווּ די אײַנוווינער קענען גוט איינער דעם צווייטן, ווייסט מען וועגן א נײַעם מענטשן, און דעריבער איז אלטמאן קיינמאָל ניט ארויס איינער אליין פון שטוב.

אין א געוויסער צײַט ארום איז געוואָרן באוווסט, אז ער וויל זיך אומקערן קיין לאַ־פּאַס, קעדיי „באנײַען די קאָמערציִעלע געשעפטן”. אָבער וועלכע „קאָמערציִעלע געשעפטן” האָבן געקאָנט ווארטן אָף אלטמאנען אין דער הויפּטשטאָט, אויב די געזעלשאפט „טראנסמארינא באָליוויִאנא”, ווּ ער האָט פריִער געארבעט, איז שוין אָף דער וועלט ניטאָ? דאָס מאָל האָט זיך געהאנדלט וועגן עפּעס אנדערס — וועגן העלפן דער באָליוויִער רעגירונג אין דעם געביט, ווּ אלטמאן האָט פארשטאנען פיל מער איידער אין קאָמערץ. קלאוס אלטמאן האָט מיטגעארבעט מיט דער באָליוויִער אויסשפּירונג.

נאָך אין פאריזש האָב איך זיך באקאנט מיט א גאנצער סעריִע אלטמאנס פאָטאָגראפיעס, קימאט אלע זײַנען זיי געמאכט געוואָרן אין לים. א האדראס־פּאָנעם פון א רויִקן זאָרגלאָזן מענטשן: אָט פּוצט מען אים די שיך אפן סאן־מארקאָס־פּלאץ, אָט שפּילט ער אָף פּאָרטעפּיאַנע, בלעטערט זשורנאלן. אין די מיליטערישע ארכיוון האָב איך געזען אנדערע דאָקומענטן — פאָטאָ־קאָפּיִעס פון טעלעגראמעס, וועלכע בארביע האָט פערזענלעך אונטערגעשריבן און אין וועלכע ער האָט ראפּאָרטירט זײַן נאטשאלסטווע, אז ער האָט אָפּגעשיקט אין טויט־לאגער די קינדער פון איזיִאָ, דערצו זעקס און אכציק ייִדן, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך מײַן טאטע (ארעסטירט געוואָרן אָף דער גאס סענט־קאטרין מאָנטיק דעם 9 פעווראל 1943).

פארן אָפּפאָרן פון פאריזש בין איך אוועק אָף א שפּאציר איבערן קווארטאל פון מײַן יוגנט —

מאַרע. ער האָט זיך לאַכלוטן ניט געענדערט. די מילכאָמע־קאָרבאָנעס האָט מען דאָ ניט פאַר־געסן. אַף א סאַך הײַזער קאָן מען זען מעמאָ־ריאַל־טאָוולען, צו זיי זײַנען צוגעפעסטיקט בלוי־מען־בוקעטן, דער נאָמען, די פאַמיליע און די גאַס אַספּיטאַליער־סען־זשערווע, די גאַס זשאַפּ־רוא־ל'אַסניע. וויפל פּאַטריאָטן זײַנען בא די דאָזיקע ווענט געפאַלן פון די היטלערישע קוילן!

אין לאַ־פּאַס בין איך אַרײַנגעפאָרן אין דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע. דער געזאַנדטער מאַנדראַ, א געוועזענער קאַצעטניק פון די פאַ־שיסטישע קאָנצלאַגערן, און דער אַדוואָקאַט פון דער געזאַנדשאַפט האָבן אין א שמועס מיט מיר באַשטעטיקט, אַז נאָכן באַשלוס פונעם אויבערן־געריכט פון באָליוויע איז ניטאָ מער קיין האָ־פענונג צוציִען אַלטמאַנען צו פאַראַנטוואָרטלעכ־קײַט.

געפינענדיק אין לאַ־פּאַס אַלטמאַנען איז געווען ניט שווער. יעדן טאָג 10 אַזייגער אינדערפרי פאַרזאַמלען זיך די געוועזענע נאַציסטן, וועל־כע וווינען אין דער שטאָט, אין א שענק אַף דער גאַס ליִאָ מאַרשע. דערנאָך גייען זיי טרינ־קען ביר אין „קאַפּעטעריע לאַ־פּאַס", וועלכע געפינט זיך אַף דער גאַס קאַמאַטשאָ, ווײַטער עסן זיי מיטיק אין „דייקירי". שפּעטער גייען זיי אינעם אויטאָמאָביל־קלוב אָדער אין איינעם פון די דרײַ דײַטשישע קלובן אין לאַ־פּאַס, וווּ פאַר זיי זײַנען די טירן שטענדיק אָפן.

די דאָזיקע מענטשן פילן זיך דאָ זיכער, זיי באַהאַלטן זיך לאַכלוטן ניט אויס און פאַרשטעלן זיך ניט. איך האָב אָן שוועריקײַטן באַקאַנט זיך מיט אַלעקסן — א „באָליוויער", וועמען מע זוכט אין דער היים — אין אונגאַרן, מיט זײַן פרײַנט, וועלכן מע רופט „כאַרוואַט", א געוועזענער נאַ־ציסט, וואָס לײַדט „פון גאַרנישט ניט טאָן" אין לאַ־פּאַס. אַף מאָרגן איז געקומען אויך אַלטמאַן אַליין.

א געגנגל פון א יונגן מענטשן, א שמייכל, וואָס איז באַקאַנט פון די פאָטאָגראַפיעס, א פאַ־נעם מיט א זעלבסטזיכערן אויסזען. מע האָט מיך רעקאָמענדירט פאַר אים אַלס א זשורנאַ־ליסט, און דאָס איז אים גלײַך ניט געפעלן גע־וואָרן. „דער איניען איז שוין באַטראַכט גע־וואָרן, און עס איז איבעריק וועגן אים צו ריידן", — האָט ער האַרט אָפּגעשניטן. ווי עס איז קלאָר געוואָרן, איז אַלטמאַן געווען בייז אַף די זשורנאַליסטן, א סאַך פון זיי, וועמען ער האָט געגעבן אינטערוויוען פאַר געלט, האָבן אים ניט צוגעשיקט קיין איין עקזעמפּליאַר פון די אויסגאַבעס מיט די פאַרעפנטלעכטע אַרטיק־לען. פונדעסטוועגן איז ער מאַסקים געווען צו שמועסן מיט מיר.

— עס אינטערעסירט אײַך דאָס אָפּשיקן קיין אָשוועגנטשים די יעסוימים פון איזיאָ. אָבער דאָס איז געווען ניט מײַן אַרבעט, דאָס האָט געטאָן אייכמאַן.

— עס האָבן זיך דאָך אָבער פאַרהיט די אָר־דערס אַפן אַרעסט, זיי זײַנען אונטערגעשריבן דורך אײַך...

— זיי זײַנען פאַלשע, — האָט גיך געענטפערט אַלטמאַן, — אָדער מע האָט זיי מיר אונטערגעג־רוקט צום אונטערשרײַבן און איך האָב, ניט לייענענדיק, אונטערגעשריבן.

אַלטמאַן האָט געפרווט ענדערן די טעמע פונעם געשפרעך.

— צי מיינט איר ניט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איצט זײַנען פאַראַן מער וויכטיקע און מער אַקטועלע פּראָבלעמען, איידער די פאַרשפּילטע מילכאָמע, וועגן וועלכער איך האָב אויפגעהערט צו טראַכטן, ווי נאָר איך האָב אָפּגעגעבן דאָס געווער? מיר זײַנען געווען די אָנזאָגער פונעם קאַמף קעגן דעם באָלשעוויזם. גיט א קוק, ווו זיי זײַנען איצט? ווען די אַמעריקאַנער וואָלטן אונדז ניט געצוווּנגען צו פאַרשפּילן יענע מיל־כאָמע, וואָלט דאָס קיינמאָל ניט פּאַסירט.

אינעם שמועס האָט זיך אַרײַנגעמישט אַלעקס:

— אָבער פאַרוואָס, קלאַוס, שטייט מען צו דיר, אַזוי צו דערמיט? דו ביסט דאָך געווען אין ליאָן ניט מער ווי אַן אָבערשטורמבאַנפיורער.

די דאָזיקע ווערטער האָבן שטאַרק אָנגערירט אַלטמאַנען:

— ריכטיק, אָבער איך האָב פאַרמאָגט א גרעס־סערע מאַכט איידער אוועלכער־ניט־איז גענע־ראַל. און ווײַטער: איך האָב זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרײַך, וועלכע האָט נאָך געשטעלט א ווידערשטאַנד. איך האָב געענ־דערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע, אַרעסטירנ־דיק מולענען.

— עס איז צײַט צו גיין עסן מיטיק, — האָט ער געזאָגט אַף פראַנצויזיש, קימאַט אָן אַן אַק־צענט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז אונדזער שמועס איז געענדיקט.

די נאַציסטן, וועלכע שפּאַצירן איצט אַף דער פרײַ, ווילן ניט אַנערקענען זייער פאַראַנט־וואָרטלעכקײַט פאַר די באַגאַנגענע פאַר־ברעכנס.

„פּוען", פּאַריזש

פאַקטן, בלויז פאַקטן...

רודאָלף העס — א קאַשערע נעשאָמע

אין דער נאַציסטישער אָנפירונג האָט רודאָלף העס פאַרנומען דאָס דריטע שטאַפּל פונעם היִער־ראַרכישן לייטער — נאָך היטלערן און גערינגן. די באַקאַנטשאַפט פון העסן מיט היטלערן איז פאָרגעקומען אין מינכען אין 1920, ווען עס איז אויפגעקומען די נאַצי־פּאַרטיי. פון דעמלט אָן איז

העס געוואָרן היטלערס געטרײַער בויסע־קײלים, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אײַנגיכן דעם פירערס סעקרעטאַר. דער אַמעריקאַנער פּובליציסט וויליאַם ס. שירער שרײַבט אין זײַן בוך „דער אופבלי און די יערידע פונעם דריטן רײַך" (דערשינען אין 1961), אַז היטלער האָט געכאַפּט גרויס היספּײַלעס פון די פּאָליטישע אָנשויונגען פון העסן, וועלכער איז דעמלט נאָך געווען אַ סטודענט. וויליאַם ס. שירער ברענגט דערבײַ אַזעלכע ציטאַטן פון העס' אַרבעט אין סעמינאַר „ווער דאַרף זײַן דער מענטש, וואָס וועט קאָנען ראַטעווען דײַטשלאַנד": „אויב די אומשטענדן וועלן פאָדערן, וועט ער אָן שום וואַקלונגען פאַרגיסן בלוט... קעדיי דערגרייכן זײַן ציל, שפּאַנט ער איבער די טויטע קערפּערס פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנט... אויב מע דאַרף, וועט ער מיט זײַנע סאָלדאַטישע שטיוול צעטרעטן אַ מענטשן און גאַנצע פעלקער". בײַ די דאָזיקע פּרינציפּן האָט העס זיך געהאַלטן די גאַנצע צײַט פון זײַן דינסט בײַם פאַשיזם.

אַלס היטלערס סעקרעטאַר האָט העס, גאַנץ מעגלעך, אָנטיילגענומען אינעם פאַרפאַסן דאָס טרויעריק באַרימטע „מײַן קאַמף". די נאַצי־פּאַרטיי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט דעם 30 יאַנואַר 1933. העס איז דעם 21 אַפּרעל פון זעלבן יאָר באַשטימט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם פירער. צווישן די מיטגלידער פון דער נאַצי־פּאַרטיי איז ער געווען דער איינציקער, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הויכן ראַנג.

דער נירנבערגער צווישנפעלקערלעכער קריגס־טריבונאַל האָט אָנערקענט העסן אַלס שולדיקן אין די פאַרברעכנס קעגן שאָלעם און אין די קריגס־פאַרברעכנס, ער האָט פאַרורטיילט העסן צו לעבנסלאַנגער טפיסע. אין דער באַגרינדונג פונעם אורטייל ווערט געזאָגט, אַז: „העס האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן אין די קריגס־צוגרייטונגען", ער האָט „געהערט צו יענע, וועלכע זײַנען געווען גוט אינפאָרמירט און האָבן אונטערגעהאַלטן די דײַטשישע אָקופּאַציע פון עסטרײַך, טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן". ער איז געווען בײַ היטלערן די נאָענטסטע פּערזענלעכע פאַרטרויונגס־פּערזאָן. העס האָט געהאַט מיט היטלערן אַזעלכע באַציִונגען, אַז ער האָט געוווּסט וועגן די אַנעקסיע־פּלענער נאָך אין דער סטאַדיע, ווען זיי זײַנען ערשט געבוירן געוואָרן".

די נעאָנאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק, אויך די פּאָליטיקער פון אייניקע פּאַרטייען, וועלכע גייען אַרײַן אין בונדעסטאַג, נעמען פאָר די לעצטע צײַט אַלץ אָפטערע פּרוּוון צו דערשלאָגן זיך, מע זאָל באַפרײַען העסן, טראָץ דעם, וואָס אויך אין דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק איז גוט באַוווּסט דער אורטייל, וועלכן עס האָט אים אַרויסגעטראָגן דער נירנבערגער טריבונאַל. דערפאַר האָט אין אַ סאַך מעלוכעס אַרויסגערופן נאָך אַ מער נעגאַטיווע רעאַקציע דער פאַקט, וואָס די רעגירונג פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק האָט אויף דער אָנפראַגע פון די דעפּוטאַטן פון דער פּאַרטיי, קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד — קריסטלעך־סאָציאַלער פאַרבאַנד" געענטפערט, אַז די טיפע עלטער פון העסן און זײַן שוואַכער געזונט־צושטאַנד וואָלטן „שוין לאַנג (!) געמעגט דינען אַלס סיבע אויף אָפּצושטעלן זײַן דויערנדיקן אַרעסט". די רעגירונג פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק האָט דערקלערט, אַז זי וועט אויך אויף ווײַטער פאָרנעמען „אַלע נייטיקע שריט" אויף צו באַפרײַען אים. עס קומט אויף די פראַגע, וויאַזוי פאָרט זיך אָט די זאָרג וועגן העסן מיט די אָפטע מעלדונגען פון די פירנדיקע פאָרשטייער פון דער באָנער רעגירונג, אין וועלכע זיי זאָגן צו טאָן אַלץ, וואָס אין זייערע קויכעס, אַז די נאַציסטישע פאַרברעכנס זאָלן ניט בלײַבן אומבאַשטראָפט?

האָרסט שעטצקי

„האָריזאָנט", דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק

א געוועזענער נאַציסט בעראָש פונעם אַטלאַנטישן פּאַקט („נאַטאָ")

ניט לאַנג צוריק איז געוואָרן באַוווּסט, אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אַטלאַנטישן פּאַקט („נאַטאָ") יאָזעף לונס, איינער פון די פאַרביסנסטע קעגנער פון דער אַנטשפּאַנונג און פריידיקער פונעם באַוואָפענונגס־געיעג, איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען אַ מיטגליד פון דער נאַצי־פּאַרטיי. דאָס דעמאַסקירן לונסן, אַז ער האָט געהערט צו דער פאַשיסטישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ניט אַרויסגערופן קיין אומרו בײַ די רעדלפירער פונעם אַטלאַנטישן פּאַקט, וועלכע פלעגן פריִער זיך באַנוצן מיט דער הילף פון די היטלערישע גענעראַלן און אָפיצערן. דעם פּראָפעסאָר דע יאָנג, וועלכער האָט דערוויזן די פאַשיסטישע פאַרגאַנגענהייט פון לונסן, האָט מען אַרויסגעיאָגט פון דער אַרבעט, ווו ער איז געווען דירעקטאָר פונעם מעלוכישן אינסטיטוט פון דער מילכאָמע־דאָקומענטאַציע.

„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", מאָסקווע

בײַ טשערטשילס אייניקל האָט געפּלאַצט דאָס געדולד

אין ענגלאַנד האַלט מען, אַז אַן עמעסער בריט קאָן פאַרלירן אַלץ, אָבער די קאַלטבלוטיקייט — קיינמאָל ניט. דער סער ווינסטאָן טשערטשיל — אַן אייניקל פונעם געוועזענעם ענגלישן פּרעמיער, איז, קאָן מען זאָגן, אַ הונדערטפּראָצענטיקער בריט און אַ קאָנסערוואַטאָר לויט די

איבערצײַגונגען. ס'האָט אָבער געטראָפן אַזאַ פאַל, אַז פאַראַטן אים האָט גראָד די קאַלטבלוטיקײַט. איידעס דערפון זײַנען געווען די דעפוטאַטן פון דער געמיינדעס־פּאַלאַטע, ווען עס איז אוועק א רייד וועגן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אטלאַנטישן פאַקט לונס.

דער פאָרזיצער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אַלאַן האָט אָנגעוויזן, אַז לונס איז אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן געווען א מיטגליד פון דער נאַצי־פּאַרטיי, און דעריבער געפאָדערט, ער זאָל אוועקגיין אין דעמיסיע. אַלאַן האָט דערקלערט, אַז א מענטש מיט א „ברוינער פאַרגאַנגענהײַט" האָט ניט קיין רעכט צו פאָדערן בא די ענגלענדער, זיי זאָלן פאַרגרעסערן זייער פינאַנ־

סיעלן צושטײַער אינעם בודזשעט פונעם אַטלאַנטישן פאַקט. און דאָ האָט דער כאָשעווער הער ווינסטאָן ניט אויסגעהאַלטן. ער איז אופגעשפרונגען פון זײַן אָרט און, איבערשלאָגנדיק דעם רעדנער, באַשולדיקט אים, אַז ער מיסברויכט מיט פרײַהײַט פון וואָרט אין פּאַרלאַמענט. בײַסמײַסע האָט ער הייס פאַרטיידיקט לונסן.

אַזוי געשעעט עס, אַז מע פאַרלירט די זעלבסטהאַלטונג, ווען עס גייט א רייד וועגן א סוביעקט מיט א נאַציסטישער פאַרגאַנגענהײַט, אויב ער דינט טרײַ די אידעאַלן פון דער „פרײַער וועלט".

„איזוועסטיא", מאָסקווע

געוועזן א טאַליען, געוואָרן א דעפוטאַט

אינעם זאַל פון דעם דיסעלדאָרפער געריכט ליגט לעבן דעם טיש פונעם פאָרזיצער דער פּלאַן פונעם היטלערישן טויטלאַגער מײַדאַנעק. אין דעם דאָזיקן קוואַדראַט מיט דער ריי באַראַקעס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אָנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן. און וויפל נאָך קוואַדראַטן פון דעם מין זײַנען געווען אינעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד!

איך קוק זיך אײַן אין די פּנעמער פון די פאַרברעכער, געוויזענע נאַדזיראַטעלעס־טאַליאַנים. זייער צאָל איז דרײַצן. זיי זיצן ניט אף די בענק פאַר אָנגעקלאָגטע, נאָר בא די טישן מיט באַקוועמע פאָטעלן. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנווייער־סיסטעם אף צו דערמאָרדן מענטשן הערן זיך גוט אײַן אין די באַווײַזן פון די איידעס, נאָר קיין אומרו רופט עס בא זיי ניט אַרויס. פיר יאָר דויערט שוין דער פראָצעס, מע האָט אויסגעהערט 250 איידעס, אָבער די ריכטער קאָנען נאָך ביז איצט ניט געפינען קיין „באַשטאַנד פון פאַרברעכן" אין די האַנדלונגען פון די אָנגעקלאָגטע.

מיין שאָכן — א זשורנאַליסט, וואָס שרײַבט אין דער פרעסע רעגולער וועגן דעם גאַנג פון אָט דעם מאָדנעם פראָצעס, ווײַזט אָן אף אייגער פון די אָנגעקלאָגטע. א שווערלײַביקע פרוי, קליינע אייגעלעך אף א דיקלעך פּאָנעם, א שאַרפע שפּיציקע נאָז. די קאַצעטניקעס פלעגן רופן אָט די אופזעערן, וועלכע האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מיט איר אכזאָריעס, „די בלוטיקע בריגיטע".

אפן שטול פאַר די איידעס זיצט א דאַרינקע, קימאַט אינגאַנצן אַן אויסגעטריקנטע פרוי. זי דערציילט, ווי די „בלוטיקע בריגיטע" האָט מיט אירע אייגענע הענט אופגעהאַנגען אַן 18־יאָריק מיידל.

— איר האָט אַליין געזען, ווי די אָנגעקלאָגטע האָט אופגעהאַנגען דאָס מיידל? — פרעגט איבער דער ריכטער.

— יאָ, — ענטפערט די פרוי.

— איר האָט געזען, ווי די אָנגעקלאָגטע האָט אָנגעטאָן אפן מיידל דעם שלייף?

— ניין, אינעם לעצטן אויגנבליק האָב איך פאַרמאַכט די אויגן: עס איז געווען זייער שרעקלעך.

די פאַרטיידיקער פון דער „בלוטיקער בריגיטע" קוקן זיך פילזאָגנדיק איבער.

— וואָס ווייסט איר וועגן די קינדער אינעם פרויען־באַראַק?

— אונדזער באַראַק האָט זיך געפונען אַנטקעגן. זען די קינדער האָט מען ניט געקאָנט, מע פלעגט זיי ניט אַרויסלאָזן. איך האָב אָבער געהערט — די קינדער האָבן געוויינט. מע פלעגט זיי האַלטן דאָרט ניט לאַנג — א טאָג — צוויי, דערנאָך אָפשיקן אין קרעמאַטאָריע.

— וויפל קינדער זײַנען דאָרט געווען?

— איך ווייס ניט.

אַן איבערײַס. איך גיי צום אַרויסגאַנג. הינטער זיך הער איך, ווי א מענטש אָטעמט שווער. איך קוק זיך אום: די „בלוטיקע בריגיטע". זי און אירע פרײַנדנס שפּאַצירן איבערן קאָרידאָר. זיי זײַנען אף דער פרײַ און קומען אַהער, אף די זיצונגען פונעם געריכט, שוין דאָס פערטע יאָר, ווי אף א פאָרשטעלונג.

איך גיי צו צום פּראָקוראָר און פרעג: וויאַזוי שאַצט ער אָפּ די באַווײַזן פונעם לעצטן איידעס? ער קוועטשט מיט די אַקסלען:

— איך מיין, אַז עס וועט ווידער גאָרנישט אַרויסקומען. די פאַרטיידיקער וועלן געוויס אָנכאַפּן זיך פאַר די ווערטער פונעם איידעס, אַז זי האָט גאָרנישט ניט געזען.

— אָבער אויסער דער „בלוטיקער בריגיטע" איז בא דער טליע קיינער ניט געווען. דער קאָרבן אַליין האָט דאָך ניט אַרופגעוואָרפן אף זיך דעם שלייף!

— דאָס איז ניט קיין באַווײַז, — זאָגט דער פּראָקוראָר. — אָט וועט איר זען, איבער אייניקע אָנגעקלאָגטע וועט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן די געריכט־אויספאָרשונג.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אינגיכן זײַנען די

פאשיזם — א רעאלע געפאר

1. א פאשיסט אין טשיקאגאָ, פשא.

2. אין דער זעלבער שטאָט טשיקאגאָ — ווידער פאשיסטן...



1

2

פאשיזם — א רעאלע געפאר



1

1. דער אופשריפט אף די ווענט פון א מערעוו־דײַטשישער שטאָט: „א סאָף צום 6 מיליאָן־ליגן!"

2. סוואסטיקעס אף יידישע מאצייוועס...

3. דעמאָנסטראַנטן אין האאג פאָדערן, עס זאָל באקומען זײַן שטראָף דער מערדער פיטער מאָנטען.

2

3

איניאַנים פון פיר אַנגעקלאַגטע — פון די דרײַצן טאַליאַנים — אָפּגעגעבן געוואָרן אין ארכיוו מיט אזא פאַרמולירונג: „דער באשטאנד פונעם פאַר־ברעכן איז ניט דערוויזן".

נאָך דער דאָזיקער מיטיילונג איז געקומען א צווייטע. די „בלוטיקע בריגיטע" האָט זיך ארויסגעשטעלט אלס קאנדידאט פאר א דעפּו־טאט פונעם אײראָפּעיִשן פּאַרלאַמענט.

וו. מיכײַלאָוו

„פּראַוודא", מאָסקווע

צי זײַנען טאקע געווען נאַציסטן?

עס איז א ליגן, אז די נאַציסטן האָבן אויסגע־נוצט די גאַז־קאַמערן פאַר מאסן־מאָרדן אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. די זאַך איז פּאַשעטער. אין אײראָפּע איז געגאַנגען א מילכאָמע, עס זײַ־נען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס. האָט מען גע־דאַרפט האָבן קרעמאַטאָריעס אף ליקווידירן די טויטע, וועלכע זײַנען געשטאָרבן פון די קרענק. עס האנדלט זיך ניט מער, ווי וועגן היגיִענישע מאָסמיטלען.

עס איז א ליגן, אז „ציקלאָן — Б" האָט מען גענוצט אלס א גאַז אף אָפּסאַמען מענטשן. אָן אָביעקטיווער אנאליז באַווײַזט, אז אָט דעם בא־נאַלן אינסעקטיציד קאָן מען ניט אויסנוצן פאַר אזעלכע צילן.

עס איז ביכלאַל שוין צײַט, מע זאָל צו וויסן געבן דער מענטשהײַט, אז קיין דושעהובקעס איז בא די היטלעריסטן ניט געווען.

דאָס איז אינקורצן די רעזומע פונעם ארטיקל, וואָס איז ניט לאנג צוריק אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פאַריזשער צײַטונג „מאָנד". איר אווטאָר דער פּראָפעסאָר פון ליאָנער אוניווערסיטעט ראָ־בער פאָריסאָן האָט באשלאָסן „אופּצושטעלן" דעם היסטאָרישן עמעס.

דרוקנדיק דעם דאָזיקן טראַקטאַט, גיט „מאָנד" גלײַכצײַטיק דאָס וואָרט אויך יענע, וועלכע זײַ־נען ניט מאסקים מיט די אויספירן פונעם פּראָ־פעסאָר־היגיִעניסט. עס ווערן געבראַכט אויסצוגן פון דאָקומענטן וועגן די רעציכעס פון די נאַ־ציסטן אין די קאָנצלאַגערן. אָבער דער עצעם פאַקט, וואָס פאָריסאָנס „פאָרשונגען" האָבן דער־זען די ליכטיקע שײַן, זאָגט זייער פיל.

ל. מאקאַרעוויטש

„נאָוואָיע ווערעמיא", מאָסקווע

א שווערע שטראָף לויט די באַגריפן פון באָן

שוין באַלד אַכט כאָדאָשים ציט זיך דער פּראָ־צעס אין באכום (מײַרעוו־דײַטשלאַנד) קעגן די דרײַ ס. ס.־מערדער, וועלכע האָבן אין 1942, ניט ווײַט פון מינסק, דערמאָרדעט זיבן טויזנט יידן — מענער, פרויען און קינדער.

דער פּראָצעס דערנעענטערט זיך שוין, ווײַזט אויס, צום סאָף. דער פּראָקוראָר איז שוין ארויס־געטראָטן מיט זײַן באשולדיקונגס־רעדע. ער האָט פאַרלאַנגט — זאָגט מען אין באָן — א „הארבע שטראָף": אַכט יאָר טפּיסע פאַר איי־נעם, זעקס יאָר — פאַרן צווײַטן...

דאָס מאַכט אויס קוים א יאָר טפּיסע פאַר טויזנט דערמאָרדעטע יידן! איז דאָס ניט קיין „שווערע שטראָף?"

אָבער פונעם פאַרלאַנג פון דעם פּראָקוראָר ביז צום אורטייל פונעם געריכט איז נאָך א היפּשער מעהאַלעך. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אז דער פּראָצעס זאָל זיך פאַרענדיקן, ווי פיל אנ־דערע פון דעם מין: מיט א באַפרײַונג אָדער מיט א שטראָף אָפּן פּאַפּיר.

צי איז אין אזעלכע באַדינגונגען א וווּנדער, וואָס די קריגס־פאַרברעכער שפּירן זיך אין מײַ־רעוו־דײַטשלאַנד געשיצט און געמוטיקט?

„נײַע פּרעסע", פּאַריזש

די „וומפּ־סאָלדאַטן" אינעם בונדעסטאַג

דער זיצונג־זאַל פונעם בונדעסטאַג האָט אויסגעזען ניט געוויינלעך: די רעגירונגס־מיט־גלידער זײַנען געזעסן צווישן די דעפּוטאטן. די טעמע צום באהאנדלען איז דערקלערט געוואָרן אלס א „איניען פון יעדנס געוויסן". די דעפּו־טאטן זײַנען באפרײַט געוואָרן פון דער פליכט צו אונטערוואַרפן זיך דער „פראַקציע־דיסציפּ־לין", דה. צו שטימען אזוי, ווי עס וועט בא־צײַטנס ארויסזאָגן זיך די פּאַרטיי־אָנפירונג. אין דער טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען א פראַגע, וואָס האָט א וויכטיקע באדײַטונג באַם פאַרמירן די באַציִונג פון דער מײַרעוו־דײַטשישער גע־

זעלשאַפט צו דער פאַרגאַנגענהייט און וועלכע באַשטימט אין פיל הינזיכטן די צוקונפט פונעם לאַנד:

אופהערן אָדער ניט אופהערן צו פאַרפאָלגן דורכן געריכט די שולדיקע אין מאַסן־מאָרדן, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אינעם פּעריאָד פונעם נאַציזם? צי וועלן בלײַבן אומבאַשטראָפט אויך יענע שוידערהאַפטע פאַרברעכנס פונעם פאַשיזם, וואָס די שולדיקע אין זיי האָבן ביז איצט באַוויזן צו פאַרווישן זייערע שפּורן, אָדער דער פאַרעלטערונגס־טערמין וועט אָפּגעשאַפן ווערן? דער קאַמף אַרום אָט דער צענטראַלער פראַגע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין האַרבסט פונעם פאַריקן יאָר, האָט געדאַרפט פאַרענדיקט ווערן אויף דער דאָזיקער זיצונג פונעם בונדעסטאַג. די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע איז פאַרבליבן ניט קלאָר ביז דעם לעצטן מאָמענט. די איבערוועגנדיקע מערהייט דעפּוטאַטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע האָט געפאָדערט, מע זאָל אָפּשאַפן די קאָלערלײַ צײַטווײַליקע באַגרענעצונגען און מע זאָל פאַרפאָלגן דורכן געריכט פאַר אַזעלכע שווערסטע פאַרברעכנס, ווי מאָרד.

און וואָס האָבן באַוויזן די דעבאַטן? די פראַגע וועגן „גיוער זײַן די פאַרגאַנגענהייט" האָט באַקומען אַ פאַרצויגענעם און קרענקלעכן כאַראַקטער, ווײַל אין דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק האָט מען אַ לאַנגע צײַט ניט געוואָלט אַנערקענען איינע פון די גרונט־לעקציעס פון דער געשיכטע: באַשטראָפן די נאַציסטישע פאַרברעכער איז ניט בלויז אַ פאָדערונג פונעם עלעמענטאַרן יושר, נאָר אויך דאָס ערשטע פּראָפילאַקטישע מיטל קעגן דער אופלעבונג פונעם פאַשיזם. אינעם פּעריאָד, ווען די פעדעראַטיווע דײַטשישע רעפּובליק איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן, זײַנען די גרויסע קריגס־פאַרברעכערס אַמניסטירט געוואָרן. וועגן דעם האָבן דערמאָנט אייניקע פון די דעפּוטאַטן, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אינעם בונדעסטאַג, אָבער די שולד דערפאַר האָבן זיי אַרופֿגעלייגט אינגאַנצן אויף די „פאַרבינדעטע". עמעס, פאַרבײַגייענדיק איז דערמאָנט געוואָרן אויך דער באַשלוס, וועלכן עס האָט אָנגענומען שוין דער פּאַרלאַמענט פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק, דער באַשלוס, וואָס האָט פּראַקטיש אָפּגעשטעלט די געריכט־פאַרפאָלגונג פון אַלע פאַרברעכנס, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן אומקום פון די קאָרבאָנעס, נאָר זיי זײַנען ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס דירעקטע מאָרדן. אויף דער זיצונג פונעם בונדעסטאַג זײַנען געבראַכט געוואָרן אַזעלכע פאַקטן. פון יאַנוואַר 1970 ביזן סאָף 1978 אײַנגעשלאָסן זײַנען פאַרפירט געוואָרן 14.700 פּראָצעסן קעגן די נאַציסטישע פאַרברעכער. עס זײַנען אָבער אַרויסגעטראָגן געוואָרן סאַכאַקל פינף אורטיילן: דרײַ מענטשן זײַנען פאַרורטיילט געוואָרן, צוויי — פרײַגעשפּראָכן. אייניקע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע פאַקטן לאַכלוטן ניט צוליב דעם, קעדיי אופדעקן די סיבעס, פאַרוואָס דער יוסטיץ־אַפּאַראַט פונעם לאַנד איז אין טאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַשין, וואָס שטעמפּלט אינדולגענציעס פאַר די קריגס־פאַרברעכער. פונקט פאַרקערט, די דעפּוטאַטן פונעם קריסטלעך־דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד און פונעם קריסטלעך־סאָציאַלן פאַרבאַנד האָבן די פאַקטן אויסגענוצט אַלס אַן אַרגומענט לעטויוועס אַ טאָטאַלער אַמניסטיע. ס׳ איז צום שטוינען וויפל יורידישע דריידלעך זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג, קעדיי פאַרפּלאָנטערן יענע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בײַ די לעקציעס פון דער געשיכטע און פונעם פּאַשעטן מענטשלעכן געוויסן.

ווען אָבער דער דעפּוטאַט פון בײַערישן קריסטלעך־סאָציאַלן פאַרבאַנד ק. האַרטמאַן, איינער פון די אָנהענגער פון אַן אַמניסטיע, האָט אַרויסגעזאָגט אַזעלכע כקירעס, האָט מען אים אומגעריכט איבערגעריסן. אַפּן באַלקאָן פאַר די געסט האָבן זיך אופגעשטעלט אין זייער גאַנצן וווּקס מענטשן אין אַרעסטאַנטישע בגאָדים. „מע טאָר ניט מויכל זײַן די מערדער! הערט אויף צו באַרעכטיקן דעם פאַשיזם!" — האָבן זיי סקאַנדירט.

די געוועזענע קאַצעטלער זײַנען באַפאַלן געוואָרן פון די שוצלײַט, וועלכע האָבן געפּרוּווט שטויסן זיי צום אַרויסגאַנג. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין די ווענטלעך פון די פאָטעלס, אין די פּאַרענטשעס פון די טרעפּ און געזונגען די ליד פון די קאַצעטניקעס פון די נאַציסטישע קאָנצלאַגערן: „די ליד פון די זומפּ־סאָלדאַטן". סאָפקאָלסאָף איז די אָרדענונג אופגעשטעלט געוואָרן. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָבן צוויי מאַנצבלען און איין פרוי אָנגעטאָן אויף זיך אַרעסטאַנטישע קליידער, וועלכע מע האָט געבראַכט אין זאַל. מיט אויסגעגלײַכטע אַקסלען, מיט שטאָלץ אופגעהויבענע קעפּ זײַנען זיי געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע אויף זייערע ערטער...

אין דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק זײַנען פאַראַן ניט ווייניק פּאָליטישע טוער וואָס האַלטן, אַז דאָס אָפּהיטן די יורידישע יעסוידעס אין פּראַט פון פאַרורטיילן די היטלעריסטישע מערדער דינט אַלס אַ באַריער קעגן דער אופלעבונג פונעם פאַשיזם, אַלס איינע פון די פאַרהאַנאָכעס צום דערציִען דעם נײַעם דאָר אין גײַסט פון אַנטיפאַשיזם. ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען איבערצײַגן די יוגנט, אַז דאָס זײַנען געווען פאַרברעכנס, פון וועלכע עס האָט ניט געוווּסט די געשיכטע פון אונדזער פאָלק? — האָט אויסגעשריִען פון דער טריבונע פונעם בונדעסטאַג דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט פאָגעל (איצטיקער יוסטיץ־מיניסטער), — אויב מיר וועלן אופהערן צו פאַרפאָלגן די מערדער?

עס האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן די פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען די פאַרברעכנס פונעם היטלעריזם אין „אַן אויסשליסלעך אינערלעכן איניען" פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק. אַ ריי דעפּוטאַטן האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונ־

גען באַטאָנט דעם צווישנפעלקערלעכן רעזאָנאנס פון דער דאָזיקער פראגע. די פּאָליטיק פון מאסן־מאָרדן איז געפירט געוואָרן קוידעמקאָל קעגן אנדערע פעלקער. די קאָנצענטראציע־לאַגערס, די זאָנדערקאָמאנדעס, די פארברעכנס פון די געסטאפּאָ־לײַט, דער ווילדער טעראָר אף די טעריטאָריעס פון פוילן, סאָוועטנפארבאנד, טשעכאָסלאָוואקיע, האָלאנד און אנדערע מעלוכעס, די טויט־לאגערן, די אקציִעס פון מאסן־מאָרדן, אָשווענטשים, אָראדור, לידיצע — דאָס אַלץ האָט די מענטשהײַט ניט פארגעסן, — אזוי האָט געוואָרנט דער דעפּוטאט פון דער סאָציִאל־דעמאָקראטישער פארטיי א. זימערליך.

פּראקטיש האָבן אלע לענדער פון אייראָפּע זיך ארויסגעזאָגט קעגן באגרענעצן די פארפאָלגונגען פון די פאשיסטישע פארברעכער סײַ אין טאָך, סײַ לויט די טערמינען. דער סענאט פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע האָט זיך אויך געווענדעט צום בונדעסטאג מיט דער זעלבער פאָדערונג. די באציִונג צו דער פארגאנגענהײַט, צום פאשיזם, וועלכער האָט ארויסגערופן די שרעקלעכסטע קאטאסטראָפע פונעם XX יאָרהונדערט, דינט ביכלאל אלס איינער פון די קריטעריִען פאר דער פּאָזיציע, וואָס מע פארבעמט אין דער פראגע פון מילכאָמע און שאָלעם. דעריבער איז פארשטענדלעך די אנטוישונג, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין אייניקע ארויסטרעטונגען מיקויעך דעם, וואָס די דײַטשישע פעדעראטיווע רעפּובליק האָט נאָך ביז איצט ניט אונטערגעשריבן די קאָנווענץ פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציִעס, אז דער פארעלטערונג־טערמין קאָן ניט אָנגעווענדעט ווערן בענעגייע די קריגס־פארברעכנס און פארברעכנס קעגן דער מענטשהײַט.

די דעבאטן האָבן זיך געענדיקט. עס זײַנען געמאָלדן געוואָרן די רעזולטאטן פון דער אָפּשטימונג. פאר אָפּשאפן דעם פארעלטערונג־טערמין האָבן געשטימט 255 דעפּוטאטן, קעגן — 222.

אלזאָ, דאָס געזעץ וועגן אָפּשאפן דעם פארעלטערונג־טערמין איז אָנגענומען געוואָרן. דאָס איז אן ערנסטער דערפאָלג פון אלע אנטיפאשיסטישע קויכעס. דער באשלוס פונעם מײַרעוו־דײַטשישן פארלאמענט עפנט די מעגלעכקײַט צו פאנאנדערוויקלען א מער ענערגישן קאמף קעגן די פּרוּוון צו רעאביליטירן דעם פאשיזם, קעגן דעם נעאָ־נאציזם.

ו. מ י כ ײַ ל אָ ו,

מאָסקווע

בוזי מילער

דרײַ דערציילונגען

א טאָעס פון דער בריוונטרעגערן

די בריוונטרעגערן קומט איצט ניט, ווי אמאָל, צו אײַך אין שטוב. זי לייגט פאַנאַנדער די פּאָטשט אין די נומערירטע קעסטלעך אפן ערשטן שטאָק, און איר גייט אראָפּ אליין און נעמט זי פון קעסטל ארויס. סײַדן, ווען עס קומט אָן א באַנדעראָל, וואָס מע דאַרף זיך פאַר איר צעשרײַבן, קלינגט אָן די בריוונטרעגערן צו אײַך אין טיר.

אזוי איז געשען אויך דאָס מאָל. איך בין ארויס אפן קלונג. די בריוונטרעגערן, א יונגע, א קיינעוודיקע, האָט געזאָגט מיט א ליבלעכן שמייכל:

— צעשרײַבט זיך אָט דאָ.

כ׳האָב זיך צעשריבן.

— און אָט זײַנען אײַערע צײַטונגען. סײַווי בין איך ארויף צו אײַך, האָב איך זיי פארכאפּט.

— א דאנק.

כ׳האָב זיך א נעם געטאָן צום פּעקל און גלײַך געוואָלט נאָכשרײַען דער אוועקגעגאנגענער בריוונטרעגערן, שוין אפילע געעפנט די טיר, נאָר באלד זי פארמאכט.

וואָס איז געשען? גאָר קיין באזונדערס ניט. זי האָט אפּאָנעם א טאָעס געהאט, די בריוונטרעגערן. אינעם היפּשן פּעקל צײַטונגען, וואָס איך שרײַב אויס, איז דאָס מאָל געלעגן א „פּיאָנערסקאיא פּראוודא״, וועלכע איך האָב ניט אויסגעשריבן.

אלץ הייסט — ניט אויסגעשריבן. כ׳האָב שוין אָט די צײַטונג א היפּש ביסל יאָרן פאַר די אויגן ניט געזען. ווען האָב איך געקאָנט זי זען צום לעצטן מאָל? ווען די קינדער, זאָלן לעבן, וואָס זײַנען אליין שוין איצט טאטעס און מאמעס, האָבן זיך נאָך געלערנט אין שול. אָהאָ, ווען דאָס איז געווען! זינט דאן האָב איך אָט די צײַטונג מער ניט געזען, און, דעם עמעס זאָגן, פארגעסן וועגן איר צו טראכטן. זעט איר, די „קאָמסאָמאָלקע״ שרײַב איך יאָ אויס. ווער איר דאָך זאָגן, אז פונעם קאָמיוגישן עלטער בין איך שוין מיסטאמע אויך ארויס? יאָ, און, צום באַדויערן, גאנץ לאנג. דאָך שרײַב איך אויס די דאָזיקע צײַטונג, ווײַל די, ווען זי איז אדרעסירט, אינטערעסירן שוין זאכן, וואָס זײַנען אינטערעסאנט פאַר יעדן עלטער. און עפּשער טו איך עס צוליב נאָך א סיבע. יאָ, יאָ, איך שעם זיך ניט אויסצוזאָגן: מע איז שוין טאקע באַיאָרט, און אפילע היפּש באַיאָרט — שײַעך צו ריידן, — פענסיאָנערן, — נאָר איר׳ט גלייבן? — דאָס הארץ איז נאָך, ווי אמאָל, א יונג הארץ...

אָבער די „פּיאָנערקע״... צווישן די אנדערע צײַטונגען, אזעלכע ערנסטע, שטרענגע, שײַנט זי אָט ארויס, ווי א פריילעכער קונדעס אין א קאָלירט היטעלע און קאָלירטע שיכעלעך, מיט אירע פארביק אויסגעמאָלטע קעפּלעך.

ווי נאָר כ׳האָב דערזען אָט די קליינינקע צײַטונג, האָב איך געוואָלט נאָכשרײַען דער בריוונטרעגערן, נאָר, ווי געזאָגט, זיך אָפּגעהאלטן, איך ווייס אליין ניט פארוואָס.

מע איז שוין טאקע ניט יונג און אף פּענסיע, נאָר פונעם לעבן, כאָלילע, ניט אָפּגעזונדערט. מע וויל וויסן פון אלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, אין געגנט, אין קאנט, אין לאנד און אף דער וועלט — ווי אנדערש?

איך האָב מיר שוין מײַן געוווינהײַט ווי צו באגיין זיך מיטן פּעקל צײַטונגען. צוערשט נעם איך זיך צו אונדזער אָרטיקער, קוק דורך גענוי אלע פיר זײַטן. מאכט זיך, אַ פעליעטאָן, א קריטיש ארטיקל, לייען איך עס איבער גלײַך אפן אָרט. אנדערע מאטעריאלן, וואָס אינטערעסירן

מיך, מערק איך זיך אויף איבערלייענען שפּעטער. דאָס זעלבע טו איך מיט דער קאָנטישער צײַטונג, מיט דער צענטראַלער, און צולעצט, אויף פּאַרבײַסן, לייג איך אויף די „קאָמסאָמאָלקע". דאָ קענט איר אָנטרעפן אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס אין קיין אַנדער צײַטונג וועט איר ניט געפינען. אָט, אַשטייגער, „העלער זעגל", — וועגן וואָס וועט איר נאָר דאָ ניט אָפּזוכן קיין טשיקאַווע נײַס — וועגן קונסט, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פֿאַנטאַסטיק — אַלץ! ווי קום איך, ווילט איר פֿרעגן, צו אָט די אַלע זאַכן? ערשטנס, אינטערעסירן זיי מיך טאַקע, ווײַל וויפל מע ווייסט, איז ווייניק, און עס ווילט זיך וויסן מער. צווייטנס, איז מיר טשיקאַווע זען, מיט וואָס לעבט אונדזער הײַנטיקע יוגנט? אַ טײַערע יוגנט איצט, הערט איר, — אַ קלוגע, אַ שיינע, אַ געבילדעטע. ווי קומען מיר צו זיי? כ'מיין, מיר, ווען מיר זײַנען געווען אין זייער עלטער. ס'איז גאָר ניט צו פֿאַרגלײַכן. עמעס, דעמלט איז אַן אַנדער צײַט געווען. מיר האָבן געבויט, דערנאָך באַשיצט דעם פֿונדאַמענט, אויף וועלכן זיי, די הײַנטיקע, שטייען אַזוי פֿעסט מיט בײדע פֿיס. אונדז איז עס אָנגעקומען שווערער. זיי זײַנען אָבער אויך ניט קיין ליידיקגייער. מע טוט! וואָס איז ווערט דער באַם אַליין!

יאָ, האָב איך מיר, זאָג איך, מײַן געוווינהײַט, ווי פֿאַנאַנדערצוקלײַבן זיך מיטן פּעקל צײַטונגען. נאָר דאָס מאָל האָב איך זיי אַלע אָפּגעלייגט אין אַ זײַט און אַ נעם געטאָן זיך צום כיינעוודיקן קונדעס — צו דער „פּיאָנערקע". באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן די קאָלירטע קעפּלעך און ווי נאָר אַ געמעל, און פֿאַמעלעך גענומען לייענען. איבערגעלייענט אַלע נאָטיצן און נאָטיצלעך, פֿונעם גרעסטן ביזן קלענסטן און — איר וועט גלייבן? — ס'האָט מיך אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט... ווײ־ווײ, ווי גיך מיר פֿאַרגעסן, וואָס מיט אונדז אַליין האָט פּאַסירט. אַזאַ טײַערע צײַט — וואָס קאָן זײַן בעסער און שענער פֿון איר — די קינדהײַט... נאָר די יאָרן גייען, און זי טוט זיך אָפּ פֿון אונדז, ווי קיינמאָל ניט געווען... זאָרגן, דײַגעס... צו אונדזערע אייגענע קינדער, צו די אייניקלעך באַציִען מיר זיך אָפּטמאָל אַזוי, ווי מיר אַליין וואָלטן גאָר קיינמאָל קיין קינדער ניט געווען... זי לעבט אָבער, די קינדהײַט, אין יעדערן פֿון אונדז לעבט זי, נאָר עפּעס ווי אָפּגעשלאָסן ביז אַ צײַט. ס'איז בײַטיק אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, און אַמאָל אַ גאָרנישט, אַ קלייניקײַט, און די קינדהײַט, ווי יענער מײַסעדיקער באַרג, טוט זיך פֿאַר אונדז אין איר גאַנצער פּראַכט אַ צעעפֿן...

אַזוי איז איצט געשען מיט מיר. כ'האָב אויפֿגעלייגט די צײַטונג און האָב מיטאַמאָל דערזען זיך אין... וואַלד. ניט נאָר דערזען, מיט אַלע כושים דערפֿילט... אין דער נאָז האָט מיר שטאַרק פֿאַרשמעקט מיט סמאָלע, מיט טרוקענעם מאָך און מיט קילבלעכער ערד... אין גרינע פּאַנצערס, ווי גיבורים שטייען די ביימער, אַנטקעגן דער זון שײַנען זייערע שטאַמען, ווי בראָנזענע, און פֿון דער שאָטנדיקער זײַט זײַנען זיי ווי מיט טונקעלן סאַמעט באַדעקט... פֿונויבן, פֿונונטן, פֿון אַלע זײַטן איז אַלץ פֿול מיט סורידעספּולער באַוועגונג, מיט קאָלערליי קולעס. זיי רופֿן זיך איבער, ווי פֿון גרעזל צו גרעזל, פֿון צווײַג צו צווײַג זאָלן זיי איבערגעבן אַ מין שיפֿרירטן קאָד: פֿרעמדע... פֿרעמדע געקומען... זיי זײַנען שוין באַ די סאָסנעס... באַם אַלטן דעמב... צווישן די בערעזעס...

און מיר... מיר זײַנען אויסשפּירער... אויף יענער זײַט וואַלד — דער סוינע... וויפֿל זײַנען זיי דאָרט? וואָס קלײַבן זיי זיך טאָן? אָט וועלן מיר עס אויסשפּירן, געבן צו וויסן אונדזערע, און עס וועט זיך אָנהייבן דער אָנגריף...

אינדערעמעסן איז עס געווען אַן עקסקורסיע, אַ געוויינלעכע עקסקורסיע אין וואַלד. אונדז, אַ פֿערטן קלאַס, האָט געפֿירט אַהין די לערערין פֿון ביאָלאָגיע...

פּלוצעם האָט אַ פּליוכע געטאָן אַ רעגן. מיט דונערן, מיט בליצן... אונדזער לערערין, — זי איינע האָט געהאַט אַ רעגנמאַנטל, — האָט אים צעשפּרייט, און אַרום איר האָבן מיר אַלע זיך באַהאַלטן...

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. מיט אַ פֿרײלעכן ליאַרעם האָבן מיר אַ לאָז געטאָן זיך איבערן וואַלד, און ער האָט געבלענדט, — אויף יעדער בלעטל, אויף יעדן גרעזל — אַ ליכטיקער טראָפּן... גיין און גיין האָט זיך געוואָלט, און צום וואַלד זאָל קיינמאָל קיין סאָף ניט נעמען...

מײַן גאַנץ לעבן בין איך פֿאַרליבט אין וואַלד, אין פֿעלד, האָב ליב אַרײַנפּאַלן זומער אונטער אַ פּלוצעמדיקן רעגן... אָט די ליבע האָב איך זיך געפּלײַסט אײַנפּלאַנצן אין מײַנע קינדער, אין די אייניקלעך. און גענומען האָט זיך עס אַלץ, מעגלעך פֿון יענער ווײַטער עקסקורסיע...

און אָט: אַזאַ אוצער ליגט פֿאַרבאָרגן אין האַרצן, און איך האָב פֿאַרגעסן וועגן אים... גענוג אָבער געווען אַ קוק טאָן אויף דער פֿריילעך־קאָלירטער קינדער־צײַטונג, אַ לייענען טאָן זי, און אַלץ האָט מיטאַמאָל אויפֿגעוועקט אין מיר אַזוי צאַפּלדיק פֿריש, ווי ערשט נעכטן זאָל עס האָבן געשען... און נאָך אַ סאַך לאַנג פֿאַרגעסנס האָט אויפֿגעלעבט אין זיקאָרן און האָט מיך שוין ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זײַן ליכטיקן קלעם...

— עפּעס ביסטו הײַנט אַזוי אויפֿגעלייגט! — האָט די פֿרוי צו מיר אַ זאָג געטאָן. — שוין לאַנג דיך אַזאַ ניט געזען... מע קאָן מיינען, אַ גליק האָט דיך געטראָפֿן?

— יאָ, — האָב איך געענטפֿערט, — אַ גליק.

— וואָס זשע, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— ניין, ס'איז ניט קיין סאָד, — און איך האָב איר אָנגעוויזן אַף דער קליינינקער צײַטונג.

— זיך דערמאָנט, — האָט די פּרוי געזאָגט, — ווען די באָבע איז א קאַלע געווען...

— ניין, — האָב איך דערווידערט, — ווי דו זעסט האַנדלט זיך גראָד וועגן א צײַט, ווען די באָבע האָט נאָך אפילו ניט געקלערט קיין קאַלע צו ווערן...

די פּרוי האָט אויך גענומען די צײַטונג אין האַנט. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן די ברילן.

אין א היפּשער ווײַלע ארום האָב איך א קוק געטאָן אַף איר און געזאָגט:

— זע נאָר, דו לאַכסט, דאַכט זיך, א טרער?

— וואָס זשע, — האָט זי געענטפערט, — כ'בין קיין פּיאָנערקע ניט געווען?

אינגיכן איז געקומען צו לויפן אונדזער אייניקל. אזוי קומט זי אלע מאָל — אפגיך, קיינמאָל האָט זי קיין צײַט ניט. שטענדיק וואַרטן אַף איר כאַווערטעס און וויכטיקע איניאַנים. זי לערנט זיך אין פינפטן קלאַס און איז א גרויסע אקטיוויסטקע אין שול.

דערזען אפן זשורנאַל־טישל די פּיאָנערישע צײַטונג, האָט זי מיטאמאָל זיך צעלאַכט.

— ווער פון אײַך, — האָט זי געפרעגט, — האָט עס באשלאָסן אַף דער עלטער ווערן א פּיאָנער?

— וואָס זשע לאַכסטו, — האָב איך געזאָגט, — מיינסט, מיר מיט דער באָבען זײַנען קיין פּיאָנערן ניט געווען?

— איר — פּיאָנערן? — האָט דאָס אייניקל אויסגעשאָסן נאָך א גרעסערן געלעכטער.

פונקט ווי זי קאָן זיך ניט פאַרשטעלן, אז זי, דאָס אייניקל אונדזערס, וועט זײַן אמאָל א באָבע, אזוי איז איר שווער צו גלייבן, אז מיר זײַנען אמאָל געווען פּיאָנערן...

אָבער דער גאַנצער טאָג יענער און דער אָוונט זײַנען, ווי שוין לאַנג ניט ביז דעם, געווען פול מיט א באַזונדער מין געהויבענעם געמיט, מיט פריידיקע דערמאָנונגען, מיט האָפערדיקע רייד.

און שולדיק אין אלץ — דער טאָעס פון דער בריוונטרעגערן.

א דאַנק איר פאַר דעם דאָזיקן טאָעס.

אין א נעפּלדיקן טאָג

דער טאָג איז געווען א קויטיקלעך־כמורנער, א נעפּלדיקער. דער הימל — גרוי און נידעריק אָנגעצויגן איבער דער ערד. אַן אויסזען האָט ער געהאַט, דער הימל, ווי ער זאָל די גאַנצע צײַט מיט זיך אַליין זיך האַלטן אין איין ייִשעוון — מיט וואָס זאָל ער מעזאַקע זײַן די ערד — אראָפּשיטן אַף איר א לעצטן שניי, אָדער פּרוּוון זי א שווענק טאָן מיטן ערשטן רעגן? פאַר א שניי איז שוין געווען שפּעטלעך, פאַר א רעגן נאָך, אָפּאַנעם, פרי, איז ער געהאַנגען, דער הימל, א פאַרנעפּלט אומזיכערער, און ס'האָט געווייט פון אים מיט פריקרער קילקײַט.

אין איין אָרט, ווו די נעפּלדיקע דעק איז געווען עטוואָס שיטערער, האָט שעמעוודיק אראָפּגעקוקט א בלאַסלעך צעשוואומענער פלעק — די זון. זי האָט, דאַכט זיך, פון אונטער דער גרויער דעק געוואָלט א געשריי טאָן: „וואַרט, אָט וועל איך זיך דורכרײַסן און באַווײַזן וואָס איך קען!" נאָר אַף דורכרײַסן זיך האָט איר קיין קויעך ניט געקלעקט, און אָן איר איז דער טאָג פאַרבליבן אײַנגעטונקען אין גרויען אומעט.

סאַמויל יאַקאָוולעוויטש האָט ניט ליב געהאַט אַזעלכע טעג. אין אַזעלכע טעג האָט שטאַרקער ווי ווען־ניט־איז געלאָזט זיך שפּירן דער טעמפּער ווייטעק אין האַרצן, און אלע גלידער זײַנען געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. פונדעסטוועגן האָט ער אויך אין דעם טאָג ניט געבראָכן זײַן רעגילעס זיך דורכצוגיין אין גאַס.

צו זיבעציק האָט אים אויסגעפעלט נאָך עטלעכע יאָר און פאַר קיין זאַקן האָט ער זיך ניט געהאַלטן. דאָך, באַזונדערס די לעצטע פּאָר יאָר, האָט ער מיטאמאָל דערפילט די עלטער — אָנגעהויבן גיך מיד ווערן, ס'האָט געבראָכן דער רוקן. זיך לאָזן אין א ווײַטערן וועג, ווי ער פלעגט עס טאָן פריער, האָט ער ניט ריזיקירט. האָט סאַמויל יאַקאָוולעוויטש אויך דאָס מאָל געמאַכט זײַן געוויינלעכן שפּאַציר איבער די נאָענטע עטלעכע גאַסן.

אונטערוועגנס האָט ער ארײַנגעקוקט אין איין קראָם, אין א צווייטער, גלאַט אזוי זען, מיט וואָס האַנדלט מען גוטס. א שטיק וועג האָט ער אָפּגעלייגט און ארײַן אין א ביכער־קראָם. דאָ האָט ער ליב געהאַט זיך א גריבל טאָן אין בוקיניסטישן אָפּטייל און איז געווען צופרידן, אויב ער האָט אָנגעטראָפן אַף עפּעס רעכטס. דאָס מאָל האָט ער אויך דורכגעקוקט א היפּש בינטל אַלטע ביכער, זשורנאַלן. ניט געפונען פאַר זיך גאָרניט, איז ער ארויס, איבערגעוואַרט, ביז עס האָבן דורכגעיאָגט עטלעכע אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, און איז אריבער אַף דער אַנדערער זײַט גאַס. דאָ איז ער ארײַן אין א גרויסן אוניווערמאַג. דאָס אויג האָט אים פאַרכאַפּט א רעגנבויגנדיקע פילקאָליריקײַט פון מענערשע, פרויישע, קינדערשע מאַנטלען, אָנצוגן, שוכווארג. אין די יאָרן, ווען ער איז ייִנגער געווען, האָט א קלער געטאָן סאַמויל יאַקאָוולעוויטש,

איז ניט צו זען געווען ניט אזעלכע אוניוווער־
מאַגן, ניט אזא קאַלירן־פּאַרפּלייצונג אין זיי.
דאָס לעבן איז געווען דאַן אָרעמער, גרויער,
נאַר — מאַדנע — אָט די גרויקייט האָט מען ניט
באַמערקט, ניט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן
זי. דאָס לעבן האָט געשטראָמט אזוי האַסטיק,
אזוי ברויזיק איז געווען די שטרעבונג צו טאָן,
בויען, שאַפן, גיוווער זײַן, גרייכן, אַז בעמיילע
האָט דאָס לעבן ניט געקאָנט אויסזען ניט אָרעם,
ניט גרוי.

די גאַס, מיט וועלכער סאַמויל יאַקאָוולעוויטש
האָט זיך געלאָזט גיין, ווען ער איז ארויס פון
אוניווערמאַג, האָט אויסגעזען ווי א מין אי־
ליוסטראַציע אָף דער טעמע נעכטן און הײַנט.
פון איין זײַט האָט גרוי און וואַכעדיק זיך גע־
צויגן א לאַנגע שורע איינשטאָקיקע הילצערנע
שטיבער. פון דער אַנדערער האָבן מיט העלער
יאָמטעוודיקייט אין די גרויסע פענצטער, אין די
קאָלירטע באַלקאָנען זיך געהויבן מאַסיווע מוי־
ערן. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, — אלנפאַלס,
אים האָט זיך אזוי געדאַכט, — אַז די הילצערנע
שטיבער האַלטן אין איין איבערשמועסן זיך מיט
די מויערן אַנטקעגן, און אָן א מינדסטן סימען
פון האַכנאָע, פאַרקערט, זיי האָבן ווי מוסער גע־
זאָגט אָט די הויכע מויערן: „נישקאָשע, איר
האָט ניט וואָס צו פאַרײַסן די נאָז! ווען ניט מיר,
וואָלט איר אויך ניט געווען“... אזוי האָט איין
זײַט גאַס געטײַנעט צו דער אַנדערער, ריכטי־
קער, אזוי האָט סאַמויל יאַקאָוולעוויטש געטײַ־
נעט פאַר זיי ביידן. אים האָבן געפרייט די מוי־
ערן און אים איז א שאָד געווען די אַלטע גע־
בײַען. אין איינעם פון זיי האָט ער אליין אָפּגע־
לעבט א סאַך יאָרן. אַציינד וווינט ער אויך אין
א מויער אין א נײַעם מיקראָ־ראַיאָן מיט א פּאָר
גאַסן ווײַטער פונדאַנען. אהין, טאַקע האָט ער
מיט זײַן באַיִשעוועס ניט געײַלט, טראָט געלאָזט
זיך גיין.

באַם ערשטן ראָג האָט אים דערוואַרט אַן אומ־
געריכטע באַגעגעניש. אַנטקעגן איז אָנגעקומען
א באַקאַנטע פרוי. זי איז שוין ווײַט ניט יונג
געווען, נאָר אין אויסזען, אין איר גאַנצער האַל־
טונג האָט זיך נאָך פאַרהיט אַמאָליקער כיין. צי
עפּשער האָט עס בלויז אים, סאַמויל יאַקאָוולע־
וויטשן, אזוי זיך אויסגעדאַכט?

— לאַנג שוין אײַך ניט געזען, סאַמויל יאַ־
קאָוולעוויטש, — האָט אָפּשטעלנדיק זיך, געזאָגט
די פרוי.

— איך אײַך — דאָס זעלבע, — האָט ער
געענטפערט.

— וואָס איז דער כידעש, — האָט באַמערקט
די פרוי, — מע איז דאָך שוין אָף פענסיע, זיצט
מען מער אין שטוב.

— איר זײַנט שוין דען אויך אָף פענסיע? —
האָט ער זיך פאַרכידעשט.

— וואָס זשע, אָף מיר איז עס נאָך ניט צו
זען? — די פרוי האָט מיט אַמאָליקן גלאַנץ אין
די אויגן א לאַך געטאָן.

— ניט ענלעך, — האָט ער מיט א שמייכל
געענטפערט און צוגעגעבן: — דאַכט זיך, עטעלע,
ערשט נעכטן...

עטעלע — אזוי האָט מען די דאָזיקע פרוי גע־
רופן מיידלווײַז. מיט עכט מיידלשער צנִיעס, ווי
זי זאָל זײַן טאַקע נאָך יענע עטעלע, האָט זי
אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אוי, ניט נעכטן, סאַמויל יאַקאָוולע־
וויטש... — און צוגעגעבן מיט א זיפץ: — ניט
נעכטן, טײַערער...

ווען זיי האָבן זיך שוין געזעגנט און פונאַנ־
דערגעגאַנגען, האָט סאַמויל יאַקאָוולעוויטש,
פאַרזעצנדיק ניט געײַלט דעם וועג, ניט אופגע־
הערט צו טראַכטן וועגן אָט דער עטעלע, וועגן
דעם, אַז מיט א סאַך יאָרן צוריק — ער איז נאָך
דעמלט געווען יונג, און זי — נאָך יינגער, —
האָט צווישן אים און איר זיך פאַרבונדן עטוואָס
אזוינס, אַז עס האָט שיר ניט געהאַלטן בא א
כאַסענע. נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָ־
מע. ער איז אוועק אָפן פראָנט, זי האָט ערגעץ
ווײַט זיך עוואַקוירט. אומגעריכט האָבן זיי גע־
טראָפן זיך אין אָט דער שטאָט אין פיל יאָרן
אַרום, ווען ביידע האָבן געהאַט שוין מישפּאָכעס
מיט דערוואַקסענע קינדער. זעלטן־ווען טרעפט
מען זיך צופעליק, ווי אָט איצט, אין גאַס, מע
טוט א קוק איינער דעם אַנדערן אין די אויגן
און זיי בליצן אָף א ווײַלע אוף מיט א דערמאָ־
נונג וועגן דעם, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען
ערשט נעכטן... „אוי, ניט נעכטן“, — האָט א
זיפץ געטאָן די פרוי, און זי איז גערעכט, ניט
נעכטן...

א פּאָר קוואַרטאַלן פאַר זײַן הויז האָט סאַ־
מויל יאַקאָוולעוויטש דערפילט א ברעכעניש אין
רוקן, — אלע מאָל אזוי, ווען ער שפּאַצירט לענ־
גער ווי געוויינלעך, — און ער האָט זיך געמוזט
צוזעצן. צום גליק איז ניט ווײַט געווען אַן אָפּ־
שטעל פון אויטאָבוס און איינע קעגן דער אַנ־
דערער זײַנען געשטאַנען צוויי בענק.

דער דאָזיקער טייל שטאָט איז געווען ווײַ־
טער פון צענטער, קורסירט האָט דאָ בלויז איין־
איינציקער אויטאָבוס, וועלכער האָט זיך באַ־
וויזן ניט אָפט, מענטשן זײַנען געווען ווייניק
און ביידע בענק זײַנען געשטאַנען פרײַ. אָף
איינער פון זיי האָט סאַמויל יאַקאָוולעוויטש מיט
פאַרגעניגן זיך צוגעזעצט.

עס זאָל באַקוועמער זײַן אַרײַן און אַרויסצו־
גיין פונעם אויטאָבוס, איז אָפן אָפּשטעל א ניט
ברייטער לענגלעכער שטיק אַספאַלט געווען עט־
וואָס אונטערגעהויבן און שיין אַרומגערינגלט
מיט ציגל. אָף אָט דעם אונטערגעהויבענעם
שטיק אַספאַלט זײַנען געשטאַנען די בענק.

עטוואָס אָפּגעטעמט, דערפילט, אַז די ברעכעניש אין רוקן הייבט אָן ביסלעכווײַז אָפּגיין, האָט סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש זיך ארומגעקוקט. אפן אונטערגעהויבענעם אספאַלט, א שפּאַן צען פון אים, האָט ער באַמערקט, שפּילן קינדער אין קלאַסן. דײַטלעך, מיט קרײַד זײַנען געווען אָנגעצייכנט די קלאַסן, און צוויי מיידעלעך האָבן, לויט דער ריי, טאַנצנדיק אַף איין פוס, אַריבערגעוואָרפן א פלאַטשיק שטיינדל פון איין קלאַס אינעם אַנדערן. פאַרנומען מיט זײַנע גדאַנקען, האָט ער צוערשט קיין אכט אַף אָט דער שפּיל ניט געלייגט. ער וואָלט אויך ווײַטער ניט געלייגט קיין אכט, ווען ניט א קליין ייִנגעלע דערבײַ. דאָס ייִנגעלע, נאָך גאָר א קליינינקס, א יאָר צוויי, ניט מער, איז געווען אָנגעטאָן „ווי א דערוואַקסענער”. א העל מאַנטעלע מיט „פּאָגאָנדלעך”, מיט א פּאַסיקל, און פון אונטערן מאַנטעלע האָבן ארויסגעקוקט לאַנגע רויטע הייזלעך. דאָס ייִנגעלע איז ניט אײַנגעשטאַנען אַף קיין אָרט, האָט נאָר געוואָלט אַרײַנשפּאַנען — און טאַקע אַרײַנגעשפּאַנט! — אין די קלאַסן און געשטערט די מיידעלעך שפּילן. האָט מען אים געפּרוווט ארויסשטעלן, האָט ער געמאַכט הארצרײַסנדיקע גוואַלדן... האָבן די מיידעלעך זיך אָן אײַצע געגעבן: בייס איינע איז געשפּרונגען מיטן שטיינדל, האָט די אַנדערע צוגעהאַלטן דאָס ייִנגעלע און עפּעס אים אַרײַנגעשמועסט...

איינס פון די מיידעלעך איז געווען ניט קיין שיינס — צו הויך און גראָבלעך פאַר איר עלטער, מיט זומער־שפּרענקעלעך אפן פּענעמל. דערפאַר דאָס אַנדערע... אַלץ האָט אראָפּגעזונגען פון איר — דאָס בלויע מאַנטעלע, א דין אײַנגעצויגנס אין דער טאַליִע, דאָס שניי־ווײַסע פּוכיקע היטעלע, פון אונטער וועלכן עס האָבן ארויסגעקוקט די גלאַנציק־שוואַרצע צעפּלעך מיט די ווײַסע באַנטן. א פאַרגעניגן געווען צו זען, ווען דאָס מיידעלע איז געשפּרונגען מיטן רוקן צו סאַמויִל יאַקאָוולעוויטשן, ווי עס טאַנצן אונטער אירע צעפּלעך מיט אָט די באַנטן. און ווען זי איז געשפּרונגען מיטן פּאָנעם צו אים, האָט ער ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון אירע איידל געצייכנטע ברעמעלעך, ליפּעלעך — אַלץ איז פול געווען אין איר מיט כיין. די אויגן — גרויסע, שוואַרצע, האָבן שוין איצט געשטראַלט מיט א פאַרבאָרגענעם צויבער...

„סאַרא שיינהײַט עס וועט אויסוואַקסן” — האָט קוקנדיק אפן מיידעלע, געטראַכט סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש. אַזוי איז עס שוין — שיינקײַט ציט צו, פילט אָן מיט פרייד — אפּאָנעם, צוליב דעם טאַקע ווערט זי באַשאַפן...

די ברעכעניש אין רוקן איז קימאַט אַדורך, ער וואָלט זיך געקאָנט שוין אויפהייבן און אַוועקגיין, נאָר — א מאָדנע זאַך — אים האָט פאַרכאַפּט די שפּיל פון די קינדער. זיך אַליין האָט ער מיטאַמאָל דערזען נאָך גאָר א שנעק, ווי ער שפּרינגט אָט אַזוי איבער פּונקט אַזעלכע קלאַסן. קיינער פון די פאַרבײַגייער, וואָס האָבן געזען זיצן אַף דער באַנק אָט דעם עלטערן מענטשן מיטן עטוואָס געהויקערטן רוקן, וואָלט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז אינעווייניק אין אים טאַנצט איצט א קליין ייִנגל, פלינק אַריבערוואַרפנדיק א שטיינדל מיט איין פוס... אים האָט אַפילע ביז גאָר פאַרוואָלט זיך אָט באַלד, שוין, די רגע, אויפהייבן זיך און אַוועקשפּרינגען צוזאַמען מיט די מיידעלעך...

דאָס ייִנגעלע (א ברודערל פונעם ניט שיינעם מיידעלע, ווי סאַמויִל יאַקאָוולעוויטשן איז אינגיכן קלאָר געוואָרן), האָט באַם ראַנד פון טראָטואַר געפונען פאַר זיך א טועכץ, און ביידע עלטערע קינדער האָבן אומגעשטערט און מיט גרויס פאַרגעניגן פאָרגעזעצט זייער שפּיל.

פאַרוואָס הייבט ער זיך ניט אויף, גייט ניט אַוועק? — האָט סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש געפרעגט בײַ זיך אַליין. אין דער היים באַאומרויִקט מען זיך שוין געוויס — ווּ איז ער אַף לאַנג אַזוי פאַרפאַלן געוואָרן? און דאָך האָט ער פון דער באַנק זיך ניט אויפגעהויבן, געזעסן, ווי א צוגעשמידטער צו איר, און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט: עפּעס קימערט אים דאָ. וואָס? צוערשט וואָלט ער אַליין עס ניט געקאָנט דערקלערן, דערנאָך איז צו אים דערגאַנגען... אָט זיצט ער אַף דער דאָזיקער באַנק, זיצט שוין לאַנג, עטלעכע שפּאַן פון אים שפּילן צוויי מיידעלעך. און קיין איינע פון זיי האָט נאָך אַף אים זיך ניט אומגעקוקט... „נו, איז וואָס, — האָט ער אַליין בײַ זיך געפרעגט, — וואָס עפּעס דאַרפן זיי אַף אים זיך אומקוקן?” זיי זײַנען אַרײַנגעטאָן אין זייער שפּיל און באַמערקן גאָרניט ארום זיך. און דאָך האָט עס אים געקימערט... געשטאַנען א פּוסטע באַנק, עמעצער האָט אַף איר זיך צוגעזעצט. ווי טוט מען ניט א קוק — ווער? גייענדיק אַהער, — האָט ווײַטער געטראַכט סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש, — האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער עלטערער פרוי, וועלכע האָט נאָך אין זײַנע אויגן ניט אָנגעוווירן איר אַמאָליקן כיין. אַמאָל האָט מען זי גערופן עטעלע, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען ערשט נעכטן. מיט א זיפץ האָט זי אים א זאָג געטאָן: „ניין, ניט נעכטן”... אָט די פרוי איז זײַן פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע וועט זיך שוין מער צו אים ניט אומקערן. און אָט די מיידעלעך, וואָס זײַנען דאָ אַזוי פאַרכאַפּט מיט זייער שפּיל? זיי זײַנען — די צוקונפט. א נײַער דאָר...

איז וואָס זשע באַקומט זיך עס? — האָט ער מיט א געפיל פון פאַרלוירנקייט געקלערט, — די פאַרגאַנגענהײַט איז אַוועק. און די צוקונפט? די

צוקונפט וויל פון אים ניט וויסן? וויל זיך אפילע
ניט אומקוקן אף אים?
איז ער געזעסן, ווי א צוגעשמידטער צו דער
באנק, ניט אראפגעלאזט דאס אויג פון די מיי־
דעלעך, און ס'האט אים פארדראסן. שטארק
פארדראסן. סטײַטש, — האט ער געטראכט, —
ס'זיצט א מענטש. א מענטש האט דורכגעמאכט
א לעבן, געווען אף צוויי מילכאמעס, טויזנט
מאל געקוקט דעם טויט אין די אויגן. לעבן גע־
בליבן, ניט ווייניק אופגעטאן פארן לעבן נוצ־
לעכס. אין טישקעסטל בא אים אין א היפשן
שאכטל ליגן ארדענס, מעדאלן. ער איז א טאטע
פון קינדער, א זיידע. און אט זיצט ער אף א
באנק, צוויי מיידעלעך שפילן דערבײַ און קוקן
זיך אף אים ניט אום, ווי ער זאל זײַן א פוסט
ארט. אט וועט ער זיך אופהייבן, אוועקגיין, און
זיי וועלן אפילע ניט וויסן, אז ער איז דא גע־
זעסן...

אט די מיידעלעך, — האט דורכגעבליצט אין
אים א געדאנק, — זיי וועלן דאך שוין לעבן אין
א נײַעם יארהונדערט... יא, אינעם קומענדיקן
יארהונדערט, וואס וועט אנהייבן מיט זיך א
נײַעם יארטויזנט... פאר אים איז דער וועג אהין,
ווײַזט אויס, שוין אפגעפרעגט... און זיי? זיי
וועלן א שפרונג טאן פון דעם יארהונדערט אין
יענעם פונקט אזוי פאשעט און פראסט, ווי זיי
שפרינגען דא איצט אריבער פון איין מיט קרײַד
אנגעצייכנטן קלאס אינעם אנדערן... און ער?
אים האט זיך זייער געוואלט, אז כאטש עפעס
פון אים, פון זײַן לעבן זאל צוזאמען מיט זיי
אויך אריבער אהין, אין יענער פאר אים שוין
פארשפראכענער צײַט...

איין אוטאבוס איז דורכגעגאנגען, א צווייטער.
סאמויל יאקאוולעוויטש איז אלץ נאך גע־
זעסן אף דער באנק, אף עפעס געווארט.

באפרײַענדיק דאס ארט פאר איר כאווערטע
(ס'איז געווען יענערס ריי צו שפרינגען מיטן
שטיינדל), האט דאס שיינע מיידעלע פלוצעם
אנגעשטעלט אף אים איר בליק. ס'האט אויסגע־
זען, ווי מיט אט דעם בליק אירן זאל זי אומגע־
ריכט זיך האבן אנגעשטויסן אף אים. א גאנצע
רעגע, און עפשער מער, האבן אירע גרויסע
שווארצע אויגן מיט קינדערשן נײַגער אים אײַנ־
געזאפט אין זיך. א שטיל שמייכעלע האט דערי־
בײַ געפלאטערט בא די ווינקלען פון אירע
ליפן... אין דער קורצער רעגע בייס דאס מיי־
דעלע האט אף אים געקוקט, האט סאמויל יא־
קאוולעוויטש מיטאמאל דערפילט א שטויס אין
הארצן. ס'האט גענומען קלאפן שטארק, שטארק.
ווי גאר אמאל, ווען עס איז נאך יונג און גע־
זונט געווען... אליין די צוקונפט האט מיטן מיי־
דעלעס אויגן אף אים געקוקט... אליין די צו־
קונפט האט אים געשאנקען איר ווײַטן שמייכל...
סאמויל יאקאוולעוויטש האט זיך אופגעהויבן
און איז פאמעלעך אוועקגעגאנגען.

ביידע מיידעלעך זײַנען לאנג נאך געווען
פארטאן אין זייער שפיל...

אין פענצטער אנטקעגן

1

געווען א צײַט, ווען אף ארכיטעקטור האט
מען איבעריקנס קיין אכט ניט געלייגט. עס זײַ־
נען געוואקסן קווארטאלן, גאסן, שטעט גאנצע,
ווי צוויי טראפן וואסער ענלעכע איינס אפן אנ־
דערן. דערנאך האט מען גענומען די זאך צו־
ביסלעך פאריכטן. איין מויער האט מען געבויט
א העכערן, דעם אנדערן — א נידעריקערן, איי־
נעם געשטעלט אין דער לענג, דעם צווייטן —
אין דער ברייט. אף איינעם שטעקן די באלקא־
נען פון אויסן, באם אנדערן זײַנען זיי ארײַנגע־
צויגן אינווייניק. מע האט זיך שוין דערטראכט
אפילע צו בויען מויערן, וואס שטייען קײַלעכ־
דיק און קרום־קײַלעכדיק, און ווער ווייסט, צו
וואס נאך מע וועט זיך דערטראכטן.

דער מיקרא־ראיאן, ווו איך וווין, איז אופגע־
קומען אין יענע יארן, ווען מע האט אין קיין
ארכיטעקטור־פראבלעמען, ווי געזאגט, איבע־
ריקנס זיך ניט ארײַנגעטאן. געזארגט וועגן
איינס — וואס גיכער שטילן דעם הונגער אף
וווינונגען — און געבויט אן קונצן. אוועקגע־
שטעלט באנאנד דרײַ הונדערטדירעדיקע —
גרויסע פינפגארנדיקע קאסטנס, — און גאר. עס
זאל זיך געפינען עפעס א ריז, א מין נײַער הור־
ליווער, וואלט ער זיי געקאנט אנעמען פאר די
אנטענעס און פראסט־פאשעט אוועקגעטראגן
מיט זיך...

זאגן, אז עס פארשאפט פארגעניגן אף אט די
קאסטנס צו קוקן, קאן מען ניט. נאר אויב איר
ווילט דעם עמעס, — גייט עס מיר ניט אן. אין
די אוונטן, ווען די קאנטורן פון אט די קאסטנס
זינקען אײַן אין כאשכעס און זיי אליין ווערן
באהעלט מיט צענדליקער ליכטיקע פענצטער,
פארגעס איך אין דער פרימיטיווער ארכיטעק־
טור און עס פרייט מיך צו קוקן אף אט די פענ־
צטער און וויסן, אז הינטער יעדן איינעם פון זיי
גייט א באזונדער לעבן, וואס מיט עפעס איז עס
יא ענלעך, און מיט עפעס — ניט אף די אנדערע.
אין איין פענצטער פינקלט א קרישטאלענע
ליוסטרע. אין א צווייטן שטראמט פון אונטער
אן אבאזשור א רויק־גרינבלעכע שײַן. נאך אין

איין פענצטער לײַכט א לענגלעכער ליומיניס־
צענץ־לאָמפּ מיט באַטאַגיקער בלענדיקײַט.
פאַרשיידענע מינים שײַן. יעדעס לעבן האָט
זײַן שײַן.

ליב האָב איך צו קוקן אָף אָט די טונקעלע
מויערן אין א שפּעטער שאָ, ווען די פענצטער,
איינס נאָכן אנדערן, נעמען זיך אויסלעשן און
אין דער פינצטערניש בלײַבן הענגען, ווי אליין
פון זיך, אינדערלופטן צו עטלעכע ליכטיקע
פענצטער... איך זיי לעשן זיך ביסלעכווײַז
אויס, און אָט בלײַבט לויכטן ערגעץ פונויבן,
אין דער מיט, אפן פינפטן שטאָק, אן איין־איינ־
ציק פענצטער... א גאַנצע נאַכט לעשט זיך שוין
אָט דאָס פענצטער ניט אויס. עפּשער א כוילע?
מעגלעך, א קינד איז דאָרט קראַנק, ווער ווייסט?
צוליב עפּעס לויכט דאָך אָט דאָס איין־איינציקע
פענצטער אזש ביזן גרויען פאַרטאָג...

איך ווױן אינעם פערטן מויער, וועלכער
שטייט קווער צו די אנטקעגנדיקע דרײַ. פון
מײַן קיך־פענצטער זע איך די עקסטע צוויי
מויערן פון רעכטס און פון לינקס אין דער גאַנ־
צער לענג פון די איינפאַכע פאַסאַדן מיט אלע
זייערע אַרײַנגאַנג־טירן. דער דריטער, דער
מיטלסטער מויער, איז געווענדט צו מיר מיט
זײַן שמאָלער זײַט. אָט די זײַט איז צעטיילט אָף
צוויי גלײַכע טיילן, אין יעדן, איינע איבער דער
אנדערער — פינף לאָדזשיעס. אינדערפרי, באַ־
טאָג און אין אָוונט איז צו זען דאָס לעבן פון
צען מישפּאָכעס מיט זייער האָב און גוטס — מיט
די קאָלירטע טעפּיכער, וואָס מע הענגט ארויס
דורכלופטערן, מיטן שניי־ווייסן גרעט, וואָס
טריקנט זיך, מיט די עלטערע לײַט, וואָס זעצן
זיך צו כאַפּן פרישע לופט, מיטן קליינוואַרג,
וואָס גייט ארויס מיט א שפּיגעלע און צילעוועט
פלינקע זון־העזלעך אָף די אנטקעגנדיקע באַל־
קאָנען...

אייניקע פון די, וואָס ווױנען אין אָט דעם
מויער אנטקעגן, זײַנען מיר באַקאַנט, אנדערע
ניט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס כ'ווייס וועגן זיי גאָר־
ניט, כאָטש מע טרעפט זיך אין הויף, אין נאָ־
ענטן מאַגאַזין. אזוי, אשטייגער, האָב איך גאָר־
ניט געוווּסט וועגן דער מישפּאָכע, וואָס איר
געהערט די לאָדזשיע אנטקעגן אפן ערשטן
שטאָק פון רעכטס. איך האָב בלויז באַמערקט,
אז דער באַלעבאָס פון אָט דער דירע, ניט קיין
הויכער פעסט געפּאַקטער מאַנצבל מיט א גוט־
מוטיקן אויסזען אפן טונקעלן פּאָנעם, האָט ליב
אָפּשטיין און רייכערן אין זײַן לאָדזשיע. ער
קאָן אזוי אָפּשטיין א שאָ און צוויי, און ס'ווערט
אים ניט לאַנגווײַליק. אמאָל שטעלט זיך צו אים
צו ניט קיין הויך פּולבלעך ווײַבל — זײַן פרוי.
אין אָוונט, ווען אין צימער, וואָס גייט ארויס צו
דער לאָדזשיע, צינדט מען אָן שײַן און מע זעט
גוט, וואָס דאָרט טוט זיך, קאָן מען אויך באַ־
מערקן א קליינינקע, א קײַלעכדיקע, ווי א קנײַ־
לעכל בײַוול, אלטיטשקע מיט ווײַסע, אין א
קליין קובלעקל פאַרנומענע האָר, — אפּאָנעם,
זײַנע אָדער איר מאַמע. אין דרויסן און אפילע
אין דער לאָדזשיע זעט מען זי זעלטן.

עס פלעגט אויך טרעפן, אז צום באַלעבאָס פון
דער לאָדזשיע שטעלט זיך צו א יונגער, זייער
אן ענלעכער אָף אים באָכער אין א מײַקע, אָדער
גאָר ביז העלפט נאַקעט, מיט א ברייטער זוניק
אָפּגעברוינטער ברוסט אין היפּשע מוסקולן, —
א זון געוויס. שפּעטער איז ערגעץ דער באָכער
אָף א לאַנגער צײַט ניט געוואָרן.

2

דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך צערעדט מיט מײַ־
נעם א באַקאַנטן, וועלכער ווױנט אויך אינעם
מויער אנטקעגן, און ער האָט מיר דערציילט
די געשיכטע פון דער מישפּאָכע, צו וועלכער
עס געהערט אפן ערשטן שטאָק די לאָדזשיע פון
רעכטס. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די גע־
שיכטע פון אָט דער מישפּאָכע איז גאָר ניט אזא
פּאַשעטע, ווי עס קאָן פון א זײַט זיך דאַכטן.

דער באַלעבאָס פון דער דירע איז אן אלטער
טוישעוו אין שטאָט. ער פירט אָן מיט א בריי־
גאַדע אין איינעם פון די היגע בוי־טרעסטן, די
פרוי זײַנע האָט אויך אמאָל אָנגעהויבן אָף א
בויונג, א מולירן געווען, — טאַקע דאָן איז מען
זיך צונויפגעגאַנגען, — דערנאָך האָט זי פאַרענ־
דיקט בוכהאַלטעריע־קורסן און אַרבעט איצט אין
קאָנטאָר פונעם בוי־טרעסט. די אלטיטשקע איז
אירע, דעם ווײַבס מוטער. בײַס דער מילכאָמע
האָט זי מיט ניסים, — שוין פון א גרוב ארויס, —
זיך געראַטעוועט פון די דײַטשן, וועלכע האָבן
אומגעבראַכט אין געטאָ אלע אירע אייגענע, און
נאָך דער מילכאָמע זיך דערקליבן צו דער איינ־
ציק לעבנגעבליבענער טאָכטער קיין ביראָביד־
זשאַן. דאָ האָט זי אליין — די טאָכטער און דער
איידעם ארבעטן דאָך — אויסגעכאָוועט זייער
בעניאָכידל.

זיאמעלע איז געווען א טײַער קינד. געוואַקסן
א שיינער, א קרעפּטיקער, גוט זיך געלערנט.
פון קלאַס אין קלאַס איז ער אריבערגעגאַנגען
מיט לויב־גראַמאָטעס. אזוי אָבער איז עס גע־
גאַנגען ביזן פינפטן קלאַס. „דערנאָך, — זאָגט
די באָבע, — האָט מען אים ווי אונטערגעביטן".
די עלטערן האָט מען אָנגעהויבן אָפּט ארויסרופן
אין שול. האָבן זיי זיך גענומען צום זונעלע מיט
גוטן, — געקויפט אים א וועלאָסיפּעד, א פאָטאָ־
אַפּאַראַט, — האָט ניט געהאָלפן. האָט מען זיך
גענומען מיט שלעכטן, — דער טאַטע האָט א
פּאָר מאָל אראָפּגעכאַפּט צו אים דעם רימען, —
האָט עס אויך ניט געהאָלפן. מיט צאָרעס האָט
זיאמע דערצויגן צום אכטן קלאַס און געמאָלדן:

אויס, מער לערנען וויל ער ניט. ער וויל ארבעטן, און בּיכּלאל געפעלט אים גאָר צו זײַן א שטאנגיסט. ער האָט טאקע באזוכט א יוגנטלעכע סעקציע פון שווערער אטלעטיק, און דאָ איז בא אים אלץ געגאנגען גוט.

פאוואָליע איז אונטערגעקומען די צײַט פון פּריזיוו. זאָל ער גיין דינען, — האָבן די עלטערן געטראכט, — די ארמיי וועט פון אים מאכן א לײַט. און זיי האָבן זיך ניט אָפּגענארט. פון ארמיי האָט זיאמע זיי געשריבן גוטע בריוו: מע האלט פון אים, עס דינט זיך אים גוט, ער פארנעמט זיך אויך ווײַטער מיט דער שטאנגע און האָט שוין ארײַנגעכאפּט א פּאָר פּריזן אף ארמייִשע פארמעסטונגען. האָבן טאטע־מאמע זיך בארויִקט. די ארמיי וועט טאקע מאכן פון זייער זון א מענטש, ארויסשלאָגן די נארישקײַטן פון קאָפּ. ווען ער וועט זיך אומקערן, וועלן זיי פּויעלן בא אים, ער זאָל פארענדיקן דעם נײַנטן און צענטן קלאס אין אָוונט־שול, אָנקומען אין אינסטיטוט. דערנאָך וועט ער מיט מאזל כאסענע האָבן.

עס זײַנען דורכגעלאָפן צוויי יאָר, און זיאמע האָט זיך אומגעקערט. ער איז געוואָרן נאָך קרעפּטיקער, מענערישער, באדאכטער. וואָס קלײַבט ער זיך טאָן? פארשטייט זיך, ארבעטן. ווו? אין ארמיי איז ער געווען א שאָפער, וועט ער דאָ אויך זײַן. און נאָך? ער וועט זיך פארנעמען מיט דער שטאנגע. ער האָט שוין א ראזריאד און קאָן ווערן טשעמפּיִאָן פון שטאָט, און עפּשער נאָך העכער. נו, און לערנען? די שטאנגע פאָדערט ניט דאפקע קיין הויכע בילדונג.

אפן אנדערן טאָג נאָך זײַן קומען האָט זיאמע אנטפּלעקט פאר די עלטערן א סאָד: ער האָט שוין א מיידל און קלײַבט זיך כאסענע האָבן.

— אזוי גיך? — האָבן די עלטערן זיך פארכידעשט.

— וואָס זשע? — האָט געענטפערט זיאמע, — צוליב דעם איז אוואדע ניט קיין כּיעוו צו ענדיקן פריִער אָן אינסטיטוט.

— זי איז פון אונדזער שטאָט? — האָבן זיך אָנגעפרעגט טאטע־מאמע.

— ניין.

— פונוואנען זשע?

— פון יענעם אָרט, ווו כ׳האָב געדינט.

— שוין לאנג קענט איר זיך?

— א האלב יאָר.

— ווו איז זי איצט?

— ניט ווײַט, — האָט זיאמע געזאָגט און דערציילט, אז זי איז געקומען מיט אים.

— וואָס הייסט? — האָבן די עלטערן זיך נאָך מער פארכידעשט.

— וואָס זשע? — האָט ער געענטפערט און ווײַטער דערציילט, אז גלײַך גיין צו אים האָט זי ניט געוואָלט, האָט ער זי דערווײַל באשטאט בא א כאווער, נאָר ער וועט זי ברענגען.

און זיאמע האָט זי געבראכט.

מע האָט געמאכט וועטשערע, צוביסלעך אויסגעטרונקען, נאָר באם טיש איז געווען מאָדנע שטיל. אלע האָבן געשוויגן. דוסיע, — אזוי האָט מען גערופן דאָס דארלעכע מיידל מיט די לאנגע פלאקס־ווײַסע האָר, — איז געזעסן, ווי אף שפּילקעס, און שיר ניט מיט טרערן אין די אויגן געקוקט אף זיאמען: „לאָמיר גיכער פונדאנען אנטלויפן!..” נאָר זיאמע האָט גאָר קיין שלעכטס ניט געזען. פארקערט, ער איז געווען גליקלעך — גליקלעך, וואָס ער איז אין דער היים, וואָס דוסיע איז מיט אים, און ער איז זיכער געווען, אז אלע ארום אים זײַנען אויך גליקלעך. ווי קאָן דען זײַן אנדערש?

די מאמע איז נאָך עפּעס אוועק אין קיך, איז ער איר נאָכגעגאנגען.

— נו, ווי?

— וואָס ווי?

— ווי איז דיר געפעלן דאָס מיידל? איאָ, זי איז א ווילע?

די מאמע האָט אף אים א קוק געטאָן און גאָר ניט געענטפערט.

אינמיטן דער וועטשערע איז דער טאטע ארויס אין דער לאָדזשיִע פארייכערן. דער זון — נאָך אים.

— ווי איז דיר געפעלן דאָס מיידל?

דער טאטע האָט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר א קוק געטאָן אף אים מיט אזא בליק, ווי אמאָל, ווען ער פלעגט וועלן אראָפּכאפּן צו אים דעם רימען.

נאָר זיאמע האָט פון דעם אלעם קיין וועזן ניט געמאכט. ער האָט פּאָשעט גאָרניט געוואָלט פארשטיין, ביז דוסיע האָט שפּעטער א ביסל ניט ארויסגעשלעפּט אים זיך דורכשפּאצירן און האָט אים דאָ אין הויף, אונטער די יונגע ביימלעך שטייענדיק, ניט געגעבן צו פארשטיין.

— זעסט דען ניט, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט, — אז מע איז ניט צופרידן?

— ווער איז ניט צופרידן?

— די דײַניקע. אלע.

— מיט וואָס?

— מיט מיר, מיט דיר, מיט אלץ.

— עס דאכט זיך דיר אויס.

— מיר דאכט זיך ניט, — האָט דוסיע געענטפערט און געמאָלדן, אז אין שטוב צו זיי קערט זי מער זיך ניט אום. ערשט איצט איז זיאמען ארײַן אין דער נאָז דאָס שווײַגן פון טאטע־מאמע און פון דער באָבע.

— נו, גוט, — האָט ער געענטפערט, — קום, וועסטו בא אונדז איבערנעכטיקן, ווײַל ס׳איז שוין שפּעט, און מאָרגן וועלן מיר זען.

אף מאָרגן, ווען דוסיע איז נאָך געשלאָפן,

האָט מען אַרײַנגערופֿן זיאַמען אין קיך און גע־
נומען אים אָפּן צימבל.

ערשטנס, וואָס פֿאַר א כאַסענע? ער איז ערשט געקומען פֿון אַרמיי, ער דאַרף זיך נאָך לערנען, אַרבעטן, ווערן א מענטש, וואָס איז די אײַלעניש?

צווייטנס, זי איז דאָך נאָך א קינד, קוים אכצן אַלט געוואָרן. זי האָט שוין פֿאַרענדיקט, זאָגט ער, א קולינאַריע־טעכניקום? טאַקע א גרויסער ייִכעס...

אַלץ אויסגעהערט, האָט זיאַמע שטיל געזאָגט:

— מיט דוסיען וועט איר מיך ניט שיידן.

— האָסטו מער ניט וואָס צו טאָן בא אונדז אין שטוב!

געזאָגט האָט עס די מאַמע.

דער טאַטע האָט געשוויגן.

די באָבע אויך.

זיאַמע איז אַרײַן אין צימער, ווו דוסיע איז געשלאָפֿן. זי איז שוין לאַנג געווען אויף, געזעסן אין איינע ציטערניש, געפֿילט, וואָס אין שטוב טוט זיך.

— קום! — האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר א האַנט.

און זיי זײַנען אוועק.

3

אוועק זײַנען זיי צו זיאַמעס כאַווער, וואָס בא אים אין שטוב איז דוסיע געשלאָפֿן די ערשטע נאַכט. יענער האָט געדינט מיט זיאַמען אין איין טייל און מיט אים צוזאַמען זיך דעמאָביליזירט. געוווינט האָט ער בא זײַנע עלטערן, וואָס אין עק שטאָט האָבן זיי געהאַט אַן אייגן הויז מיט א סעדל און א גאָרטן דערבײַ. איגאָרס עלטערן, ביידע שוין אויף פּענסיע, האָבן געזאָגט, אַז ביז וואָס־וועגן, קאָנען זיאַמע מיט דוסיען בלײַבן בא זיי. די עלטערע קינדער האָט מען שוין אויסגעגעבן, איגאָר האָט נאָך זײַן פּאָר ניט אָפּגעזוכט, און די שטוב איז א גערוימע.

די יונגע האָבן דערלאַנגט א מעלדונג אין זאַגס און אין א כוידעש אַרום זיך צעשריבן. די עלטערן האָט זיאַמע ניט צו וויסן געגעבן. קיין כאַסענע האָט מען ניט געפּראַוועט. פּאַשעט, בא איגאָרס עלטערן אין שטוב האָט זיך צונויפֿגענומען א ניט גרויסער עוילעם, א פּאָר מאָל האָט מען אויסגערופֿן „גאָרקאָ!", די יונגע האָבן זיך צעקושט און — מע האָט אָנגעהויבן לעבן. זיאַמע איז אָנגעקומען אַרבעטן אויף אַן אויטאָ־אונטערנעמונג, דוסיע — אין א גאָרקיך. ביידן האָט מען צוגעזאָגט, אַז מיט דער צײַט קאָנען זיי אויסרעכענען אויף באַקומען א דירע.

צו נײַן כאָדאָשים איז באַם יונגן פּאָרפֿאָלק געבוירן געוואָרן א קינד — א ייִנגל.

אויך וועגן דעם האָט זיאַמע די עלטערן — קיין וואָרט. זיי האָבן אים פֿון שטוב אַרויסגעטריבן — פֿאַרגעסן, ווי זיי זײַנען זיך מיט אים באַגאַנגען האָט ער ניט געקאָנט.

און די עלטערן? די ערשטע צײַט האָט מען זיך געמאַכט האַרץ, געהאַלטן אין איין ריידן און איבערריידן מיקויעך דעם, וואָס פֿאַר א פּאַטעפֿאַלנאָסט זייער בענאַק האָט אָפּגעטאָן. נאַ דיר א כאַסענע! נאָך דער מאַמעס מילך ניט אָפּגעקילט... און וואָס הייסט — ניט פֿרעגן בא טאַטע־מאַמע, ניט קיין אייצע האַלטן זיך? געקומען און — נאַ דיר!..

מיט דער צײַט אָבער האָבן זיך אויסגעלאָזט אָט די רייד, אָנשטאָט זיי האָט אין שטוב זיך באַזעצט אַן אומרויִקע שווײַגעניש: גערעכט, ניט גערעכט, אָבער פֿאָרט אַן אייגן קינד, איין־איינציקער, מער האָבן זיי ניט. צוויי יאָר זיך ניט געזען, ער האָט געדינט. ניט באַוויזן אהיים קומען, האָבן זיי אים — אייגן בלוט און פֿלייש — פֿון שטוב אַרויסגעטריבן... און עפּשער האָבן זיי גאָר ניט געדאַרפֿט האַנדלען אַזוי, ווי זיי האָבן געהאַנדלט?

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט מען אייגנס מיטן אַנדערן זיך ניט געטיילט. מיט שווײַגנדיקן ווייטיק האָט יעדערער זיי געטראָגן אין זיך און מוירע געהאַט אַרויסברענגען פֿאַרן מויל. ניט צו דערקענען איז געוואָרן די היימלעכע גוט צונויפֿגעלעבטע מישפּאָכע. ווי מיט גרויען שפּינוועבס האָט א שטומע מאַרעשכוירע פֿאַרוועבט ווו א ווינקל אין שטוב. שווײַגנדיק האָט יעדער איינער געפֿילט זײַן שולד — דער פֿאָטער, די מוטער, די באָבע. וואָס איז, — האָט איצט יעדערער פֿון זיי געטראַכט, — זיאַמע איז דאָך שוין ניט קיין ייִנגעלע. דאָס זײַנען זיי געוווינט צו קוקן אויף אים, ווי אויף א קינד, נאָר ער איז דאָך שוין אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט! ער האָט, נישקאָשע, רעכט אַליין צו באַשטימען ווער איז אים ליב. אין אַזעלכע זאַכן זײַנען ניט שײַעך ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע, און קיין באָבע אוואַדע ניט... וואָס זשע איז מען אַזוי באַפֿאַלן די קינדער? און וואָס הייסט — אַרויסטרײַבן פֿון שטוב?

אַזוי האָט יעדערער אין זיך געטראַכט, האַלטנדיק זיך פֿאַרן שולדיקן און פּײַניקנדיק זיך מיט דער דאָזיקער שולד. פֿלעגט מען אָבער פֿאַרפֿירן א שמועס, האָט זיך אַלע מאָל באַקומען אַזוי, אַז באַשולדיקט האָט מען ניט זיך, נאָר איינער דעם אַנדערן.

— דאָס האָסטו געזאָגט: „האָסטו מער ניט וואָס צו טאָן בא אונדז אין שטוב", — האָט דער טאַטע פֿאַרגעוואָרפֿן דער מוטער.

— נו, האָב איך געזאָגט, — האָט זי אָפּגעענטפֿערט, — און דו? ווו ביסטו געווען? כײַ וואָלסטו אים צוגעהאַלטן...

— ניט אַזוי האָט מען געדאַרפֿט טאָן, ניט אַזוי, — האָט געמורמלט די באָבע.

— איר, שוויגער, האָט דאָך אויך געשוויגן, צו וואָס זשע איצט אײַערע ריידז? — איז אַף איר אָנגעפאַלן דער איידעם.

יאָ, אַלע זײַנען שולדיק געווען, יעדערער באַזונדער האָט עס געפילט, נאָר איינער פאַרן אַנדערן זיך מודה זײַן, — ניט.

צו זיי איז דערגאַנגען, אַז דער זון לעבט באַ זײַן כאַווערס עלטערן, אַז מע האָט דאָרט געפּראָוועט אַ שטילע כאַסענע, אַ כאַסענע אָן זיי, אָן טאַטע־מאַמע. אַפסנײַ האָט זיך צעשפּילט דער פּאַרדראָס אַפן ווידערשפּעניקן זון, — סטײַטש, אַנטאָן אַזאַ ביזאַיען...

די מאַרעשכוירע אין שטוב איז מיט יעדן טאָג געוואָרן גרעסער, גרעסער די אָנגעשטויסנקײַט פון איינעם אַפן אַנדערן. די מאַמע איז געווען אָנגעשטויסן אַפן טאַטן, דער טאַטע — אַף דער שוויגער, די שוויגער — אַף זיי ביידן. האָט זיך עמעצער אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, איז עס געווען אָן אומצופרידן, בייז וואָרט. פון דער מישפּאָכע האָט איינגאַנצן זיך אָפּגעטאָן דער שאָלעם־באַיִס.

מע האָט געהאָפט: ס׳וועט דורך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, זיאַמע וועט ניט אויסהאַלטן, וועט זיך אומקערן. נאָר די וואָכן זײַנען געגאַנגען, און זיאַמע איז ניטאָ. אָן אײַזערנער כאַראַקטער! האָט מען שוין אָנגעהויבן קלערן, — יעדערער פאַר זיך, — אַז עפּשער דאַרף מען נאָכגעבן און אַליין קומען צום זון מיט דער שנור. אַזוי האָבן געטראַכט אַלע דרײַ, נאָר אַרויסזאָגן דעם געדאַנק אין דער הויך האָט מען מוירע געהאַט: די שוויגער — פאַר דער טאָכטער, יענע — פאַרן מאַן, און דער מאַן — פאַר זיך אַליין...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז — ווידער טאַקע פון אַ זײַט — מע האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי, טאַטע־מאַמע, זײַנען שוין אַ זיידע און אַ באָבע, און די באָבע איז מיט מאַזל געוואָרן אָן עלטערבאָבע...

4

אין איינעם אַ זונטיק, — ס׳איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג, — האָט מען זיך אַרײַנגעשטעלט צו זיאַמעס כאַווער אין שטוב אַלע דרײַ — דער טאַטע, די מאַמע און די באָבע. דערזען די אומגעריכטע געסט, איז מען דאָ געבליבן מיט אָפענע מײַלער, ניט ווייסנדיק — מאַכן אַ באַרויגעזע אָדער אַ צופרידענע מינע... בלויז איין באַשעפעניש, דאַפקע דאָס ייִנגסטע און דאַפקע דאָס, וואָס האָט נאָך טאַקע ניט געוווּסט פון עפּעס צו זאָגן, האָט, פונקט ווי עס זאָל שוין יאָ עפּעס וויסן, באַגעגנט פונעם וויגל די אַרײַנגעקומענע מיט אַ צעשמוכט מײַלעכל. און אָט דער שמוך איז געווען ווי אַ מין סיגנאַל, און אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, וואָס מע האָט צו טאָן: פרייען זיך דאַרף מען! און קושן זיך... האָט מען אַזוי טאַקע געטאָן.

די עלטערבאָבע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וויגל:

— מיר פאַר דײַן לויטער פּאָנעם!..

— זע נאָר, סאָראַ שיינס, קיין אײַנהאָרע! — האָט אויסגערופן די באָבע.

— זיאַמע מיט די ביינער! — האָט געזאָגט דער פריש געבאַקענער זיידע.

דוסיע האָט מוירע געהאַט, — דאָס קינד וועט זיך דערשרעקן, ווען ס׳האָבן עס אַרומגעשטעלט אומבאַקאַנטע מענטשן. ניין, דער באָכערעץ האָט צו זיי געשמוכט און געלאָזט צופרידענע בלעזלעך מיטן מײַלעכל...

מע האָט געגרייט צום טיש און געמאַכט אַ קוּיסע.

פון דעם טיש צו אַ צווייטן — באַ זיאַמעס עלטערן.

ווען מע האָט שוין שפּעט אין אָוונט זיך אופגעהויבן, האָט זיאַמעס פאָטער זיך אָנגערופן צו זיאַמעס כאַווער און צו זײַנע עלטערן:

— אַ דאַנק אײַך, ליבע מענטשן! מיר זײַנען מיט אײַך פרײַנט איצט אַפן גאַנצן לעבן. און דו, זון מײַנער, — האָט ער, אָן אופגעלייגטער, אַ גליקלעכער, זיך אַ קער געטאָן צו זיאַמען, — מיט ווײַב און קינד בלײַבט דאָ. דאָ איז אײַער היים. מאַסקים?

זיאַמע האָט געענטפערט ניט באַלד. אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט און — צו דוסיען:

— מאַסקים?

יענע האָט אַף אַלעמען געקוקט מיט גליקלעכע אויגן.

— ער... ווי ער וועט זאָגן, — האָט זי געוויזן אַפן וויגל.

שמוכנדיק, האָט דאָס ברעקל אופגעהויבן מיטאַמאָל די הענטלעך מיט די פיסלעך.

— מאַסקים, מאַסקים! — האָט אויסגערופן די באָבע.

און די עלטערבאָבע — איבערן וויגל:

— מיר פאַר דײַן קלוגן קאָפּ!..

5

כ׳ווייס, ניט שיין איז אַרײַנקוקן אין פרעמדע פענצטער. נאָר כ׳בין זיך מודה: אַמאָל האָב איך עס ליב צו טאָן. ניט צוליב אונטערקוקן עפּעס מיט אַ שלעכטן מיין, כאַלילע! — פּאָשעט, טשיקאַווע לויט אַ מענטשלעכן סילועט, לויט אָן אופגעכאַפּטן זשעסט זיך פאַרשטעלן, ווי לעבן מענטשן, ווי גייט עס זיי?

וואָס איז שײַעך דעם פענצטער פונעם אַנטקעגנדיקן מויער אַפן ערשטן שטאָק, ווער איך

אָפּטמאָל, ניט ווילנדיק, אָן איידעס דערפון, וואָס דאָרט טוט זיך.

עס טרעפט, אז א גאנצן אָוונט באווײַזט זיך ניט אין יענעם פענצטער קיין שײַן, און עס בליאסקעט בלויז אָפּ מיט די טונקעלע טאפליעס. זיצט מען, הייסט עס, אין די אנדערע צימערן. און אמאָל גיט דאָס פענצטער א גיס אָן זיך מיט שײַן, און דאָס גאנצע צימער ווערט — איין דורכזיכטיקער אקוואריִום... באזונדערס אָפּט האָט אָנגעהויבן לײַכטן אָט דאָס פענצטער נאָך דעם, ווי דאָ האָבן זיך באזעצט דער זון מיטן יונג ווײַבל און דעם קינד. ווײַזט אויס אז טאקע דעם דאָזיקן צימער האָט מען זיי אָפּגעגעבן.

אלץ האָט זיך דאָ איצט געביטן. דער מאנצבל רייכערט מער ניט און איז ניט פארומערט, ווי געוועזן. פארקערט, ער זעט איצט אויס אופגעלייגט, צופרידן, ביפראט ווען צוזאמען מיט אים שטייט דער זון — זײַן בראָנזן־ברוינער קערפער מיט די פעסטע ביצעפסן ביז העלפט אנטבלויזט, — מע שמועסט געמיטלעך, מע לאכט.

לענגויס דער גאנצער לאָדזשיִע איז דורכגעצויגן א שטריק. אָפּט באווײַזט זיך דאָ דאָס יונגע ווײַבל מיט די פלאקס־ווײַסע צעלאָזטע האָר, זי הענגט פאנאנדער ווינדעלעך, העמדעלעך.

איינמאָל האָב איך לאנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ס'איז שוין געווען אזייגער דרײַ באנאכט, און איך האָב נאָך קיין אויג ניט צוגעמאכט. בין איך אופגעשטאנען און, קעדיי ניט שטערן די שטוביקע, שטיל ארויס אין קיך, אײַנגעשלאָסן דאָרט די שײַן. כ'טו א קוק — דאָס פענצטער אנטקעגן לײַכט זיך אויך. וואָס אזוי שפעט? — האָב איך א קלער געטאָן און דערזען — מע איז דאָרט אויף. די מאנצבלען שטייען אין א ווינקל. די באָבע לייגט עפעס איבער אין וויגל. די יונגע מאמע אינעם לאנגן נאכט־העמד טראָגט זיך ארום מיטן אייפעלע, און דאָס קינד, צו זען, וויינט, עס פארגייט זיך. זי האָט עס געהויבן, געטישקעט, אזוי און אזוי, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. דאן האָט דאָס אייפעלע איבערגענומען די באָבע, דערנאָך די עלטערבאָבע. און דאפקע בא איר איז עס, אפּאָנעם, אנשוויגן געוואָרן. אײַנוויגנדיק, אײַנשלעפערנדיק, איז זי פאמעלעך געגאנגען דערמיט איבערן צימער, און מיטאמאָל האָב איך דערזען, ווי אלע אין צימער דאָרט האָבן שטיל, אף די שפיץ פינגער גענומען איר נאָכגיין. זי מיטן אײַנשלאָפנדיקן קינד גייט, און זיי אלע נאָך איר...

אָט דאָס נעפעשל אנטקעגן, — האָב איך א קלער געטאָן, — קיין וואָרט איז עס נאָך ניט אימשטאנד ארויסצוריידן, נאָר זײַן וואָרט האָט עס שוין געזאָגט. ניט בעקויעך נאָך עפעס אופצוטאָן, האָט עס שוין אופגעטאָן, און ניט ווייניק. מענטשן, נאָענטע, אייגענע מענטשן, זײַנען גרייט געווען אָפּקערן זיך איינס פונעם אנדערן, האָט עס זיי פאראייניקט, געבראכט זיי דעם שאָלעם...

לאנג נאָך האָב איך ניט אָפּגענומען דעם בליק פונעם פענצטער אנטקעגן.

יאָ, האָב איך געטראכט, גרויס איז דעם מענטשנס אופטו שוין דערמיט אליין, וואָס ער קומט אף דער וועלט...

באַריס מאַגילנער

פּאַרשקיע

12

דאָוויד פאַרמאַכט די טיר אין נאַרשיינס קאַבינעט רו͏ִיק, ניט מיט די הענט — מיט דער פּלייצע, טוליעט זיך צו איר צו און וואַרט אויס א רעגע, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז זי צעעפנט זיך ניט אָפּצוריק. דאָוויד איז זיכער, אַז דאָרטן, הינטער דער פּלייצע, וועט באַ אַנע אַרנאָל־דאָוונען מיט זײַן ווײַב קיין בייזס ניט געשען. ער פילט עס מיט יענעם כוש, וואָס צומאָל רופט מען עס פאַרגעפיל, נאָר אינדערעמעסן האָט עס ניט קיין אַדעקוואַט וואָרט אין דער שפּראַך.

אָן ענלעכער פאַרגעפיל איז באַ דאָווידן געוועזן אויך דעמלט, מיט יאָרן צוריק, באַ די על־כאַטאַוואַר טויערן, אין יענעם נעפּלדיקן אינדערפרי, ווען עס האָבן זיך צעהודעט די פײַנט־לעכע טאַנקען־מאָטאָרן און אינעם טאָל האָבן זיך ווידער צעבושעוועט פײַער־זײַלן.

האַגאַם ביז אַט דער רעגע האָט שוין דאָוויד ניט איין מאָל דורכגעקאָנטראָלירט, וויאַזוי עס פונקציאָנירן זײַנע פאַרבינדונגס־מיטלען — די נערוון פון דער באַטאַרייע, בעט ער ווידער זײַנע טעלעפאָניסטן, זיי זאָלן א טאַפּ טאָן די קאַבעל־ליניעס און די ראַדיסטן זאָלן נאָכאַמאָל אויספּרוּוון די ראַציעס פונעם דיוויזיאָן און פון דער בריגאַדע.

דאָווידס פאַרבינדלער, דער אַרטילעריסטישער אויסשפּירער, שטייט לעם אים, קוקט פונ־דערזײַט אַף דער קוואַרער, קליינטשינקער פיגור פון זײַן קאָמאַנדיר און קלערט, פונוואַנען נעמט זיך צו זײַן קאָמבאַט אַזאַ מין קראַפט, אַזאַ מעכטיקער ווילן? באַזונדערס געפעלן דעם פאַרבינד־לער דאָווידס הענט, אויך טרוקענע, אַזוי ווי די אַקסלען, אָבער פלינקע, גענ‌יטע, וועלכע שפּילן, דוכט זיך, אין א קלוגער שפּיל מיט דער סטערעאָטרויב. און דער לאָקן, וואָס קריכט אַרויס פון אונטער דער פילאָטקע, דאָווידס עטוואָס נאַסלעכער שוואַרצער לאָקן, וואָס דערמאָנט מיט זײַן פאַרב דעם שטאָל פון א פּיסטויל, דער לאָקן געפעלט אויך דעם פאַרבינדלער. ער איז ניט פאַרליבט אין קאָמאַנדיר, אָבער געטרײַ, איבערגעגעבן אים איז ער מיטן גאַנצן וועזן.

דער הימל הייבט זיך פּאַמעלעך אויף העכער, די וואָלקנס ווערן עטוואָס ענלעך אַף באָטשאָן־פּעדערן, וואָס צעוויקלען זיך, טיילן זיך אַף איינער פונעם אַנדערן, עס באַווײַזן זיך אַפילע קליינינטשקע בלויע קרײַזעס אײַז צווישן אַט די געדיכטע פלעדערווישן — הייסט עס, אַז אײַנגיכן קאָן מען שוין דערוואַרטן אַן אָנפלי פון די פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־ערעראָפּלאַנען. אין די שוץ־גראָבנס פון די פײַער־פּאָזיציעס, אין די פאַרבינדונגס־גענג צו דער פּעכאָטע, וווּהין דאָ־ווידאיז פונדעסטוועגן באַנאַכט דערגאַנגען, האָבנדיק אין זינען, אַז עס וועט אויסקומען בייס דער שלאַכט אַרויסרוקן זײַן באַאָבאַכטונגס־פּונקט פאָרויס — אומעטום איז דאָווידן געוועזן אָנ־גענעם דער דופּט פון טערפּקן פרישן זאַפּט פון די אָפּגעהאַקטע ביימער־וואָרצלען.

דוכט זיך, אַז אַט ערשט זײַנען די וואָלקנס געלעגן אומבאַוועגלעך אָפּן ברוסטוואַר פון זײַן באַאָבאַכטונגס־פּונקט, אַז נאָרוואָס איז דאָס פּאָנעם געווען פּײַכט פון זיי — און אַט הענגען זיי

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 9.

שוין מערסטנטייל אף די ביימער־שפּיצן, שוועבן, פּאַרטשעפּענדיק מיט די אַראָפּהענגענדיקע צעפּליקטע פּאַלעס זייערע די צווײַגן, און פון די וואָלקנס פּאַלן שטיקער און טײַען אין דער הייך.

דער פּאַרגעפּיל, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, אַז זיי וועלן געווינען אויך דעם פּאַרשטייענדיקן געראַנגל, איז געווען ניט פּאַשעט קיין געפיל, נאָר אַן איבערצײַגונג, און ניט פּראָסט אַן איבערצײַגונג — דאָוויד האָט שוין מיט זײַן גאַנצער ביז־אַהעריקער דערפאַרונג געוווּסט, אַז דעם פּײַנט קאָן מען ניט בלויז שלאָגן, נאָר אויך אָפּשטעלן. און אויב מע קאָן עס ביכלאַל, וועט מען אים ניט לאָזן קריכן פאָרויס, מע וועט אים אומבאַדינגט אָפּשטעלן, ווי נעכטן. דערווײַל איז עס טאַקע דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אָפּשטעלן דעם סוינע. נעכטן האָט זיך עס אײַנגעגעבן. דאָס איז דאָס סאַמע גרעסטע און דאָס סאַמע בעסטע, וואָס מע האָט געקאָנט און געדאַרפט טאָן.

רעכטס פון אונטן, א באַפרײַטער פונעם נעפּל, ליגט דער טאָל און וואַרט אף א געוויטער. דער טערעק מיט זײַנע קאַלאַמוטנע וואַסערן צעשנײַדט אים אַפּצווייען. פּאַזע דעם ברעג פונעם טײַך הויקערן זיך גרויסע ווערבעס. אפן רעכטן ברעג, לעבן די ביימער, ציט זיך אַן אײַזנבאַן־ליניע. צווישן די רעלסן דרעמלען פעך־שוואַרצע שפּאַלעס, און זיי זעען אויס, ווי אף דער ערד וואָלט געלעגן א לאַנגער לייטער מיט טרעפּלעך, ענלעכע אף אָנגעשוואָלענע דאָמינאָ־ביינדלעך.

אַצינד, ווען דאָווידס פאַרבינדלער טוט אף אים א קאָסע מיטן אויג, דוכט זיך אים אויס, אַז דאָוויד איז גאָר ניט אַזאַ יונגיטשקער, ווי ער איז אינדערעמעסן: עפּעס א צו שווערע, ניט־יוגנטלעכע מידקײַט איז פאַרטײַעט אין זײַנע ניט־רוסישע אויגן, און אומדערמידלעך האַרב זײַנען צונויפגעפּרעסט דעם קאָמבאַטס עטוואָס אָנגעקנייטשטע ליפּן.

דאָס הודען פון די פאַשיסטישע טאַנקען און אַעראָפּלאַנען, די האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע, און דערנאָך, אין א קליין שטיקל צײַט אַרום, די באָמבע־עקספּלאָזיעס און מינענוואַרפערס־געפּײַף, און ביכלאַל דער געוויינלעכער אַנגלי פון א גרויסער שלאַכט, האָט זיך טאַקע גאָר אײַנגיכן דערטראָגן צו דאָווידן, אָבער געהערט האָט זיך עס אַלץ פון לינקס, פונעם טערעק־טאָל, פון יענעם טייל טאָל, וואָס איז געווען דירעקט צוגעקלעפּט צו די שוואַרצע בערג — צום צופוסנס פונעם גרויסן קאַווקאַזער רוקנביין, צו דער לאַנגער קייט בערג־הויכענישן, וואָס ציִען זיך פון נאַלטשיק אַזש ביז צו דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע און ווײַטער — אַהין, וווּהין עס דערגרייכט אַפילע ניט דאָווידס פאַנטאַזיע... דער שלאַכט־גערויש וויקלט זיך פאַנאַנדער גאָר ווײַט פון דער ריכטונג, וועגן וועלכער עס האָט געטראַכט דאָוויד און וווּ מע האָט געוואַרט. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט זיך דאַרטן, לענגאויס די שוואַרצע בערג, אונדזער מיליטער געלאָזט מיט א שטורעם אף נאַלטשיק, וועלכן עס האָבן לעצטנס פאַרכאַפּט די היטלעראָווצעס. דאָוויד האָט עטלעכע מאָל געוואָרפן דעם בליק אפן ראַדיסט — עפּשער וועט ער עפּעס אים איבערגעבן וויכטיקס, אַזעלכס, וואָס וועט מיטאַמאָל אויסקלאָרן די אומגעבונג. אין דער ראַדיאָסטאַנציע האָט אָבער געבושעוועט א ווערטער־געוויטער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צו דעם, אף וואָס דאָוויד האָט געוואַרט.

ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט און געגלייבט, אַז אָט־אָט וועט מען אויך דאָ, בא די עלכאָטאָווער טויערן, אינעם עלכאָטאָווער טאָל, אָנהייבן דעם אָנגריף אף די פאַשיסטן. לויט זײַן מיינונג האָט אַנדערש ניט געקאָנט איצט פּאַרקומען. ער האָט לאַנג געוואַרט. קימאַט א גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט אף דעם געגאַרטן באַפעל אַרויסצוטרעטן פאָרויס און צעשמעטערן דעם פּײַנט.

נאָר אָוונט־צו איז דאָווידן געוואָרן קלאָר, אַז די פאַשיסטן האָבן אונדז איבערגעכיטרעוועט — זייער מיליטער, קאָנצענטרירט אף א ביז גאָר שמאָלן באַצירק, בלויז עטלעכע קילאָמעטער די ברייט, אפן בײַבאַרגיקן וועג, וואָס פירט פון נאַלטשיק צו אָרדזשאָניקידזע, איז געלונגען דורכברעכן אונדזער פראָנט און זיך לאָזן מיט אַלע זײַנע קויכעס צו אָרדזשאָניקידזע, וואָס האָט זיך בא די פאַשיסטן גערופן, ווי אַמאָל בא אונדז — וולאַדיקאַווקאַז. ס'האָט זיך אָבער אײַנגעגעבן אָפּשטעלן דעם פּײַנט אף די נאָענטסטע צוגאַנגען צו דער שטאָט — אינעם אָסעטישן יישעוו גיזעל.

דאָוויד שטייט לעם זײַן סטערעאָטרויב אָפּהענטיק און שווײַגט. אים מאַטערט דער געפיל, אַז דאָס האָט דער פּײַנט אים פּערזענלעך אָפּגענאַרט און באַליידיקט. ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דאָוויד האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן ווײַטער, ווײַל שטיין און וואַרטן, ווען עס גייט א שלאַכט לינקס, טאַקע יענע שלאַכט, וועלכע האָט זיך געדאַרפט פאַנאַנדערוויקלען דאָ, איז פאַר דאָווידן געווען אומדערטרעגלעך. נאָר ניט דער קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן, ניט דער קאָמאַנדיר פון זײַן אַרטילערישער בריגאַדע האָבן אים קיין צוגאָבלעכע באַפעלן ניט איבערגעגעבן. ס'איז געווען אַן אַלגעמיינער באַפעל, אַן איין־און־אײַנציקער: ניט דורכלאָזן דעם פּײַנט. אָט דעם באַפעל מוז מען אויספילן — און שוין. אויב עס זײַנען ניטאָ קיין אַנדערע. ניטאָ —

הייסט עס, אז אזוי דאַרף עס זײַן. נאָר דאָוויד הערט ניט אויף צו וואַרטן. פֿונעם באַאַבאַכטונגס־פּונקט גייט ער ניט אַוועק. ער פֿאַרשטייט, אַז גראָדע איצט זײַנען מעגלעך די סאַמע געוואַגטע, די סאַמע דרייסטע באַשלוסן, און מע דאַרף זײַן גרייט צו אַלע אומגעריכטקייטן. אַף דער באַטאַרייע לאָזט מען ניט אַרויס פֿונעם אויג דעם פֿײַנט. אָבער דער טאָג גייסעט שוין. פֿון אונטן, ווו די פֿעלד־קיך, טראַסקענדיק אַפֿן שליאַך מיט אירע הויכע רעדער, אײַלט זיך צו די פֿײַער־פּאָזיציעס, איז שוין טונקל, כאָטש דאָ, אַפֿן באַאָבאַכטונגס־פּונקט, איז נאָך די לופֿט העלבלעך.

מיטאַמאָל דערהערט זיך דעם ראַדיסטס איבערגעשראָקן קאָל:

— כ׳האָב געוווּסט... געפֿילט האָב איך, — קוויטשעט ער אַרויס, רײַסט אַראָפּ פֿון זיך די נאָושניקעס און לויפֿט צו צו דאָווידן: — באַקומען... נאַרוואַס... ס׳איז באַפֿוילן געוואָרן אָפּ־טרעטן... וואָס זשע באַטײַט עס, האַ?

דאָוויד טוט אַ קוק אַפֿן ראַדיסט שטרענג:

— סמירנאָ! איר ווייסט דען ניט, וויאַזוי מע ראַפּאָרטירט? פֿאַריכט די פּילאָטקע, זי זיצט בײַ אײַך אַפֿן נאַקן. איך הער אופֿמערקזאַם אײַער באַריכט.

— דער פּאָלקאָווניק, דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע, באַפֿעלט אַריבערגיין אַפֿן רעכטן ברעג פֿונעם טערעק און שאַפֿן דאָרט אַ פֿאַרטיידיקונג־ליניע...

דער ראַדיסט סטאַרעט זיך אַלץ אַרויסצוזאָגן קלאָר, און דײַטלעך, אָבער דער צונג זײַנער איז ווי פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין מויל, און טראַכטן טראַכט דערבײַ דער ראַדיסט וועגן דאָווידן ניט גוט: „אים אַרט ניט, וואָס מיר טרעטן אָפּ, אָט דעם סלוזשביסט, אַבי די פֿאָרמאַליטעט זאָל זײַן אויסגעפֿילט, אין אַזאַ מינוט”.

דאָוויד באַפֿעלט דעם ראַדיסט אויספֿילן זײַנע פֿליכטן ווײַטער און זאָגט דערבײַ:

— דער רימען! דער רימען איז בײַ אײַך שוואַך פֿאַרצויגן.

עס הייבט אָן טריפֿן אַ רעגנדל — פֿונוואַנען האָט עס זיך גענומען, אַז קיין כמאַרעס זײַנען, דוכט זיך, אין הימל ניט געהאַנגען? דאָוויד ציט אַרויף אַף זיך די פּלאַשטשפּאַלאַטקע, בלײַבט שטיין אַפֿן בריקל איבערן טערעק, לאָזט דורך פֿאַרויס זײַן באַטאַרייע.

— מיר טרעטן ווידער אָפּ, קאָמבאַט? — דערהערט דאָוויד.

— בעשום־אויפֿן ניט! מיר בײַטן די פּאָזיציעס.

— צו אָפּט עפּעס בײַטן מיר זיי.

— אַזוי דאַרף מען.

— די נײַע פּאָזיציעס וועלן דען זײַן בעסערע?

— אומבאַדינגט!

און ווידעראַמאָל, זידלענדיק דעם רעגן און דעם ווינט, די האַרטע וואָרצלען און דעם שטיי־ניקן גרונט, און דערבײַ אויך די פֿאַרשאָלטענע פֿריצן, פֿאַרנעמט דאָוויד צו פֿאַרטאָג־צו די נײַע פּאָזיציעס.

שלאָפֿן דערלויבט ער זיך בלויז איין שאָ. דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק באַם פֿרישן טיש אין זײַן נײַ ערדשטיבל און פֿאַרקלערט זיך. די האַרמאַטן זײַנען בײַ אים אָנגעצילט אַף דער הויפּט־ריכטונג, פֿונוואַנען עס קאָנען אָנגרײַפֿן די פֿאַשיסטן. די אויסגאַנג־אַנגאַבן אַף צו פֿירן דאָס פֿײַער זײַנען צוגעגרייט. פֿונדעסטוועגן עפּשער אָנמערקן צוגאָבלעכע אָריענטירן?

דאָוויד טוט זיך האַסטיק אַ הייב פֿון אָרט.

— דער באַטאַרייע — אַכטונג! — באַפֿוילט ער דעם טעלעפֿאָניסט איבערגעבן די פֿאַראָר־דענונג אין אַלע וזוואָדן.

איין מעשעך פֿון אַ פּאָר צענדליק מינוט באַקומט דאָוויד אַלע אָריענטירן, וועלכע וועלן זײַן, לויט זײַן מיינונג, גענוג אַף צו באַגעגענען דעם סוינע מיט אַ פֿאַרניכטנדיקן פֿײַער. נאָר סײַווי ברענגט עס ניט קיין גרויס פֿרייד דאָווידן. ער קוקט זיך אַרום פֿון זײַן הויכע־ניש אַפּצוריק, אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע, ווו פֿון צײַט צו צײַט פֿלאַ־קערן אויף פֿײַנטלעכע באַלויכט־ראַקעטעס. „נו, מײַלע, אַהערצו האָט מען אונדז איבערגעפֿירט, — קלערט ער. — מע זאָל אונדז כאָטש מאָרגן ניט הייסן ווײַטער אַוועקפֿויזען”...

אינדערפֿרי איז אַף דער באַטאַרייע אָנגעקומען אַ בסורע, אַז דער גאַנצער אַרמיי, וועלכע האָט פֿאַרטיידיקט די עלכאָטאָווער טויערן, איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל גוואַרדיייִשע. די נײַס האָט איבערגעיאָגט דעם פֿײַנטלעכן אָנגריף עפּשער אַף אַ צענדליק מינוט, ניט מער, דע־ריבער איז בײַ די אַרטילעריסטן אַפֿילע קיין מעגלעכקייט ניט געווען צו פֿרייען זיך מיט אָט דער סימכע.

די פֿײַנטלעכע מאָטאָציקליסטן האָבן זיך דערקליבן צום ברעג פֿונעם טערעק מיט אַ שיי־סערײַ, נאָר קיין ווידערשטאַנד ניט באַקומען. דער בריק איבערן טײַך איז געשטאַנען ניט גע־רירט — אַזאַ איז געווען די פֿאַראָרדענונג: בעשום־אויפֿן אים ניט רוירן, אומבאַדינגט אים

איבערלאָזן גאַנץ. עפּשער האָט די קאָמאַנדשאַפֿט געהאַט אין זינען מיט אָט דעם צו באַווײַזן אונדזערע סאָלדאַטן, אַז מיר טרעטן ניט אָפּ, נאָר פֿאַרנעמען בלויז בעסערע — העכערע, הערשנדיקע פּאָזיציעס. נאָר די פֿאַשיסטישע אויסשפּירער זײַנען געבליבן שטיין באַם ברעג — אָפּן בריק ניט אַרופֿגעפֿאָרן און ניט צוריק אַוועקגעײַלט. „זיי שמעקן אויס“, — טוט אַ קלער דאָוויד, קוקנדיק אין בינאָקל אויף די ניטגעבעטענע געסט.

אונדזער ברעג שווײַגט. קיין באַפֿעל איז ניטאָ צו שיסן. דאָוויד טראַכט: איין וואָרט, איין פֿאַראָרדענונג — און פֿון אָט די מאָטאָציקליסטן וואָלט קיין זייכער ניט געבליבן. דאָוויד דערמאָנט זיך פּלוצעם, ווי אַזוי ער און דוסיע, צוויי נאַיִווע סטודענטלעך, זײַנען געזעסן צוגעטוליעט איינס צום צווייטן אויף דער אייבערשטער גאַלעריע פֿון קאַזאַנער אָפּערע און געקוקט אין דער גרוב פֿונעם אָרקעסטער, אַהין, וווּ עס איז אויף עפּעס אַ הויכעניש געשטאַנען אין אַ פֿראַק דער דיריגענט מיט צעפּאַטלטע האָר און מיט אַ דין שטעקעלע אין דער האַנט. אַלץ איז געווען געווענדט אין אָט דעם דיריגענט: טוט ער אַ מאַך מיטן שטעקעלע — לעבט אויף דער אָרקעסטער: די פֿידלען, די אַרפֿעס, די וויאָלאָנטשעלן די פֿאַגאָטן און פֿלייטן, די טראָמפּייטן און אַנדערע אינסטרומענטן... נאָר דער דיריגענט וואַרט... אויף וואָס וואַרט ער? אויף וועמען? דאָוויד שטייט איצט אויך, ווי אָט יענער דיריגענט, אָבער ניט אין פֿראַק — אין אַ שינעל, וואָס הענגט אויף אים, ווײַל ער איז צו קליין פֿאַר אָט דער שינעל. דער דיריגענט אין קאַזאַנער אָפּערע איז געווען אַ באַלעבאָס אויף קלאַנגען, און ער, דאָוויד, האָט אַ סך מער באַפֿולמעכטונגען — ניט נאָר מיט קלאַנגען האָט ער צו טאָן — מיט מענטשלעכע לעבנס. דאָוויד האָט ניט מורא פֿאַר פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, ער גלייבט אין זיך אַליין, אין זײַנע כאַווײרים פֿון דער באַטאַרייע, זײַנע פֿרײַנט אין דער פּעכאָטע — סײַ אויף רעכטס פֿון זיך, סײַ אויף לינקס. איצט שטייען דאָ, אויף אָט די פּאָזיציעס בלויז גוואַרדייער! פֿונדעסטוועגן, וואָס וואַרט אויף אים, ווייסט קיינער ניט.

דאָוויד זעט: די פֿאַשיסטישע אויסשפּיר־מאָטאָציקליסטן לאָזן זיך אַראָפּ צו דער בריק. באַ דאָווידן גלײַכן זיך אויס אָפּן פּאָנעם די קנייטשן: דער הער פֿאָן קלײַסט וועט זיך פֿאַרקלערן, ווען מע וועט אים אָפּגעבן אַ באַריכט, אַז די בריק איבערן טערעק איז גאַנץ און, קענטיק, ניט מינירט... און אונדזערע סאָלדאַטן זײַנען צופֿרידן: די בריק איז אויף זײַן אָרט — הייסט עס, אַז מיט אָט דער בריק וועלן זיך אונדזעריקע אומקערן צוריק אַהין, פֿונוואַנען זיי זײַנען נעכטן אַוועקגעגאַנגען...

דער קלאַפּ פֿון די פֿאַשיסטן איז געווען אַ סך אַ שטאַרקערער, ווי עס האָט דערוואַרט דאָוויד. ווי געוויינלעך האָבן זיי אָנגעגריפֿן סײַ אינדערלופֿטן, סײַ אויף דער ערד. לעכאַטכילע זײַנען אָנגעפֿלויגן די באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, און גלײַך נאָך דעם — טאַנקען, אַ גאַנצע טשערעדע טאַנקען מיט מאָטאָריזירטער פּעכאָטע.

אויסשטיין איז געווען ניט לײַכט.

נאָר מע איז אויסגעשטאַנען, מע האָט געמוזט אויסשטיין.

אַז ער איז פֿאַרווונדעט, האָט דאָוויד אַפֿילע ניט באַמערקט — און ס׳איז טאַקע געווען גאָר אַ לײַכטע ווונד: אַ קליין שפּליטערל האָט אַ צאַראַפּע געטאָן דעם שטיוול און האָט אים דורכגעלעכערט ביזן ביין. דאָוויד האָט אַפֿילע קיין ווייטעק ניט דערפֿילט. אַז ער זאָל אַוועק אין סאַניטאַר־באַטאַליאָן איז קיין רייד ניט געווען.

האָט אָבער געדאַרפֿט פּאַסירן, אַז פּונקט אין דער רעגע, ווען דאָווידן האָט פֿאַרטשעפּעט דער שפּליטער, איז אויף דער בריק איבערן טערעק אַרופֿגעקראָכן אַ פֿײַנטלעכער טאַנק. דער בראָניעבאָיִשטשיק אָסטאַפּענקאָ האָט זיך ניט געײַלט אַרויסלאָזן אין דעם טאַנק די קויל פֿון זײַן קעגנטאַנקען־ביקס. איוואַן האָט געוואַרט, ביז דער פֿאַשיסטישער פּאַנצער וועט צוגיין צום סאָף בריק. פֿון רעכטס און פֿון לינקס האָבן שוין אָסטאַפּענקאָס כאַווײרים אויף אים געשריגן, אונטערגעטריבן, ער זאָל וואָס גיכער אויסשיסן, אָבער אָסטאַפּענקאָ האָט זיך ניט געלאָזט אײַנריידן — פֿאַרן ברודערס טויט דאַרפֿן די היטלעראָווצעס באַקומען אַ פֿולע מאָס. און ערשט דאַן, ווען דעם סוינעס טאַנק האָט שוין געוואָלט אַ שפּרונג טאָן פֿון דער בריק אויף דער ערד האָט אים אָסטאַפּענקאָ אָפּגעשטעלט. אַ צווייטער פֿײַנטלעכער טאַנק האָט געפּרוווט אין פֿולן גאַנג אַראָפּשטופּן דעם אָפּגעשטעלטן, נאָר אָסטאַפּענקאָ האָט אויך דעם צווייטן אָפּגעשטעלט...

13

ווען דוסיע זעצט זיך פֿאַרזיכטיק צו, ווי געוויינלעך אין אָפֿיציִעלע קאַבינעטן, אָפּן פֿאָדערשטן ראַנד פֿונעם פֿאָטעל, דערקלערט איר נאַרשיין:

— כ׳האָב געוואָלט אײַך, יעוודאָקיִע פּעטראָוונאַ, גלײַך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, זײַט איר פּלוצעם אַנטרונען געוואָרן.

— אויסמוסערן קאָן מען אין א באַליביקער צײַט.

— פּאַרוואָס — אויסמוסערן? איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון אײַער לימעד. די סטו־דענטן, ווי איך פאַרשטיי, זײַנען אויך צופרידן. דאָס שאַץ איך העכער פון אלץ.

— צו אַזעלכע ליבגעזאַנגען בין איך ניט געוווינט, — דוסיע איז געווען אין פאַרלעגנהײַט. — ס'וועט זײַן אויך קריטיק.

אינטערעסאַנט, וואָס זשע אַזוינס וועט איר פּאַרוואָרפן, כּאַוועטע נאַרשיין?

— איר פעסטעט די סטודענטן, ווי א ניאַניע, — זאָגט זי.

— ס'איז דען שלעכט, ווען דו זעסט אין דער גרופּע אַלעמען איינעם און יעדערן באַ־זונדער? — דערוווּנדערט דוסיע. — ווען מע דאַרף — העלפן, וועמען — מוסער זאָגן...

נאַרשיין באַמערקט ווייך, נאָר מיט איבערצײַגונג:

דעם סטודענט דאַרף מען וואָס ווייניקער לערנען, קעדיי ער זאָל אַליין זיך מערער לערנען.

— אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק, האַגאַם א פּאַראַדאָקסאַלער.

— אין אַט דעם געדאַנק איז, ווי איך קלער, פאַרבאָרגן די גאַנצע אינסטיטוטישע מע־טאָדיק.

— קעדיי אַזוי צו אַרבעטן, דאַרף מען האָבן א באַזונדערן באַרוף, כ'וואָלט געזאָגט — א קינסטלערישן טאַלאַנט.

— ריכטיק. פּעדאַגאָגיק — דאָס איז קווידעמקאָל קונסט. אויב זי איז ניט קיין קונסט, הייסט עס, אַז זי איז ניט קיין פּעדאַגאָגיק.

דוסיע דערפילט זיך מיטאַמאָל א באַפרײַטע פון איר אָנשטרענגונג. זי לייגט אַפילע אַוועק פרײַ די האַנט אויף דעם עלנבויגן־לײַסטל. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, ענטפערנדיק אויף אַנע אַרנאָלדאָווּנעס עפּעס א פראַגע, ווערט זי פאַרכאַפּט, דערציילט דער נײַגעריקער פאַרזיצערן פון אַרטקאָם וועגן איר יוגנט, וועגן דעם, ווי עס איז איר ניט פּאַשעט געווען צו שטילן דעם דאָרשט צו לערנען זיך.

נאַרשיין שלאָגט זי ניט איבער. זי הערט דוסיען אויפמערקזאַם. נאַרשיין וויל וויסן אַלץ. אין אַט דער רעגע טראָגט זיך דורך פאַר דוסיען איר גאַנץ לעבן: דער קאַזאַנער פּעדאַגאָ־גישער אינסטיטוט, די באַגעגעניש מיט דאַווידן, וועלכער האָט זיך געלערנט מיט איר אין איין גרופּע... אַט דער באַכער מיט די גרויסע אויגן און מיט זײַן זייער ניט־רוסיש פּאָנעם האָט אויסגעזען אין אירע אויגן נאָך פּאַשעט א קליין יינגל, עפּשער א קלענערער ברודער, אָדער אַפילע א זון אירער, כאָטש געווען איז זי עלטער פון אים בלויז אויף צוויי יאָר. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאַוויד איז אַן אָקשן, א צילגעווענדטע יינגל. בערעק, דוסיעס און דאַווידס ערשטלינג, איז געבוירן געוואָרן נאָך ווען זיי ביידע האָבן זיך געלערנט אויפן צווייטן קורס. די לער אין אינסטיטוט האָט זיך דעמלט דוסיען פאַרענדיקן ניט אײַנגעגעבן. ניט איבער בע־רעקן — עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און דאַוויד איז אַוועק אין אַרמיי. פונעם לעצטן קורס. דוסיע האָט געמוזט פאַרלאָזן קאַזאַן און איבערפּאָרן אין דאָרף. אויך דאָרטן איז ניט זיס געווען.

דוסיע כאַפּט איבער דעם אָטעם, ווישט אָפּ מיט א טיכל די ליפּן.

— דעמלט האָב איך דערזען, אַז די נאַטור האָט אונדז, פרויען, באַליידיקט, — זאָגט זי מיט א זיפץ. — אָנשטאָט פיר הענט געגעבן בלויז צוויי... בלויז צוויי...

וויפל האָבן אָט די הענט איבערגעטאָן, איז ניט איבערצודערציילן.

צוהערנדיק זיך, ווי דוסיע דערציילט, שטעלט זיך פאַר נאַרשיין דאָס ווײַטע פּאַרוואָרפענע ווינקל — דאָס טאַטעריש דאָרף אוזעיעוואָ און דאָס הײַזקעלע, אָן אַרײַנגעוואַקסנס ביזן בויך אין שנײַ מיט דעם איין־און־איינציק פענצטערל, וואָס איז ניט באַגלאָזט, נאָר פאַרשטאָפּט מיט אַן אַרבל פון א שאָפּן־פּעלצל. צוערשט איז די שטוב געווען א ליידיקע, פיר ווענט — מער גאָרניט. אַפילע קיין אויוון האָט זי ניט פאַרמאָגט. און פון דאַווידן זײַנען ניטאָ קיין יעדיִעס.

ער איז אויפן פראָנט. ער וווייסט נאָך ניט, אַז זײַן ווײַב איז אָפּגעטראָטן, פאַרלאָזט די שטאָט, איז אַוועק אין דער דאָרפישער ווײַטעניש, פאַרנומען דאָרט פּאָזיציעס נײַע, א סוואָרע, ניט קיין בעסערע פּאָזיציִעס... אין א קורצער צײַט אַרום וועלן זײַנע בריוו א כלינע טאָן אַהער, עס וועט אָנקומען זײַן געלט־אַטעסטאַט. נאָר ווען דאָס סאַמע שווערסטע וועט שוין, דוכט זיך, דורכגיין, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע איז נאָך ערשט פאָרויס — דאַוויד איז אַנשוויגן געוואָרן. עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט מירע געהאַט דוסיע פאַרן בריוונ־טרעגער, ער זאָל איר ניט ברענגען דאָס שוואַרצע פּאַפּירל...

פיל האָט זיך דערוווּסט אַנע אַרנאָלדאָווּנע אַ וועגן איר קאָלעגע לויט דער קאַטעדרע, אי וועגן דאַווידן. און דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן איר, און וועגן אים, איז איר

2*

געוועזן איינצײַטיק אי אַנגענעם, אי טרויעריק און ווייטעקדיק. נאַרשיין האָט געפֿילט: דאָס, וואָס זי האָט הײַנט אויסגעהערט פֿון יעוודאָקיִע פעטראָוונען, האָט געמאַכט דאָווידן א סאַך נעענטער און ליבער, ווי ער איז געוועזן איר ביז אַהער.

די צווייטע שאָ פֿון זײַן לעקציע גייט דורך בא דאָווידן ניט ערגער און ניט בעסער, ווי די ערשטע. ער באַווײַזט אויפֿטאָן אַלץ, וואָס ס'איז בא אים אָנגעמערקט — אַלץ, וואָס מע דאַרף.

דוסיע וואַרט שוין אַף אים אין סאַף קאָרידאָר לעבן פֿענצטער.

— בייס מע לויבט מיך, שפּיץ איך אָן די אויערן, — זאָגט זי און רייניקט אָפּ דאָווידס אַרבל פֿון קרײַד. — נאַטירלעך איז דעמלט, ווען מע זידלט דיך.

— זי האָט דיך שטאַרק קריטיקירט? — פֿרעגט באַאומרויִקט דאָוויד.

— קריטיק — דאָס איז סאָפֿקאָלסאָף גאָר ניט אַזאַ מין שלעכטע זאַך, — זאָגט דוסיע און טוט א פֿיר מיטן שפּיץ צונג איבער די ליפּן. — ערגער איז, ווען מע האָט צו דיר ניט קיין שום פֿאָדערונגען אָדער טײַנעס.

— בעקיצער קאָנסטו? — שלאָגט זי איבער דאָוויד. — כ'וויל וויסן, ווי'אַזוי האָט נאַרשיין אויפֿגענומען דײַן לימעד. קאָנקרעט.

— א פֿינפֿערל אוועקגעשטעלט אין זאַטשאָטקע, — טוט א שמייכל דוסיע. — ביסט צופֿרידן? „דוכט זיך, אַז ער איז ווידער ברוטאַל מיט מיר, — קלערט זי דערבײַ. — אָדער עס ווײַזט זיך מיר אויס?” איר שטימונג פֿאַטערט זיך. עס איז ניט אויסגעוועפּט אַפֿילו קיין קאַפּל די געוויינהײַט צוצוטוליען זיך צום מאַן אין פֿרייד און אין לייד.

זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין אינסטיטוטישן סאָד.

לויט דאָווידס מיינונג איז דאָ געוועזן איצט אומהיימלעך. די שטעגן — פֿאַרשאָטן מיט בלעטער, די צווײַגן פֿון די עפּלביימער אומעטיקע, די אַגרעס־קוסטעס — הויל און פֿאַרשוואַרצט. דוסיען, פֿאַרקערט, איז אַלץ געפֿעלן, פֿון אַלץ איז זי פֿאַרגאַפֿט.

— אַזא כאַאָס אין דער נאַטור קאָנסטו באַגעגענען בלויז אין אָט דער צײַט, — זאָגט זי, און קלערט דערבײַ, אַז דאָס, וואָס זי איז ניט בעקויעך זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אירע אייגענע איבערלעבונגען, איז איצט ביכלאַל אַן איבעריקע זאַך. נאָר אָט דער געדאַנק שטערט איר ניט זיך ווונדערן: — אָט א הימל! טו נאָר א קוק, וואָס פֿאַר א הימל עס הענגט איבער אונדז! זעסט? א צעריסענער פּילפּאַרביקער, ווי אין פֿרילינג! פֿראַכטפֿול!

דאָוויד פֿאַרבײַסט דעם קאָפּ: טאַקע אָן עמעס — זייער רעגעוודיק, נאָר ער זאָגט:

— מיר ווענדן זיך אָפּ פֿון דער הויפּט־פֿראַגע. איצט אינטערעסירט מיך בלויז נאַרשיין. פֿינקטלעכער, וואָס וויל זי פֿון דיר? עפּשער האָט עמעצער פֿון די סטודענטן זיך אָנגעקלאָגט אַף דיר?

— איך האָב שוין פֿונלאַנג פֿאַרגעסן, אַז מיט די סטודענטן זײַנען ביכלאַל מעגלעך קאָנפֿליקטן.

— איך קלער, אַז נאַרשיינס וויזיט איז מיט עפּעס א מיין.

— איך האַלט אָבער, אַז עס איז גאָר ניט קיין ווונדער, ווען איין לערער באַזוכט דעם צווייטן, ווען עס גייט אַן אויסטויש פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, ביפֿראַט נאָך, ווען דער פֿאַרזיצער פֿונעם אינסטיטוטישן אָרטקאָם באַזוכט א לימעד פֿון א געוויינלעכן דאָצענט.

— אַנע אַרנאָלדאָוונע איז גראָד איצט זייער פֿאַרנומען: זי איז איבערן קאָפּ אַרײַנגעטאָן אין דער צוגרייטונג צום זעכציקסטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, צום שטאָטישן דורכקוק פֿון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט, צום פֿײַערלעכן קאָנצערט — און וועט ניט פֿאַרטערן אומזיסט קיין צײַט אַף וויזיטן צו אירע קאָלעגן...

— האָסט מיך פֿאַרינטריגירט, דאָדיע. וואָרט נאָר צו...

דוסיע קנייטשט דעם שטערן. „ער איז עפּשער טאַקע גערעכט, — טוט זי א קלער. — נאַרשיין האָט אָפּגעוויס אין זינען דעם פֿאָסטן פֿונעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַטעדרע, וואָס באַפֿרײַט זיך. קענטיק, אַז דער אַלטער פֿאַרוואַלטער וועט אוועק אין דעמיסיע... הייסט עס, אַז נאַרשיין איז מיך כוישעד, טאָמער פּרעטענדיר איך אַף אָט דעם אָרט. ניט אומזיסט האָט זי געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז אין אינסטיטוט זײַנען אַף אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס פֿאַרנומען זייער ווינציק פֿרויען. זי האָט פֿראָוואָצירט אַן ענטפֿער, און אָט פֿאַרוואָס זי איז אַזוי געוועזן צופֿרידן, ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז פֿאַר א פֿרוי איז בעסער ניט זײַן קיין נאַטשאַלניק, א פֿרוי דאַרף האָבן קינדער, דאָס איז איר העכסטע פֿליכט”.

דוסיע צעשמייכלט זיך.

— וואָס קוועלסטו? — אינטערעסירט זיך דאָוויד.

— איך וואָלט פֿונדעסטוועגן געגנומען אַף זיך דעם כעט, — רופֿט זיך אָפּ דוסיע. — איך וואָלט מאַסקים געווען נעמען די קאַטעדרע.

דאָוויד איז אין פאַרלעגנהייט:

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס?

נאָר ער דערהערט, ווי אַ יונג קעלבל טוט אַ רוף:

— דאָוויד איסײַעוויטש!

אינעם אינסטיטוטישן וועסטיביול שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער אַרײַן אַ שלאַנקע לאַנג־פוסיקע סטודענטקע אין אַ מיני־קליידל.

נאַרשיין, וועלכע איז צופעליק, אָדער עפּשער בעקיוון, אַדורך פאַרבײַ, טוט אַ שמייכל:

— די קאַפּטע אַרופגעצויגן אַף זיך — דאָס קליידל פאַרגעסן...

און פאַרבײַסט גלײַך די צונג, כאַפּנדיק אַ קוק אַף אירע אייגענע קני, וועלכע זײַנען אויך קוים צוגעדעקט מיטן קליידל.

דאָוויד רופט זיך ניט אָפּ, בלויז די אויערן פאַרויטלען זיך בא אים — מיט אַן איבעריקער אופמערקזאַמקייט און נײַגעריקייט טוט זיך אַ גליטש זײַן בליק איבער אַנע אַרנאָלדאָוונעס פעסטע שיינע פיס.

פון סאַד קערט זיך אום אויך דוסיע.

נאַרשיין באַמערקט:

— פאַרלאָרן דעם מאַן, האַ?

— שטעלט זיך פאָר, אַז טאַקע יאָ, פון אונטער די הענט האָט מען אים אַרויסגעכאַפּט בא מיר, — פּרוּווט אונטערהאַלטן אַנע אַרנאָלדאָוונעס שטיפערישן געשפּרעך דוסיע. — עפּעס אַ נײַע אויסערגעוויינלעך אויסעראָרדנטלעכע געשעעניש אַף זײַן פאַקולטעט.

— יאָ, איך האָב געזען, ווי דאָוויד איסײַעוויטש האָט געמאַכט פון אײַך די פּליטע...

— וויי צו מיר, — האַלט אונטער דעם דוסיע קאַטאָוועסדיקן, ווי עס דוכט זיך איר, דיאַלאָג אַף נאַרשיינס הומאָריסטישן אויפן. — וואָס זשע קומט עס פאָר? אַן עפּנטלעכער סקאַנדאַל? אַ גאַנץ מעגלעך. נאָר אויב ערנסט, וואָס זײַנט איר עס אַזאַ מין כמורנע, יעוודאָקיִע פּעטראָוונאַ?

— אין אָט דער רעגע? איצטער? אַלץ איינס און דאָס זעלבע: מײַן באַשערטער צעטרענצלט זיך אַף דער רועך ווייסט וואָס!

— איר זײַנט צו שטרענג צו דאָוויד איסײַעוויטשן. ווי איך פאַרשטיי, איז דאָס דערפאַר, וואָס ער פּילט אויס געוויסנהאַפט זײַנע פליכטן. און אויב ניט אַלץ באַקומט זיך בא אים, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט, איז טוט אַ קוק, סאַראַ שווערן וואָגן ער שלעפּט.

אין אַנע אַרנאָלדאָוונעס רייד פילט דוסיע עפּעס אַ טיף פאַרטײַעטע וואָרענונג, און זי שטרענגט זיך אָן, ווערט זייער ערנסט.

— איך דערלאָז, ווײַזט אויס, אַ טאָעס, — זאָגט זי. — כ׳בין אין קאַס אָפּן מאַן, כ׳דאַרף אָבער זײַן באַרויִקט ניט אַף אים, אַף זיך אַליין.

— פאַרוואָס?

זיי הייבן זיך אָן שעפּטשען איינע מיט דער אַנדערער און טוען דאָס אַזוי לאַנג, ביז פונעם ווײַטן קאָרידאָר רײַסט זיך אַרויס דאָוויד. אַפילו פונדערווײַטנס קאָן מען באַמערקן, אַז ער איז צערודערט.

— קומט אַהער, — פאַרבעט אים נאַרשיין.

ער גייט צו געהאַרכזאַם צו די פרויען.

— איצט וועט שוין מיר די נאַטשאַלסטווע אין די ביינער אַרײַנלייגן, — זאָגט ער, ניט דערגייענדיק צו די פרויען אַ פּאָר טריט. — און ס׳איז דאָ פאַרוואָס. בא אַ לערער אָפּן פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט האָב איך צוגעגאַנוועט אַ גאַנצע גרופּע יאַטן־טענצער, בא וועלכע עס האָט געדאַרפט זײַן אַן אומבאַדינגטע קאָנסולטאַציע. איר האָט אַזעלכס געהערט אַמאָל? אַן אומבאַדינגטע! ביז אַהער בין איך געווען איבערצײַגט, אַז מענטשן קאָנסולטירן זיך בלויז דאַן, ווען זיי דאַרפן עס האָבן. עס וואָלט מיך עפּשער ווייניק־וואָס געאַרט, נאָר פונקט אין אָט דער צײַט דאַרפן די יאַטן־פיזמאַטלער זײַן אַף דעם לימעד פון מײַן כאָרעאָגראַפישער אָפּטיילונג... קאָנען זיי דען זיך צערײַסן?

— מע טאָר אַזוי ניט, — טוט אַ פינקל מיט די אויגן נאַרשיין, און ס׳איז ווידעראַמאָל ניט קלאָר, צי זי איז צופרידן מיט דאָווידס טאַט, צי זי מוסערט אים.

— מע האָט מיך געניט, — פאַרטיידיקט זיך דאָוויד. — סאָפּקאָלסאָף, צום דורכקוק פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט דאַרף מען זיך גרייטן, צי אַלץ וועט זיך באַקומען פון זיך אַליין?!

— עפּשער זאָל איך אײַך אָפּראַטעווען פונעם פּראָרעקטאָרס צאָרן? — פרעגט אַנע אַר־נאָלדאָוונע.

— ניין, כ'וועל זיך שוין אליין אַן אייצע געבן,— ענטפערט איר דאָוויד.— פון אייך פאָדערט זיך אַן אַנדער זאַך. וואַרפט אַרויס אַ רוף: „אַלץ לעטוויוועס דעם דורכקוק!" איר, אַנע אַרנאַלדאָווגע, ווי אַ פּראָפּאַריין־טוערן, דאַרפט מיך אונטערשטיצן.

— וואָס זשע וועט עס זיין פאַר אַ זעלבסטעטיקייט, אויב מיט גוואַלד טרייבן אייערע סטודענטן אויף דער בינע? — פאַלט אַריין אין די רייד דוסיע.

— אַך, ווי דו ביסט שטענדיק געררעכט, — זאָגט דאָוויד. — ווען זאָלסט כאָטש איין מאָל, איין־און־איינציק מאָל דערלאָזן אַ פעלער...

— איך גלייב, אַז מיר וועלן די רעפּעטיציע־פּראָבלעם לייזן פּאָזיטיוו, — זאָגט אַנע אַרנאַלדאָוונע. — ס'גייט דאָך אין דעם פּרעסטיזש פונעם גאַנצן אינסטיטוט. און איצטער, מיינע טייערע, עפּשער וואָלט איר זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר? כ'וועל אייך מעכאַבעד זיין מיט אַזעלכע גוטע זאַכן — נעכטן ערשט באַקומען אַ פּאַסילקע...

— אַ דאַנק, כ'בין מעסוקן פּאַרנומען, — זאָגט זיך גלייך אָפּ דאָוויד. — מע וואָרט אויף מיר: מיר שרייבן איבער אויף אַ מאַגניט־טאַשמע אַ פּלאַט לידער, געווידמעט דעם בירגערקריג.

— וואָרנט די כאַווירים, אַז איר וועט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן, און שוין.

— און אילױשע איז שוין מיסטאָם אין דער היים...

— דיין עליק וועט ווי־ניט־איז אַליין אָפּזוכן אין אייזקעלטער וואָס צו איבערבייסן, — מישט זיך אַריין דוסיע.

— ער איז דאָך שוין באַ אייך, קיין אייגהאַרע, אַ גרויסינקער, — באַמערקט אַנע אַרנאַל־דאָוונע. — גיט אים כאָטש אַ קאַפּעטשקע פרייהייט.

14

דאָוויד צעשיידט זיך מיט די פרויען אַן באַדויערונג, און דאַפקע ניט דערפאַר, ווייל אָן אים וועלן זיינע כעוורע פונעם פיזיש־טעכנישן פאַקולטעט ניט איבערשרייבן אויף אַ מאַגניט־טאַשמע די פּלאַט מיט די לידער, און ניט צוליב דעם, וואָס עליק וועט זיצן אַ הונגעריקער, ביז טאַטע־מאַמע וועלן אים אַריינלייגן דעם ביסן אין מויל. דאָוויד וויל פּאַשעט בלייבן איינער אַליין — די זיכרוינעס זיינע לאָזן אים ניט צורו.

נאָר אַנע אַרנאַלדאָוונע האָט פונדעסטוועגן באַמערקט ריכטיק: אילױשען דאַרף מען געבן מער פרייהייט. דוסיע איז אויך מיט איר מאַסקים.

פרייהייט פאַר אילױשען... דאָוויד האָט געטאָן איבערגעגנוג פאַר אָט דער פרייהייט פון זיין זון.

אָט די פרייהייט איז געהאַנגען אויף אַ האָר אין אָנהייב נאָאיבער פונעם צוויי־און־פערציקטן, ווען די פאַשיסטן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע, וואָס האָט זיך פריער גערופן וולאַדיקאַווקאַז, ווייל ווער עס איז אַ באַלעבאָס אין אָט דער שטאָט, יענער האָט אַ מעגלעכקייט צו הערשן איבער דעם גאַנצן קאַווקאַז, איבער דעם גאַנצן באַרג־קאַנט מיט זיינע נאַפט־קוואַלן, מיט זיינע אַלע אַנדערע רייכטימער, מיט זיין הויפּט־וועג, וועלכער פירט דורך די בערג אויף דעם נאָענטן מיזרעך, קיין אינדיע און אין די ווייטע ווייטענישן פון דער מיזרעך־וועלט ביכלאַל.

אַ היפּשע צייט פאַר דעם האָט שוין דאָוויד אין זיין טאָגבוך, וועלכן ער האָט פאַרפירט נאָך אין פענזע, אין דער אַרטילערישער שול, זיך ניט דערלויבט אַריינצושטעלן קיין איין אומעטיקן געדאַנק וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט אים און אַרום אים. אָבער היינט, ווען ער האָט דערזען אויף לינקס פון זיך, שוין גאָר ווייט פון זיינע פּאָזיציעס, די פייַנטלעכע באַליכט־טונג־ראַקעטעס, האָט זיין אומצופרידנקייט, צי עפּשער פיַנקטלעכער — זיין אומבאַטראַכטקייט, אָדער נאָך ריכטיקער — זיין אומפּאַראַנטוואָרטלעכער אומוויסן ווידעראַמאָל אַ צי געטאָן זיין האַנט צום בלייער. ער טוליעט זיך צו מיט דער פּלייצע צו דער פייַטלעכער וואַנט פונעם שוץ־גראָבן, שלעפּט אַרויס פונעם פעלד־ראַנץ זיין טאָגבוך — דעם דיקן העפט, צונויפגעניייטן פון אַ צענדליק געקעסטלטע שול־העפטלעך און איינגעבונדענעם אין האַרטע קאַרטאָן־טאַוולען, צעעפנט דעם טאָגבוך אויפן לעצטן זייטל און שרייבט אַריין אהין: „צום באַדויערן, קעמפן מיר נאָך ביז אַדהייַעם ערגער, איידער דער סוינע, אין דער ערשטער ריי מיר, די קאָמאַנדירן." עטוואָס שפּעטער, ווען צו אים גייט צו זיין שטעלפאַרטרעטער, וועלכער האָט זיך נאָך אין אָנהייב זומער אָפיציעל גערופן קאָמיסאַר, ווענדט זיך צו אים דאָוויד קימאַט מיט אָט די זעלבע ווערטער.

דער קאָמיסאַר קוקט אַ ווײַלע אָנגעכמורעט אויף זײַן כאַווער, דערנאָך לייגט ער אַרויף די דלאָניע אויף דאָווידס פּלייצע און זאָגט אים שטיל:

— וועגן דעם איז ניט די צײַט צו קלערן. אַלנפאַלס אייצע איך דיר בעסער ניט צעלאָזן די צונג. ניט אַלע וועלן באַנעמען דײַנע געפילן, ס׳קאָנען זיך געפינען אַזעלכע לײַט, וואָס וועלן דײַנע ווערטער אויסטײַטשן פאַרקריפּלט.

— אַ דאַנק, ביסט גערעכט, קאָמיסאַר, — רופט זיך אָפּ דאָוויד, אָנווענדנדיק זײַן שטעלפאַרטרעטערס פּריזערדיקן טיטל, האַגאַם דער דאָזיקער טיטל איז שוין געווען אין אַ ספּעציעלן באַפעל אָפּגעשאַפן. עס זײַנען, קענטיק, פאַראַן באַגריפן, פון וועלכע עס איז ניט פּאָשעט זיך אָנטוויינען.

ס׳קאָן זײַן, אַז מאַכמעס די צוויי טויט־קלעפּ, וואָס אָסטאַפּענקאָ האָט געגעבן די פאַשיסטישע טאַנקען, וועלכע האָבן, פאַרניכטעטע און איבערגעקערטע מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַרהאַקט מיט זיך דעם בריק איבערן טערעק, צי דערפאַר ווײַל אומעטום לענגויס דעם טײַך־ברעג אינעם עלכאָטאָווער טאָל, וווהין די פאַשיסטן האָבן געפּרוווט זיך דורכשמוגלען, פלעגן זיי באַקומען אַן אַקשאָנעסדיקן אָפּשטויס, אָדער פּאָשעט ווײַל אויף דער אָרדזשאָניקידזער ריכטונג איז דער אָנגריף באַם פײַנט געגאַנגען געלונגען און אַהין האָט דער סוינע געשטופּט און געשטופּט אַלע זײַנע קויכעס, אָפּציִענדיק זיי פון די איבעריקע ריכטונגען, נאָר אינגיכן האָט ער אויף דעם עלכאָטאָווער פּלאַצדאַרם אופגעהערט אַטאַקירן.

דאָך איז דאָווידן גרינגער ניט געוואָרן. שטיין און וואַרטן און טראַכטן דערבײַ דער רועך ווייסט וואָס איז אַ סאַך שווערער, ווי פירן אַ האַנט־געראַנגל, אין וועלכן ס׳איז פיל געווענדט אין דיר, אין דײַנע קויכעס, אין דײַן סייכל. אַלנפאַלס, עפּעס־וואָס קאָנסטו אופּטאָן, גראַדע דו, טאַקע דו, מוזסט אופּטאָן כאָטשבי דערפאַר, ווײַל לינקס, העט־ווײַט פון דײַנע אָקאָפּעס, נישטערט דער סוינע, און ווער ווייט דיך איצט אײַנפאָרמירן, ווי עס האַלט דאָרטן, וווהין ס׳האָבן זײַנע געקרייצטע טאַנקען באַוויזן זיך אַרײַנשנײַדן...

אומזיסט, פאַרשטייט זיך, האָט דאָוויד אַרײַנגעשריבן אין זײַן טאָגבוך אַזאַ האַרבע באַשולדיקונג קעגן זיך און קעגן זײַנע כאַווײרים. גערעכט איז דער קאָמיסאַר — ס׳איז ניט די צײַט אַזוי צו קלערן און וועגן דעם זיך דײַגענען. ביז אַהער וואָלט ער, דאָוויד, נאָך ווי־ניט־איז אָפּגעזוכט אין מויעך רײַעס פאַר אָט די ווערטער, אָבער איצטער האָט דאָוויד דערזען, אַז ער און זײַנע כאַווײרים קאָנען זיך ראַנגלען און שלאָגן די פאַשיסטן. אָט האָט דער פײַנט די וועלט אײַנגעלייגט, קעדיי זיך דורכרײַסן אין טאָל אַלכאַן־טשורט לעם דעם נאַפט־ראַיאָן מאַלגאָבעק, און ס׳האָט זיך פון דעם גאָרניט ניט באַקומען. שפּעטער, ווען עס וועלן אונטערגעצויגן ווערן די סאַכאַקלען פון אָט די שלאַכטן, וועט זיך דאָוויד דערוויסן, אַז אין דעם געפעכט זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן קימאַט נײַנצן טויזנט פײַנטלעכע סאָלדאַטן און אָפיצערן, באַ פיר הונדערט טאַנקען...

דאָוויד האָט ניט געקאָנט וויסן, וואָס עס טוט זיך אינעם שטאַב פון דער צאָפּנדיקער מיליטער־גרופּע פונעם קאַווקאַזער פראָנט. אָבער ער האָט געגלייבט, אַז דאָרטן ווייסט מען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף יעדן שפּאַן פון דער פאַרטיידיקונגס־ליניע, און מע טוט אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, קעדיי אויסצובעסערן די לאַגע. קיין טאָעס האָט ער ניט געהאַט, נאָר ער האָט פאַרגעסן, אַז אין אונדזער שטאַב ווייסט מען אַלץ וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף אונדזער זײַט, אָבער וואָס עס טוט זיך באַם קעגנער, איז דעם שטאַב ניט אינגאַנצן און ניט טאָמיד קלאָר, האַגאַם די אויסשפּיר־דינסט מידט זיך טאָג און נאַכט.

ניט נאָר דאָוויד, די מערהײַט קאָמאַנדירן האָבן ניט געוווּסט אין אָנהייב נאָיאַבער, ווי שווער עס קומט אויס דעם שטאַב צו פאַריכטן דעם פעלער, וועלכן ער איז פריִער באַגאַנגען. באַשטאַנען איז דער פעלער אין דעם, וואָס דער שטאַב האָט פאָרויסגעזען בלויז איין־און־איינציקן וועג פאַרן פײַנטלעכן אָנגריף — דעם וועג אויף מאָזדאָק, מאָטיווירנדיק עס מיט דעם, וואָס אַליין די קאַווקאַזער בערג זײַנען מעכטיקע קעגנער פאַרן פײַנט און עס איז זינלאָז מיט טאַנקען קריכן אויף בערג...

אונדזער שטאַב איז געווען צופרידן, וואָס מע האָט דעם סוינע ניט דורכגעלאָזט אויף מאָזדאָק, און האָט אין היספּײַלעס ניט באַמערקט, אַז דער פײַנט הייבט אָן געהיים, שטילערהייט קאָנצענטרירן זײַנע קויכעס אויף דער נאַלטשיקער ריכטונג — גרייט אַן אָנגריף טאַקע אויף אונדזער באַרג־ראַיאָן, וווּ מיר וואַרטן לאַכלוטן ניט. דעם פײַנטס קלאַפּ אויף נאַלטשיק איז פאַרן שטאַב געווען אַן אומגעריכטער, און איצט איז אויסגעקומען דאָפּלט צו האָרעווען, קעדיי אויסבעסערן, פאַריכטן דעם פעלער.

פונקט אין אָט די מינוטן, ווען דאָוויד האָט מיט אַזאַ האָפענונג געוואַרט אויף אַן אויסערארדנטלעכן באַפעל, וואָס וועט קאַרדינאַל איבעראַנדערשן די לאַגע לעטוויוועס אונדז, האָבן

שוין די דײַטשישע ווײַטשיסנדיקע הארמאטן ארויסגעלאָזט די ערשטע סנאריאדן אַף די אַרד־זשאַניקידזער פּאַרשטעט.

איינצײַטיק האָט די פײַנטלעכע אוויִאַציע אינטענסיוו אָנגעהויבן באָמבארדירן די שטאָט־קווארטאלן. קימאט הונדערט פאשיסטישע טאנקען זײַנען דערקראָכן צום אויסערלעכן רינג פונעם אָרדזשאָניקידזער פארפעסטיקונגס־ראיאָן און אים דורכגעריסן לעבן דעם יִשעוו פּיאַג־דאָן. דער סוינע האָט פארלאָרן אין די לופט־שלאכטן בא אכצן אעראָפּלאנען, דרײַסיק טאנקען האָבן אונדזערע סאָלדאטן פארניכטעט אַף דער ערד, אָבער די פאשיסטן זײַנען געקראָכן און געקראָכן, און זיי איז געלונגען צו פארכאפּן גיזעל. נאָך עטלעכע אזעלכע שטארקע קלעפּ — און אָרדזשאָניקידזע וועט פאלן.

קענטיק, אז טאקע דאָס, האָט געצווּנגען דעם שטאַב פון דער צאַפּנדיקער גרופּע אָנהייבן פארווירקלעכן דעם פּלאן פונעם קאָנטער־אָנגריף פריִער, ווי עס וואָלט געווען ווינשנסווערט.

באַגײַסטערט האָט אופגענומען דאַוויד דעם באַפעל זיך אײַנצושליסן מיט זײַן באַטארייע אינעם אָנגריף. ערשט איצט, אין די לעצטע פארביטערטע שלאכטן, האָט ער באַנומען, וואָס עס איז אויסגעקומען אויסצושטיין די באַשיצער פון אָרדזשאָניקידזע אין אָנפאנג פונעם פײַנט־לעכן דורכרײַס צו דער שטאָט, ווי העלדיש זיי האָבן געקעמפט. די פײַנטלעכע גרופּירונג מיליטער־איינהײַטן, וועלכע האָט זיך דורכגעריסן קיין גיזעל, איז קימאט ארומגערינגלט גע־וואָרן. דעם סוינע האָט זיך אײַנגעגעבן אופצוהאלטן בלויז א שמאָלן קאָרידאָר, וועלכן ער האָט זיך מיט אלע קויכעס געסטארעט פארברייטערן. באזונדערס שווערע שלאכטן זײַנען פאָרגעקו־מען ארום דעם יִשעוו מײַראמאדאג, באַם ארײַנגאנג אין סוארער בארג־שפּאַלט: דורך אים וואָלטן די היטלעריסטן, ערשטנס, זיך געקאָנט דורכשמוגלען צום מיליטעריש־גרוזינישן וועג, וואָס איז געווען די הויפּט־ארטעריע, דורך וועלכער מיר האָבן באַזאָרגט אונדזער מיליטער מיט אלץ, און וואָס עס האָט זיך געגייטיקט. צווייטנס, וואָלט דער קעגנער באַקומען א מעגלעכ־קײַט דורך מײַראמאדאג ארײַנברענגען פרישע קויכעס צוהילף זײַן גרופּירונג, וועלכע מע האָט קימאט פארהאקט אין גיזעל.

אין מײַראמאדאג איז דער געראנגל געווען א ניטגלײַכער: דער פײַנט האָט דאָ געהאט צען מאָל מער קויכעס, איידער מיר. פארטיידיקט מײַראמאדאג האָבן קורסאנטן פון יאַם־מילי־טערישע שולן, צונויפגעזאמלטע אין א שיסער־בריגאדע. קעגן איר זײַנען געקראָכן ניט נאָר דער פאשיסטישער פּאָלק „בראנדענבורג”, נאָר אויך א רומענישע בארגשיסער־דיוויזיע. זיי האָבן פארמאָגט א גוואלדיקע פײַער־אונטערשטיצונג פון ארטילעריע און כוץ דעם — פון אן ערעך זעכציק טאנקען.

די קורסאנטן האָבן זיך געשלאָגן געוואגט, מעסירעסנעפעשדיק. נאָך העלפן האָט מען זיי סײַווי געדארפט. און דער שטאַב פון דער צאַפּנדיקער גרופּע האָט באַשטימט שיקן זיי צוהילף די צענטע גווארדייִשע בריגאדע און בעסויכעם דעם דיוויזיאָן, וועלכער איז געווען צוגעגעבן דער בריגאדע אלס זעלבשטענדיקע ארטילערישע איינס.

דאַווידן האָט ווידעראמאָל אָפּגעגליקט.

15

אפן טיש שטייט א קרישטאָלענע וואזע מיט פרוכטן: געלע, ווי וואקס, בארן; מאטעווע, פונקט עס האָט זיי באדעקט א פראָסט־טוי, פלוימען; גרויסע אויסגעפעסטעטע עפּל — אנטאָ־נאָווקעס, וואָס שמעקן שארף און רעגעוודיק; קימאט דורכזיכטיקע ווײַנטרויבן, אין וועלכע, אזוי ווײַזט זיך אויס, עס שווימען זריִע־קערנדלעך.

אָט דער העלער נאַטורמאָרט רייצט דוסיען, זי שטעקט אויס די האנט אָדער צום מיל־גרוים, וועלכער ווינקט, דוכט זיך, צו איר, בעט זיך: „שלעפּ מיך ארויס פונעם הויפן, וועסט קיין כאראָטע ניט האָבן”; אָדער צום פרוכט, וואָס רופט זיך כורמא און איז ענלעך אויסערלעך אַף א פּאַמידאָר. דוסיע שנײַדט זיי אַף טיילכלעך, פּאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט פאר עפּעס מוירע האָבן, לייגט ארײַן יעדער טיילכל באזונדער אין מויל — די פּורפּור־יאָדערן פונעם מילגרוים, דעם פלײשיקן טיילכל פון דער כורמא. דערנאָך טראָגט זי אונטער צו די ליפּן א באגילדעט לעפעלע, שפּײַט אויס די קערלעך און לייגט זיי צונויף אין אש־בעכער, אַף וועלכן ס'איז אָנ־געמאָלט א מאָדנער נעפּעש און אן אונטערשריפט „עלעגיע”. פארוואָס איז אזוי אָנגערופן אָט דער האלב־פיש מיט דער פײַן אויסגעקלאפּטער ליסקע און דאָס האלב־מיידל מיט איר שיין

פאַרטרוימט פּאָנעם, אַט די רוסאַלקע, וועלכע איז אַרויסגעשווומען פון די קאַלטע מעלכיזאַר־וועלן?

אַלע וועגט און ווינקעלעך באַ אַנע אַרנאַלדאָוונען פאַרנעמען די ביכער. בלויז אין גאַסט־צימער האָט זיי אַרויסגעשטויסן אַ טעפּיך — אַ פּילפּאַרביקער, קענטיק, ביז גאָר אַ שווערער, שטראָמט ער האַסטיק אַראָפּ קימאַט פון דער סטעליע, גיסט זיך, ווי אַ וואַסערפאַל, איבער דער קאַנאַפּע און צעפליסט זיך אַף דעם דיל אַזוי, אַז מע קאָן מיינען, קלוימערשט, דאָס מעבל אין צימער שווימט און הוידעט זיך אַף די ווייכע כוואַליעס פון אַט דעם טעפּיך.

די באַלעבאָסטע — אַן אײַנגעהילטע אין אַ פּאַטשיילע, קלעפּט זיך צום וואַליק פון דער קאַנאַפּע — ס'איז ניט צו באַנעמען, צי איר גאַסט פריײט זי, צי ניין. זי קלאַפּט שטילערהייט מיט אַ פינגער איבער אַ פּאַפּיראָסן־פּעקעלע.

— וויאַזוי זשע איז עס געשען, אַז מיר מיט אײַך, צוויי ווײַבלעך, האָבן זיך מיט איין מאַנצבל ניט ספּראַוועט, — וווּנדערט זי זיך. — ניט בעקויעך געוועזן נעמען אַהער דאַוויד איסײַעוויטשן?

— ער איז אַן אַקשן, — רופט זיך אָן דוסיע, קוויקנדיק זיך מיט דער זויערקײַט פונעם זיסן מילגרוים־קערן. — אַף אַלץ קלעקט באַ אים צײַט. בלויז אַף זיך ניט.

— עפּשער איז עס אײַער נאַכלעסיקײַט? — אַנע אַרנאַלדאָוונע טוט אַ וויש מיטן פינגער דעם קין. — איר קריטיקירט דעם מאַן אָפן סאַמע העכסטן ניוואָ. — זי שמייכלט, קעדיי אירע ווערטער זאָלן קלינגען ווייכער. — איר האָט ניט מוירע, אַז אָט דאָס קאָן אים דערעסן, יעוור־דאָקיע פּעטראָוונאַ, און ער וועט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר?

— ע, אַ גוטן אים שליטוועגס...

— וואָס זאָגט איר עס אַזעלכס? ס'איז דאָך אַ מאַן. אַ מאַנצבל...

— כ'בין זיך מיסוואָדע, וועגן אַזאַ מין וואַריאַנט האָב איך ניט געקלערט, — כאַפּט צוריק אירע רייד דוסיע. — קיינמאָל ניט. פּאַשעט זיך ניט פאַרגעשטעלט אַזאַ מעגלעכקײַט.

— ס'איז גוט, וואָס איר זײַנט אַזוי זיכער אין זיך, — באַמערקט אַנע אַרנאַלדאָוונע און טוט ווידער אַ שמייכל. — אָבער די מאַנצבלען, פאַרשטייט איר מיך, מײַן טײַערע, זײַנען נע־פּאַשעס, וואָס האָבן ליב זיך אָנבלאָזן, ברויגעז ווערן.

דוסיע לייגט אַוועק אָפן טיש דאָס מעסער, מיט וועלכן זי האָט געשניטן די פּרוכטן, רוקט עס אָפּ פון זיך.

— באַ דאַוויד איסײַעוויטשן איז ניטאָ קיין קאַפּעטשקע זעלבסטליבע, — זאָגט זי זיפצנדיק.

— מיסטאָם ווייסט איר בעסער, — סאָפּעקט די באַלעבאָסטע.

— כ'פאַרמאָג פּיל באַווײַזן. פאַרשיידענע. דער לעצטער — זײַן דיסערטאַציע. ער וויל אַפּי־לע פון איר ניט הערן.

— צוליב וואָס דאַרפט איר זי? — פרעגט נאַרשיין ערנסט.

— ניט איך — ער דאַרף זי האָבן, — דערקלערט דוסיע. — ער וואָלט זיך גאָר אַנדערש געפילט אַף דער וועלט. פעסטער. און פון זײַן מעשונעדיקן פאַקולטעט וואָלט מען אים, קאָן זײַן, באַפרײַט. ס'איז דאָך ווי אַ וועווערקע אין רעדל...

— איר זײַנט, לאָזט זיך אויס, אַ קעגנערן פון אײַער מאַנס פאַקולטעט. ניט גוט! — זאָגט נאַרשיין. צעבלאָזן אַ דיסקוסיע וויל זי ניט. נאָר אָפּצוטרעטן עמעצן דעם וועג האָט זי ניט ליב. — זאָל דאַוויד איסײַעוויטש ווערן אַ קאַנדידאַט פון זײַנע וויסנשאַפטן, ער איז עס בע־קויעך אופצוטאָן, און זאָל אויך זײַן פאַקולטעט בלײַבן. ס'איז אַ ווילע זאַך, אַ נוצלעכע שוין דערמיט אַליין, וואָס ער העלפט פאַרפולן די פרײַע צײַט באַ די סטודענטן. טאַנצן, זינגען, מוזיצירן, שפּילן טעאַטער איז אַ סאַך בעסער, איידער זשליאָקען בראַנפן אָדער צו זוכן געמיינע פאַרווײַלונגען.

— מיט צו שוואַרצע פאַרבן מאָלט איר די לאַגע, — פּראָטעסטירט דוסיע. — באַ מיר זײַנען פאַראַן גאָר אַנדערע אָנגאַבן: די סטודענטן לערנען זיך, האָרעווען.

— מע כאַפּט זיך פאַר די לערנביכער ערעוו די עקזאַמענעס, — די באַלעבאָסטע פאַרביגט אונטער זיך די פיס אַף דער קושעטקע. — כ'וועל פאַררייכערן?

דוסיע רופט זיך אָפּ:

— ווען כ'זאָל האָבן העכט, וואָלט איך ניט דערלויבט.

— כ'וויל אופהערן צו רייכערן, נאָר כ'דערוועג זיך ניט.

— איר האָט מוירע דעם סטאַזש פאַרלירן, אויב עס וועט אײַך ווידער צו דעם ציגאַר אַ ציִ טאָן?

— אַ נאַרישע געוווינהײַט. דאָס גאַנצע לעבן לײַד איך איבער איר. פון אַלעמען באַקומען קלעפּ. גאָלע סיניאַקעס אַף מיר. די מאַמע פלעגט מיט מיר זיך מאַטערן. קימאַט יעדע וואָך

פלעגט מען זי אין שול ארויסרופן. אומקערן פלעגט זי זיך א דערשלאָגענע, א פארצווייפלטע.

„כ'האָב דיך וויפל מאָל געוואָרנט, — פלעגט זי טײַנען איינס און דאָס זעלבע. — און דו — דײַנס. פארוואָס רייכערסטו אין שול? רייכער אין דער היים, וואָלט קיינער ניט געזידלט".

— איצט קלאָרט זיך עפּעס־וואָס אויס. דאָס מאכט ניט קאליע די שטים?

אנע ארנאָלדאָוונע צעשויבערט די ברעמען, זשמורעט צו די אויגן:

— איך קלײַב זיך ניט אָנקומען אין דער אָפּערע.

זי האָפּט אבער, אז דער גאַסט וועט איר זאָגן כאָטש עטלעכע גוטע ווערטער וועגן איר זינגען. און דוסיע זאָגט טאַקע אבסאָליוט אופריכטיק:

— איר זינגט פּרעכטיק, מע קאָן אײַך מעקאַנע זײַן.

— מיר איז ניטאָ, וואָס צו מעקאַנע זײַן. אָט אײַך — יאָ. אײַך האָט מען ליב, און דאָס איז עפּעס ווערט אָף דער וועלט.

— ס'קאָן זײַן. מיסטאָם. כ'ווייס ניט. אין מײַנע יאָרן מאַטערט מען זיך דען מיט אזעלכע פראַגעס?

— א פרוי בלײַבט א פרוי ביזן סאָף פון איר לעבן.

נאָרשיין הייבט זיך אוף פון דער קאנאפע, שפּאַנט זיך דורך איבערן טעפּיך — צוויי טריט פאָרויס, א שפּאַן צוריק. שטעלט אָפּ דעם בליק אָף איר גאַסט. „מיט דאַוויד איסײַעוויטשן איז, מיסטאָם, ניט לײַכט, — קלערט זי. — נאָר אין דער היים ווייסט ער ניט, אפשר, פון קיין רו. מע שאַנעוועט אים ניט. מע היט אים ניט אָפּ."

דוסיע נעמט פון דער קרישטאָלענער וואזע א ווײַנטרויב, וויגט אים אף דער דלאָניע, ווי זי וואָלט וועלן זיך איבערצײַגן, וויפל ער וועגט. צום מויל טראָגט זי ניט צו די לויטערע יאַגעדע מיטן שווימענדיקן אינווייניק קערנדל. מיטאמאָל ווערט איר עפּעס שווערלעך קלערן וועגן דעם מאַן. עס ווילט זיך ניט טראַכטן וועגן אים אין דער אָנוועזנהײַט פון אנע ארנאָלדאָוונען, און זי ווענדט דעם געשפּרעך אין אן אנדער ריכטונג.

— איך האָט ריכטיק באמערקט, אז איך האָב האנאַע פון די סטודענטן, — זאָגט זי. — איר האָט מינאַסטאם געוואָלט צוגעבן, אז אויך פון זיך אליין. יאָ?

— אויב אזא האנאַע דערגאנצן מיט שטרענגע פאָדערונגען צו זיך, איז גאָר ניט אזוי שלעכט.

— אָך, ווי עס ווילט זיך זײַן טאלאַנטפול, — זיפצט דוסיע, — און אין אירע אויגן שווימט אוף דאַווידס פּאָנעם, אן אומעטיקס, א באליידיקטס, אָפּגעפרעמדטס. — צומאָל פיל איך זיך בישקאָשע. אָבער אן אנדערש מאָל בין איך אזא טעמפּע, אז עס איז א שרעק.

נאָרשיין הערט זיך צו צו דעם, וואָס עס דערוויײַזט איר גאַסט, און איז אופגערעגט: „צי דען וועט מען אָפּגעבן די קאַטעדרע יעוודאָקיע פעטראָוונען? און וואָס טוט מען? ווי?אזוי ניט דערלאָזן אָט די מעגלעכקײַט? פּריינטשאפט איז גוט, אָבער רייכערן וויל איך מײַנע אייגענע סיגאַרעטלעך."

— מיר דוכט זיך צומאָל, אז די סטודענטן ווייסן מער, ווי איך, — זעצט פאָר דוסיע. — אײַך איז אזעלכס באַקאַנט?

„סאַראַ ווייכקײַט. אָט די וויכינקע זײַנען די געפּערלעכסטע, — באַאומרויקט זיך נאָרשיין. — מע טאָר ניט דערלאָזן, זי זאָל מיר פארלויפן דעם וועג." אָבער זאָגן זאָגט זי:

— מיר האָט זיך היינט געכאַלעמט, אז איך האָב געגעבן די סטודענטישע קאָנספּעקטן פון מײַנע לעקציעס אָף א דורכקוק און אָף די ראַנדן פון די בלעטלעך און אין קלאַמערן לייען איך קאַלעריליי באמערקונגען: „קוואַטש!", „האָקט א טשײַניקן!", „צו אלדי רוכעס!", „שייבריי־דערײַ!". געפעלט אײַך אזא כאָלעם?

— סטודענטן — דאָס איז א קאָמפּליצירט פאָלק.

— אײַנשטעלן צווישנבאַציונגען מיט זיי איז א פײַנלעך געשעפט. זיי זײַנען ווי א ווולקאַן מיט זייערע פראגעס, כ'וואָרט אומופהערלעך אף אן אויסברוך. וואָס, אייגנטלעך, פאָדער איך? זיי זאָלן זײַן מענטשן. וואָס קאָן מען נאָך פון זיי וועלן?

— מיר זאָלן זיי אומבאַדינגט געפעלן.

אנע ארנאָלדאָוונע זאָגט מיט האַרץ:

— א געפּערלעך ציינגל בא אײַך.

און לאָזט אראָפּ די נאָז:

— אײַך לייגט מען פּאָר ארויסצוטרעטן מיט לעקציעס פאר דער באַפעלקערונג?

— איך טרעט ארויס. אָפּזאָגן זיך קאָן איך ניט.

— מיר קלעקט שוין ניט קיין צײַט אף צו זײַן א פּאָפּוליאַריזאַטאָר.

דוסיע האָט ניט אָפּגעוואָרפן אפילע קיין איין פראגע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט ארויס־

געשטעלט, זי האָט זיי פּאַשעט ניט געשטיצט אין יענער מאָס, וועלכע וואָלט באַנוגנט אַנע ארנאָלדאָווונען. און נאַרשיין האָט באַשטימט, אַז איר גאַסט איז ניט אופּריכטיק. נאָר זי האָט געהאַט אַ טאַעס. דוסיע האָט גאָרנישט ניט אויסבאַהאַלטן פון דער באַלעבאָסטע — זי איז פּאַר־שעט געוועזן צוריקגעהאַלטן. עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נאָך דערוויַיל ביזן סאָף ניט באַזיניקט, האָט זי געטויט אַזוי זיך באַגיין. מיסטאָם מאַכמעס אָט דער סיבע האָבן זיי זיך געזעגנט קאַלט, ניט אַזוי, ווי ביידע האָבן געוואָלט.

פאַרטויבן אָט דעם דערווידערנדיקן געפיל גיט זיך ניט איַין דוסיען אויך אָף דער גאַס. נאַרשיין האָט צעקאַלויצעט די נעשאָמע מיט אירע נאַקעטע, שטעכיקע באַמערקונגען. באַ דאָ־ווידן האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אומגעריכטע פאַרטיידיקערן!

די זון שמוגלט זיך דורך אָף עטלעכע רעגעס דורך די צעריסענע כמאַרעס, עס ווײַזט זיך אויס, אַז זי איז אפילע אונטערגעשפּרונגען, אַ דערפרייטע, אַ צופרידענע, וואָס איר איז גע־לונגען כאַטש וויפל־ניט־איז, כאַטש אַ קאַפּעטשקע אַ שיַין טאָן. און גליַיך דוכט זיך, אַז אַלץ אַרום און אַרום איז באַנייַט, ווי פאַרביטן, עפּשער אפילע יינגער געוואָרן. זאָל זיַין אָף אַ וויַילע, אָבער אָט די וויַילע איז אומפּאַרגעסלעך. דערנאָך וועט שוין די האַרבסטיקע אָנגעכמורעטקייַט, אַ געצערטלטע מיט איידעלע זון־שטראַלן, זיך אויסוויַיזן ניט אַזוי אונטערדריקנדיק, די אָפּגע־בליאַקוועטע נאַטור — בלויז אַ צייַטוויַיליק פאַרוויאַנעטע, און ס׳איז גרינגער צו גלייבן, אַז אַלע בלאַטעס איז מעגלעך גויוער צו זיַין. אָט אַזוי איז אויך מיט די געפילן — מיט דער ליבע. אויב זי איז דאָ, אויב זי איז געווען...

דוסיען טוט אַ ציִ צו אירע באַליבטע ערטער אָף יענער זייט אָקאַ.

איבערן פּאַנטאָן־בריק גייט זי אַ פאַרקלערטע, זי הערט ניט, ווי עס טופּען אונטער איר די אָפּצאַסן. די בריק הוידעט זיך עטוואָס אָפּן וואַסער. אָף דעם קעגניבערדיקן ברעג פון דעם טיַיך טוקט זיך דוסיע גליַיך אָפּ אין בײַבערעגיקן, האַרבסטיקן שיטער געוואָרענעם וועלדל. זי זוכט ניט קיין אויסגעטאָפּטשעטע וועגן — זי שפּאַנט גליַיך, אויסטרעטנדיק נייַע שטעגן. די הענט האַלט זי אין די קעשענעס פונעם געקירצטן, לויט דער מאָדע, מאַנטל. צייַטנוויַיז באַ־לעקט זי מיטן שפּיץ צונג די דיקלעכע ליפּן. זי איז הויך און שטאַלטנע, אפילע דאָ, אין וועלדל, דערלויבט זי זיך ניט הויקערן. דאָס פּאַנעם איז עטוואָס האַרב, אָף דער נאָז — אַ קליינטשינק, קוים וואָס מע באַמערקט עס, פינטעלע.

אונטער די פיס טרעשטשען די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער און צוויַיגלעך. די נידעריק הענ־געַנדיקע צוויַיגן פאַרטשעפּען, אופּציטערנדיק, אָט דעם אַרבל, אָט דעם אַקסל, דאָס פּוטערנע היטעלע, באַשפּריצן דוסיען מיט רעגן־טראָפּנס. פונעם הימל זייט זיך אַ פייַכטקייַט, וואָס אַז מע וויל, איז דאָס אַ רעגן, און אַז מע וויל — פּאַשעט אַ טוי, וועלכן די אויגן זעען ניט. אין דער הייך הענגען ווידער שווערע וואָלקנס, און אַ ווינט נישטערט אין וועלדל — די ערשטע דערפילן דאָס דוסיעס קני, זיי ווערן אַלץ קעלטער און קעלטער, אָט־אָט הייבן זיי אָן צו פרירן.

געדיכט ליגט אָף דוסיעס נעשאָמע אַ יאָך — ניט אַראָפּצוּוואַרפן אים פון זיך, אָבער וויַיטער אויך טראָגן אים איז אומעגלעך. זי פילט, אַז די נעסט, וועלכע זי האָט דאָס גאַנצע לעבן גע־בויט — די שטוב־וועלט מיט אירע דייַגעס און פאַרגעניגנס, מיט אירע פריידן און ליידן, מיט איר גוטס און שלעכטס, אָט די היים אירע וואַקלט זיך אונטער די פיס. אַזעלכס וואָלט זי גע־דאַרפט דערוואַרטן פונעם סאַמע אָנהייב. געבויט אַ מויער אָף זאַמד. צוליב וואָס? אַליין זיך פאַרשקלאַפט. זי נעמט אַרום אַ קוואַרע יונגע בערעזקע, וועלכע טוט זיך דערבײַ אַ שאָקל. דוסיע פאַרמאַכט די אויגן און דערזעט דעם מאַן — אין קיך, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל פונעם העמדל, וואָס איז אַרײַנגעלאָזט אין ברייטע פיזשאַמע־הויזן מיט אַן אָפּגעשוואַכטן גומי־רימען: אָט־אָט פויזען זיי בעהאַדראָגעדיק אַראָפּ פון די לענדן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. דוסיע טוט אַ גליטש דעם בליק אָפּן מאַנס קינבאַקן, באַוואַקסענע מיט אַ בערשטל איבערגעמישטע הערעלעך — געלע און גראָווע, פירט איבער דעם בליק צוערשט אָף די קוסטלעך האָר אינעם מאַנס גרויסע אויערן, דערנאָך אָף זײַנע רויטלעכע, עטוואָס אָנגעקוואָלענע געקנייטשטע אויגן־לעפעלעך. ווי האָט ער איר דאָ ניט לאַנג אַ שעפּטשע געטאָן? אהא: „איך קאָן צו דיר זיך ניט צוגעוווינען. אַלע מאָל ביסטו — אַ נייַע, אַלע מאָל ווי צום ערשטן מאָל...“ ס׳האָט, הייסט עס, גאָרנישט זיך ניט אויסגעלאָשן? גאָרנישט זיך ניט אויסגעשעפּט? פאַרוואָס זשע איז זי געוואָרן אַזוי גלײַכגילטיק, קאַלט צו אים?

מיט דער בערעזקע אין די אָרעמס שטייט דוסיע און טראַכט, רעדט צו זיך אַליין וועגן דאָווידן.

„ענטפערן מיט געוויינלעכער איבערגעגעבנקײַט אָף ליבע — דאָס איז ביז גאָר טרויעריק. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? כ׳האָב טאָקע ניט אַזוי לײַדנשאַפטלעך, ווי ער, ליב געהאַט, אָבער

כ'בין דאָך קימאַט דאָס גאַנצע לעבן דורכגעגאַנגען באַנאַנד מיט אים. אַ שווערן וועג האָט ער געהאַט, אָבער האָט ער דען עפּעס פאַרלוירן אין מײַנע אויגן? עמעס, אַ ביסל פאַרגרעבט געוואָרן, און אויב ריידן קאָנקרעט — אפילע אַ גרוביאַן געוואָרן. דאָס איז מײַן שולד. און ווען האָט עס זיך אָנגעהויבן? אפן פראָגנט? צי דאָן, ווען ער איז געקומען צוריק אהיים — ניט פון מיזרעוו, נאָר פון מיזרעך, פונעם אוראַלער וואַלד, און האָט געהאַט אויסצושטיין נאָך געגנוג יעסורים, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן ניט נאָר אָף אים, נאָר אָף דער גאַנצער מישפּאָכע? סאָפּקאָלסאָף איז עס ניט אַזוי וויכטיק — דער אָנהייב. אַ סאַך געפערלעכער איז דאָס, וואָס אויך אַצינד, בייס אַלץ איז שוין אין אָרדענונג, אַלץ איז גוט, האַלט ער זיך צומאָל ניט אײַן, רײַסט זיך אויף, ווי אַ גראַנאַטע, און אירע שפּליטערס פליִען בעשאַסמײַסע אין אונדז...”

די יאָרן לויפן שוין באַרג־אַראָפּ, דאָס לעבן אָבער דויערט. פון דער לעצטער קאָמאַנדירונג — זי איז געווען פאַרבעטן אַלס אָפיציעלער אָפּאָנענט אָף אַ דיסערטאַציע־פאַרטיידיקונג — איז דוסיע געקומען אהיים מיט אַ מאַטאָנע: געבראַכט איינעם אַ פּראָפעסאָרס אַ בוך. באַגאַגענענדיק זיך אָף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן מיט אָט דעם געלערנטן, פילט דוסיע, אַז ער האָט אָף איר געוואָרפן אַן אויג. דעם אופשריפט אָף זײַן בוך הייבט אָן דער פּראָפעסאָר אַזוי: „דער טײַערער יעוודאָקיִע פּעטראָוונען...” פאַרן מאַן האָט זיך דוסיע מיט דער מאַטאָנע ניט באַרימט — אַרײַנגעשטעלט וואָס טיפער אינעם ביכער־שראַנק. צופעליק האָט זיך דאַוויד אָנגעשטויסן אָף אָט דעם בוך. ניט זיך, ניט דאַווידן איז דוסיע ניט בעקויעך געווען דערקלערן, פאַרוואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן אָט די מאַטאָנע. אָנשטאָט דעם האָט זי אויסגעשאָטן אפן מאַן אַ גאַנצן זאַק באַשולדיקונגען, אַז ער איז אַ שלים־שלימאַזל פון ווייסעך ווען אָן, און דאָס רופט זיך אָפּ אָף אַלעמען — סײַ אָף איר, סײַ אָף די זין. מע קאָן לעבן אָן אַ דיסערטאַציע, אָבער אָן גליק — ניין. אַלע באַרופן לוינט אויסטוישן אָף איינעם — אפן טאַלאַנט צו זײַן גליקלעך...

אָבער זײַן גליקלעך — דאָס איז געווענדט ניט נאָר פון דאַווידן, נאָר אויך פון איר, דוסיען. וואָס זשע טוט מען?

דוסיע גלעט דאָס בערעזקעלע, לעבן וועלכער זי שטייט פאַרקלערט. „מירע האָבן דאַרף מען פאַר זיך אַליין, בלויז פאַר זיך אַליין”, — זאָגט זי און גייט ווײַטער. זי שפּאַנט פאַרבײַ די ציטערנדיקע אָסינעס, שוין האַלב־הוילע, אָבער די פאַרבליבענע אָף זיי בלעטער זײַנען שיין, צוצענדיק, גינגאָלדענע. איבער זיי, דוכט זיך לויטערט זיך אויס דער הימל. אָט דערנענטערט זיך אָן אַלכע מיט אַן אויסגעקרימטן שטאַם, נאָך אַ פּראַכטפולע, האָגאַם אויך זי פאַרלירט שוין אירע צירונגען. פונעם בוים שרײַט עפּעס צו דוסיען אַ סאָראָקע. דאָס ערשטע מאָל הערט דוסיע בייס אָט דעם שפּאַציר אַ פויגלש קאָל. עס דערוועקט זיך אין איר נאָך מער דער אומרו. זי פאַרטשעפּעט זיך פאַר אַ סטאַרטשענדיקן וואָרצל פון אַ בוים און האַלט זיך קוים אײַן אָף די פיס. באַטראַכטנדיק דעם וואָרצל, דערזעט זי פלוצעם אַ שוואָם, וועלכער האָט זיך פאַרטײַעט אונטער אַ פאַרזשאַווערט דעמבענעם בלעטל. דוסיע זעצט זיך צו אָף די קני, רײַסט אַרויס דעם שוואָם, טראָגט אים צו אָף דער דלאָניע צו דער נאָז, און קאָלערליי דערמאָנונגען שווימען אויף אין איר זיקאָרן. די מאַמע, אַ קווארע, ווי אַ גרעזעלע, פאָכעט איר פונדערווײַטנס, פון דער קינדהײַט, מיט אַ פאַרטונקלט בערעסטע־קוישל, זי שטייט אפן שליאַך און וואַרט אָף דוסיען, אָף דער קליינטשינקער מיזינקע, וועלכע האָט זיך פאַרהאַלטן אין וואַלד — עפּשער דערפּאַר, ווײַל גאָר אַ סאַך שוואָמען האָט זי דאָרטן אָנגעזאַמלט... דוסיע טוט אַ קוק אפן זייגער — שוין צײַט זיך אומקערן אַפּצוריק, צו דער פּאָנטאָן־בריק איבער דער אָקאָ.

16

אהיים, צו עליקן, גייט ניט, פונדעסטוועגן, דאַוויד — די פרויען זײַנען, אַפּאָנעם, געגרעכט: זאָל דער באָכערעץ וואָס גיכער זיך צוגעוווינען צו זעלבשטענדיקײַט, ס'וועט אים צוניץ קומען אין לעבן. און צו די כעוורע פונעם פיזיש־טעכנישן פאַקולטעט אײַלט ער זיך אויך ניט. זיי וועלן אָן אים זיך ספּראַווען מיטן פאַרשרײַבן די מאַגניטאָפאָן־טאַשמע, זיי זײַנען מײַסטערס אין דעם איניען.

שפּאַנט דאַוויד פּאַמעלעך, אָטעמט מיט פרישער לופט און פאַרקערעוועט ווידער צו זײַנע ווײַטע זעונגען. ער דערמאָנט זיך, ווי עס האָט אים אין צוויי־און־פאַרציקסטן, ערעוו דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו, אָפּגעגליקט.

דער באַפעל, וועלכן ס'איז אים פאָרגעשטאַנען אויספילן, האָט אויסערלעך אויסגעזען פאַר

שעט: אונטערהאַלטן מיטן פײַער פון זײַן באַטאַרייע די קריגס־אָפעראַציע, וואָס עס וועט פאַרנעמען דער דריטער באַטאַליאָן פון דער צענטער גוואַרדייִשער בריגאַדע. אָבער אַליין די דאָזיקע אָפעראַציע איז געווען ניט גאָר קיין געוויינלעכע — דער באַטאַליאָן האָט געדאַרפט דורך די בערג זיך פאַרקלײַבן אין הינטערלאַנד צו די פאַשיסטן באַם אַרײַנגאַנג אין סוּראַער שפּאַלט און מיט אַן אומגעריכטן קלאַפּ אָפּשטעלן זייער אָנגריף אַף מײַראַמאַדאַג, ווו עס האָבן זיך העלדיש געראַנגלט די קורסאַנטן פון די יאַם־מיליטערישע שולן, אָפּציִען אַף זיך די קויכעס פונעם קעגנער, ביז די אַנדערע באַטאַליאָנען פון דער בריגאַדע וועלן דורכרײַסן די פראָנט־ליניִע און וועלן אַרויס פאָנעם־על־פּאָנעם אַפן סוינע, וואָס שטרעבט פאַרכאַפּן דעם יישעוו. וועגן דעם, אַז די איבעריקע באַטאַליאָנען פון דער בריגאַדע וועלן זייערס אופטאָן, האָט קיינער ניט געסאָפעקט.

אונטערהאַלטן מיטן פײַער פון דער באַטאַרייע דעם אינפאַנטעריע־באַטאַליאָן אין דער געשאַפענער סיטואַציע איז געווען אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע: מיט אַ שטעג, ווו עס גייט קוים־קוים דורך אַ מענטש, איז אומעגלעך איבערצושלעפּן אין די בערג אַ האַרמאַט. נאָר אַ באַפעל בלײַבט אַ באַפעל, און מע מוז אים אויספילן.

דאָוויד האָט אַן אויסוועג אָפּגעזוכט: די האַרמאַטן וועט ער איבערלאָזן אַף די איצטיקע, פאַרנומענע פּאָזיציעס און וועט פירן דאָס פײַער מיט דער הילף פון ראַדיאָ. צוויי ראַציִעס זײַנען בײַ אים פאַראַן — איינע פאַרבלײַבט אַף דער באַטאַרייע, די צווייטע נעמט ער מיט זיך, אים וועלן באַגלייטן דער ראַדיסט און אַן אויסשפּירער, וואָס איז איינצײַטיק אויך אַ ראַדיסט — זיי וועלן גיין אין הינטערלאַנד צום פײַנט אינאיינעם מיטן דריטן באַטאַליאָן. פירנדיק דאָס פײַער, וועט ער פּאַשעט דאַרפן געדענקען, אַז ניט ער, ווי אין די מערסטע פאַלן, געפינט זיך צווישן זײַנע האַרמאַטן און דעם סוינע, נאָר דער סוינע, און אין די באַפעלן, וועלכע ער וועט איבערגעבן אַף די פײַער־פּאָזיציִעס, דאַרף ער אַרײַנטראָגן געוויסע קאָרעקטיוון, נעמענדיק אין אַכט די לאַגע פון זײַן באַאָבאַכטונגס־פונקט: אָנשטאָט פאַרגרעסערן דאָס אָנצילן זיך — פאַרקלענערן עס; אָנשטאָט איבערטראָגן דאָס פײַער אַף לינקס — איבערטראָגן עס אַף רעכטס.

ווען זײַן פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, האָט דאָוויד זיך געפרייט, ווי אַ קינד. ביכלאַל פלעגט זיך צומאָל אויסווײַזן זײַנע כאַווײרים, אַז אין אים לעבן פאַרשיידענע מענטשן. איינער פון זיי פירט פּינקטלעכע ספּעציִעלע אַרטילערישע כעזשבוינעס, ערנסט, אָנגעשטרענגט, דער־לאָזט ניט אַפילע קיין מינדסטן טאָעס, און דעריקער — ער באַגעגנט אַ באַליביקע געפאַר קאַלטבלוטיק, רוּיִק, דער צווייטער איז אַ היציקער פאַרשוין: טרעפן זײַנע סנאַריאַדן אין ציל — קומט ער אין היספּײַלעס, און אויב זיי פליִען דורך פאַרבײַ — ווערט ער אויסער־זיך, קנאַקט מיט די פויסטן איבערן ברוסטווער. נאָר מאַלע־וואָס עס ווײַזט זיך עמעצן אויס. דאָוויד איז אַן אומיטלבאַרער מענטש — אַזאַ מין כאַראַקטער בײַ אים. אַלץ — אָפן, אַלץ — ווי אַ צוגווינט, אַלץ מיט דער פולער מאָס.

דער דריטער באַטאַליאָן האָט זיך אינאיינעם מיט די אַרטילעריסטן געלאָזט אין וועג נאָך פאַרן שאַריִען. דער פרימאָרגן האָט זיי אָנגעיאָגט גאַנץ הויך — אינמיטן וועג.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער. אַזעלכע טרעפן זיך, ווײַזט אויס, בלויז דאָ, אַף צאָפן־קאַווקאַז, און נאָר אין טיפן האַרבסט. דער באַרגשפּיץ פונעם קאַזבעק — אין אַ שניי־הוט, אַרום אים שפּינט זיך אַ בלוילעך רויכל, און דער הימל איז, דוכט זיך, פּאַשעט אַ פאָרזעצונג פון אָט דעם רויכל. די לופט איז ריין און פריש, זי פאַרשיקערט מאַמעש.

נאָר עפּשער איז דאָוויד שיקערלעך פּאַשעט פון פרייד, און דער טאָג איז שיין, און דער הימל הויך, און די לופט פריש דערפאַר, ווײַל אַף דער נעשאָמע ליגט שוין ניט קיין שטיין פון פאַרצווייפלונג. דאָוויד גייט עטוואָס אָנגענייגט פאָרויס, ווי געוויינלעך, ווען מע שפּאַנט באַרג־אַרויף. ער איז ניט קיין הויכער, אָבער זײַן קוואַרקײַט מאַכט אים שטאַלטנע, און דער שינעל זעט הײַנט אויס ווי אַף אים אָנגעמאָסטן, דאַפקע ניט קיין אָפיצערישער. אַ פּאָשעטער, סאָלדאַטישער, אונטערגעגאַרטלטער מיט אַ פּראָסטן סאָלדאַטישן פּאַסיק. אַף דער רעכטער זײַט פונעם פּאַסיק איז צוגעפעסטיקט אַ קאָבורע מיט אַ טראָפּײיִשן פאַראַבעלום. די פלאַנשעטקע הענגט אַף אַ דין רימענדל לעבן דער קאָבורע. אַף דער לינקער זײַט — אַ לעדערנער דיקער פעלד־טאַש. די שטיוול בײַ דאָווידן זײַנען אויסגעפּוצט אַזוי, אַז זיי שײַנען מאַמעש. איינס אָבער האָט ער ניט באַוויזן אופטאָן — זיך אָפּגאָלן. ס׳איז אַוואַדע ניט גוט, אָבער דאָס קאָן סײַווי ניט מינערן די פרייד. אַ מאָדנע זאַך: ער ווייסט גוט, אַז באַלד וועט זיך צעפלאַקערן אַ שלאַכט, און בײַ אים איז אַזאַ שטימונג, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַף אַ סימכע.

די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער זײַנען ווייך אונטער די פיס — ווי דו וואָלסט געשפּאַנט אַף אַן איבערבעט. פון ביידע זײַטן שטעג זײַנען די קוסטעס קימאַט אינגאַנצן הוילע — מאַלינעס,

ווײַנפּערלעך, ווילדע פּלוימען, עטוואָס ווײַטער וואַקסן קליאַנעץ, גראַבן, דעמבלעך. אַ גרויסער אומבאַקאַנטער שוואַרצער פֿויגל פֿליט דורך איבערן קאָפּ, שרײַט עפּעס אופגעבראַכט. דאָוויד באַגלייט אים מיטן בליק. ער הערט ניט אױף צו שמייכלען. ער געדענקט ניט, ווען עס איז אים געווען אַזוי גוט, ווי איצט. ער האָט געטראָגן אַ פֿאַרביטערט האַרץ זינט יענער רעגע, ווען ער האָט דערזען אפן ראַסטאָוער שליאַך די מיליטער־קאָלאָנעס, פֿאַרהילטע אין שטויב, וועלכע זײַנען געגאַנגען, אָפּטרעטנדיק אין דער דאָרעם־ריכטונג. האגאם ער האָט דעמלט, פֿירנדיק זײַן באַטאַרייע אף נײַע פּאָזיציעס צום טײַך טוזלאָוקע, לעכאַטכילע זיך געצווונגען קלערן, אַז דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צו אים, צו זײַנע ווזוואָדן, צו זײַנע מענטשן, איז אים געווען גוט קאַלעמוטנע אף דער נעשאָמע. דאָוויד וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, ווי ער איז צעמישט געוואָרן, דערוויסנדיק זיך, אַז מיט זײַנע אייגענע אויגן באַאָבאַכטעט ער ניט קיין מאַנעווער פֿון אונדזער מיליטער, נאָר אַ טראַגישן צוריקמאַרש. און ווײַטער איז דען געווען לײַכטער? צי קאָן מען זיך מויכל זײַן די אופגעריסענע גאָוביצעס אפן ברעג פֿונעם דאָן? און דעם צוריק־מאַרש אַזש ביז די קאַווקאַזער בערג?

אַטאַקירן דעם פֿײַנט איז באַפֿוילן דעם דריטן באַטאַליאָן פֿאַרטאָג, דעריבער דערלויבט מען זיך מאַכן אַן אָפּשטעל אף אָפּרו אין די באַראַקן פֿון דער געוועזענער אַרבעטס־קאָלאָניע, כאָטש דערקליבן האָט מען זיך אהער נאָך פֿאַר שקיִע און ס׳וואָלט געווען ווינשנסווערט גלײַך אָנגרײַפֿן אפֿן סוינע. וועגן דעם פֿריוואַל שיקט אוועק דער קאָמאַנדיר פֿונעם דריטן באַ־טאַליאָן אַ ראַדיאָ־מיטיילונג אין שטאַב פֿון דער בריגאַדע.

אומגעריכט קלאָרט זיך אויס, אַז די באַראַקן פֿונעם לאַגער זײַנען ניט פּוסט — דאָרטן געפֿינען זיך איצט בעזשענצעס.

אין דער הילצערנער הײַזקע, וווהין דאָוויד גייט אַרײַן, באַגעגנט אים אַ געמיטלעך יונגע פֿרוי מיט אַ קינד אף די הענט. דאָס ייִנגעלע האַלט פֿעסט פֿאַרקלעמט אין זײַנע פּיצינקע פֿויסטן אירע שוואַרצע האָר און קלאַפּט פֿריידיק מיט די פֿיסלעך אין איר בויך.

— כ׳וויל נאָך! נו, מאַם! נאָך וויל איך! — בעט אײַנגעשפּאַרט דאָס יאַטל.

דאָוויד בלײַבט שטיין אף דער שוועל, ער ווייסט ניט, וואָס ווײַטער טאָן.

— לאָמיר פֿאָרן, מאַ! — פֿאָדערט דאָס ייִנגעלע.

און מיטאַמאָל דוכט זיך דאָווידן, אַז עס קלינגט בערעקס קעלכל, פֿון דער ווײַטער ווײַ־טעניש, פֿונעם פֿאַרוואָרפֿענעם טאַטערשן דערפֿל שרײַט ער צו אים, צום טאַטן: „לאָמיר פֿאָרן, פּאַ!" און דוסיעס ענטפֿער דערהערט באַלד דאָוויד: „שטילער, טרייסט מײַנער, מע טאָר ניט שטערן קיינעם, מענטשן זײַנען מיד".

דאָוויד זוכט מיט דער האַנט אין קעשענע, דאָרט זײַנען נאָך אינדערפֿרי געלעגן, פֿאַר־וויקלטע אין אַ טיכעלע, עטלעכע שטיקלעך צוקער. מער האָט ער ניט מיט וואָס צו מעכאַבעד זײַן דאָס קינד.

דאָס יאַטל דערפֿרייט זיך מיט דער מאַטאָנע.

— אַ דאַנק! — זאָגט די פֿרוי.

דאָס ייִנגעלע כאַזערט איבער, ווי אַן עכאָ:

— אַ דאַנק!

„כ׳האָב פֿאַרגעסן, וויאַזוי מע באַגייט זיך מיט פֿרויען און קינדער",— קלערט דאָוויד, איבערטרעטנדיק פֿון איין פֿוס אף דער צווייטער.

— וואָס זשע שטייט איר בײַ דער שוועל? — זאָגט די באַלעבאָסטע. — טוט זיך אויס. דעם שינעל קאָן מען אופהענגען אָן אף יענעם טשוועקל, — זי באַווײַזט מיט אַ ווונק אף דער וואַנט.

לאַנג רוען קומט אָבער ניט אויס. עפּשער די ראַדיאָ־מיטיילונג, וועלכע דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר האָט איבערגעגעבן אין שטאַב, אָדער די פֿאַרגרעסערטע סאַקאָנע, אַז מײַראַמאַדאַג קאָן פֿאַלן, נאָר דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע האָט מיט אַ שיפֿריר־טער ראַדיאָגראַמע דער־לויבט זײַן דריטן באַטאַליאָן גיין אין אָנגריף ניט אינדערפֿרי, ווי עס איז געווען פֿאָרגעזען אינעם אָנפֿאַנג־באַפֿעל, נאָר טאַקע באַלד. אַטאַקירן וועט די גאַנצע בריגאַדע. אַלס סיגנאַל אף אָנהייבן די אָפּעראַציע וועלן דינען דרײַ זאַלפּן פֿון די „קאַטיושעס".

מיטיילנדיק וועגן דעם דאָווידן, פֿרעגט בײַ אים דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר:

— אין דער פֿינצטער קאָן מען פֿירן אַ צילגעווענדטן פֿײַער, צי וועסט בלויז אָנשרעקן די פֿריצן?

— מירן אַרויסלאָזן אין הימל באַלויכט־סנאַריאַדן. כ׳גלייב, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדע־נונג, — ענטפֿערט דאָוויד.

שאָטנס, שעמערירן אין דער טונקלקײַט. פאַרבאָרגענע שאָרכן רודערן די שטילקײַט. אַזױ רױשן אין פרי̇ען פרילינג די פרישגעבאָרענע ריטשקעלעך אונטערן רויקן שנײ־צודעק. אַזױ רינט צו די ביימער־שפּיצן, צו די צװײַגן, צו די קנאָספּן דער זאַפט פון דער ערד. קיין הימל איז ניטאָ, פון ביידע זײַטן — בערג. און שאָטנס, שאָטנס. דערנאָך — אַ הוסט. אַ דערשטיקטער, ווי אַ קרעכץ. דאָוויד גאַנוועט זיך מיטן אויטאָמאַט דורך נאַכט און שטילקײַט. נאָך אים גייען זײַנע אַרטילעריסטן. רעכטס און לינקס, פון פאָרנט און הינטער זיי — די סאָלדאַטן פון דעם דריטן באַטאַליאָן.

אין טאָל פאַלן צו די שאָטנס צו דער ערד. פונדאַנען וועט מען זיך אַ וואָרף טאָן אַפן סוינע. עס פלאַמען אויף דעם סוינעס באַלויכט־ראַקעטעס איבער זײַן פאָדערשטן ראַנד. די ראַקעטעס פלאַקערן, און עס ווײַזט זיך אויס, אַז די ערד וויגט זיך אין זייער פינטלענדיקן געלב־לעכן פײַער.

דאָוויד בעט דעם ראַדיסט, ער זאָל אײַנשליסן די ראַציע.

די באַטאַרייע רופט זיך אָפּ טייקעף, אַ סוואָרע, דאָרטן זוכט מען שוין לאַנג זייער כוואַ־ליע אין עפיר.

אַלע וואַרטן אומגעדולדיק אַפן סיגנאַל, נאָר אונדזערע „קאַטיושעס” צעגרילצן זיך פונ־דעסטוועגן אומגעריכט. העל־רויטע שײַטערס צעבלי̇ען זיך אָף דעם סוינעס פאָדערשטן ראַנד. עס הודעט די ערד. גאָר נאָענט טוען זיך אַ הייב אויף און לויפן פאָרויס, טופּענדיק, די פאַר־הילטע אין דער טונקלקײַט שאָטנס.

דאָוויד גיט אָפּ די קאָמאַנדע אַף דער פײַער־פּאָזיציע פון דער באַטאַרייע.

די אַרטילעריסטן קוקן זיך אָנגעשטרענגט אײַן אין דער פינצטערניש. זיי דערוואַרטן זיך — אַ באַלויכט־סנאַריאַד צעשפּאַלט דעם הימל. איצט קאָן מען שוין אָנהויבן.

באַנאַכט הילכן די אופרײַסן בוילעטער און שטאַרקער ביכלאַל, ביפּראַט נאָך אין וואַלד און אין די בערג. עס דוכט זיך, אַז די האַרמאַטן־קוילן פּלאַצן דערנעבן, באַם באַרג צופוסנס.

דאָווידס פײַער־שקוואַל העלפט גוט דעם דריטן באַטאַליאָן אַטאַקירן די פּאַשיסטן, נאָר סאָפּקאָלסאָף אַנטשטייט אַ מאָמענט, ווען אונדזערע סאָלדאַטן גייען צו אַזוי נאָענט צום פײַנט, אַז דער פײַער־פאָרהאַנג פון דאָווידס באַטאַרייע דראָעט צו פאַרשאַפן שאָדן ניט נאָר דעם סוינע. און דאָוויד איז געצוווּנגען אָפּשטעלן די שיסערײַ. עס גייט דורך איין רעגע, אַ צווייטע, די שלאַכט דויערט, ער אָבער איז דאָ ווי אַן איבעריקער. כמורנע איז געוואָרן אַפן האַרצן. וווּהין זיך אַהינטאָן?

— מע דאַרף גיין פאָרויס, עפּשער פונדאָרטן זעט מען בעסער, וואָס עס קומט פאָר, — זאָגט דאָוויד. ער באַטראַכט אופמערקזאַם זײַנע געהילפן.

זיי שווײַגן שטרענג.

— נאָר ניט פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט דער באַטאַרייע, — באַפעלט ער.

— פאַראַן, ניט פאַרלירן!

— אויב ס׳וועט זײַן מעגלעך באַנײַען דאָס פײַער, וועל איך אָנקלינגען אין שטאַב פונעם באַטאַליאָן, און איר וועט שוין אליין איבערגעבן מײַנע קאָמאַנדעס אָף דער באַטאַרייע.

— פאַראַן!

— וויפל גראַנאַטעס פאַרמאָגט איר? אַנטלײַט מיר אַ פּאָר...

— עמעצער פון אונדז וועט גיין מיט אײַך.

— בלײַבט דאָ ביידע. אַזוי וועט זײַן בעסער.

דאָוויד טוט אַ שפּאַן אין דער פינצטערניש.

אַלץ נעענטער און נעענטער קוויטשען מינעס. קוילן קנאַקן אין די שטאַמען פון ביימער. אַ וואָיענדיקער שפּליטער טראָגט זיך דורך פאַרבײַ דאָווידס אויער. אין אָט די קלאַנגען שפּינט זיך אַרײַן אַ שווערער קרעכץ. עמעצער כליפּעט. יענעם טרייסט אַ צערטלעך קאָל:

— דײַנע פיס זײַנען גאַנץ, טײַערינקער. מע דאַרף אַ ביסעלע לײַדן. ביסט דאָך אַ מאַנצבל...

דאָוויד פרעגט זיך אָן בײַ דער סאַניטאַרקע, וועלכע טראָגט אַף זיך אַ באַבערדעטן מענטש:

— העלפן דיר?

— כ׳וועל יאַקאָס זיך אליין ספּראַווען. העלפן דאַרף מען יענע, אַף דער פאָדערשטער לי־ניע. אויך מיר באַהעלפער! — אין קאָל אירן הערט זיך פאַראַכטונג.

ערשט איצט פאַרשטייט דאָוויד, אַז ער איז, ווי̇זט אויס, ניט געגרעכט, ער האָט ניט גע־טאַרט פאַרלאָזן זײַן אָרט לעבן דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, נאָר אַף אומקערן זיך צוריק קלעקט אים ניט קיין מוט. און ער שפּאַנט אַפגיך פאָרויס.

— אָ, אַרטילעריע! גוט, וואָס ביסט דאָ, — זאָגט צופרידן דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, דערזעענדיק לעבן זיך דאָווידן. — פאַרשטייסט, כ׳האָב פאַרלאָרן די פאַרבינדונג

מיטן קאַמבאַט. ערגעץ איז די ליניע ווידער צעשמעטערט. זעסט טראַסירנדיקע? אַ קוילנוואַרפער לאָזט אונדז ניט אופהייבן די קעפּ. פּריטשמעליע אים, איך בעט דיך, מיט דײַנע האַרמאַטן...

וואָס ענטפערן דעם כאַווער? אַז ער, דאַוויד, איז אַנמעכטיק? צוליב וואָס זשע איז ער געקומען אַהער? דאַוויד טראַכט בלויז איין אויגנבליק. נאָר אין אָט דעם אויגנבליק באַווײַזט ער מיט דער אינערלעכער ריִע ווידעראַמאָל דערזען דעם האַמוין סטודענטן אין אַקטאָוון זאַל פון קאַזאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וווּ ער שווערט זיך געטרײַ דינען דעם היימלאַנד; און דער מאַמעס אומעטיק געקנייטשט פּאָנעם — אָט שטייט זי אַפן וואָקזאַל, באַגלייטנדיק אים אין ווײַטן וועג; און דוסיען מיט בערעקן אַף די הענט...

— כ'וועל דעם קוילנוואַרפער פאַרניכטן, — זאָגט דאַוויד.

— איך בעט דיך, — כאַזערט איבער דער ראָטע־קאָמאַנדיר. — זאָלן דײַנע האַרמאַטן אים אַ גלעט טאָן...

„ער מיינט, אַז כ'האָב אַף זיי אויך איצט די שליטע, אָן זײַן פאַרבינדונגס־ליניע", — שמייכלט ביטער דאַוויד.

און אָט פּויזעט ער שוין אַנטקעגן די פלִיענדיקע פײַערלעך — די גליִ־וווּרעמלעך. אָט די פײַערלעך זײַנען טראַסירנדיקע קוילן, דאָס זײַנען קוילנוואַרפער־רייען. עס דוכט זיך, אַז עמעצער דערנעבן צינדט שוועבעלעך, און פונקען שיטן זיך אַף דער ערד. דאַוויד האַלט אין די דלאָניעס צוויי קאַלטע גראַנאַטעס. ער צווייפלט, צי האָבן זיי אופרײַס־קראַפט, צי ניין. עטוואָס שטערט אים זיך באַוועגן דער אווטאָמאַט, וואָס באַמבלט זיך אַפן האַלדז. וויפל צײַט איז דורכגעגאַנגען? אַ מינוט? אַ גאַנצע אייביקייט?

ווען דאַוויד דערקלײַבט זיך צו דער פײַנטלעכער פײַער־נעסט און הייבט זיך אוף, קעדיי אַ שלײַדער טאָן די גראַנאַטע, באַמערקט אים איינער פון די קוילנוואַרפלער, נאָר עס איז שוין שפּעט: די „לימאָנקעס" טרעפן אין ציל. אָבער אין דער זעלבער רעגע, ווען זיי רײַסן זיך אוף, טוט עפּעס מוירעדיק אַ קלאַפּ דאַווידן אין אַקסל.

17

נאָרשיין שטייט לעבן דעם רויטן ווינקל, האַלטנדיק אין די הענט צוויי היפּשע בינטלעך ביכער. פּונדערווײַטנס באַמערקט זי אין האַלב־טונקעלן קאָרידאָר דאַווידן. ער באַוועגט זיך עפּעס צו פּאַמעלעך, פאַרכאַלעמט, קוים וואָס ער רײַסט אָפּ די פיס פונעם דיל. פון דער זײַט קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז דאַוויד איז שיקער. נאָר נאָרשיין ווייסט, אַז ער טרינקט ניט. קוקט זי אַף אים פאַרוווּנדערט.

פונוואַנען זאָל זי טאַקע וויסן, אַז דאַוויד קערט זיך אום ניט נאָר פון דער באַגעגעניש מיט די סטודענטן, וועלכע האָבן נאָרוואָס איבערגעשריבן אַף אַ מאַגניט־טאַשמע די נייטיקע לידער — איצט ליגט אָט די טאַשמע אינעם קאַרטאָן־קעסטעלע, וואָס ער האַלט אין דער דלאָניע. נאָרשיין קאָן ניט וויסן, אַז ער קערט זיך איצט אום פון ערגעץ ווײַט — פון דער שלאַכט אין די קאַווקאַזער בערג.

אַנטקעגן אַנע אַרנאַלדאָוונען שטעלט ער זיך אָפּ, טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ — קומט אײַנגאַנצן צו־זיך: קערט זיך אום אין דער וואָר. ערשט דערנאָך נייגט ער זיך אָן און לייענט די אופשריפטן אַף די רוקנדלעך פון די ביכער אין נאָרשיינס הענט.

— איר קרעכצט אונטערן יאָך פון דער וויסנשאַפט? — זאָגט ער.

— פאַר אַ פערד איז האָבער קיין לאַסט ניט, — רופט זיך אָפּ נאָרשיין. — קעדיי אָפּצוזוכן איין פּאַסיק וואָרט פאַטערסטו צומאָל טויזנטער טאָן וואָרט־אַרץ.

— און איך ברעך דעם קאָפּ, טראַכטנדיק, ווי די ליטעראַטור־פאָרשער שעפּן פאַר זייערע טראַקטאַטן אַזויפיל לאָשן־אויצרעס? — שמייכלט דאַוויד. — לאָזט זיך אויס, גאַנץ אײַנפאַך: מע אַנטלײַט איינער באַם אַנדערן.

— איר ווייסט אַ בעסערן וועג? — דערווידערט שטיפעריש נאָרשיין. — מיר, ליידער, איז ער ניט באַקאַנט. באַנוגן איך זיך מיט דעם, וואָס כ'פאַרמאָג. אָבער דאָ דאַרף מען זיך באַגיין איידל, ווי דער אַלטגעבאַקענער אַספּיראַנטישער פּאָסעק באַפוילט: באָרג ניט בלויז בא איינעם — אַזעלכס רופט זיך פּלאַגיִאַט, אויך בא צווייען איז ווייניק — דאָס וועט הייסן קאָמפּיליאַציע, שלעפּ בא דרײַען — וועט עס זײַן אַ דיסערטאַציע. ניט ווייניקער ווי בא דרײַען.

זי לאָזט אַראָפּ די בינטלעך ביכער אויפן דיל, פאַריכט עלעגאַנט מיט ביידע דלאָניעס די קורץ אונטערגעשאָרענע האָר:

— כ׳האָב אָנגענומען אַ מאַסע בעלעטריסטיק און כ׳וויים ניט, וויאַזוי זי צו דערשלעפּן אַהיים — זעט נאָר, וואָס פאַר אַ שלאַקסרעגן עס גיסט.

און נאָכאַמאָל דערפילט דאָוויד, אַז אָט די פּרווּ מיט איר סאַמעטענעם קאָל, מיט אירע אויגן, וועלכע ענדערן זיך אומגעריכט פון מאָל צו מאָל, איז אַ געפערלעך, אַלנפאַלס פאַר אים, באַשעפעניש, און מע דאַרף מיט איר זיין געהיט. דאָוויד טוט אַ גלעט די וואָנצעס.

פונדעסטוועגן איז דאָס טשיקאַווע, פאַרשיידענע סטיכיעס קאָנען זיך צוזאַמענלעבן אין אַ מענטש. לעצטנס האָט אים דוסיע באַוויזן נאָרשיינס אַרטיקל, וועלכן די קאַטעדרע רעקאָמענ־דירט צום דרוק. ניט קיין גרויסע אַרבעט, אָן ערעך אַיין דרוקבויגן. איבערקערנדיק דאָס לעצ־טע זייטל, האָט דאָוויד פּלוצעם זיך געכאַפּט, אַז עס גלוסט זיך אים אַפּסניי אַ בלעטער טאָן דעם מאַנוסקריפּט. „אויסערגעוויינלעך!" — טוט ער אַ קלער מיט דערשטוינונג. ביז גאָר אינ־טערעסאַנטע געדאַנקען. ביז אַהער האָט ער איר גאָרניט געזאָגט וועגן זיינע איינדרוקן, וועט ער איר זאָגן איצט.

— כ׳האָב דאָ ניט לאַנג איבערגעלייענט אייער אַרטיקל וועגן פּלאַבערן און טאָלסטאָיען. אַן איינדרוקספולע אַרבעט!

— מיך באַפרידיקט עפּעס ניט אין איר, — פאַרוויטלט זיך פון פאַרגעניגן אַנע אַרנאָלדאָוו־נע. — וואָס פּינקטלעך, פאַרשטייט איך נאָך ניט. געוויינלעך, ווען איך שרייב, דוכט זיך מיר, אַז אַלץ איז גוט. הייב איך אָן פאַריכטן — מעק איך אויס אַ העלפט. אָט די אַרבעט האָב איך אָנגעשריבן גיך און גלייך איבערגעגעבן אויף דער קאַטעדרע. ווייזט אויס, פון דעם קומט מיין אומצופרידנקייט. די אַרבעט האָב איך ניט רעדאַגירט. כ׳האָב פון איר געדאַרפט זיך אָפּרוען, דערנאָך זיך אומקערן ווידעראַמאָל צו איר.

דאָוויד טוט אַ קוק אויף אַנע אַרנאָלדאָוונען מיט נייגער.

— אויב איר ווילט רעפּעטירן, הייבט גלייך אָן, ווייל באַלד דאַרפן קומען אין רויטן ווינקל די סטודענטן, — זאָגט ער.

— איך האָב ניט מוירע. צייט וועט מיר קלעקן, ווייל אייערע ליבלינגען, זייט מיר מויכל, אײַלן זיך ניט, סיי אויף די לימודים פון אייער פאַקולטעט, סיי ביכלאַל צו דער לער. כ׳בין הײַנט אַריין אין צוזאַמענווירונג צו די מיידלעך פונעם צווייטן פילאָלאָגישן, און בלויז איינע געזען מיט אַ בוך. האָב איך שוין ספּעציעל אַרײַנגעקוקט צו די כעוורע פונעם אינדוסטריעל־פּעדאַ־גאָגישן פאַקולטעט — צווייען צייכענען, די איבעריקע בלאָנקען ערגעץ אַרום. ניט בעסער איז אויפן ערשטן קורס פונעם פאַקולטעט, וועלכער גרייט לערער פאַר די אָנפאַנג־קלאַסן. כ׳האָב געשמועסט מיטן ערשטן קורס. „ווי האַלט עס באַ אייך מיט דער וויסנשאַפט, מיידלעך?" לאַכן זיי: „מיר הריזען זי". „מיר באַקומען צו פיל פאַרגעבונגען, — ענטפערן זיי. — מיר דאַרפן אַזוי פיל אופטאָן, אַז מיר טוען גאָרניט". איך וווּנדער זיך: „אַזוי טאַקע גאָרניט?" — „גאָט באַהיט! קוועלן די קינפּטיקע לערערקעס. — אַז מע נויט אונדז, מוזן מיר זיך דרייען. כאָטש קיין צייט איז ניטאָ, געפינט מען צייט, אויב דער לעקטאָר פאָדערט. אַ סטודענט וועט שטענדיק געפינען צייט, טו נאָר אויף אים ווי עס דאַרף צו זיין אַ קוועטש". ווי געפעלט עס אייך?

— איר טרייבט איבער, — זאָגט דאָוויד. — יעדערער מיינט, אַז זיין דאָר איז געווען בעסער...

— כ׳האָב ליב אָפּטימיסטן, — זיפצט נאָרשיין.

— כ׳וועל אייך מער ניט אָפּוווענדן, — זאָגט דאָוויד.

נאָר זי פאַרהאַלט אים:

— איך קאָן אייך מיטיילן אַ גוטע נייס: ס׳איז צוגעשיקט געוואָרן אַן איינלאַדונג אויף אַ באַראַטונג פון דעקאַנען פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס. גרייט זיך פאָרן קיין לענינגראַד.

— גרויסאַרטיק! מיין טרוים.

— דאָרטן וועט איר טאַקע אויסקלאָרן, צי טוען מיר אַזוי, ווי מע באַדאַרף?

— אומבאַדינגט.

— איך מיין אויך, אַז מע וועט אייך דאָרטן גוט אַרײַנלייגן אין די ביינער פאַר אייערע אַפּיקאָרסישע שטיק.

— נישקאָשע!

— אָן אַקשן זיינט איר! נו וואָס דאַרפט איר נאָך? איר האָט זיך אייער פאַקולטעט — און אַ דאַנק גאָט. מע פאָדערט ער זאָל זיין — איז ער דאָ. ניט ערגער, ווי באַ לייטן. פון יעדערן לויט זיינע פיייקייטן. באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ס׳איז פאַראַן, — רעדט איין דאָווידן נאָר־

שיין. — דערוויַיל איז דאָס סאַמע ווערטפולע אָף אײַער פאַקולטעט — די קינסטלערישע זעלבס־טעטיקײַט. איר זײַט ניט גערעכט, ווען איר ווילט זיך אָפּטרייסלען פון איר.

— אונדזער זאַך איז אויסלערנען די סטודענטן אָרגאַניזירן די זעלבסטעטיקײַט, — דערווידערט דאָוויד. — אָרגאַניזירן! און ניט מאַכן א טענצל, צי זינגען א לידל. מע טאָר ניט פאַרוואַנדלען דעם פאַקולטעט אין א טעאַטער. אונדזער אויפגאַבע — גרייטן פאַר אים אָנפירער.

— זאָל זײַן אַזוי, — טוט א שמייכל נאַרשיין. — נאָר די אָנפירער, וועלכע איר גרייט, דאַרפן דאָך אַליין קענען טאַנצן, זינגען, שפּילן. איז זאָלן זיי שפּילן ניט אין פוסטע זאַלן, נאָר אָף עפנטלעכע קאָנצערטן.

— אַדרבא. נאָר ניט אין דעם איז דער איקער. בא אונדז אָבער שאַצט מען די אַרבעט פונעם פאַקולטעט אָפּן סמאַך פון זײַן קאָנצערט־טעטיקײַט.

א צעהיצטער, דערוויַיזט דאָוויד, אַז זײַן פאַקולטעט לערנט די סטודענטן פירן א פאַרשיידנאַרטיקע אויסערקלאַסן־אַרבעט אין שול, און דאָס איז ניט נאָר זעלבסטעטיקײַט.

אײַנהערנדיק זיך אין דאָווידס רייד, קלערט אַנע אַרנאָלדאָוונע וועגן דעם, אַז ער וואָלט געקענט, ווען ער זאָל האָבן כיישעק, אינטערעסאַנט פאַראַלגעמיינערן זײַן דערפאַרונג. אָבער, ווי זי פאַרשטייט, ציט אים ניט צו קיין פאָרשערישער אַרבעט. א שאָד. יעוודאָקיִא פעטראָוונא איז גערעכט, וואָס זי זידלט אים דערפאַר.

— כ׳וועל זיך דערוועגן פאַרלייגן אײַך אַן אידיי, — זאָגט נאַרשיין מיט איר סאַמעטענעם גבײַוויישן קאָל. — א פּען האָט איר, געדאַנקען פאַרמאָגט איר, שרײַבט אָן א רעפעראַט, וויאַזוי צו פאָרמירן בא די סטודענטן דעם געשמאַק צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס איז א וויכטיקע און נייטיקע טעמע. אַן אַקטועלע. א גוטער אַדעראַף אָף א דיסערטאַציע. און איך גלייב, אַז אָט די טעמע וועט האָבן א דערפאָלג. איבערהויפּט בא אײַך — איר קענט אַלץ...

— אויך אײַך, הייסט עס, געפעלט ניט, וואָס כ׳האָב ניט קיין וויסנשאַפטלעכן טיטל, — זאָגט דאָוויד. — אַן אַרמיי קאָן דען דורכויס באַשטיין פון אָפיצערן? אָן סאָלדאַטן איז אומעגלעך. מײַן אמפּלוא איז — זײַן א סאָלדאַט.

— א סאָלדאַט זײַנט איר א זיכערער. אָבער אין אָפיצערישן קאָרפּוס וואָלט איר דאָפקע יאָ געמעגט פאַרנעמען אַן אָרט.

— פאַר מיר איז עס צו פיל, — טוט א מאַך מיט דער האַנט דאָוויד.

זײַנע אויגן, פאַרגרעסערטע אין די קוואַדראַטע גלעזלעך פון די ברילן, זעען אויס אָנגעשוואָלן.

— אײַך איז שוין צײַט עפּעס־וואָס איבערבײַסן, דאָוויד איסײַעוויטש, — זאָגט פלוצעם נאַרשיין. — א גאַנצן טאָג זײַנט איר אין אינסטיטוט.

— בא מיר איז אַן אייגנאַרטיקע נערונג־סיסטעם, — שפּאַסט דאָוויד. — אינדערפרי עס איך אַלץ מיטאַמאָל: אָנבײַסן, וואַרעמעס און וועטשערע. עס רעקאָמענדירט זיך נאָך דערבײַ צוליב שטאַנדהאַפטיקײַט ציגן־מילך, נאָר פון אָט דער מאַשקע פלאַצן מײַנע ברילן.

— אויב אַזוי, פאַרבעט איך אײַך צו זיך, אָף מײַן רעפעטיציע, האַ?

אין רויטן ווינקל העלפט דאָוויד אַנע אַרנאָלדאָוונען אַרופשטעלן אירע פעקלעך ביכער אָף דער ברייטער פענצטער־ברעט. נאַרשיין נעמט אַראָפּ פון זיך דאָס קאַפּטל, הענגט עס אויף אָפּן בענקל. זי בלײַבט אין אַיידעלער דורכזיכטיקער בלוזע.

נאַרשיינס פּראָגראַם איז א פאַרשיידנאַרטיקע. לעשעם דאָווידן אַקאָמפּאַנירט זי זיך אַליין און זינגט לײַכט. זי וויל, עס זאָל אים געפעלן ווערן. זי זינגט צוערשט לירישע לידער, דערנאָך שטיפערישע. אָט, קלוימערשט אַן איבערגעשראָקענע, טוט זי א צי מיטן אַקסל, טוט א ברעך די ברעם און לאָזט זיך אַוועק פריילעך, געפּעפערט דערציילן, סאַראַ לוסטיקע זי איז. אין אירע אויגן שפּרינגען שרעטעלעך.

מיטאַמאָל ווערט זי אַנשוויגן, פירט צונויף די ברעמען אַזוי, אַז בלויז א טיפער קנייטש טיילט זיי אָפּ איינע פון דער אַנדערער. זי פרעגט דאָווידן:

— די מוטער־שפּראַך געדענקט איר נאָך?

— כ׳ווייס ניט. ס׳קאָן זײַן.

— אויב אַזוי, הערט.

נאַרשיין רײַסט אַרויס פון דער פּיאַנינע עטלעכע אומרויִקע אַקאָרדן, און דאָוויד ווערט פאַרציטערט. אומבאַקאַנטע, אָבער אייגנצײַטיק נאָענטע, טײַערע קלאַנגען עגבערן די נעשאָמע. וואָס איז געשען מיט אַנע אַרנאָלדאָוונען, פאַרשטייט ער ניט. וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אַליין, ווייסט ער אויך ניט. ער איז פאַרגאַפט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַלע ווערטער געדענקט ער. פאַרבאָרגענע אין די טיפסטע טיפענישן פונעם זיקאָרן, וואַכן זיי אויף, ווי עס וואָלטן ניט אַדורך לאַנגע יאָרן צעשיידונג מיט זיי...

נאַרישער באָכער, נאַרישער קאָפּ,
האָסט דאָך ניט קיין סייכל אָף קיין טראָפּ...

אַנע אַרנאַלדאָוונע קלאָגט זיך:

מע דאַרף ניט זײַן שיין,
מע דאַרף ניט זײַן פײַן,
מע דאַרף ניט זײַן קלוג —
מע דאַרף נאָר האָבן גליק...

דאָוויד שווײַגט. אויך באַ אַנע אַרנאַלדאָוונע זײַנען די ליפּן פאַרפּרעסט. עפּעס פאַרייניקט זיי איצט ביידע. אַזוי נאָענט צווישן זיך זײַנען זיי קיינמאָל ניט געווען.

נאַרשיין זאָגט שטיל:

— איצט לאָזט מיך איבער איינע אַליין, איך בעט אײַך.

און נאָך איידער דאָוויד גייט אַרויס, נייגט זי אָן דעם קאָפּ איבער איר צעעפנטן נאָטן־העפטל, הייבט אָן שרײַבן אַהין מיט איר שאַרפן שפּרינגענדיקן קסאַוו איין נאָטן־שורע נאָך דער צווייטער. זי פלעכט פון די נאָטן־צייכנס אַ שוואַרצע קייט, און עס קומט פאַר אַ געוויינ־לעכער קישעף — עס ווערט געבוירן מוזיק.

פּאַריכטנדיק עטלעכע מאָל די פּריזור מיט איינער און דער זעלבער באַוועגונג פון דער האַנט, הערט זיך נאַרשיין אײַן אין איר אינווייניקסטן קלאַנגען־געווירבל, און טראָגט אַרײַן אויסבעסערונגען אינעם מאַנוסקריפּט. אַנע אַרנאַלדאָוונע איז אָנגענעם צו פילן, אַז עס באַ־קומט זיך באַ איר, די קלאַנגען זײַנען איר אונטערטעניק און געהאָרכזאַם.

דאָוויד האָט ליב לידער פון קליינערהייט. אין זיקאָרן איז פאַרקריצט, ווי אַ קוטשעראַוואַ־טער דיקער יונגאַטשל אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט בעגעדל שפּאַנט איבער אַ ביז געל אויסגעצוויגע־נער ברייטער דיל־ברעט און זינגט הייס: „דרייסטער די טריט, כאַווירים, אין קאַמף מירן שטאַרקן די זעל, מיט לײַב און מיט לעבן דערגרייכן מיר וועלן פון פרײַהײַט די שוועל".

דאָס ייִנגעלע פאַרגעסט, אַז ער זינגט פאַר אַ פרעמדער, פאַר דער באַלעבאָסטע פון דער שטוב, ווו זײַן מישפּאָכע האָט געדונגען אַ פּיצינק צימערל, אַז ער זינגט צוליב אַ שטיקל פּרעצטיקן לעקעך. די נעפּמאַנשע האָט פונדערווײַטנס אַ ווײַז געטאָן אָף דער דלאָניע אָט דאָס ריפּטל טאָרט און צוגעזאָגט:

— פאַרדינ, ווערסטו עס באַקומען, דאָדיק, האַ, ווילסט?

פאַרשטייט זיך, אַז ער וויל. טאַטע־מאַמע פאַרמאָגן ניט אַזעלכע נאַשערײַען. און ער שפּאַנט אַנטשיידן, פאָכעט מיט די הענט אין טאַקט פון דער ליד. ער איז באַצויבערט, ער ווייסט אָבער די ווערטער בלויז פון דעם ערשטן קופּלעט און כאַזערט זיי איבער דרײַ מאָל. אים דוכט זיך, אַז עס איז גענוג, אַז ער האָט ערלעך אָפּגעאַרבעט, און ער ווערט אַנשוויגן, בלײַבט שטיין אַנטקעגן דער שמייכלענדיקער באַלעבאָסטע, טוט וואַרטנדיק אַ קוק אָף איר גרויסן קאָפּ, אָף איר זאַט פּאָנעם, באַטראַכט דעם געקנײַטשטן שראַם אָף איר באַק. די באַלע־באָסטע שאָקלט מיט אָט דעם קאָפּ, דער שראַם, אַרום וועלכן עס וואַקסן קורצע שוואַרצע הע־רעלעך, טוט זיך דערבײַ צוערשט אַ הייב אויף, דערנאָך אַ לאָז אַראָפּ איינעם מיט דער באַק.

— וואָס זשע ביסטו פאַרשטומט געוואָרן, בושעוויק? — זשמורעט אָן די באַלעבאָסטע אירע אויגן אָף דעם קליינטשיק מענטשל, באַטאַנענדיק אינעם לעצטן וואָרט דעם דריטן טראָף. דאָ־ווידקע האָט קיין אַנונג ניט וועגן דעם, אַז די נעפּמאַנשע רופט די באָלשעוויקעס מיטן צע־קאַליעטשעטן וואָרט בושעוויקעס, אָבער אין קאָל אירן פילט ער פאַלשקײַט און שפּיצט אָן די אויערן:

— מע דאַרף נאָך?

— וואָדען. איך נעם שטענדיק פאַר מײַנס מיט דער פולער מאָס. איך דאַרף רעוועך. נו, שטעלן פּיסלעך, איינס, צוויי...

און דאָווידקע הייבט אָן ווידער: „דרייסטער די טריט, כאַווירים", ער ווייסט אָבער בלויז פיר שורעס...

— שווינדלסט, בושעוויק! אַ פײַג וועל איך דיר געבן, ניט קיין לעקער. לעך לעכאַ!

דאָווידקע שווײַגט דערשטעטערט. טרערן טריפן פון די אויגן.

דערנאָך פלעגט ער פריילעך זינגען זײַנע לידער אין שול, אין דער אַגיטבריגאַדע „בלויע בלוזע". מיט פיל יאָרן שפּעטער, אין דער מיליטערישער שול, בייס דער קאָמאַנדע: „זאַפּעוואַי־

לעס, פאַרויס!", פּלעגט דאָוויד זיך שטעלן בעראָש פון דער קאָלאָנע און מיט זײַן געזאַנג פירן די קורסאַנטן פון קאַזאַרמע צום הויפּט־פּלאַץ אַף איבונגען און צו די שטאַלן — קעמען, רייניקן און האָדעווען די נאַרוואַס מאַביליזירטע קאָלווירטישע פערד, גרייטנדיק זיי אין שפּאַן פאַר די האַרמאַטן. דאָווידס קאָל איז ניט קיין מעכטיקס, נאָר ער סטאַרעט זיך, און עפּעס־וואָס באַקומט זיך בא אים יאָ, די כאַווירים אַרטילעריסטן האַלטן אים אונטער, זינגען מיט אים איניינעם, באַזונדערס ווויליונגעריש, ווען מע שפּאַנט צום שפּײַז־בלאָק עסן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט דאָוויד ליב מוזיק, לידער. הײַנט האָט ער זיך אומגעקערט אהיים מיטן פאַרשריבענעם פּלאַט. ער שלעפּט פאַרזיכטיק אַרויס פונעם צעלאָפאַן־זעקל דעם דיסק — אַ גרויסן, פעטיק־שוואַרצן, שטעלט אים אווועק אפן מאַגניט־רעדל, און עס צעגיסט זיך די ערשטע מעלאָדיע. דאָוויד פאַרמאַכט די אויגן. אָט אַזוי האָט ער ליב צו הערן מוזיק.

ער ווייסט נאָך ניט דערוויַל, אַז אין פאָדער־צימער הערט זיך אײַן פאַרקישעפּט אין די ניגונים עליק, וועלכער איז נאַרוואַס אַרײַן פון דער גאַס, ניט באַוויזן אפילע אַראָפּשלעפּן די שיך. דערפילנדיק דעם זונס אַנוועזנהײַט, טוט דאָוויד אַ קער דעם קאָפּ און שמייכלט. עליקס אַנציקונג פרייט דאָווידן. דער זון, הייסט עס, פאַרגעסט ניט יענע מעלאָדיעס, מיט וועלכע דער פאָטער פלעגט אים, אַ פּיצינקן, פאַרוויגן. און טאַקע דערפאַר דערלויבט אים דאָוויד אַליין דרייען דעם פּלאַט מיט די לידער. ער וואָרנט אים בלויז:

— זע, זײַ געהיט, זאָלסט אים, כאָלילע, ניט צעברעכן.

צום מאַגניטאָפאָן אפן הויכן טישל דערלאַנגט נאָך ניט עליק, רוקט ער צו אַ בענקל, קלעטערט אַרויף אַף אים אָן די שטעקשיך, בלויז אין שקאַרפּעטקעס, און טוט אַ קוועטש דעם נייטיקן קלאַוויש. פאַרגאַפט קוקט ער, ווי עס דרייט זיך דאָס פלאַכע שוואַרצע טעלערל, וואָס האַלט אין זיך פאַרבאָרגן אַזויפיל קלאַנגען, ווונדערלעכע קלאַנגען.

עס קומט צו גיין די מאַמע — זי דאַרף פונעם ביכער־שראַנק נעמען עפּעס אַ בוך, עס סקריפּען אונטער אירע פיס די דיל־ברעטער.

— שאָקל ניט, — בעט עליק. — די נאָדל שפּרינגט.

— עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג צו ראַשן, — זאָגט די מאַמע. — איך דאַרף אַרבעטן.

— נו, מאַמע, — כניקעט עליק און קוקט אפן טאַטן, וועלכער באַווײַזט זיך אַף דער שוועל פון דער קיך.

— קאָנסט זיך ניט אָנזעטיקן? — דאָוויד דערנעענטערט זיך צום זון, לייגט אַרויף די האַנט אַף זײַן אַקסל.

— אַזאַ שיינער פּלאַט!

דאָוויד שמייכלט:

— מירן אים דערלויבן נאָך אַ ביסעלע האַנאָע האָבן?

— וואָלט איך געהאַט אַן איזאָלירטן קאַבינעט, אין קערט איבער די גאַנצע שטוב, — רופט זיך אָפּ די מאַמע און גייט אוועק אין שלאָף־צימער.

דאָוויד גייט איר נאָך.

— וויפל מאָל דאַרף איך דיך בעטן, — פּאָלט אָן דוסיע אפן מאַן, ווען ער פאַרמאַכט שטילערהייט די טיר צו עליקן. — איינע פאָדערונגען דאַרפן זײַן בא אונדז, אויב מיר ווילן, אַז עליק זאָל אויסוואַקסן אַ לײַט.

— אָבער דער באָכערעץ איז געזעצט, צומאָל קומט אויס עפּעס־וואָס אים נאָכגעבן.

— וויפיק גיב איך אים נאָך? — כמורעט אָן די ברעמען דוסיע.

— איך האָב אונטערגעהאַלטן עליקן דערפאַר, ווײַל דאָס איז ניט קיין קאַפּריז, נאָר אַ באַזיניקטער באַגער.

— גראָבקײַט און סייכל זײַנען ניט קיין פּאָר. עליק פאָדערט ווייס איך וואָס, און דו שטיצסט נאָך אונטער. אַ פײַנער לערער...

דאָוויד זיפצט: „ווידער איז זי געזעצט. אָבער עס גייט דאָך דאָ ניט אין געזעצטיקײַט — אינעם עמעס גייט דאָ". דוסיעס עגאָיִזם האָט אים קיינמאָל ניט געשראָקן, ווײַל ער פלעגט זיך אַנטפּלעקן מערסטנטייל בלויז אין קליינינקײַטן. אָבער איצט פאַרשטייט מיטאַמאָל דאָוויד, אַז ער האָט דערלאָזט אַ פעלער.

— דער עמעס איז אַ שווערע זאַך, — זאָגט שטיל דאָוויד.

— ער דאַרף העלפן לעבן, ניט שטערן, — שנײַדט אָפּ, ווי מיט אַ מעסער, דוסיע. — דאָס האָט, אַגעוו, אַ שײַכעס אויך צו דײַן שרײַבערײַ. פּאַטערסט אַזויפיל צײַט אַף דער רועד ווייסט וואָס...

18

דעם סוינעס קוילנוואַרפער איז דאַווידן געלונגען צו פאַרניכטן, נאָר ער אַליין איז פאַר־וווּנדעט געוואָרן — אַ קויל האָט דורכגעלעכערט זײַן אַקסל. לעכאַטכילע איז ער עטוואָס צע־מישט געוואָרן, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז שוין דער סאָף פון אַט דעם וויכטיקן גערעגנגל באַ אים, אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט אַזוי מעסוקן, די וווּנד איז אַ לײַכטע, די קויל האָט דעם ביין ניט פאַרטשעפּעט, און ער וועט ניט דאַרפן דרינגענד פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד.

דערזעענדיק אים ווידעראַמאָל לעבן זיך, טוט דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע צופרידן אַ שטופּ דאַווידן מיט דער דלאָניע אין זײַן פאַרוווּנדעטן אַקסל:

— דער קאָמבאַט זוכט דיך, דו ווייסט?

— ניין.

— מע דאַרף העלפן דער ערשטער ראָטע, — דערקלערט אים דער ראָטע־קאָמאַנדיר. — מײַן טעלעפאָן־ליניע אַרבעט שוין. כ'וועל דיך באַלד פאַרבינדן. ביכלאַל ביסטו אַ יאַט, שיסט גוט. אַ דאַנק.

דאַוויד שאָקלט מיטן קאָפּ און פרעגט:

— אַן אינדיווידועלער סאַניטאַר־פּאַקעט איז באַ דיר פאַראַן?

— צוליב וואָס?

— מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט ניט געשאַט איבערבינדן דעם אַקסל.

ביזוואַנען אַ סאַניטאַרקע צעשפּיליעט זײַן גימנאַסטיאָרקע, הייבט אָן זי אַראָפּשלעפּן פון אים איבערן קאָפּ, טראָגט אים אונטער דער ראָטע־קאָמאַנדיר דאָס טרײַבל פונעם פעלד־טע־לעפאָן.

— רעד מיטן קאָמבאַט, — זאָגט ער הייזעריקלעך.

דער ערשטער ראָטע מוז מען טייקעף העלפן. דאַוויד פרעגט באַם קאָמבאַט, צי זעט יענער ניט באַ זיך אויפן באַאָבאַכטונגס־פּונקט זײַנע ראַדיסטן. יאָ, די ראַדיסטן וואַרטן אויף אַ באַפעל. און דאַוויד גיט זיי איבער אַ קאָמאַנדע:

— אָריענטיר נומער דרײַ. איין באַלוויכט־סנאַריאַד, דער גאַנצער באַטאַרייע, פײַער!

דאַווידס קאָמאַנדע דערגרייט צו די האַרמאַטן, די אַרטילעריסטן טוען דאָס, וואָס מע האָט זיי אויף אַזאַ אומגעוויינלעכן אופן באַפוילן, און אינגיכן וואַכן אויף פיר ראַקעטע־לאַמטערנס איבער די פײַנטלעכע פּאָזיציעס אַנטקעגן דער ערשטער ראָטע, וואָס ליגט אויף דער ערד און האָט ניט קיין מעגלעכקײַט פאָרזעצן די אַטאַקע. איצט זעט דאַוויד אויסגעצייכנט דעם סוינעס שטיץ־פּונקטן, אויף וועלכע די ערשטע ראָטע האָט זיך אָנגעשטויסן און וועלכע מע דאַרף פאַר־ניכטן, לעכאַלהאַפּאַכעס דערשטיקן. און דאַוויד גיט גלײַך איבער אויף זײַן באַטאַרייע אַ ווײַ־טערדיקע קאָמאַנדע. איינצײַטיק הייבט ער אויף די האַנט, קעדיי דער סאַניטאַרקע זאָל זײַן גרינגער אים איבערצובינדן.

דעם סוינעס שטיץ־פּונקטן זײַנען באַשטאַנען קוידעמקאָל פון טאַנקען און אַטריאַדן אינ־פאַנטעריע אַרום זיי — דאַוויד האָט אין דער שײַן פון זײַנע באַלוויכט־סנאַריאַדן אָנגעציילט זעקס אַזעלכע פײַנטלעכע אַטריאַדן. ער וואָלט געוועזן אַ באַלן באַשיסן אַלע פאַנצערן מיטאַ־מאָל, אָבער אין דער לעצטער ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן: בעסער זיי דערשטיקן איינ־ציקווײַז, זיך אָנוואַלגערן אויף יעדער שטיץ־פּונקט מיטן פײַער פון דער גאַנצער באַטאַרייע. און אַזוי טוט ער טאַקע. דעם ערשטן קלאַפּ גיט ער אינמיטן. די ערשטע האַרמאַטן־קויל איז צום טאַנק ניט דערפלויגן, נאָר דאַוויד קאָרעגירט אָפּגיך דעם וויזיר — פאַרגרעסערט אים און שיקט איבער אָט דעם באַנײַטן פּריצעל אויף די פײַער־פּאָזיציעס. די צווייטע קויל היפּערט איבער דעם פאַנצער: אַ „גאָפּל", ווי די אַרטילעריסטן רופן עס. איבערכאַזערן דעם וויזיר און מיט נאָך איין שאָס פון איין האַרמאַט זיך איבערצײַגן, אַז דער גאָפּל איז אַ באַוואָרנטער, האָט ער ניט קיין צײַט, און דאַוויד באַפוילט שיסן מיט אָט דעם פּריצעל שוין דער גאַנצער באַטאַרייע. דאָס איז געווען אַ ביז גאָר געלונגענער זאַלפּ — דער פאַשיסטישער טאַנק האָט זיך צעפּלאַ־קערט, ווי אַ שײַטער.

— אַהאַ! — דו ברענסט! — קאָן דאַוויד זיך ניט אײַנהאַלטן פון אַ יובלדיקן געשריי.

איצט טראַגט ער זיכער איבער דאָס מאַסירטע פײַער פון דער באַטאַרייע אויף דעם צווייטן פײַנטלעכן שטיץ־פּונקט, דערנאָך אויף דעם דריטן, און אַזוי אויף אַלע איבעריקע, ביזוואַנען דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר בעט אים איבעררײַסן דאָס פײַער, ווײַל די ערשטע ראָטע הייבט זיך אויף אין אָנגריף.

אויך אינדערפרי, ווען עס קלאָרט זיך אויס, אַז די צענטע גוואַרדייִשע בריגאַדע האָט איר פאַרגעבונג גלענצנד פאַרווירקלעכט — מיט אַ דאָפּלטן קלאַפּ געהאָלפן די פאַרטיידיקער פונעם יִשעוו מײַראַמאַדאַג ניט דורכלאָזן דעם פֿײַנט צום סוֹאַרער שפּאַלט, האָט אַלץ אין דאָווידן געיובלט. ער איז פּאָשעט געווען גליקלעך, אויב עס איז בִּיכלאַל מעגלעך גליקלעך צו זײַן אין מילכאָמע־צײַט.

שפּעטער, ווען עס האָבן זיך אױף אים אָנגעוואַלגערט ביז גאָר אומגעריכטע ניסיוינעס, איז אים געלונגען אויסצושטיין, פאַרבלײַבן אַ מענטש, קוידעמקאָל עפּשער דערפֿאַר, ווײַל בײַ אים זײַנען פֿאַרט געווען אָט די קאַווקאַזער שלאַכטן, די בערג, דער באַגײַסטערטער געפֿיל פֿון מײַסטערשאַפֿט.

19

מיט אַן ענטפֿער־וויזיט צו יעוודאָקיִע פּעטראָוונען קומט נאָרשיין נאָך איר רעפּעטיציע אינעם רויטן ווינקל. זי איז אויפֿגערעגט, צערודערט, פֿאַרפּלייצט מיט אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַרלאַנגען. געקומען איז זי אַ סאַך פֿריִער, ווי זיי האָבן זיך צונויפֿגערעדט, און ווען דוסיע, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך, באַמערקט, אַז זי דאַרף באַלד גיין אויף אַ קאָנסולטאַציע צו די סטודענטן, ווערט נאָרשיין אומעטיקלעך.

— אַ שאָד, כ׳האָב ניט פֿאַרויסגעזען, — זאָגט זי, קוקנדיק, ווי די באַלעבאָסטע פֿאַר־קעמט די האָר.

— די מיידלעך בעטן.

— איר אײַסעקט זיך מיט זיי אַ סאַך. פֿון אָט די גראָבע קעפּ קאָן מען אַליין פֿאַרטעמפּט ווערן.

— פֿאַראַן פֿייִקע סטודענטקעס.

— אַזוי האַלט איר? מיר איז דערווײַל נאָך ניט געלונגען אָפּזוכן צווישן זיי קיין העלע פֿערזענלעכקײַטן. ווער קומט אָן אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט? שאָלעכץ, אויסגעצערטע אײַפּע־לעך. די קענטעניש דאַרף מען זיי גלײַך אין די פּיסקעס אַרײַנרוקן, אַנדערש וועלן זיי ניט אַרײַנשלינגען. — אַנע אַרנאָלדאָוונע טוט אַ קנייטש מיט די אַקסל. — בײַ אונדז איז ניט קיין וויסנשאַפֿט־טעמפּל, נאָר אַ קוסטאַרן־וואַרשטאַט. אַ שאָד, אַ שאָד, — כאַזערט זי איבער. — נאָר ביזן אינסטיטוט וועל איך אײַך באַגלייטן, יעוודאָקיִא פּעטראָוונא, ניט ווײַטער. איר נעמט מיך מיט? און איר? — נאָרשיין טוט שפּילעוודיק אַ קוק איבערן אַקסל אויף דאָווידן. — איר האָט כּיישעק זיך דורכשפּאַצירן מיט די דאַמעס?

— ריכטיק, קום, — האַלט אונטער דוסיע נאָרשיינס פֿאָרשלאָג, — אַן איבעריקס מאָל דורכ־צושווענקען די מויכעס מיט פֿרישער לופֿט וועט דיר לאַכלוטן ניט שאַטן.

אויף די טרעפּ פֿונעם לייטער טוט זיך נאָרשיין מיטאַמאָל אַ שאָקל, פֿאַרקלעמט מיט אַן אויסגעשריי דאָווידס פֿינגער און האַלט זיי פֿעסט אַזוי אין אירע הייסע, ביזן סאַמע צופֿוסנס פֿונעם לייטער.

— מע וואָלט גערדאַרפֿט דאָ אַ לעמפּל אויפֿהענגען, — מוסערט זי דאָווידן. — מע קאָן דאָך דאָ ברעכן רוק־און־לענד.

אין הויף איז אויך פֿינצטער, די שײַן אין די גאַסן־לאַמטערנס האָט מען נאָך ניט אָנגע־צונדן. אַנע אַרנאָלדאָוונע נעמט אונטער די אָרעמס דוסיען און דאָווידן.

— אַ טרויעריקער אָוונט שטייט מיר פֿאָר, — קלאָגט זי זיך, — אין מײַן וויסטן ווינקל. אָנגענעם איז מיר בלויז מיט אײַך און בײַ אײַך.

ווען זיי קומען צום אינסטיטוט, נעמט אַנע אַרנאָלדאָוונע אַרויס איר האַנט פֿון אונטער דוסיעס עלנבויגן, דאָווידס האַלט זי אויף.

— באַגלייט מיך, זײַט זיך מאַטריִעך. קיינמאָל דערטראַכט איר זיך ניט צו אַזאַ פּאַשעטן איניען, — זאָגט זי מיט פֿאָרוווּרף. — יעוודאָקיִא פּעטראָוונא, באַפֿוילט דעם מאַן, ער זאָל מיך באַגלייטן.

— מיט אַ באַדינג, אַז איר וועט אים אומקערן גאַנץ און אומגעשעדיקט, — שמייכלט דוסיע.

— דאָס זאָג איך אײַך צו.

אַנע אַרנאָלדאָוונע וואַרט, ביז דוסיע הייבט זיך אויף אויף דעם גאַנעק פֿונעם אינסטיטוט און פֿאַרשווינדט הינטער די באַגלאָזטע טירן פֿונעם וועסטיביול. נאָך דעם ווערט זי מיטאַמאָל אומרויִק.

— איך געפעל זיך ניט אליין די לעצטע צײַט, — זאָגט זי אײַלנדיק זיך און שלינגענדיק די ווערטער, ווי זיי זאָלן איר ברײַען דעם גומען. — כ׳בין עפּעס געוואָרן צו זשעדנע. ס׳קאָן זײַן דערפאַר, ווײַל כ׳האָב שוין דערגרייכט צו יענעם פּרויזשן עלטער, ווען אַלץ, וואָס איז טײַער דעם לעבעדיקן מענטשן, איז נאָך צוגענגלעך, צוטריטלעך, מעגלעך און געווונטשן, אָבער ווײַטער... אָף וואָס האָפן ווײַטער?

ביז איר הויז זאָגט מער נאָרשיין גאָרניט, זי שפּאַנט גיך, אָטעמט אופגעריסן, קלעפּנדיק זיך צו איר באַגלייטער און צײַענדיק אים האַסטיק נאָך זיך. ערשט באַם אַרײַנגאַנג, צעפּעצנענדיק דעם רידיקיול, קעדיי דערלאַנגען פון דאָרטן דעם שליסל, זאָגט זי:

— מיט אײַך איז אַפילע שווײַגן אַ פאַרגעניגן.

און באַלד, גלײַך זי וואָלט נאָרוואָס זיך דערמאָנט וועגן דעם, דערקלערט זי:

— איך דאַרף אומקערן יעוודאָקיִע פּעטראָווונען דעם מאַנוסקריפּט פון איר בראַשור. וואָס זי האָט מיר געגעבן איבערלייענען. קומט אַרײַן, וועט איר אים נעמען.

ניט פּאַשעט איז געלונגען אַנע אַרנאָלדאָוונען טרעפן מיטן שליסל אין דעם שלאָס־לאָך.

דורכלאָזנדיק פאָרויס דאָווידן, פאַרמאַכט זי מיט אַ טראַסק נאָך זיך די טיר, באַווײַזט אויגנבליקלעך זי פאַרשליסן. אין דער פינצטער טוט זי אַ שפּאַן צום גאַסט, נעמט אַרום מיט די דלאָניעס זײַן קאָפּ, בריט אים אָפּ מיט אַ קוש גלײַך אין די ליפּן.

אין דער האַלב־פינצטערניש, ביז גאָר נאָענט, דערזעט דאָוויד אירע אויגן, פולע מיט לײַדנשאַפט.

— נו?! — בעט, וואַרט און פאָדערט אַנע אַרנאָלדאָוונע.

אַ ווײַלע אַמפּערט זיך דאָוויד מיט זיך אַליין. נאָר ער באַהערשט זײַן פאַרלאַנג.

— אַ גוטע נאַכט, — זאָגט ער, באַפרײַענדיק זיך פון נאָרשיינס אָרעמס און אָפּטרעטנדיק צום אַרויסגאַנג.

— אַ פּאַכדן זײַנט איר, — שלײַדערט אים אין פּאָנעם נאָרשיין האַרבע ווערטער מיט אַ ציטערנדיק קאָל. — אַ האָז. אַפילע פאַר דעם אייגענעם ווײַב האָט איר מוירע!

20

דאָס, וואָס עס וואָלט געקאָנט געשען מיט אים און אַנע אַרנאָלדאָוונען, דערמאָנט דאָווידן וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק פּאַסירט מיט אים בײַם דער מילכאָמע אין אַ זאַווערוכעדיקער פּעווראַלער האַלבנאַכט אין איינער אַ קובאַנער סטאַניצע.

אין יענעם טאָג האָט די קאָמאַנדשאַפט נאָך אַ געלונגענער און שווערער שלאַכט פאַר דער קובאַנער סטאַניצע דיאַדקאָווסקאַיאַ אַרויסגעפירט אין צווייטן עשעלאָן די שיטער־געוואָרענע צענטע גוואַרדייִשע בריגאַדע צוזאַמען מיטן באַזונדערן אַרטילערישן דיוויזיאָן, וועלכער האָט זי געשטיצט.

דאָווידס באַטאַרייע איז פאַנאַנדערגעשטעלט געוואָרן אָף אַן אָנגעהויקערט פאַרשטאָט־געסל. זײַנע האַרמאַטן האָבן פאַרנומען באַקוועמע און גוט פאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס טאַקע אָט דאָ אין געסל, קעדיי יעדער קאָמאַנדע זאָל אין אַ באַליביקער רעגע קאָנען עפענען אַ פײַער: די פאַשיסטן פלעגן זייער אָפט פאַרנעמען קאָנטראַטאַקעס.

אַ דירע פאַר דאָווידן האָט זײַן פאַרבינדלער אויסגעוויילט אַ שטילע, ציכטיקע, ליכטיקע. באַנאַנד מיט דער כאַטע, ווו עס האָט זיך אײַנגעאָרדנט דער פאַרוואַלטונגס־וזוואָד. פאַרבײַגייענדיק האָט דאָוויד אַ קוק געטאָן אָף אָט דער ווױנונג, און זי איז אים געפעלן. ער האָט אַ קלער געטאָן, אַז ס׳וועט אים געלינגען זיך פײַן אויסשלאָפן — די באַלעבאָסטע לעבט דאָ איינע אַליין, איז, ווײַזט אויס, אַ בריִע, וואָס פלײַסט זיך אויסצומײַדן מענטשן, באַהאַלט זיך ערגעץ אויס — הייסט עס, קיינער וועט ניט שטערן.

דער גאַנצער טאָג איז אוועק אָף אײַנאָרדענען די באַטאַרייע, און צו זיך אין צימער האָט זיך דאָוויד אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. וואַרעמעס האָט ער געגעסן באַם דיוויזיאָן־קאָמאַנדיר, זיך געקאָנט באַגיין אָן וועטשערע. ער האָט געטרוימט וואָס גיכער זיך אַ וואַלגער טאָן אין בעט אַרײַן, אויסגלײַכן די פיס און — דעם קאָפּ אָפן קישן. גאָר ווייניק האָט ער געבעטן באַם גורל, נאָר אַפילע אָט דאָס ביסל איז אים ניט באַשערט געווען צו באַקומען. די באַלעבאָסטע האָט באַגעגנט דאָווידן אָף דער שוועל פונעם פאָדער־צימער מיט אַ קעראָסין־לאָמפּ. נעמענדיק פון זײַנע הענט דעם שינעל, האָט זי אַ שמייכל געטאָן, און אָט דער שמייכל איז געווען געזונג, אַז דאָוויד זאָל גלײַך אײַנגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז מיד. ער ווייסט ניט פאַר־

וואָס, נאָר אים האָט זיך פאַרויס געדוכט, אַז די באַלעבאָסטע פון זײַן דירע דאַרף זײַן אַ קוואַ־רינקע, געקנייטשטע זקנינע, נאָר דאָ האָט ער דערזען אַ בלאָנדע שלאַנקע שיינהייט אין פּאַ־שעטע, אָבער זייער צוגעפּאַסטע פאר איר קליידער, קימאַט נאָך, ווי עס האָט זיך דאַווידן אויסגעוויזן, אַ ביז גאָר יונג מיידל מיט גרויסע אומעטיקע אויגן.

ניט אומזיסט איז דאַוויד באַצויבערט געוואָרן פון דער באַלעבאָסטע. זי איז טאַקע אינדער־עמעסן געווען אַ צוציִענדיקע, ס'קאָן זײַן, ניט אַזוי יונג, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, מיסטאָם אפילו עלטער פון אים, אָבער נאָך אַ פרישע פרוי מיט אַן איידעלער פיגור און ביכלאַל אַ סימפּאַטישע.

אָוונט־ברויט האָבן זיי געגעסן צוזאַמען. צוערשט האָט מען אויסגעטרונקען דאָס ביסל ספּירט, וואָס דאַווידס פאַרבינדלער האָט געקראָגן ווער ווייסט ווו, דערנאָך האָט די באַלעבאָסטע אַרויסגעשלעפּט פון אַ געהיים ערטעלע און אוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ פלעשל סאַמאָגאָן. דאַוויד האָט לעכאַטכילע ניט געקלערט אפילו זיך צורירן ניט צום ווײַן, ניט צו דער באַלעבאָסטעס קיבעד.

— איך וועל אָבער אויסטרינקען, — האָט זי שטיפעריש געזאָגט. — און כ'וועל פאַרבײַסן.

זי האָט אופגעהויבן דאָס גלעזל:

— לעקאָוועד אײַער אומקערן זיך. איר זאָלט מער קיינמאָל אונדז ניט איבערלאָזן אַפן פּײַנטס בעראָט...

איז ווי זשע טרינקט מען ניט אויס פאר אַזאַ ווינטשעוואַניע? דאַווידס האַנט האָט זיך אַ ציִ געטאָן צום גלעזל.

די מאַשקע האָט צעבונדן זייערע צינגער. דאַוויד האָט געלויבט דער באַלעבאָסטעס מײַ־כאָלים, און זי האָט גענומען דערציילן וועגן זיך. געאַרבעט אַלס עקאָנאָמיסט, געהאַט אַ מאַן און אַ קינד, וואָס איז געשטאָרבן. דאַוויד הערט זיך צו, קוקט אַרײַן אין אירע אויגן, אָבער קיין קלעמעניש אין זיי באַמערקט ער ניט. קעדיי דערזען אירע אַנגסטן, דאַרף מען זײַן ניכ־טער, ער אָבער איז שוין אינגאַנצן שיקער, סײַ פון נעם ווײַן, סײַ פון דעם, וואָס דערנעבן זיצט אַ פרוי, און ביכלאַל, וואָס ס'איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט.

דאָס געלעגער האָט אים די באַלעבאָסטע אײַנגעאָרדנט אַף אַ בעט מיט אַ מאַטראַץ אַף פּרוזשינעס, און ווי נאָר ער האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף דעם קילבלעכן קישן און האָט אַרופגעצויגן אַף זיך די קאָלדרע, האָבן זיך זײַנע ווי־עס גלײַך פאַרקלעפּט. וויפל ער האָט געדרעמלט, האָט דאַוויד ניט געוווּסט. אופגעוועקט האָט אים עפּעס אַן אינערלעכער שטויס. ער הערט זיך צו: די באַלעבאָסטע אײַסעקט זיך נאָך אין קיך. זײַנע אויגן פּרווון זיך אַפּסנײַ פאַרמאַכן, נאָר ער דערלויבט זיי שוין ניט עס צו טאָן.

די פרוי אײַלט זיך ניט. דאָס פּילט זיך לויט די קלאַנגען, וועלכע דערגייען צו אים. ער שטעלט זיך פאָר, ווי זי אייסעקט זיך אין קיך: אַף אירע הויכע בריסט — אַ פאַרטעך, די האַר פאַרבונדן מיט אַ טיכל, אירע דלאָניעס מיט קליינינטשקע צאַרטע פינגער וואַשן די טעלער, די גאָפּלען, די גלעזער... מיט אָט די פינגער וועט זי זיך צורירן צו אים. אַ מאָדנע זאַך, וואָס ביז אַהער האָבן זיי אים אפילו ניט קיין גלעט געטאָן, אָט די דלאָניעס. ער טוט זיך אַ קער אין בעט: בלויז איין קישן... צי דען פאַרמאָגט זי ניט מער?

עס דערהערן זיך דער באַלעבאָסטעס טריט. זי גייט אַרײַן אין צימער. בלײַבט שטיין.

באַלד...

באַלד וועט פּאַסירן...

ער פאַרטײַעט זיך, וואַרטנדיק אַף דעם, וואָס עס דאַרף אָט־אָט געשען. ווי וועט עס זײַן? אַ הייס־קאַלטער בליץ שטעכט זיך אַרײַן אין אים — אַ זיסער ציטער צעשפּאַלט אים אַף דורך און דורך.

די באַלעבאָסטע טוט אַ זיפץ — עפּשער גאָר אַ טיפן קרעכץ, קלעטערט אַרוף אַפן אויוון. דוכט זיך, אַז זי טוט זיך אויס — עס שורשען אירע קליידער. און עס ווערט שאַ־שטיל.

אומגעדולדיק וואַרט דאַוויד, אָבער זי באַוועגט זיך ניט, רירט ניט מיט קיין אייווער. דאַ־וויד קלערט, אַז זי האָט אַף אים ראַכמאָנעס, ווײַל אים ניט וועקן. און טוט זי אַ רוף.

די באַלעבאָסטע ענטפערט אָפּ מיט אַ כליפּען.

ער טוט אַ שפּרונג פון בעט, פליט לײַכט אַרוף צו איר:

— פאַרוואָס ווייִנסטו?

זי ענטפערט ניט.

ער נעמט זי אַרום — אַ וואַרעמע, אַ געגאַרטע.

— מע דאַרף ניט, — זאָגט זי דורך טרערן.

— כ'האָב דיך ליב.

— לײַגסט, — בריט זי אים אָפּ, — וואָס פאַר א געפילן קאָנען בא דיר צו מיר זײַן? זעסט מיך דאָס ערשטע מאָל, ביסט שיקער... אלע זײַנט איר אַף איין ראַשטשינע פאַרמישט...

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרניט...

— דערקלער פונדעסטוועגן, — בעט דאָוויד, פילנדיק, ווי עס וועפּט זיך אין אים אויס זײַן שיקרעס, אָבער די הענט פון איר הוילער פלייצע נעמט ער ניט אראָפּ.

— ווי פאַרשטייסטו ניט, — קלאָגט זי זיך, — ווי?אזוי קאָן איך צו דיר גיין... אויב ערשט נעכטן...

דאָוויד ווערט צעמישט.

די פרוי שעפּטשעט, יאָמערנדיק, נאָר ס'וואָלט געוויס בעסער געווען, ווען זי שרײַט אַף א קאָל:

— די פאַשיסטן, די קלאָווים פאַרשאָלטענע, אלץ צעטאָפּטשעט, די נעשאָמע...

מיט צונויפגעפרעסטע ציין גלעט דאָוויד איר נאַקעטן אקסל, זי ווערט אַנשוויגן, באַרויִקט זיך ביסלעכווײַז.

— אך, ווי מיר האָבן זיך געפרייט: די רעטער גייען, אונדזערע באַפרײַער וועלן קומען! געקומען... און... וואָס זשע איז עס?

אלץ האָט זיך איבערגעריסן אומדערוואַרט אי פאַר איר, אי פאַר אים: איז צימער איז האַסטיק אַרײַן דאָווידס פאַרבינדלער — אין דיוויזיִאָן איז געמאָלדן געוואָרן אַן אַליאַרעם.

געזעגנט האָבן זיך דאָוויד און זײַן באַלעבאָסטע אַפּן גאַנעק. דער ווינט האָט געשלײַדערט אין זייערע פּענעמער הויפנס פײַכטלעכן שניי. דאָוויד האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט:

— כ'בין שרעקלעך שולדיק קעגן דיר. זײַ מיר מויכל, אויב ס'איז מעגלעך.

— זאָל דיך גאָט היטן, — איז זי א פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אַף זײַן ברוסט.

לאַנג דערנאָך האָט אין דאָווידן געפּלאָקערט דער ביטל צו זיך אליין פאַר אָט דער נאַכט, פאַר זײַן שוואַכקײַט, פאַר זײַן קליינמוט, פאַר דער כאַרפּע און פאַרן ווייטעק, וועלכע זי, די שיינע באַלעבאָסטע זײַנע, האָט אופגענומען אַף זיך, פאַר דעם, וואָס ער האָט שיר ניט פאַרגעסן וועגן דוסיען. ס'איז דען וויכטיק סאַפּקאָלסאָף, צי איז ער איבערגעשלאָפן אין יענער נאַכט מיט א פרעמדער פרוי, צי ניין, מאַכמעס א צופעליקייט האָט ער דאָך ניט אופגעטאָן דעמלט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער ער האָט זיך דאָך געקליבן דאָס אופטאָן...

21

דאָוויד האָלט פאַרקלעמט אין דער דלאָניע דאָס הענטל פון דער טיר, וואָס פירט אין דער־קאַנאַט אַרײַן, ווו עס וואַרט אַף אים אַנע אַרנאַלדאָוונע. א מינוט צען צוריק האָט זי אים אָנגעקלונגען אין זײַן צייכענונגס־קאַבינעט:

— איך בין אין אינסטיטוט. כ'קלײַב זיך דרעסירן די מיידלעך מײַנע צום דורכקוק. כ'דאַרף אייך דרינגענד זען.

ער איז ניט באַגײַסטערט פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש. ס'וועט בלויז זיך צעיאַט־רעווען דער נעכטיקער פאַרדראָס. נאָר דאָוויד גייט צו אַנע אַרנאַלדאָוונען.

זי באַגעגנט אים מיט א פאַרניכטנדיקן בליק, גלײַך זי וואָלט אים וואָרענען: דאָס, וואָס עס איז נעכטן געשען בא איר אין אלקער, איז ניט צו פאַרגעסן, די ביטערקײַט פון דער באַליי־דיקונג וועט זי אים קיינמאָל ניט פאַרגעבן. זי קוקט אַף דאָווידן מיט פאַרברייטערטע אויגן, נאָר דער צאָרן ווערט אין זיי אקשאָנעסדיק אָפּגערוקט, אָפּגעשטופּט מיט איר ווייטעק. דאָוויד איז איר איצט דערווידער, אָבער סײַווי טײַער, זי ווייסט, אז זי וועט אלציינס באַלד א שמייכל טאָן צו אים. זי פאַרורטיילט זיך דערפאַר, זי קאָן אָבער גאָרנישט ניט טאָן מיט זיך.

אויך דאָוויד וואָלט געהאַט איצט איבערגענוג סיבעס זיך באַציִען מיט אומכיין צו אַנע אַרנאַלדאָוונען. פונדעסטוועגן מוז ער זיך מיסוואַדע זײַן, אז אַנע אַרנאַלדאָוונע האָט ניט פאַר־לאָרן אין זײַנע אויגן יענעם כיין, וואָס פלעגט טאָמיד אים באַצויבערן. נאַרשיינס צויבער איז געווען פון יענעם מין, וואָס מאַכט אונטערטעניק יעדערן. איינמאָל האָט דוסיע דאָס אויסגע־דריקט אזוי: „פאַרשטייסט, נאַרשיין צערודערט מיך שטענדיק. ווען זי קומט, ווער איך ניט אופריכטיק. איך וויל ניט, נאָר איך סטאַרע זיך איר געפעלן.” עפּעס ענלעכס דוכט זיך דאָ־ווידן אויך אַצינד.

— כידעשט זיך ניט, וואָס כ׳האָב אײַך פאַרבעטן אהער, — זאָגט אנע ארנאַלדאָוונע הייזע־ריקלעך. — לעם אײַער טיש שטופן זיך שטענדיק א סאך מענטשן. איך דאַרף אײַך זאָגן עט־לעכע ווערטער אויג־אױף־אויג, אָן איידעס.

דאָוויד, אָן אָנגעכמורעטער, שווײַגט.

— אינעם פּראָיעקט פונעם יאָמטעוודיקן באַפעל, וועלכן עס גרייט דער רעקטאָראַט צום זעכציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז אײַער נאָמען ניטאָ, — זעצט פאָר אנע ארנאַלדאָוונע. — אונדז: מיר, אײַער ווײַב, האקלאַל אלעמען, ווער עס האָט זײַנערצײַט זיך באַזאָרגט מיט וויסנשאַפטלעכע טיטלען, וועט מען ארויסטראָגן דאנקבארקײַטן, אײַך — ניין, כאָטש איך האָב אײַך פּערזענלעך פאָרגעשטעלט, באַנוצנדיק זיך מיט די רעכט, וואָס איך האָב אלס פאָרזיצער פון אינסטיטוטישן קינסטלערישן ראַט און פאָרזיצער פון אָרטקאָם. כ׳האָב געפאָדערט, מע זאָל אײַך אָפּמערקן אינעם באַפעל, פאַרופנדיק זיך אױף אײַערע פאַרדינסטן אין אונדזער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט.

— כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, — פאַרקרימט די ליפּן דאָוויד. — כ׳וועל זיך ווי־ניט־איז באַגיין. סאָפּקאָלסאָף מיזען מיר זיך ניט לעשעם דעם דאַנק.

— איר זײַנט א קאָמיקער, דאָוויד איסײַעוויטש, אויב ניט ערגער, — ווערט אופגעבראַכט נאָרשיין. — אזוי טאָר מען ניט. פאַרטיידיקט אײַער קאָוועד.

— באַלוינונגען בעט מען דען אויס?

— איר פאַרדינט זיי ניט ווייניקער, ווי מיר, אויב ניט מער.

— די נאַטשאַלסטווע ווייסט, וואָס זי טוט...

— ווי איר ווילט, נאָר איך וועל אָט דעם איניען מיט דער האַנט ניט אוועקמאַכן. כ׳וועל טייקעף אָפּזוכן יעוודאָקיִא פּעטראָוונען, כ׳וועל אופהייבן אױף די פיס דעם פאַרטיי־קאָמיטעט.

איר דראָונג האָט נאָרשיין אויסגעפּילט. צום אלעם ערשטן האָט זי געפונען דוסיען און אָנגערייצט זי אױפן מאַן.

— אַט זע, זיך דערוואַרט, — מוסערט דאָווידן אין קאָרידאָר לעבן זײַן דעקאַנאַט דוסיע מיט א שלעכט פאַרבאָרגענער שאָדנפרייד. — אפילע קיין גוט וואָרט זאָגט מען דיר ניט פאַר דײַן מי. פאַרקלער זיך כאָטש אצינד.

— וועגן דעם — דערנאָך, — מישט זיך ארײַן נאָרשיין. אירע וויִעס ציטערן אָנגע־שטרענגט. — עפּעס דאַרף מען טאָן.

דאָוויד איז אופגעבראַכט:

— א נאַפּקעמינע, צי מע וועט מיר ארויסטראָגן א דאנק, צי ניט. מיך באַליידיקן איז שווער. כ׳בין פאַרהאַרטעוועט. כ׳וועל זיך אליין ניט קאָנען אָנקוקן, אויב איר וועט אויסכלאָ־פּאָטשען פאַר מיר א באַגילדעטע פּיל.

— ער פאַרשטייט גאָרניט, — זאָגט אָן צערעמאָניעס נאָרשיין. — וואַרט אױף מיר צו ערגעץ דאָ, יעוודאָקיִא פּעטראָוונא. איך גיי אין פאַרטיי־קאָמיטעט.

— נו, זעסט? — טוט נאָכאַמאָל א שטאָך דעם מאַן דוסיע. — וויפל מאָל האָב איך מיט דיר אײַנגעטײַנעט...

— וואָס, אייגנטלעך, איז פאָרגעקומען? — טוט א קנייטש מיט די אקסלען דאָוויד. — ניט אָפּגעמערקט אין באַפעל. ס׳איז נאָך א פראַגע, צי האָב איך עס פאַרדינט? און אויב שוין יאָ זיך ערגערן, איז מאַכמעס דעם, וואָס אָט דאָס אלץ קימערט מיך.

— טרייסט זיך ניט, מע האָט דיר א שפּײַ געטאָן אין פּאָנעם. א מיצווע אױף דיר. — נאָרשיין קערט זיך אום און זאָגט, אז אױף דאָווידן וואַרט מען אין פאַרטיי־קאָמיטעט.

— כ׳האָב דאָרטן ניט וואָס צו טאָן, — טוט א בורטשע דאָוויד.

דוסיע קערט זיך אָפּ און גייט אוועק.

— איך בעט אײַך אָן ספּיראַלן, — באַמערקט שטיל נאָרשיין. — מע וואַרט דאָך אױף אײַך.

— איך בין פאַרנומען, — דאָווידס אויערן ווערן צונטער־רויט.

— אויב אזוי, — פירט צונויף די ברעמען נאָרשיין, — בלײַבט אָט דאָ אױפן אָרט. איר הערט? איר זײַנט ניט טויב? אָט דאָ שטייט! קיין טראָט אין ערגעץ. כ׳וועל באַלד...

זי קערט זיך טאַקע אום גאָר גיך, דערלאַנגט דאָווידן א בלאַנק פון א שיין אָנגעמאָלטער אױף א ליטאָגראַפישן אויפן גראַמאָטע:

— אָט די מאַטאָנע וועט איר באַקומען בײַס דער פײַערלעכער זיצונג.

נאָרשיינס אויגן פינקלען זיגרײַך.

דאָוויד ציט אויס די האַנט, נעמט די גראַמאָטע, נייגט זיך אָן איבער איר. מיט שיינע אויסִעס איז דאָרטן אָנגעשריבן זײַן פאַמיליִע.

ניט געטראַכט צעפּליקט דאָוויד די גראַמאָטע לעצאַטכילע אַף צוויי, דערנאָך אַף פיר טיילן און וואַרפט זי אַרויס אין מיסטקעסטל.

— אַנשטאָט דעם, איך זאָל זײַן ברויגעז אַף אײַך, לאָזט איר אויס דעם קאַס צו מיר,— זאָגט נאַרשיין.— א פרוי קאָן אַלץ מויכל זײַן,— זעצט זי פאָר.— אָבער א מאַנצבל, וואָס האָט זי באַליידיקט... איר פאַרשטייט עפּעס איצט, צי ניין? גאָרנישט פאַרשטייט איר ניט. נאָר דאָס איז, אַפּאָנעם, צום גוטן. איך האָב אַף אײַך ראַכמאָנעס. איר זײַנט אַן אומגליקלעכער מענטש— מע האָט אײַך ניט ליב.

— די נאַטשאַלניקעס דאַרפן ניט ליב האָבן זייערע מיטאַרבעטער.

— שטעלט זיך ניט אַרויס פאַר קיין טיפּעש, איך בעט אײַך. איר ווייסט גוט, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

דאָוויד קנייטשט דאָס פּאָנעם, ס'דוכט זיך, אַז די וואָנצעס זײַנע ווערן שטעכיק, ווי זיי וואָלטן באַשטאַנען פון אײַנע נאָדלען:

— איצט איז צו מיר דערגאַנגען, וועגן וואָס איר טראַכט. אײַער האַשאָרע איז א בייזע. אָבער איינפאַכע דיאַגנאָזן טויגן דאָ ניט.

— א בלינדער זײַנט איר, מער גאָרניט.

— דאָס לעבן, דאָס גאַנצע דורכגעלעבטע לעבן איז עפּעס ווערט, צי ניין? עפּעס באַטײַט עס?

— גאָט מײַנער, סאַרא יאָלד איר זײַנט! אויב שוין ריידן אָפן ביזן סאָף, האָט נאָך אײַער אָפּגאָט פּאָשעט, צום באַדויערן, ניט באַגעגנט אַף אירע וועגן יענעם, ווער עס האָט געקאָנט זי באַגײַסטערן און באַפרײַען פון אײַך.

— ס'קאָן זײַן,— ענטפערט דאָוויד, און דאָס, וואָס ער איז מיט איר מאַסקים, וווּנדערט אויסערגעוויינלעך און שאָקירט אַנע אַרנאָלדאָוונען.

יאָ, מיסטאָמ טאַקע האָט אים, דאָווידן, אין לעבן ניט געפידלט, די לעצטע צײַט האָט ער וועגן דעם געקלערט א סאַך. אָבער דוסיען האָט עפּשער נאָך מער ניט אָפּגעגליקט. דער גוירל וואָלט זי געדאַרפט צונויפירן ניט מיט אים, מיט דאָווידן, נאָר מיט עמעצן אַנדערש— מיט א מער געראָטענעם מענטשן. נאָר ווער האָט געקאָנט פאָרויסזען, אַז אַלע זײַנע פּלענער, אַלע זײַנע האָפענונגען וועט צעווייען דער ווינט, ווי פּאָלאָווע? אַנע אַרנאָלדאָוונע שטויסט זיך אָן, וואָס עס קומט פאָר צווישן אים און דוסיען, אָבער דאָוויד זאָגט איר:

— צוליב וואָס אַראָפּוואַרפן מיך פונעם כעזשבן? איר, אַנע אַרנאָלדאָוונע, האַקט אָפן ביזן סאָף, וועל איך אײַך אויך ענטפערן אַזוי. איך האָב ליב די פרוי, און דאָס איז דער איקער. אַפילע ווען ס'איז אָן אַן ענטפער. איך געדענק אַלץ, איר גוטס געדענק איך. ווען כ'האָב זיך געטרונקען אין וויי, שיר ניט אונטערגעגאַנגען, האָט זי ניט געלאָזט מיך פאַלן— מיט איר וואַרעמקײַט, מיט איר פײַער.

— יאָ, אַף אַזאַ העלדנטאַט איז פייִק בלויז א פרוי. איר, מאַנצבלען, קאָנט אַזעלכס ניט. און פּלוצעם גייט זי אַריבער צו אירס.

— וואָס ווײַטער, האָב איך אַלץ מער מוירע צו בלײַבן אײנע אַליין,— איז זי זיך מיס־וואַדע.— אָבער די איינזאַמקײַט אינצווייען איז נאָך אַן ערגערע זאַך.

דאָוויד ענטפערט ניט אַף אָט דער באַמערקונג. אים ווערט אומהיימלעך.

אַנטקעגן שפּאַנט אַנטשיידן דוסיע. אין אירע הענט פלאַטערט א צײַטונג.

נאַרשיין טוט איר גלײַך א שלײַדער אין פּאָנעם אַרײַן:

— אײַער מאַן איז פון יענע אָקסן, וועלכע פאַלן אַפן פעלד מיטן יאָך אַפן קאָפּ. אַפילע האַדעווען דאַרף מען זיי ניט— אַבי עס זאָל זײַן ווו צו אַקערן. ער האָט צעפּליקט אַף פּיצלעך די גראַמאָטע, וואָס מע האָט פאַר אים פאַרגרייט. ווי געפעלט עס אײַך?

— וואָס האָסטו געטאָן?— צילט אָן דוסיע אַף אים די אויגן.

דאָוויד פּרעסט צונויף די קינבאַקן.

— ווען וועסטו שוין אופהערן דײַנע היציקע שטיק?— זאָגט מיט ווייטעק דוסיע.

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאַוויד איסײַעוויטש האָט עס געטאָן מיטן פולן באַוווּסט־זײַן, אַז ער פילט גוט אויס זײַן פליכט,— פאַרפּינקטלעכט נאַרשיין.

מער קאָן דאָוויד שוין ניט אויסהאַלטן, ער ווייסט ניט, וויאַזוי צו באַפרײַען זיך פון זיי ביידן, נאָר אַנע אַרנאָלדאָוונע טוט פּלוצעם א פּאַטש מיט די הענט:

— אוי, וואָס שטיי איך דאָ? מע וואַרט דאָך אַף מיר!

און מיט אָט די ווערטער לויפט זי אַוועק אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

דוסיע וויל אויך אַוועקגיין, נאָר דאָוויד פאַרהאַלט זי:

— וווהין גייסטו איצטער?

ווי שטענדיק — אין לייען־זאַל.

— וואַרט צו. קאָנסט מיר דערקלערן, וואָס איז מיט דיר?

— נו, און מיט דיר — וואָס?

דאַווידן טוט מאַשינעל א וויש מיט דער פוקער האַריקער דלאָניע די וואַנצעס.

— מיר איז שווער, מיר איז קאָמפּליצירט, אָבער מיר איז גוט, — זאָגט ער. — אפילו אין די סאַמע שווערסטע יאָרן איז געווען גוט. דערפאַר ווייל... דו ווייסט אליין, פאַרוואָס. און אויך איצט קלאָג איך זיך ניט. אומצופרידן ביסטו דאָך. פון וועלכע צייטן האָב איך דיך אויפגעהערט צו באַפרידיקן?

— אויב ערלעך, פונעם סאַמע אָנהייב.

— צוליב וואָס זשע האָסטו זיך אזויפיל געמוטשעט מיט מיר? וואָלסט דאָך געקאָנט אוועק! קיינער האָט דיך ניט געצוווּנגען. זייער ניט לײַכט האָבן מיר דערצײַבערט דאָס, וואָס עס איז בא אונדז פאַראַן. נאָר אויב דיר איז געוואָרן מיט מיר אומעגלעך, טאָ זאָג גלײַך, וועלן מיר באַקלערן, וואָס צו טאָן.

א מידע, פאַרזשמורעט דוסיע די ווי׳עס. זי דערמאָנט זיך, ווי׳אזוי ער האָט זיך אונטערגעשאַרט צו איר, זיך געדרייט אַרום איר און פאַרדרייט... און דעם טאָג, ווען זי האָט זיך אונטערגעגעבן געדענקט זי...

...זיי זײַנען געשטאַנען אינעם דורכגאַנג צווישן ביכער־סטעלאַזשן פּאָנעם־על־פּאָנעם, שווײַגנדיקע, אָנגעשטרענגטע. אַף אירע באַקן פּילט דוסיע זײַן אָטעם, נאָר עס דוכט זיך איר, אַז דאָס איז ניט זײַן אָטעם, נאָר זײַנע געקרײַזלטע לאָקן. זי שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס צו די עטוואָס געבויגענע פון דער מאַסע ביכער פּאָליצעס און קוקט אַף דאַווידן מיט פּײַכטע אויגן, אין וועלכע, ווען ער זאָל וועלן, ווען ער זאָל זײַן עטוואָס געניטער, קליגער אָדער פּאַשעט עלטער, וואָלט ער דערזען מער געבעט, איידער אַנטשיידנקײַט. זי קאָן ניט צעפּעפּענען די ליפּן. אַף זײַן דערקלערונג אין ליבע האָט זי געוואַרט, נאָר מירע געהאַט פּאַר איר. ביזוואַנען עס זײַנען ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אָט יענע אָפּגעבליאַקעוועטע, אָבער דאָך סאַמע וויכטיקסטע ווערטער, וועלכע יעדערער האָט די רעכט באַקומען אַלנפאַלס כאָטש איין מאָל אין לעבן, האָט זי געקאָנט זיי אויסמײַדן. איצט, זעט אויס, איז עס שוין אומעגלעך, זי וועט מוזן אַלץ זאָגן דאַווידן. אַף שפּעטער אָפּלייגן דעם געשפּרעך טאָר זי ניט, פונדעסטוועגן האָט זי געפּרוווט דערווײַטערן דאָס אומפאַרמײַדלעכע, עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרביטערן די נעשאָמע א גוטן מענטשן. נאָר כיטרעווען האָט זי ניט געקענט. און זי האָט אויך אָפּנהאַרציק געזאָגט, וואָס זי טראַכט. ער האָט פאַרלאָרן געפינטלט מיט די ווי׳עס, איז בלאַס געוואָרן, די אַקסלען זײַנען אַראָפּגעהאַנגען.

„ווי לײַכט עס איז אים פאַרשאַפן א ווונד!" — האָט א קלער געטאָן דוסיע. דאַווידס געפאַלנקײַט האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט דוסיען, אַז ער איז ייִנגער פון איר אי מיט די יאָרן, אי מיט די געפילן.

דער אינסטינקט, גיכער א מוטערשער, איידער א פרוי׳שער, האָט אונטערגעזאָגט דוסיען, זי זאָל זײַן פאַרזיכטיק. „פאַרקלעם די צונג!" — פּרוווט זי זיך באַפוילן. און פונדעסטוועגן מיט א קאַלטקײַט, וועלכע ברענגט זי אליין אין פאַרלעגנהייט, בעט זי:

— גאָרניט וואָלט מען ניט געדאַרפט... גאָרניט...

— פאַרוואָס?

דוסיעס ווערטער טוען א שנײַד דאַווידן. ער זאָגט שטיל:

— גאָרניט האָסטו מיר ניט דערציילט, גאָרניט האָב איך ניט געהערט. גאָרניט איז ניט געווען בא דיר. גוט?

דוסיע אָטעמט טיף, די באַקן זײַנען בא איר ראָז. אין א מינוט אַרום, פונקט זי וואָלט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, טוט זי דאַווידן א רוף:

— קום.

און מיט א פאַרצווייפלטער אַנטשיידנקײַט לאָזט זי זיך פאַרויס. ער פרעגט ניט — וווהין, גאַרנישט פרעגט ער ניט, ער גייט פּוסטריט נאָך דוסיען און שווײַגט.

בא זיך אין פאָדער־צימער נעמט זי שווײַגנדיק אַראָפּ בא אים דאָס מאַנטעלע, דערלאַנגט אים א פּאָר אויסגעניייטע טאַטערשע שטעקשיך.

— זיי וועלן, מיסטאָם, דיר ניט קוועטשן די פינגער, — זאָגט זי, ניט אופהייבנדיק די אויגן. — איך וועל זיך איבערטאָן.

אין דעם זויבערן טאַפּעטירטן צימער, ווו׳הין דוסיע שטופּט אים גרינג אַרײַן, דערזעט ער

פריער פון אַלץ אין ווינקל לעם דער קאַכל־הרובע אַ שמאָל בעט מיט אויסגעריבענעם אין טעלעכע ערטער ניקעל און דערפילט זיך אומבאַקוועם.

דוסיע קערט זיך אום אין אַ בלוילעכן לײַכטן כאַלאַט, עטוואָס ברייטלעכן, אַ סאַך נידע־ריקערן פון די קני. זי זעט אויס קוואַר, אויסגעצערט, אָבער אַף איר פּאָנעם מערקט דאָוויד אָפּ מער, ווי געוויינלעך פריער, אַז אײדלע דריסטע ליניעס, אַ דערהויבנקייט, און אינעם עטוואָס פאָרויס אַרויסגעשטעלטן קין און אַף די ליפּן — פאַרהילטע אַנטשיידענע שטריכן.

דוסיע דערנענטערט זיך פּעסט צו דאָווידן, צעשויבערט זײַנע שוין לאַנג ניט אונטער־געשאָרענע האָר, וואָס דעקן צו די אויערן.

— כ'וועל עפּעס צוגרייטן איבערבײַסן, — זאָגט זי.

דאָוויד גייט אַרײַן אין קיך דירעקט נאָך דוסיען. זי נעמט פון דער פּאָליצע אַ פּעקעלע שוועבעלעך, לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני און הייבט אָן צעצינדן פײַער אין דער פּליטע. די שפּענדלעך ווילן ניט ברענען. דוסיע רײַבט איין שוועבעלע נאָכן אַנדערן, עס הייבט אָן שאַרף שמעקן מיט שוועבל־רויך. סאָפּקאָלסאָף טוט אַ פײַער־צינגל אַ לעק דאָס סאַמע דינסטע שפּענ־דעלע, שפּרינגט אַריבער אַף אַן אַנדערס, פויזעט גיך־גיך איבער דעם, גליטשט זיך אַראָפּ ני־דעריקער, און מיטאַמאָל פלאַמט אויף אין אויוונדל אַ רויט פײַער, אַזוי העל און שטורעמדיק, אַז אַלץ הייבט דאָרט אָן הודען.

מיט אַ ווייכן פלעדערוויש נעמט צונויף דוסיע דעם שמוץ אין אַ שקאַרמיצל פון אַ צײַ־טונג, שלײַדערט עס אַרײַן אין פײַער.

דאָווידן איז אָנגענעם שפּירן נאָך אירע לײַכטע באַוועגונגען, קוקן אַף אירע פלינקע הענט, באַטראַכטן די קינדעריש־פרישע הערעלעך אַפן האַלדז באַם נאַקן. ער לאָזט זיך אַראָפּ דער־נעבן, הייבט אָן שטופּן אין אויוונדל די קורצע בערעזע־שײַטלעך, וועלכע ליגן לעבן דער פּליטע.

די נאָענטקייט פונעם פײַער און די נאָענטקייט פון דוסיען צעבלאָזן אין דאָווידן אופרע־גונג. דוסיע באַמערקט עס און פרווט באַצײַטנס אים אָפּוועגדן, שטילן זײַן היץ, נאָר עס גיט זיך איר שלעכט אײַן...

אין מיטן דער נאַכט כאַפּט זיך דוסיע אויף, עפּשער דערפאַר, ווײַל אין צימער איז דושנע, צי עפּשער דערפאַר, ווײַל דאָס בעטל איז צו ענג פאַר צווייען. זי טוט אַ קער דעם קאָפּ צו דאָווידן, וועלכער קרעכצט אין שלאָף. קיין ליבע צו אים פילט זי ניט. בלויז מידקייט. וואָס זשע ווײַטער? ווען זי וואָלט געקאָנט דאָן וויסן...

„בעסער כאַראַטע האָבן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען, איידער וועגן דעם, וואָס עס האָט ניט פּאַסירט", — האָט דעמלט געקלערט דוסיע. אָבער דערנאָך איז זי געווען אומצופרידן מיט זיך. סײַ אין די גוטע, סײַ אין די שווערע צײַטן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס זי באַקומט פונעם מאַן, געניסט ניט יעדע פרוי, אָבער דאָס האָט ווייניק געטרייסט. זי האָט זיך געסטאַרעט זײַן צופרידן מיט איר גורל. עמעס, עס איז אויסגעקומען זיך נויטן צו זײַן צופרידן. נאָר דאָס האָט ניט אַלע מאָל געקימערט. די צעשיידונג מיטן מאַן איבער דער מילכאָמע איז פאַר איר געווען, לאָזט זיך אויס, נוצלעך: זי האָט ניט צעוואַקלט, פאַרקערט, פאַרשטאַרקט איר צוגע־בונדנקייט צו אים. פיל אירע כאַווערטעס און פרײַנט האָבן דאָך ביכלאַל ניט דערוואַרט זיך אַף זייערע מענער, כאַסאַנים.

עטלעכע כאָדאָשים נאָכאַנאַנד האָט אויך דוסיע אין איר פאַרוואָרפענעם טאַטערשן יישעוו, ווו זי איז געווען אַ לערערן, מוירע געהאַט פאַרן איינפוסיקן פּאָטשטאַליאָן — געצײַטערט, ער זאָל איר ניט ברענגען דאָס שרעקלעך קוויטעלע אַף דאָווידן. מיט אומגעדולד פלעגט זי וואַרטן אַף זײַנע בריוו, און געענטפערט האָט זי אַלע מאָל, אַז זי האָט אים ליב, זי האָט אים ניט פאַרגעסן. כאָטש טיף אין האַרצן האָט זי געטראַכט, אַז זי איז זייער פאַר אים שולדיק: ניט געקאָנט ענטפערן אים מיט דעם זעלבן ריינעם געפיל, וואָס בא אים איז געווען. אַזוי האָט זיך איר געדאַכט, אַזוי האָט זי געקלערט, אַזוי איז עס עפּשער טאַקע געווען. ס'קאָן זײַן, אַז זי האָט פּאַשעט ניט באַוויזן אים ליב צו באַקומען.

דוסיע פלעגט זיך אײַנריידן, אַז דאָוויד איז אַ מענטש אַן אומגעוויינלעכער, און זי האָט, דוכט זיך, באַקומען דערויף געניג באַווײַזן. ער איז געווען איינער פון די בעסטע סטודענטן אַפן פאַקולטעט, געשריבן גאַנץ געלונגענע לידער, וועלכע זי האָט, פאַרכלינענדיק זיך, גע־שלונגען, געוווסט זיי אַף אויסווייניק. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו איר פון די גרויסע אויספּרווון, וואָס זײַנען געווען אַף זײַן וועג, האָט זי געזען, אַז ער האָט גאָרנישט ניט צע־טרענצלט אַף אָט דעם פײַנפולן וועג, נישט נאָר ניט פאַרלאָרן זײַן גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט — ער האָט דערצאָבערט קלוגשאַפט. ס'איז אים דערנאָך אויסגעקומען אויך איבערגעגנוג צו לײַדן, אָבער ער איז לאַכלוטן ניט געפאַלן בא זיך.

אין יענער צײַט האָט נאָך דוסיע איר דיסערטאַציע ניט פאַרטיידיקט, קיין קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן איז זי נאָך ניט געווען, יעדער גראָשן אין דער מישפּאָכע איז געגאַן אין כעזשבן, און קיין גרויסער פאַרדינער איז דאַוויד ניט געווען. און אײַנגעשפּאַרטער, האָט ער בעשום־אויפן ניט געוואָלט פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט און איז געוואָרן א פּאַשעטער שוואַרצאַרבע־טער: פלעגט אויסלאָדן קוילן און קלעצער, האָלץ און צעמענט, ער פלעגט קײַקלען פעסלעך אין די טריומען פון שיפן און באַרזשעס, פּעק און קאַסטנס האָט ער אַף זיך געטראָגן, געגראָבן טראַנשייען פאַר קאַנאַליזאַציע און וואַסערלייטונג, ער האָט געקנאָטן ליים, געקאָכט אַספאַלט אין פאַרויכערטע טשאַנעס, געהייצט ווינטער די הרובעס אין א צוזאַמענווױנונג... און ווען ער האָט נאָך דערבײַ געפונען אין זיך קויכעס און מוט צו דרײַסיק יאָר אָנקומען זיך לערנען הינטערוויגיק אין א טעכנישער הויכשול, און זיך געלערנט מיט היספּײַלעס, מיט לײַדנשאַפט און באַזעסנקײַט פון א יונגלינג, האָט דוסיע אָנגעהויבן קוקן אַף אים מיט גאַר פאַרגאַפטע אויגן...

שפּעטער, ווען דאַוויד איז אַרײַן אין לייען־זאַל רופן דוסיען אַף מיטיק, האָט זי נאָך אַלץ געקלערט וועגן אים, וועגן דעם, אַז דאָס, וואָס ער, דאַוויד, איז א היציקער, א ווייניק אויסגעַ־האַלטענער, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט א מישמאָש אין זייער מיש־פּאָכע. אויב ניט דאָס, וואָס זשע פאַרט? און עפּשער וואָלט מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל גע־דאַרפט מאַכן א סאָף — זיך צעגיין, באַפרײַען סײַ זי, סײַ אים פון אָט דער מאָדנער לאַגע.

טראַכטנדיק אָט אַזוי, קלײַבט זיך פונדעסטוועגן דוסיע גיין מיטיקן מיטן מאַן, אויסערלעך ווײַזט זיך אויס, אַז זי טוט עס גאַנץ רויִק, לייגט צונויף די ביכער, שטופּט אַרײַן אין פּאַרטפעל די זײַטלעך פון איר מאַנוסקריפּט. זי גייט אַרויס פונעם לייען־זאַל די ערשטע, דאַוויד — נאָך איר. ער זאָגט, גלײַך ער וואָלט הערן אירע געדאַנקען:

— דו זידלסט מיך, אָבער איך בין קיינמאָל קיין פּוליאַק ניט געווען.

— יאָ, — פאַרשטייט זיך, — איז גלײַך מאַסקים דוסיע. — אָבער וואָס זשע קומט דערפון אַרויס?

— האָסט שטאַרק געביטן די באַציִונג צו מיר.

— לאָמיר פאַרפינקטלעכן: ניט צו דיר — צו זיך. איך דאַרף אָפּטרעטן פון דיר א ביסל, כאָטשבי אַף א שפּאַן, פונדערווײַטנס אָפּסנײַ א קוק טאָן אַף דיר. זיך אַליין דורכקאָנטראָלירן.

דאַוויד וואָגט מער ניט רעגן דוסיען מיט רייד. זי האָט אים ניט ליב. קיינמאָל ניט ליב געהאַט. זי האָט עס אָבער קיינמאָל ניט אויסבאַהאַלטן. זי האָט עס ניט געלייקנט אין סאַמע אָנהייב, ווען ער איז מיט איר צווישן די ביכער־סטעלאַזשן געשטאַנען אויג־אַף־אויג, ערלעך אים געזאָגט דעם עמעס. דאָס, וואָס זי האָט אים געשריבן אַפן פּראָנט און נאָכן פּראָנט, איז אויך געווען אופריכטיק. אָבער אָט, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז ניט אַזוי פּאַשעט. צי איז דען דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי איז אַוועק פאַרויס, און ער איז געבליבן הינטערשטעליק? און עפּשער איז דוסיע גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז ווער עס גייט ניט פאַרויס, פּויזעט צוריק? יאָ, זי איז אַוועק פאַרויס, און קאָן אַוועק ווײַט. זי קאָן ביכלאַל אַוועק. אַנטרינען. אַף אייביק. צום ערשטן מאָל דערפילט עס דאַוויד זייער שאַרף, גייענדיק איצט באַנאַנד מיט איר אַהיים. און עס ווערט אים שווידערלעך. מיט יענער־וועלט טוט אַף אים א בלאָז. אייגנטלעך, איז דאָס לעבן דורכ־געפלויגן. ס'איז שוין ערעוו שקיִע, און ניט דערפאַר, ווײַל דער זעקסטער צענדליק שפּאַנט דערנעבן, דוסיע איז עלטער פון אים, זי איז נאָך אָבער גאַנץ יונג. די זאַך באַשטייט אין דעם, ווי דו אַליין זעסט זיך. מע דאַרף ניט מוירע האָבן צו זײַן יונג. זאָל זי אוועקגיין — איר וועט זײַן בעסער. וואָס האָט זי מיט אים געגנאַסן? וואָס פאַר א גליק? אויב, איר וועט זײַן בעסער — זאָל זי גיין. ער וואָלט געדאַרפט אַליין אוועק. קאָן ער אָבער ניט. ס'איז א ליגן, אַז אַלץ קומט און גייט פאַרבײַ, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין אייביקע ווערטן! צוליב וואָס, אויב אַזוי, אַלץ? פאַראַן אַזעלכס, וואָס פאַרגייט ניט קיינמאָל — ליבע, אָדער די דערמאָנונג וועגן ליבע. איז דאָס דען פּאַשעט אינערציע? און מער גאָרניט?

ווען דוסיע און דאַוויד גייען אַרײַן אין זייער קליינינטשקן פּאָדער־צימער, דערהערן זיי באַלד, אַז עליק איז שוין אין דער היים — דרייט דעם פּלאַט מיט זײַנע באַליבטע לידער. דורך דער געגלאָזטער טיר אין גרויסן צימער זעען זיי, ווי דער זון ליגט א צוואָלגערטער אין פאָטעל מיטן סינטעטישן זשאַקעטל, מיט ניט אויסגעטאָגענע שיך. זיי קוקן אַף זײַנע פאַרכאָ־לעמטע אויגן, אַף זײַן פריידיקן שמייכל און שווײַגן, מוסערן אים ניט, האַגאַם עס וואָלט דאַפ־קע ניט געשאַט אים גוט אַרײַנלייגן.

דוסיע און דאַוויד טוען זיך אויס ניט געײַלט. אָנרירנדיק אין דער ענגשאַפט דוסיעס אַקסל מיט זײַנעם, נעמט דאַוויד פון אירע הענט דעם מאַנטל, הענגט אים אויף. דערנעבן, אַפן צווייטן

הענגער, טשעפּעט ער אָן זײַן שורשענדיקן רעגן־מאַנטל. ער טראַכט דערבײַ, אַז די באַליידי־קונגען, דאָס קימערן זיך און קאַלערלײַ אַנדערע דײַגעס, האַגאַם זיי פֿאַרשאַפֿן געוווּ צאָרעס, זײַנען פֿונדעסטוועגן אָנמעכטיק אײַנגאַנצן אַרויסצושלאָגן זיי פֿון דער קאַלייע. דער פֿאַרגאַפֿטער און שמייכלענדיקער עליק האָט מיטאָמאָל אָפּגעשטויסן אין ווײַטער ווײַטעניש דאָווידס כּווישעכדיקע געדאַנקען. ער טוט זיך אַ קער צו דוסיען, שעפּטשעט:

— גוט, וואָס פֿון די יונגע יאָרן אָן אַרבעט זיך באַ אים אויס אַ פֿײַנער געשמאַק.

— זאָג ניט „האָפּ!“, — דערווידערט דוסיע. — ס'איז נאָך צו פֿרי זיך פֿרייען.

דאָוויד טוט אַ שטופּ די טיר. יעגע עטלעכע טריט, וועלכע דערוויַיטערן אין די קליינגאַבאַריטע דירעס די קיך פֿונעם פּאַדער־צימער, גיט זיך אים אײַן גרייער זײַן שאַ־שטיל און גיך, ווײַזט אויס דערפֿאַר, ווײַל די שטעקשיך זײַנע האַלט ער אין דער האַנט און שפּאַנט בלויז אין די שקאַרפּעטקעס.

דוסיע גייט אַרײַן אין קיך שפּעטער, ערשט נאָך דעם, ווען פֿון דאָרטן הייבן זיך אָן צו דערטראָגן רייצנדיקע געשמאַקע דופֿטן. אַ פֿאַרוויטלטער, מיט אַ פֿאַרטעך אָפּן בײַכל, שטייט דאָוויד לעבן דער גאַז־פּליטע און מישט אַף דער סקאָוורעדע אָנגעשניטענע ציבעלע, וועלכע שפּרודלט אינעם זידנדיקן בוימל.

— עליק איז אַזאַ מין נאַכגיביקער, — זאָגט דוסיע. — צי דען צוליב דעם פּלאַץ? איך האָב עס ניט דערשאַצט...

— וואַרט צו, וועגנד מיך ניט אָפּ. מיינסט, מיסטאַם, אַז איך צעוואַרעם בלויז דעם גרייטן מיטיק. האָסט אַ טאָעס — איך דערפֿיר אים צו קאָנדיציע, כ'קאָנטראָליר, צי אַלץ האָב איך ריכטיק אײַנדערפֿרי אָפּגעטאָן. ס'איז אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אינייען.

דוסיע טוט אַ שמייכל — נאָר מיט די ליפּן: „גאָר ווייניק דאַרף מײַן מאַן, קעדיי גליקלעך צו זײַן“.

— אַהאַ, כ'האָב געוווּסט, — שאָקלט מיטן קאָפּ דאָוויד. — די יויך איז ניט דערזאַלצן.

— אַ דאַנק, וואָס ניט איבערגעזאַלצן, — באַמערקט דוסיע. — אַ סימען, אַז ביסט אין קיינעם ניט פֿאַרליבט.

דאָוויד טוט זיך אַ קער צו איר:

— און דו?

ער טוט זיך אַ קער צו דוסיען, ווײַל אַ גלעט טאָן מיטן פֿינגער איר קוים מערקבאַרע, ענגלעכע אַף אַ שווייס־טראָפּנדל, ראָדינקע אַף דער נאָז.

דאָווידס ליפּן מײַדט דוסיע אויס, האַגאַם ער האָט שוין זיי קימאַט פֿאַרדעקט מיט זײַנע — אין דער רעגע טוט אַ סקריפּע די טיר.

אַף דער שוועל באַווײַזט זיך עליק:

— כ'וויל עסן.

— וואָש די הענט, — זאָגט די מאַמע. אירע אויגן באַווײַזט זי ניט עליקן. זײַן סקריפּע מיט דער טיר האָט זי פֿונדעסטוועגן אַ ביסל געבראַכט אין פֿאַרלעגנהייט.

22

ווען דער סטענגד מיט די פּאָרטרעטן פֿון די העלדן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד — מיראָסלאָוואָער טוישווים איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן באַם אַרײַנגאַנג אין אַקטאָוון זאַל, האָט דאָוויד געזאָגט צו זיך אַליין: „אַלץ איז, דוכט זיך, גרייט. מע קאָן גיין זיך גאָלן“. נאָר אַהיים איז ער סײַווי אוועק מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג: כאָטש די סטודענטן האָט ער אַליין ניט אַגיטירט פּרינציפּיעל און קיינעם ניט געצייצעט עס צו טאָן, אָבער פֿאַרבעטן אַפֿן לידער־אָוונט די מיטאַרבעטער פֿון אינסטיטוט און באַזונדערס די וועטעראַנען פֿונעם קאָמיוג און פֿון דער מילכאָמע האָט ער גע־האַלטן פֿאַר זײַן פּערזענלעכער פֿליכט. אַף דעם איז אוועק אָן איבעריקע שאָ.

אײַיסעקן זיך מיט די אײַנלאַדונגען האָט דאָוויד געדאַרפֿט, אָפּאָנעם, אַ ביסל ווייניקער, ווײַל לעסאָף האָט באַ אים אָנגעהויבן נאָגן דאָס האַרץ, אַפֿילע אַ שנײַד געטאָן גאָר שאַרף. אַ מינוט איז דאָוויד געשטאַנען אונטערן דאַשעק פֿונעם אינסטיטוטישן גאַנעק, געקלערט, אַז צופֿיל אופּרעגונג, אײַלעניש, האָרעוואַניע קאָן אין זיך אײַנזאַפּן איין טאָג. דער וועטער איז אויך פֿון סאַמע אינדערפֿרי אַ נאָגנדיקער — ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי — עפּעס אַ טונקעלער טוי זײַט זיך פֿון די נידעריקע כמאַרעס.

אומגעריכט טוט דאָווידן אַ שניט אין האַרצן, וואָס צווינגט אים זיך צוטוליען צו איינעם פֿון די אײַזערנע סלופּעס, אַף וועלכע עס האַלט זיך דער דאַשעק פֿונעם גאַנעק, דערנאָך, אַז

די סאַקאָנע איז פֿאַריבער, טאַפּט ער אָן צופֿרידן די ספּראָנזשקעס אַפֿן פּאַסיק פֿונעם רעגן־מאַנטל, איבערצײַגט זיך, אַז ער וועט אים ניט פֿאַרלירן, און לאָזט זיך אין וועג.

אונטער די פֿיס וואַלגערן זיך בלעטער, צעטאָפּטשעטע און פֿריש אָנגעפֿאַלענע, נאָך ניט קיין שמוציקע. די קליאַנען אַף דעם טראָטואַר, דוכט זיך, וואַקסן ניט פֿון דער ערד, נאָר גלײַך פֿונעם נאַסן שוואַרצן אַספֿאַלט. פֿילפֿאַרביקע בלומען אַף די גאַזאָנעס און קלומבעס, שוין טיף וועלקנדיקע, פֿינקלען אומדערוואַרטערהייט יונג און פֿאַרשײַט — אַף זיי שעמערירן רעגן־טויעלעך. די רעזעדאַ שמעקט אַזוי שאַרף, אַז עס איז קימאַט אוממעגלעך אײַנטעמען אָט דעם דופֿט.

דער ווינט רײַסט זיך אַרײַן אין אָן אָפּגעצאַמטן מיט דראָט סאָד, פֿאַרבײַ וועלכן דאָוויד שפּאַנט, רײַסט אַראָפּ די לעצטע בלעטלעך פֿון אַ קרעפּטיקן, גיבעריש־מעכטיקן עפּלבוים, שלײַדערט זיי אַף דער ערד, אים צופֿוסנס, אָבער אַף די נאַקעטע צווײַגן בלײַבן נאָך הענגען עפּל. און דאָס איז ווונדערלעך — גרויסע, מיט געלע באַקן אַנטאָנאָווקעס אין נאַסן הוילן סאָד. דאָוויד שפּאַנט און קערט אַלע מאָל אום דעם קאָפּ, קוקט דורכן דראָטענעם פּאַרקן אַף די אויסגעטאָקנענע אַנטאָנאָווקעס, אַף זײערע ווונדערלעכע ניטדאָזיקע עפּל. דאָס האַרץ אָבער הערט ניט אויף צו נאָגן.

עליק וואַרט אַפֿן טאַטן באַ דער שוועל.

— וויפֿל קאָסט אַ פּלאַט? — פֿרעגט ער גלײַך, דערזעענדיק דעם פֿאָטער.

— צעבראָכן? — שטויסט זיך אָן דאָוויד. — ווּאַזוי זשע האָט עס פּאַסירט?

— מײנסט, בעקיוון? — פֿאַרענטפֿערט זיך עליק. — כ׳בין פֿונעם פֿאָטעל אַראָפּגעפֿלויגן, און דער פּלאַט — מיט מיר צוזאַמען. און — אַ קנאַק אַפֿן שאַרפֿן ווינקל פֿון דער טומבע...

עליקס קאָל ציטערט.

— אַ שאָד, — זאָגט דאָוויד.

— וועסט מיך באַשטראָפֿן?

— האָסט זיך אַליין באַשטראָפֿט.

— און אַפֿן אָוונט וועסטו מיך נעמען?

— אַוואַדע. נאָר דעקן דעם שאָדן מוז מען אין אַלע פֿאַלן. — זאָגט דאָוויד. — דעם פּלאַט דאַרף מען אומקערן אומבאַדינגט.

— וועסט אים צונויפֿקלעפּן?

— אוממעגלעך. אַ צעבראָכענעם פּלאַט קאָן מען שוין ניט פֿאַריכטן. פֿאַראַן, ברודערקע, אַזעלכע אוממגליקן אַף דער וועלט. ניט צונויפֿקלעפּן... מע דאַרף עס פּאָשעט ניט דערלאָזן, זיך היטן פֿון זיי. מירן מוזן קויפֿן אַ נײַעם פּלאַט, אויב עס וועט זיך, געוויינלעך, אונדז אײַנגעבן.

ביזוואַנען דער טאַטע טוט זיך איבער, דרייט זיך עליק אַרום אים, פֿאַרשיט אים מיט פֿאַר־שיידענע קאַשעס. דאָוויד ענטפֿערט אופֿמערקזאַם, אופֿריכטיק, ערנסט.

— פֿאַרוואָס זאָגט מען אַרטילעריע און ניט אַרטעלעריע? איך מיין ס׳איז ניט ריכטיק — אַרטילעריע.

— ביסט איבערצײַגט?

— וואָדען. די האַרמאַטן באַדינען אַ סאַך מענטשן, האָסט דאָך מיר אַליין דערציילט. אַ גאַנצענע אַרטעל. דעריבער דאַרף מען זאָגן ניט ווי איצט, נאָר — אַרטעלעריע.

אַפֿן אָוונט אין אינסטיטוט לאָזט מען זיך פֿונדעסטוועגן אײַנדרײַען, כאָטש בייסן גאָלן זיך איז דאָווידן און עליקן ניט לײַכט געוועזן צו דערווײַזן דער מאַמען, אַז זי דאַרף גיין מיט זיי. דוסיע האָט זיך צעשמייכלט און איז מאַסקים געווען מיט אירע מאַנצבלען בלויז דאַן, ווען עליק האָט איר אונטערגעזאָגט אָן אויסוועג:

— דײַן וויסנשאַפֿט וועסטו רוקן פֿאַרויס נאָכן אָוונט, מירן דיר העלפֿן...

צוערשט איז מען געפֿאָרן אין אַ האַלב־פּוסטן אויטאָבוס. בלויז איין אַלטע פֿרוי איז אַרײַן דורך דער פֿאָדערשטער טיר, אַ בוק געטאָן זיך צו אַלעמען:

— אַ גוט־העלף אײַך!

און זיך צוגעזעצט אַף דער באַנק לעבן דעם שאָפֿערס קאַבינע.

עליק האָט געקוקט אַף איר מיט וווּנדער: זיך גריסן מיט אומבאַקאַנטע מענטשן?

אַף דעם צווייטן אָפּשטעל איז דער אויטאָבוס איבערגעפֿולט געוואָרן. ראַשיקע, פֿריילעכע פּאַסאַזשירן האָבן אים באַזעצט. עליקן, אַ צערודערטן, איז דאָ אינטערעסאַנט — ער קוקט, הערט זיך צו, זאַפּט אײַן זיך אַרײַן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך.

— איי, דו, דאַרף, וווהין קריכסטו?

— פונוואַנען זעסטו, אַז „דאַרף״?

— אַ זאַק באַ דיר.

— אין אַ זעקל קריכט מער אַרײַן. כ׳האָב ליב אַ זעקל. און ביכלאַל בין איך גאָר ניט קיין דאַרף. מיט אַ זאַק װעסטו דרײַ מאַנצבלען אָנהאָדעװען, מיט אַ קאַשעק — איינעם אַ הונגעריקן איבערלאָזן.

די קאָנדוקטאָרשע דערמאָנט דערװײַל מיט אַ הייזעריק קאָל:

— טוט זיך אַ רוק, איך בעט אײַך, אינמיטן, זײַט זיך מאַטריִעך. שטעלט זיך אויס, װי יאַדלעטשקעס, נו, אַדראַבאַ, װי יאַדלעטשקעס, איר פאַרשטייט, צי ניין? װער האָט נאָך ניט געקויפט קיין בילעטן? באַ אײַך, בירגער, איז אַ כװידעש־בילעט? זײַער אָנגענעם. מיטאַמאַל שליסט אײַן דער שאָפער זײַן ראַדיאָ־אָופּנעמער. אין אױטאָבוס צעהילכט זיך אַ ליד.

— אױ, ס׳איז דאָך אונדזער לידל — שרײַט אויס עליק.

דאָװיד נעמט אַרום דעם זון, דריקט אים צו צו זיך.

לעבן דעם שפּיגל אינעם קאָרידאָר שטייט אַנע אַרנאַלדאָװנע. זי איז אָנגעטאָן אין אַ נײַ אונטיק־לאַנגן קלייד: בלױלעכער סאַמעט, באַשפּריצט מיט פּערלמוטער־שטערנדלעך, לאַקירטע שיך אָף הויכע אָפּצאַסן. זי טוט עפּעס מיט איר פריזור.

— דעם אָװנט פיר איך? איר האָט ניט פאַרגעסן? — פרעגט זי, דערזעענדיק אין שפּיגל דאָװידן און זײַן מישפּאָכע. דאָװידן קוקט זי דורכן שפּיגל גלײַך אין די אויגן.

ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: ניין, ער האָט ניט פאַרגעסן, דעם אָװנט פירט זי.

ערשט איצט טוט זיך אַנע אַרנאַלדאָװנע אַ קער צו דוסיען:

— מיר זײַנען שוין אין אַזאַ עלטער, װען מיר דאַרפן שפּירן און שפּירן נאָך זיך. איך װאָלט אײַך עטװאָס מאָדערניזירט.

זי טוט לײַכט אַ שפּאַן צו דוסיען, נייגט זיך אָן צו איר און נעמט פאַריכטן די מאַנזשעטן און די פאַלדן פון איר קאָפּטל. דוסיע מערקט אָפּ, אַז נאַרשיינס פאַרפום שמעקט איידעלער, װי אירער.

נאַרשיין װענדט זיך צו דאָװידן:

— אײַער ברוסט בלענדט די אויגן, — זאָגט זי מיט איר סאַמעטענעם קאָל. — איר האָט אַלץ אָנגעהאַנגען, מיט װאָס איר זײַט באַלוינט?

דאָװיד באַלײדיקט זיך ניט, ענטפערט, װינקענדיק אָפן װעסטיביול, װו עס פאַרזאַמלט זיך די יוגנט:

— פון דעם, װער מיר זײַנען, אַלנפאַלס, װיאַזוי מיר זעען אויס, איז געװענדט, װער זיי װעלן װערן.

אַנע אַרנאַלדאָװנע דערװידערט ניט, זי באַמערקט לעסאָף עליקן:

— אַהאַ, אויך דו ביסט דאָ, מיט די עלטערן, זײַער גוט!

— מיר זײַנען שטענדיק אינײנעם, — ענטפערט אַ ביסל האָזעדיק עליק.

— ריכטיק טוט איר, — מאַכט זיך נאַרשיין, װי זי װאָלט ניט געהערט די האָזע אין עליקס קאָל. — ביסט געקומען הערן לידער, צי זינגען?

— כ׳האָב נאָך ניט באַשטימט.

נאַרשיין פירט איבער דעם בליק פון עליקן אָף זײַנע עלטערן.

— איר, זײַט כװאַטן, אין אַלגעמיין גענומען, — זאָגט זי. — מאַלאַדצי! אַזאַ װויל יאַטל האָט איר. פאַראַן, הייסט עס, נאָך פולװער אין די אַרסענאַלן.

— טאָמיד איז באַ אונדז ניט צו דער צײַט, — שמייכלט דאָװיד. — אָדער צו פרי, אָדער צו שפּעט.

— מע דאַרף זיך ניט באַרימען. װער װייסט ניט, אַז באַ אײַך איז אַ סאָלידער עלטערן־סטאַזש?! — נאַרשיין גלעט צאַרט עליקס האָר. — איר, דאָװיד איסײַעװיטש, זײַט צװאַנציק יאָר געװאָרן אַ טאַטע, און מענטשן האָבן געטײַנעט — אַליין נאָך אַ ייִנגעלע, אָבער אין אַ יאָר אַרום איז אָט דאָס ייִנגעלע אװעק אָפן פראָנט, פאַשיסטישע טאַנקען געצונדן. אַזאַ איז אײַער דאָר.

— איר זײַנט אָפן פראָנט געװען? — פרעגט מיטאַמאָל אָן צערעמאָניעס עליק.

— ניין, ליבינקער, בײַס דער מילכאָמע בין איך נאָך גאָר אַ קליין מיידעלע געװען, — אַנע אַרנאַלדאָװנע פאַרטיידיקט זיך מיט איינעם פון אירע פּרעכטיקע שמייכלען. — עפּעס זעט מען ניט אונדזער קאַטעדרע־פאַרװאַלטער, יעװדאָקיִא פּעטראָװנא. ער זאָגט זיך שוין אָפּ פון אַלץ, ניט נאָר פון דער קאַטעדרע?

— פארקערט, — ענטפערט דוסיע. — כ'האָב געהערט, אז ער וויל בלײַבן אף זײַן שטעלע.

די אונטערשטע ליפּ בא אנע ארנאָלדאָוונען לאָזט זיך נידעריק אראָפּ, נאָר באלד ווערט זי צוריק אופגעהויבן. נאָרשיין שליסט איבער איר אופמערקזאמקײַט אפן אקטאָוון זאל.

סטודענטן — א סאך מער, ווי אנע ארנאָלדאָוונע האָט דערוואַרט זען. און מיטארבעטער פיל, קימאט אלע געקומען, פאר זיי זײַנען אויסגעטיילט די ערשטע רייען.

מיט אן אומגעוויינלעכער פײַערלעכקײַט, מיט אן אופריכטיקן דערעכערעץ קוקן די סטודענטן אף זייערע עלטערע כאווײרים, צוגעפּוצטע, ערנסטע און איינצײַטיק דערהויבענע. אזויפיל אָרדענס און מעדאלן אף די לאצקאנעס פון די פּידזשאקן, קיטעלן, קאָפטעס. דער אינסטיטוטישער זאל האָט נאָך קיינמאָל אזוי יאָמטעוודיק ניט אויסגעזען. און אנע ארנאָלדאָוונע האָט ערשט איצט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאצט דאָווידס אופטו, דאָווידס פארקלער, דאָווידס דערוואַרטונגען. און מיט אָט דעם געפיל פון איבערגעגעבנקײַט איז זי ארויסגעגאנגען אף דער בינע. אין דעם אויסגעניטן לאנגן, קימאט ביזן דיל קלייד, אין די שווארצע, מיט שמאָלע נעזער טופליעס, אן אָנגעשטרענגטע, בלאסע, מיט געפארבטע ווי:עס און פיבערנדיק פינקלענדיקן בליק איז זי געווען קימאט ניט צו דערקענען. אפילו דער שטרענגער דוסיען האָט זיך אויסגעוויזן, אז אף דער בינע שטייט ניט איר קאָלעגע, נאָר עפּעס א פרעמדע פּרעכטיקע, שיינע, אומגעריכטע פרוי.

— זי און ניט זי, — רוימט שטיל אײַן דאָוויד דוסיען אין אויער.

— אלנפאלס, אף איר אָרט, דאָ איז איר עכטע קאטעדרע, — רופט זיך אָפּ דוסיע.

— ס'קאָן זײַן, — זאָגט דאָוויד, נאָר פילן פילט ער, אז אזא פרוי, ווי אָט יענע, וואָס שטייט אף דער אוואנסצענע, איז אימשטאנד מאכן גליקלעך און אומגליקלעך, פאנגען אין אירע נעצן א באליביקן מאנצבל, קעגן אזא וועט ניט אײַנשטיין ניט קיין מעכטיקער אינטעלעקט, ניט קיין קלוגשאפט, ניט קיין שום ווילן.

די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע נאָרשיין עפנט דעם אָוונט, זײַנען שוין געווען אן און פאר זיך א שיינער ניגן, א מין רופנדיקער געזאנג.

אַן סאָליסטן, מיטאמאָל, אין איינקלאנג מיטן מאגניטאָפאָן, צעהילכט זיך אין זאל די ערשטע ליד — די ליד, וואָס איז טײַער דאָווידן נאָך פון דער ווײַטער קינדהײַט. ער האָט זי אמאָל געזונגען פאר דער באלעבאָסטע־נעפּמאנשע, פארדינענדיק א ריפּטל לעקעך. קיינער זאָל ניט זען, ווישט ער אויס די ווי:עס און זשמורעט זיי צו.

דערנאָך קומט די צווייטע ליד, און אויך אף איר רופט זיך גערן אָפּ דער גאנצער זאל. עס ווײַזט זיך ארויס, אז אלע, ווער עס זיצט אינעם זאל, געדענקען גוט די ווערטער — סײַ די עלטערע, סײַ די סטודענטן. איינס באקומט זיך דערווײַל ניט גוט: דער זאל — אָדער ער לויפט אוועק פאָרויס, יאָגט איבער דעם טעמפּ, וועלכן עס פארגיט דער מאגניטאָפאָן, אָדער ער שטייט אָפּ, דעריבער בעט אנע ארנאָלדאָוונע די כעוורע פונעם פיזיש־טעכנישן פאקולטעט, זיי זאָלן דעם מאגניטאָפאָן אויסשליסן, און אליין זעצט זי זיך צו צום ראָיאל.

איינע נאָך דער אנדערער צי:ען ארויס אירע פינגער פונעם פינקלענדיקן אינסטרומענט מעלאָדי:עס — און דער זאל ענטפערט היספּײַלעסדיק, פריידיק.

העכער א שאָ קלינגען די אלטע לידער. איצט צי:ען ארויס נאָרשיינס פינגער לידער פון דער מילכאָמע.

אן אייגנארטיקער, קימאט אינגאנצן מאנצבלשער כאָר הילכט:

„דערשפאנען צו דיר איז ניט לײַכט —
און צום טויט איז בלויז עטלעכע טריט"...

— דאָס איז דאָך די סאמע־סאמע אונדזערע! — שעפּטשעט עליק, אײַנקלאמערנדיק זיך אין דער מאמעס האנט.

23

פארן טראדיצי:אָנעלן זונטיקדיקן שפּאציר דערלאנגט דוסיע טיי. דאָוויד שטעלט אוועק אפן טיש צוויי גרויסע שטיקער האָניק־צעלניק דירעקט פון א בינשטאָק־ראַמל — דאָוויד האָט געוווּסט, וואָס פאר א קיבעד אונטערטראָגן דעם זון און דער פרוי.

— א מעכײַע, — זאָגט דוסיע, לעקנדיק די פינגער, איבער וועלכע עס רינט דער קלעפּיקער האָניק.

זי קוויקט זיך, נאָר עפּעס באומרוי:קט זי אינעם מאנס אויסזען. זי פארגעסט אָבער באלד וועגן דעם, ווײַל זי ווייסט, אז אומעטיק איז דאָוויד ניט אומזיסט. סיבעס זײַנען פאראן.

נאָך דעם טיי טרינקען טוט דוסיע אַ קוק אין שפּיגל.

— אָט דאָס קעלנערל דאַרף מען אַראָפּנעמען, — זאָגט זי, צוריִרנדיק זיך מיט די פינגער צום האַלדז.

— ריכטיק! — איז מאַסקים עליק.

— אין אַזעלכע פראַגעס שטיץ זיך ניט אָף מײַן אויטאָריטעט, — באַמערקט דאָוויד.

און ווידעראַמאָל דערפילט דוסיע צופיל צאַר אין דאָווידס קאָל. נאָר וואָס זאָל זי טאָן? די געשעענישן וועסטו ניט אָפּשטעלן.

שפּאַצירט האָט מען, ווי געוויינלעך, מיטן שטענדיקן מאַרשרוט, פּאַמעלעך, און, דוכט זיך, ווי טאָמיד, מיט פאַרגעניגן, נאָר ווען זיי האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום מיט פונעם ריוו לעבן דער אָקאַ, דערפילט דוסיע, ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע. זי הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום: אָפן ווײַטסטן קאַם פונעם ריוו שטייט איינזאַם נאַרשיין. דער ווינט צופּט איר קליידל. נאָר אָנע אַרנאַלדאָווגע קוקט ניט אָף זיי, זי איז אַנגעצילט אין דער ווײַט, אָף יענער זײַט טײַך, ס'קאָן זײַן — אָף יענער זײַט וועלט.

דוסיע שווײַגט, זי טוט בלויז אַ קאָסע מיטן אויג אָף דאָווידן.

אינעם הימל, וועלכער רייניקט זיך צוביסלעכווײַז אָפּ פון וואָלקנס, באַווײַזט זיך די זון, אירע שטראַלן גלעטן די ביימער אין ריוו. וויניק ביימער שטייען דאָ, עפּשער דעריבער טיילט זיך אַזוי בוילעט אויס יעדער בוים באַזונדער. און יעדער בוים גויסעט אייגנאַרטיק. פונדער־ווײַטנס ברענט פריילעך אין געלער העלקײַט די ליפּע. באַם קליאָן איז דער גלאַנץ אַ מעשע־נער, ער איז ניט אינגאַנצן פאַרברוינט. דער טאָפּאָל האָט אין העלע טענער אָפּגעפאַרבט בלויז דעם שפּיץ, פון אונטן האָט ער ניט געוואָגט. פריִער פון אַלע האָט אַראָפּגעוואָרפן די בלעטער דער וויאָז. די אַרומגעזוימטע בלעטלעך ליגן אונטער די פיס. און בלויז די אַלכע פּרייט די אויגן, ווי פריִער, ווי דער האַרבסט וואָלט געקומען פאַר אַנדערע — ניט פאַר איר, זי, די אַלכע, הערט אים, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי.

— וואָס זשע שווײַגסטו? — זאָגט דוסיע, כאַפּט אונטער דעם מאַן אונטערן אָרעם און קוקט אים אַרײַן אין די אויגן.

— כ'פיל זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען, — זײַנע ליפּן ציטערן. — כ'בין, ווײַזט אויס, מיד. נאָר דוסיע לייגט אויך איצט ניט קיין איבעריקע אַכט אָף דעם מאַנס ווערטער.

— נישקאָשע, — זאָגט זי. — וועסט זיך אָפּרוען — וועט דורכגיין.

אַ שטילער, דערשלאָגענער שפּאַנט דאָוויד באַנאַנד מיט דער פרוי. עליק איז געבליבן אַ ביסל הינטער זיי. אָפּגעשטאַנען אָף עטלעכע טריט.

— זע, די אַלכע בלײַבט גרין ביזן סאָף, — זאָגט דוסיע.

דער ווינט באַוועגט די צווײַגן פונעם בוים. שווײַגנדיקע פייגעלעך שפּרינגען אַרום אָף זײַנע צווײַגן, אייסעקן זיך צווישן די בלעטלעך, שפּילן זיך זאַרגלאַז.

דוסיע און עליק זײַנען אַנציקט פון דער בערעזע אינעם הויף, פון דער וואַסער־פּלומפּע — אַ צעוואַקסענער בוים מיט לאָקן — ניט אַראָפּגעפּאַלענע בלעטער, וועלכע זײַנען ענלעך לויט דער פאַרב אָף אופגעבריטער מילך. פונקט אַזאַ בערעזע איז געשטאַנען אָפן ראַנד פון אוזײַ־עווער וואַלד אין די שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדענע יאָרן, ווען בערעק איז געווען אַ סאַך קלע־נער, ווי עליק אַצינד, און דאָוויד איז געווען אָפן פראָנט. אָבער יענע, די אוזייעווער בערעזע, איז שוין געווען קימאַט אַ האַלב אויסגעטריקנטע, און די איז נאָך אינגאַנצן אַ לעבעדיקע.

דוסיע פירט איבער אָפּסנײַ איר בליק אָף דער אַלכע און כאַזערט איבער:

— יאָ, די אַלכע בלײַבט גרין ביזן סאָף.

דאָוויד הערט, וואָס עס זאָגט דוסיע, קוקט אָף דעם דערשטוינטן עליקן, נאָר פרייען זיך מיט זיי אינײנעם קאָן ער ניט — אים איז נאָך אַלץ ביטער אָף דער נעשאָמע.

מיטאַמאָל טוט אים שאַרף אַ שטאָך אין ברוסט. ער טוט זיך אַ וואַקל.

— אַ טשוואָק אין האַרץ, — זאָגט שולדיק דאָוויד.

— עליק, לויף נאָך גיכער הילף!

דוסיע זעצט אוועק דאָווידן אָף אַ געקנופּטן, אַרויסגעקראַכענעם פון דער ערד וואָרצל, שפּאַרט אים צו מיט דער פּלייצע צום שטאַם פון דער אַלכע. „אָן אינפאַרקט?" — טוט זי כווי־שעכדיק אַ קלער און לאָזט זיך אַראָפּ אָף די קני, צעשפּיליעט אים דאָס העמדל.

— היט די זין אונדזערע, — דאָווידס קאָפּ טוט זיך אַ נייג אין אַ זײַט און ער בלײַבט איינער אַליין מיט די שנײַדנדיקע, אַלץ פאַרטויבנדיקע שמערצן.

דאָס אײנציקע, דאָס וואונדערלעכע לעבן

עפשער צופיל הימלען בלויע

עפשער צופיל הימלען בלויע,
עפשער צופיל ביימער גרינע,
צופיל זויבער־ווײַסע שנייען
אין די לידער מײַנע כ׳נעם.
ס׳איז פאראַן אין לעבן טרויער,
ס׳איז פאראַן אין לעבן קינע,
און ניט זעלטן צאַרעס־ווייען
נעמען עמעצן אין קלעם.

וויאַזוי זאָל איך דערקלערן,
וויאַזוי זאָל איך דערווײַזן,
וויאַזוי זאָל איך דערציילן,
מע זאָל בעסער מיך פאַרשטיין:
כ׳וויל פאַרגרינגערן דאָס שווערע,
וואָס איז שווערער אָפּט פון אײַזן,
צאַרעס־ווייען וויל איך היילן,
כאָטש מײַן קראַפט איז זייער קליין.

עפשער לעב איך אין א מײַסע,
כ׳גיי מיט צוגעמאַכטע אויגן,
אָדער גלײַכגילטיק־פאַרכאַלעמט
אף דער ליבער ערד איך גיי?
צי אומיסטן כ׳פאַרב אין ווײַסן,
וואָס מיט גרויען איז פאַרצויגן,
צי אין הארצן מאַך איך שאָלעם
מיט א פרעמדן, שווערן וויי?

כ׳מיין, אז מײַנע הימלען בלויע,
כ׳מיין, אז מײַנע ביימער גרינע
מײַנע פריילעכע קאָלירן
אין מײַן אופטו העלפן מיט —
שטילן עמעצן דעם טרויער,
לעשן שטילערהייט די קינע...
יאָמעוודיק דערפאַר באַציר איך
אָפּט מײַן וואָכעדיקע ליד.

אזוי ווי איך דאַרף

אזוי ווי איך דאַרף, אז די פיס מײַנע זאָלן
דערפילן די ערד אונטער זיך, ווען איך גיי,
אף שליאַכן און שטעגן, אף בערג און אין טאָלן —
כ׳מוז וויסן, אז עמעצער דאַרף מיך אליין.
געהאַט כ׳האָב זיך אײַנגעלעבט (וואָס איז דען אייביק?),
ס׳קאָן זײַן, מיטן שענסטן געפיל אף דער וועלט:
ס׳פאַרקוקט מיר אין פּאָנעם מײַן קינד אזוי גלייביק,
ס׳דאַרף, איך זאָל אים היטן פון היץ און פון קעלט.
ס׳דאַרף, איך זאָל אים געבן די נייטיקע אייצע,
דערקלערן, וואָס ער קאָן אָן מיר ניט פאַרשטיין.
איך ווייס ניט — עס פליִען די יאָרן, צי פלייצן...
כ׳ווייס בלויז: אף איין אָרט זיי פאַרבלײַבן ניט שטיין.
דאָס לעבן האָט זײַנע געזעצן און קלאָלים.
דער סיידער פון זײַן איז שטאַנדהאַפטיק און פעסט:
כ׳גיי אָפּ אין א זײַט — מײַן געפיל ווידערהאָלן
די קינדער — זיי היטן פון היצן און פרעסט.
מיר גייט אינעם לעבן — כ׳זאָל וויסן, כ׳זאָל פילן,
אז האָבן מע דאַרף מיך, ווי כ׳דאַרף זיך אליין.
נאָר ווער זאָל מיך דאַרפן? עס קאָן זײַן אפילע

א בילד אין מוזיי, נעבן וועלכן כ׳בלײַב שטיין.
א בוך מײַנע לידער, און לידער ניט מײַנע,
צי פּראָזע א באנד, א פארפרעסטער אין שראנק.
סימפּאָניעס, וועלכע פארשאפן מיר טײַנעג,
און זײַנען מיר אלע מאָל, ווי א געשאנק.
און עפּלבוים, וועלכער וויל עפּל מיר געבן,
אין אָנשטרענגונג גאָרער מײַן פליכט און מײַן אָל.
און אויך מײַנע קינדער — מײַן המשך אין לעבן —
זיי זאָלן מיך דארפן קימאט, ווי אמאָל.
ווײַל פּונקט ווי איך דארף, אז די פיס מײַנע זאָלן
דערפילן די ערד אונטער זיך, ווען איך גיי
אף שליאכן און שטעגן, אף בערג און אין טאָלן —
כ׳מוז וויסן, אז נייטיק מע דארף מיך אליין.

אף העפקער כ׳קאָן ניט לאָזן די שנייען

עס ווימלען שנייען, און די שײַן פונעם לאמטערן
באפארבט זיי אין דער העלער פארב פון גאָלד.
און יעדער שנייעלע ווערט ענלעך אף א שטערן,
וואָס איז מיט בלוי ארום געדיכט באמאָלט.
איך קוק, ווי יאָמטעוודיק עס ווימלען שנייען שטילע,
כ׳פיל: צו מײַן פּאָנעם טוליען זיי זיך לײַכט.
כ׳מוז יעדער שנייעלע, וואָס פליט פון הויך, דערפילן,
ניט ווען־עס־איז, דערפילן טייקעף, גלײַך.
דעם ווייכן, גרינגן שניי איך נעם אָן פולע הויפנס, —
ווער וויל עס דען בארויבן זיך אליין?
עס וויכערט אויף דעם שניי א ווינט, וואָס קומט צו לויפן...
אין נאכט און פראָסט באצויבערט בלײַב איך שטיין.
די גאנצע נאכט כ׳וועל בלאָנקען אינעם שניי־געווימל...
עס האָט די פראכט א זאָרג אין מיר דערוועקט:
אף העפקער קאָן איך ניט — אונטערן פרײַען הימל —
די שנייען לאָזן און אהיים אוועק.

אין אײַז־קאלטער טונדרע

אין אײַז־קאלטער טונדרע, אין גלײַיקע דזשונגל,
אין וועלדער, ווו היצן און פרעסט זײַנען מילד,
פון בענקעניש, אָפּטער געוויס, ווי פון הונגער,
עס שרײַען פּירפּיסיקע ייִעשדיק, ווילד,
ווען ס׳לעשט זיך די זון אין די וואָלקנס ראָז־בלויע,
און פינצטערניש, איימעדיק הילט אײַן די וועלט,
פון דאַן נאָך, ווען ס׳האָבן צום ערשטן געלויערט
די אוראלטע סאָנים, וואָס נאכט האָט פארשטעלט,
פון דאַן, ווען אין כוישעך פון אוראלטע ביימער,
סאקאָנעס־נעפאָשעס די נאכט האָט געוועקט,
נאָך איצט ביינהאשמאָשעס כ׳דערפיל אָפט אַן איימע.
דאָס לעבט אויף אין הארצן די אוראלטע שרעק?
איך בין דען געווען אין דער טונדרע, אין דזשונגל?

געהאַט כ'האָב אַמאָל ניט קיין הויט, נאָר אַ פעל?
איך האָב דען געטוליעט זיך, ווען ס'האָט געטונקלט
צו האַריקע שווערער אין ענגן געצעלט?
איך האָב דען געקלעטערט אַף ביימער אַף הויכע?
געוויגט כ'האָב אַמאָל דען מײַן קינד אַף אַ בוים?
איך האָב דען געכאַוועט מײַן קינד אָן אַ שמייכל?
איך האָב דען פאַרטרויט אים אָן ווערטער מײַן טרוים?
כ'מיין, ס'ציט זיך צו מיר, און עס ווערט ניט צעריסן
אַ פאָדעם, וואָס האָט זיך פאַרצײַטנס געשפּינט.
באַשיידענערהייט, כ'בין בעקויעך פאַרגיסן
מיט גאָלדענעם ליכט־שטראָם מײַן כוישעך אַצינד.
נאָר פאַרט, ווען עס טונקלט, ווען ס'פאַלט צו דער אָוונט,
כ'דערפיל, ווי אַ מאַסע עס פילן די הענט,
אַ בענקעניש קומט, און צעוואַרפט ערגעץ נאָענט
אָן אַלטע, אַ שווערע, אומזעבאַרע פענט.

* * *

„סטײַען ניט קיין יאָרן — ווען עס קומט צום לעבן"...
ווער איז יענער אַכזער, כ'וויל דערגיין דעם סאָד,
וועלכער האָט געוואָלט אַ שאַרפן כאַלעף געבן
דעם ניט־לעבן, וועלכן פײַנט אַזוי מע האָט.
אַף דער וועלט געקוקט האָט ער מיט וועלכע אויגן?
פון אַ שקיִע האָט ער אָנגעקוועלט אַמאָל?
זיך געשפּיגלט ווען אין לײַכטן פלוג פון פויגלען?
צי געזאַמלט בלעטער, וואָס דער האַרבסט באַמאָלט?
כ'מיין, ער האָט געזאַמלט אין זײַן האַרצן סינע,
מיט דער מאָרעשכוירע זײַנער זי צעמישט.
פון דער העלער הויט געזאָגט, אינמיטנדרינען,
ווערטער, וועלכע ווילן מאַכן בלויז צונישט.
וואַנדערן די בייזע ווערטער, די ניט־גוטע,
נעבן ווערטער קלוגע, טיפע, ווי די וועלט.
וואָס זשע בין איך שולדיק — ס'טרעפן זיך מינוטן,
ווען די ווילדע ווערטער בריִען מיך, ווי קעלט.
אינעם וואַלד, עס קאָן זיך מאַכן, אַף אַ שטעגל,
יאָגן זיי מיך אָן אינײַנעם מיטן ווינט,
ווען עס טוט זיך שטילערהייט אַ טראַכט: צום לעבן
ס'קאָן זײַן, אַז געקומען איז מיר ערשט אַצינד.
ווען די ווערטער וואָלטן אַפּן זינען קומען
בלויז אין וואַלד, וואָלט עפּשער ניט מעסוקן זײַן.
איך דערפיל זיי אָפּט, פאַרבאָרגענע און שטומע,
אויך אין שטוב בא זיך, ווען ס'יאָמטעווט העל די שײַן.
כ'זאָג זיך צו: פאַרגעסן כ'וועל זיך איצטער מיִען
„סטײַען ניט..." — ס'וועט סטײַען! מענטשן, הערט מיך אויס:
אַז איר קוקט פאַרגאַפּט, ווי שיין עס איז די שקיִע,
ווי די זון באַהאַלט זיך בא דעם טײַך אין שויס,
אָדער ווען דער טאָג האָט אײַך זײַן האַנט געגעבן,
און מיט אײַער טרוים געבראַכט אין אַ באַריר,

ווען אליין פון זיך, איך טוט א קלער: צום לעבן,
דאַכט זיך, אַז ערשט איצטער איז געקומען מיר,
ווײַל עס איז מיט אײַך די לעבנס־פרייד די גאָרע,
ווײַל מיט גליק געגאַרטן זײַט איר זייער רײַך,
גלויבט־זשע, אַז געוויס עס וועלן סטײַען יאָרן,
אויב צום לעבן, מענטשן, איז געקומען אײַך.

מײַן צווייטער איך

איך האָב געמיינט, כ׳ווייס אַלצדינג וועגן זיך,
האָט אויסגעלאָזט זיך: ניט געדערכט כ׳בין ווידער.
עס לעבט גאָר אין מײַן האַרץ אַ צווייטער איך,
וואָס מיט מײַן ערשטן איך איז ניט צופרידן.
מײַן צווייטער איך דעם ערשטן בייז וואַרפט אויס:
— האָסט ניט געטאָרט זיך אָפּשטעלן און וואַרטן,
ווײַל גיין איז שטענדיק וויכטיק נאָר פאָרויס,
און שליאַכן פלאַסטערט מען מיט שטיינער האַרטע.
פאַרענטפערט זיך מײַן ערשטער איך ניט דרייסט:
— איך האָב געמיינט... געהאָפט... כ׳וועל נאָך באַווײַזן...
— און טאַקע, — זאָגט מײַן צווייטער איך, ווײַל ס׳ווייסט,
מײַן ערשטער איך איז פאָרט ניט פון קיין אײַזן.
אויב ניט געוווּסט כ׳האָב פון מײַן צווייטן איך,
איך ווייס שוין לאַנג — כ׳פאַרמאָג אַ צווייטן אָטעם.
ווען איך דערפיל אים — ווער איך אויפגעריכט,
און זאָג אַף אַלע שווועריקײַטן — בלאָטע!
ווען ס׳קומט מײַן צווייטער אָטעם ווערט מיר גרינג,
אונטער די פיס די ערד כ׳הער אוף צו פילן,
איך שפּאַס, איך שמייכל, איך שפּאַציר, איך זינג.
ווײַל מיט אַ שטילן גאַנג עס קען אַפילע
מײַן ערשטער אָטעם זיך ניט ספּראַווען אָפּט —
ער איז בײַ מיר אַ שווערער איצט געוואָרן.
נאָר קיינמאָל כ׳נעם ניט אוף עס, ווי קיין שטראָף,
פאַרקערט — עס איז אַ גאָב פון מײַנע יאָרן.
צו עמעצן — אַזוי האָב איך געהערט —
נאָר ניט געזען אליין מיט מײַנע אויגן, —
האָט זיך די צווייטע יוגנט אומגעקערט...
ס׳איז עפּשער גוט אַמאָל אין ניסים גלויבן.
נאָר אויב שוין גלויבן — דאַרף מען גלויבן פעסט.
איך גלויב: אַ צווייטער אָטעם איז געגעבן,
אַ צווייטער איך, און טאַקע ווי אַ נעס,
דאָס איינציקע, דאָס וווּנדערלעכע לעבן.

ניט די לעצטע, ניט די ערשטע

ניט די לעצטע, ניט די ערשטע,
כ׳האָב געפרעגט בײַ דער קוקאַווע:
— וויפל וועסטו יאָרן־וועדסטן
הײַנט מיר צוזאָגן, ציקאַווע.
כ׳האָב זיך ציילן ערשט געקליבן,
איז זי גלײַך אַנשטומט געוואָרן.
כ׳האָב געמיינט שוין, ס׳איז געבליבן
מיר, אפּאָנעם, ווייניק יאָרן.

זעלבסטפּאַרשטענדלעך, אַז אַן אומעט
האָט מיך אָנגעהויבן דריקן.
האָט אַ פּיקהעלץ זיך געווּמען
גלײַך אַ שטאַם אין אַלטן פּיקן.
פּיקט און פּיקט אַף אַלע קײַלים,
כ׳הער, ער האָט צו מיר אַ טײַנע,
וואָס איך שטיי פאַרזאָרגט און צייל ניט
אויסגעפּיקטע יאָרן מײַנע.
טוט אַ פּיק זײַן לאַנגער שנאָבל,
און דעם פּיק כ׳נעם אַף מײַן קאָנטע.
אינעם גרויסן כעשבן האָב איך
אומבאַהאָלפן זיך פאַרפּלאָנטערט.
האָבן אַפן קליאָן די בלעטער,
וועלכע פלאַמען, ווי אַ שײַטער,
זיך געווּמען באַ מיר בעטן,
כ׳זאָל דעם כעשבן פירן ווײַטער.
יעדער בלעטל, וואָס וועט פאַלן,
צו מײַן יאָר וועט זײַן געגליכן.
כ׳האָב געציילט, נאָר צוגעפאַלן
איז אַ טונקלע נאַכט אינגיכן...
האָב איך ניט געקאָנט שוין מערער
ציילן פאַלנדיקע בלעטער,
האָט די נאַכט געוואָרפן שטערן
פונעם הימל, פונעם שפּעטן,
איך זאָל ווײַטער ציילן, ציילן...
כ׳האָב געציילט און מיד געוואָרן.
כ׳וועל אַפילע ניט דערציילן,
ויפל אָנגעציילט כ׳האָב יאָרן.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

יאָרשים

ראָמאַן

11

אנאַטאָלי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז דער וועג צו זיך, צום אייגענעם דאָרף ליסאָווע, וועט זײַן אזא לאַנגער און אזא שווערער. ער האָט זיך געסטאַרעט גיין באַנאַכט און אָפרוען באַטאָג. די קנאַפּע הונדערט קילאָמעטער, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן, האָבן זיך געדאַכט פיל לענגער, ווײַל געגאַנגען איז ער אַהין, וווּ קיינער האָט אף אים ניט געוואַרט, געגאַנגען און צוגעטראַכט, וואָס וועט ער ענטפערן, אויב עמעצער וועט פּרוּוון פעסטשטעלן ווער און וואָס ער איז. קיין צײַגעניש, וואָס זאָל באַשטעטיקן, אז ער איז א גאַלעך, האָט ער ניט. די אַרבעטס־קאַרטע, מיט וועלכער זײַנע פרײַנט האָבן אים באַזאָרגט, איז גילטיק געווען דאָרט, אין שטאָט, וועלכע ער האָט געמוזט פאַרלאָזן. אָבער ניט דאָ, אינעם פאַרוואָרפענעם פּאָלעסיער ווינקל. גוט וועט זײַן, אויב ער וועט טרעפן דאָדיקן באַ דעם שוסטער דאַנילויק. און וואָס טוט ער אָבער, אויב פאַר דער צײַט האָט מען אים געפּאַקט, דאָדיקן, און צוזאַמען מיט די דאָרפישע כעוורע אַרויסגעפירט קיין דײַטשלאַנד?

אָזערנאַ האָט אים געראַטן אין א נויט זיך ווענדן צו איינעם א דאָקטער, אין איינעם א ראַיאָנישן שטעטל, אַן ערעך צוואַנציק קילאָמעטער פון ליסאָווע. אָבער דאָס איז אין ערגסטן פאַל, ווען עס וועט שוין ניט זײַן קיין אַנדער ברײרע.

געגאַנגען איז אנאַטאָלי א פאַרדײַגעטער, א פאַרטיפּטער אין זײַנע מאַכשאָוועס. באַ זיך, דאָרט, אין שטאָט, פלעגט אים אָפט ווי טאָן דאָס האַרץ, ווען ער האָט געזען, ווי איבער די קיִעווער גאַסן, ווי פאַרלאָזט און צערוינירט זיי זאָלן ניט זײַן, דאָך בלוטיק־אייגענע, ווי איבער

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, נום. 7, 8, 1979.

אַט די גאַסן שפּאַנען אַרום די אומגעבעטענע ראַצכים און עס גרעפּינען זיך נאָך אַזעלכע לײַט, וואָס שמייכלען צו זיי אונטערטעניק און סטאַרען זיך נױסעכיין זײַן באַ זיי. און אַט קומט אים אויס זיך בעטן אַף אָפּרו צו ווילד פרעמדע לײַט, וואָס קענען אים ניט און ווייסן אים ניט.

אין איינער אַ שטוב האָט אַנאַטאָלי, קעדיי געפעלן ווערן דעם באַלעבאָס, געפּרוווט אַרויס־זאָגן אַ נאַרישן געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, איז לויט דעם ווילן פון גאָט, אַז אַזוי און ניט אַנדערש מוז זײַן... האָט דער באַלעבאָס זיך אופגעהויבן פון דער לעזשאַנקע און אַ באַרויגעזער אַ זאָג געטאָן:

— אויב דאָס איז גאָטס ווילן און אויב דו, באַטיושקאַ, האַלטסט אַזוי פונעם נײַעם פּאַריאַדאָק, איז גיי דיר אין דײַן וועג. איך האָב מײַן אייגענע טײַנע צו גאָט.

די אופגעבראַכטקײַט פונעם באַלעבאָס איז גראַדע צום האַרצן געווען אַנאַטאָלין, נאָר ער וועט דאָך ניט שטעלן זיך אויסטײַנען מיטן באַצאָרנטן ערלעכן מענטשן אין זײַן אייגענער שטוב. פונעם געשפּרעך מיטן באַלעבאָס האָט זיך אַנאַטאָלי דערוווּסט, אַז דאָס איינציקע טעכטערל זײַנס האָט מען ערשט פאַרכאַפּט אָוועקגעטריבן קיין דײַטשלאַנד, אינעם פאַרשאָלטענעם „פאַטערלאַנד“.

— כ'האָב זיך געפּרוווט אָפּקויפן — אייניקע טוען אַזוי און עס טרעפט, אַז עס געלינגט זיי! — איך האָב אַרײַנגעשטעקט דעם סטאַראָסטע מײַן אַלטן זייגער און ער האָט מיר צוגעזאָגט. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער אַרײַנגעשיקט זײַנע צוויי געטרײַע פּאָליצײַען, און מע האָט מײַן אָקסאַנאָטשקען, ווי אַ געבונדן שעפּעלע, אַרײַנגעוואָרפן אין דער מאַשין. זי האָט אַפילו ניט באַוויזן זיך געזעגענען מיט דער מאַמען. וועט איר עפשער זאָגן, אַז דאָס איז אויך פון גאָט?!

אַנאַטאָלי האָט געמוזט נעמען זײַן קוישל און זיך לאָזן אין וועג. גוט, וואָס דאָס איז שוין געווען ניט ווײַט פון ליסאָווע.

געקומען איז אַנאַטאָלי צו יאָסיפּ דאַנילױקס הויף, ווען דאָמאַכע האָט געטראָגן עסן פאַר איר קו. דאַנילױקס געטרײַער הונט — סירקאָ — האָט באַגעגנט דעם אוירעך מיט אַזאַ בילערײַ, אַז דער שוסטער האָט געמוזט נעמען די קוליע און אַרויס פון שטוב אַ קוק טאָן: אַף וועמען בילט ער עס, דער איבערגעגעבענער הונט.

— נו, האַדי! הער אויף, סירקאָ! — האָט יאָסיפּ הײַזעריק באַפוילן.

— ווער שטום, איך בעט דיר, — האָט זיך אָנגערופן דאָמאַכע, — וועסט דאָך אופוועקן דאָס גאַנצע דאָרף.

— נישקאָשע, נישקאָשע! — האָט אַנאַטאָלי שטיל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — וואָס וואָלט דאָס געווען פאַר אַ הונט, ווען ער בילט ניט? אַ גוטמאָרגן אײַך!

— אַ גוטמאָרגן, אַ גוטיאַר, — האָט יאָסיפּ באַטראַכט דעם אוירעך. — פונוואַנעט שפּאַנט איר, באַטיושקאַ, אַזוי פרי?

— סאַראַ נאַפּקעמינע פונוואַנעט מע שפּאַנט? דער איקער איז דאָך, וואָס די פיס טראָגן נאָך. דער איקער, וואָס ס'איז דאָ צו וועמען צו שפּאַנען. עפשער בין איך ניט געראַכט?

— איז צו וועמען זשע גייט איר, פאָרט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— צו דיר, יאָסיפּ, צו דיר, טײַערער, — האָט אַנאַטאָלי אַ זאָג געטאָן ווי בעסאָד, — האָסט מיך זיכער ניט דערקענט. נאָר איך בין דיר מויכל: אַ צײַט אַזאַ, אַז מע דערקענט זיך אַליין ניט.

— ס'הייסט, לויטן קאָל דײַנעם וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז דו ביסט פון די לאַזובניקס. געטראָפן? — האָט יאָסיפּ אַרויסגענומען דעם ציבעך פון מויל. — דער עלטערער.

— ווי אין וואַסער געקוקט! לאַזובניקס בכאָר. נאָר איצט מוזט איר וויסן און טאַקע פאַרגעדענקען, אַז מײַן פאַמיליע איז ניט לאַזובניק, נאָר ליוואַרניק. אַנאַטאָלי ליוואַרניק.

— וואָס עפּעס ליוואַרניק? ליוואַרנע איז שענער פון לאַזובניק?

— ווײַל ליוואַרנע איז לויט מײַן פאַך. איר האָט פאַרשטאַנען? און אַט די באָרד, יאָסיפּ, טראָג איך ניט צוליב געפעלן ווערן די ליסאָווער ווײַבלעך!

ווען מע איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט זיך דאַדיק אַ וואָרף געטאָן צו אַנאַטאָלין, ווי קיינמאָל אין לעבן, אים אַרומגענומען און האָט זיך צעקושט מיט אים. ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז גאָרניט מאַכט אַזוי ניט קרוויויש, ווי טויט־געפאַר. וויפל מאָל איז אים נאָפאַלע געקומען צו כאַלעם, און אַלע מאָל אַ צעבלוטיקטער, אַ פאַרדאַרבענער, אַזאַ, ווי די אומגליקלעכע געפאַנגענע, וועלכע די הענקער האָבן געהאַט געטריבן צום באַבי יאַר.

— אַ, דאַדיק האָט זיי געזען! דאָס האַרץ האָט זיך אים באַגאָסן מיט בלוט פון פאַרדראָס און הילפלאָזיקײַט.

— וואָס זשע מאַכסטו, ברודערקע?! — האָט אַנאַטאָלי געפרעגט.

— ווי דו זעסט, — ניט שלעכט, — האָט אָנשטאָט דאַדיקן געענטפערט יאָסיפּ. — גאָר איינ־

גיכן וועט ער בא אונדז ווערן דער בעסטער שוסטער.

— עס רעדט זיך אזוי, — האָט דאַדיק א שמייכל געטאָן.

— א קאַפּ אַף די פּלייצעס האָט ער און א פּאָר גאָלדענע הענט אויך!

— דער מאמעס הענט בא אים! — האָט זיך אַרייַנגעמישט דאָמאכע. — זי, געדענק איך, איז אויך געווען א גאָלדענע באַלעבאָסטע!

— און בא א גוטער באַלעבאָסטע זייַנען אויך די קינדער געראָטענע!

פונקט ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, זייַנען צו יאָסיפן אין שטוב אַרייַנגעקומען סטעפאַן יארעמטשוק און דער געוועזענער סערזשאַנט סאָלאָמין. דאָמאכע איז מעכאַבעד געווען די געסט מיט א הייסער קאַרטאָפליע און מיט געזויערטער קרויט. באַם פרישטיק האָט מען זיך נעענטער באַקענט און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז סטיאָפּע יארעמטשוק איז געווען אין דעם זעלבן דאַרניצער לאַגער, פון וועלכן אַנאַטאָלין מיט זייַן פרייַנט האָט זיך אייַנגעגעבן אַנטלויפן. די דערמאָנונגען וועגן די ראָצכישע מייַסים פון די פּאָליצייַען, וועלכע האָבן זיך מאמעש געבאָדן אין מענטשלעכע וויִיטעקן, שיקער געוואָרן פונעם אומגעהערטן אומגליק, האָבן אופגערודערט די הערצער.

— כ'וואָלט מייַן לעבן אָפּגעגעבן, אַבי נעקאָמע נעמען אין זיי! — האָט געזאָגט דער סערזשאַנט סאָלאָמין, — נאָר ווי דערלאַנג איך צו זיי, ווי קום איך צו זיי, אַז די מאכט און דאָס געווער איז בא זיי אין די הענט. און בא אונדז איז נאָר דער האס און דער פאַרדראָס...

— אַמאָל איז דאָס ניט ווייניקער פון פייַער און בלייַ, — האָט אַנאַטאָלי געזאָגט. — מיר וועלן נאָך נעקאָמע נעמען. אומבאַדינגט!

ניט באַוויזן האָבן זיי פאַרענדיקן דעם פרישטיק, ווי אין שטוב איז אַרייַנגעקומען דער סטאַראָסטע מיכייַלאָ טשוב.

— א גוטמאָרגן אייַך! — האָט ער פריילעך א זאָג געטאָן, ווי א מענטש, וואָס איז איבערציַיגט, אַז זייַן אומגעריכטער באַזוך וועט באַגליקן דעם באַלעבאָס. — איך האָב נאָך מיסטאמע א לעבעדיקע שוויגער — געטראָפן פונקט אַף א געשמאַקן אָנבייַסן...

— קיין לעבעדיקע שוויגער, מיכייַלאָ, האָסטו ניט, — דאָס איז אונדז באַוווסט, נאָר אויב דו ביסט הונגעריק, טאָ זעץ זיך צו, וועסטו זען, אַז „באַם טיש איז קיינער אונדז ניט איבעריק" — דאַכט זיך, אַזוי פלעגט מען זינגען? האָסט ניט פאַרגעסן?! געווען, געווען אַזא לידעלע. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז עס פעלן באַם טיש די נאָענטסטע, די ליבסטע. אוי, ווי זיי פעלן, מיכייַלאָ! אין וועלכער שטוב דו קומסט אַרייַן — פאַריאָסעמט, געשטראָפט. דו, אַלס סטאַראָסטע, ווייסט דאָס בעסער פון עמעצן אַנדערש, האַ?

— דערוף בין איך דאָך א סטאַראָסטע! — האָט מיכייַלאָ טשוב מיט ווירדע צעקעמט זייַנע ווייצענע וואָנצעס. — כ'האָב זיך, פראַוודאַ, קיינמאָל ניט געריכט דערלעבן צו אַזא קאָוועד... ווען מע האָט מיך ליקווידירט אַלס קלאַס, געדענקסט? האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז שוין אַף אייביק.

מיכייַלאָ טשוב האָט עס גאַנץ אופריכטיק געזאָגט. און טאַקע: ווי האָט ער, דער געוועזענער באַלעגוף, וואָס איז פאַרמישפּעט געווען אַף צען יאָר פאַר זייַנע באַוווסטע פאַרברעכנס בייַס דער קאָלעקטיוויזאַציע, ווי האָט ער געקאָנט האָפן, אַז גראָדע אים וועט מען מאַכן פאַרן סטאַראָסטע? נאָר זעסטו דאָך, ס'איז נאָך, הייסט עס, פאַראַן א גאָט אַף דער וועלט! גלייַך ווי די דייַטשן האָבן פאַרכאַפּט פּאָלעסיע, האָבן זיי אָנגעהויבן אייַנשטעלן א נייַע אָרדענונג, אַזא אָרדענונג, ווו די געוועזענע באַליידיקטע און אומצופרידענע זאָלן ווערן די נאָענטסטע פאַרשטייער פון דער אופּראַווע.

מיכייַלאָ טשוב איז גראָדע געווען ניט פון די ערגסטע סטאַראָסטעס. ער האָט פלייַסיק אויסגעפּילט די באַפעלן פונעם גאַולייטער, ער האָט זיך אָבער געסטאַרעט ניט פאַרקריגן מיט די זעמליאַקעס. פאַר זיינע אויגן איז די גאַנצע צייַט געשטאַנען דער סטאַראָסטע פונעם גרויסן דאָרף טשאָרני בראָד, וועלכן די טשאָרנאָבראָדער האָבן אין איינעם א זונטיק אינדערפרי אופגעהאנגען לעבן דעם קלויסטער מיט אַן אופשריפט אַף דער פּלייצע — „דעם הונט א הינטישן טויט". מע האָט לאַנג געזוכט די נעקאָמענעמער און ניט געפונען. מע האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס האָבן געטאָן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זייַנען אַרייַנגעשפּרונגען אין דאָרף און אויסגעפּילט דעם אורטייל פון דער אונטערערדישער פּאַרטיי־גרופּע, וואָס איז טעטיק געווען אין דעם ראַיאָן און האָט ניט געלאָזט צורו די דייַטשישע אָקופּאַנטן.

דער טשאָרנאָבראָדער סטאַראָסטע האָט דאָס קאָשער פאַרדינט! ער האָט צונויפגעטריבן אַלע מיידלעך פון דאָרף און צוזאַמען מיט די פּאָליצייַען זיי געהאַרגעט, געשלאָגן, זיי זאָלן „פרייַוויליק" פאָרן קיין דייַטשלאַנד. מיטן וועג האָבן זיך עטלעכע מיידלעך אַרויסגעריסן פונעם וואַגאָן און האָבן געגעבן א שוועע אים אָפּצאָלן, דעם טאַליען! עפשער זייַנען טאַקע די נעקאָ־

מענעמער געווען טאַקע אָט די מיידלעך, צי עפּשער זייערע ברידער, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין א פּאַרטיזאַנישן אַטריאַד אונטערן נאָמען „נעקאָמענעמער".

מיכײַלאָ טשוב האָט אויך געהאָלפן צונויפשטעלן צעטלען פון די אומגליקלעכע „פּרײַוויליקע", ער האָט אָבער ניט צוגעלייגט קיין האַנט, ניט געשלאָגן, ניט געמיימעסט, ס'הייסט, א הונט בין איך, נאָר ניט קיין מעשוגענער. נאָך מער, זײַן אייגענע טאָכטער האָט ער סאָפּקאָלסאָף אויך געוואָלט אַרײַנשרײַבן אינעם צעטל, קעדיי צו באַווײַזן, אַז ער איז דער ערשטער געטרײַ דער הייליקער זאַך פון אונטערהאַלטן די באַפרײַער...

און ווײַל ליסאָווע איז געווען ניט פון די רײַכע און באַוווּסטע דערפער און קיין אייגענע אופּראַווע איז דאָ ניט געווען, האָבן די ליסאָווטשאַנער ניט מיטאַמאָל דערפילט דעם טאַם פון דער נײַער אָרדענונג. נאָר אַלץ איז, ווי מע זאָגט, ביז א צײַט. דער קאָזשומיאַקער גאַוליײַטער האָט באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ: די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרכאַפּט א גאַנצן טראַנספּאָרט ווייץ, וואָס ער האָט רעקווירירט אין די אַרומיקע דערפער און באַפוילן אָפּפירן צו דער באַן. די באַוואָפנטע באַגלייטער האָט מען דאַפקע אָפּגעלאָזט, בלויז צוגענומען בא זיי דאָס געווער און די הונדערט זעק ווייץ צעטיילט צווישן דער באַפעלקערונג.

אינעם אָנפאַל האָבן די ליסאָווער קיין שום אָנטייל ניט גענומען, נאָר עטלעכע זעק ווייץ זײַנען דאָך אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט. פאַרשווײַגן אַזאַ אומדערהערטן אופטו פון די פּאַרטיזאַנער האָט דער גאַוליײַטער ניט געוואָלט און מעלדן וועגן דעם זײַנע שעפן — דעם אָבערשטורמבאַנפיורער מיט זײַנע געהילפן — האָט ער מוירע געהאַט. האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ס'איז גאָרניט געשען. ער האָט בלויז באַפוילן דערוויסן זיך גענויער, ווער זײַנען זיי, אָט די שרעקלאָזע רויבער! דער סטאַראָסטע האָט באַקומען א פאַראָרדענונג טייקעף מעלדן, אויב אין דאָרף וועט זיך באַווײַזן א פרעמדער מענטש. וועגן וואַניען האָט ער שוין גאָר פאַרגעסן. מ'האָט אים אײַנגערעדט, דעם סטאַראָסטע, אַז דאָס איז א ווײַטער קאָרעווו, א יאָסעם, נעבעך, דעם אַלטן טשופּרינעס אַן אייניקל. און טאַקע. וואָס קאָן אַזאַ פאַרזעעניש טאָן, ווי קאָן ער פאַרמישט זײַן אין אַוועלכער־עס־איז געשיכטע, אַז גאַנצע טעג זיצט ער אָפן שוסטער־בענקעלע.

— וואָס טוט מען אָבער מיט די צוויי — מיט סטעפּאַנען און סאָלאָמינען?

— האַלטן אײַך בא זיך אין דאָרף אָן א ספּעציעלער אַאוסווײַזע קאָן איך ניט. כ'בין דאָך ניט מער ווי א סטאַראָסטע! איז אָדער גייט אײַך פונדאַנען אַהין, פונוואַנעט איר זײַנט געקומען, אָדער מאָרגן זאָלט איר מיר ברענגען א דאָקומענט. און טאַקע, ווער זײַנט איר און וואָס האָט איר דאָ צו טאָן?

גיי דערצייל אים, וואָס מע האָט דאָ צו טאָן! זיי וואָלטן גערן פאַרלאָזט דאָס דאָרף און זיך אומגעקערט אין זייערע מיליטער־טיילן, נאָר דאָס איז דאָך איצט אומעגלעך. און דער אַלטער, דער „דיעדושקאַ", צי ווי רופט מען אים, — ער איז דאָך א געוויינלעכער סויכער — האַנדלט מיט ליכטלעך, מיט ציילעמלעך און הייליקע ביכלעך — יעוואַנגעליעס און זשיטיע סוויאַטיך"...

— ווער דאַרף זיי אַצינד, דײַנע „זשיטיע סוויאַטיך"? — שמייכלט דער סטאַראָסטע. — וואָלסט בעסער צוגעשטאַנען צו אַן אַלמאָנע און זיך אויסגעלעבט דײַן ביסל יאָרן.

— אַזוי, סטאַראָסטע, וועל איך טאַקע טאָן. א דאַנק דיר פאַר דער אייצע. ביסט קלוג, ווי דער טײַוול, סטאַראָסטע! לאַנג לעבן זאָלסטו פאַר דײַן גוטער אייצע, — זאָגט אַנאַטאָלי.

— און איצט הער דו אויס מײַן אייצע, — הייבט זיך אויף דער סערזשאַנט סאָלאָמין. — א מענטש ביסטו, זע איך, א קלוגער, א דורכגעטריבענער!

— און א געליטענער, — שלאָגט אים איבער מיכײַלאָ טשוב, — זייער א געליטענער, זייער!

— מעגלעך, מעגלעך, אַף דער זינדיקער ערד איז אַלץ מעגלעך, — שאָקלט אַנאַטאָלי מיט דער באָרד.

— איז אָט, פאָלג מיך, סטאַראָסטע, ביז דו האָסט נאָך די מעגלעכקײַט און א שטיקל מענטש ביסטו נאָך, טראָג דיר דײַן פּײַנעם נאָמען סטאַראָסטע, נאָר פאַרגעס ניט, אַז ניט מיר זײַנען בא דיר אין די הענט, נאָר פאַרקערט...

— וואָס זאָל עס באַטײַטן? — האָט מיכײַלאָ טשוב א גלעט געטאָן די וואָנצעס, ווי איינער רעדט: וואָס מיינט איר דערמיט?

— דאָס באַטײַט, אַז טשעפּע אונדז ניט, וועלן מיר דיך אויך ניט טשעפּען. און עפּשער וועסטו אונדז גאָר דאַנקבאַר זײַן פאַר אונדזער גוטהאַרציקײַט.

עס האָט זיך ווידער צעבילט דער הונט סירקאָ, און דאָמאַכע האָט זיך א וואָרף געטאָן אין דרויסן, א קוק טאָן, ווער איז עס דאָרט.

— שטילער, סירקאָ! — האָט זיך דאָמאַכע געבעטן בא אים, און ער האָט ווי אָפּצולאָכעס נאָך שטאַרקער גענומען בילן. און דאָ האָט זיך דערהערט א שאָס, איינער און א צווייטער,

פון א רעוואָלווער. דערנאָך האָט זיך צעעפנט די טיר און עס איז, א דערשראָקענער און אָן אופגעבראכטער, ארײַנגעקומען א דײַטשישער אָפיצער.

אלע האָבן זיך אופגעהויבן פון זײערע ערטער. מיכײַלאָ טשוב האָט אים דערלאנגט א בענקל. דער סטאראָסטע האָט געקוקט אפן אָפיצער מיט אן איבערגעגעבענעם הינטישן בליק, וואָס באטײַט: פאָדער פון מיר וואָס דו ווילסט — איך בין גרייט דיר צו דינען! נאָר דער אָפי־צער האָט אף אים גראדע ניט געלייגט קיין שום אופמערקזאמקײַט. ער האָט א בייזן קוק געטאָן אפן סערזשאנט סאלאָמינען און אף יארעמטשוקן, וועלכע האָבן זיך געהאלטן גאנץ אומאָפּ־הענגיק, ניט באהאלטנדיק זייער ביטל צו אים און צו זײַן כוצפע.

— עפשער וועט דער הער אָפיצער מיט אונדז פארבײַסן, ביטע? — דאָס וואָרט, האָט דאָ־מאכע געוווּסט, איז דער גרעסטער אויסדרוק פון גאסטפרײַנטלעכקײַט.

— דאנקע! — האָט שארף אָפּגעשניטן דער אָפיצער.

— כ'וואָלט אײַך געשטעלט א האלבן ליטער, — האָט יאָסיפּ דאניליוק זיך אָנגעשפארט אף זײַנע מיליצעס, — האלט איך אָבער ניט פון דעם מין טרינקען... סײַדן א קריגעלע מילך — זיסע אָדער זויערע...

— אײַער אאוסווײַזע! — האָט זיך דער אָפיצער געווענדט צו סאלאָמינען און יארעמטשוקן. דער סערזשאנט האָט אים באוויזן די צײַגעניש, מיט וועלכער מאָטריע, די פאַרזיצערן פון קאָלווירט, האָט באזאָרגט אי אים, אי יארעמטשוקן. לויט די צײַגענישן זײַנען זיי ביידע גענייטע פאכלײַט אין דער לאנדווירטשאפט: איינער — א זאָאָטעכניקער, דער צווייטער — א בריגא־דיר פון דער גאָרטן־בריגאדע.

— זער גוט, זער גוט! — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער אָפיצער, — טאקע אזעלכע פאכלײַט דארפן מיר, זער גוט! און דו? — האָט ער זיך געווענדט צו דאָדיקן, — דו ווער ביסט?

— איך בין א שוסטער, — האָט דאָדיק זיך אויסגעגלײַכט, ניט אָפּלייגנדיק אין א זײַט דעם שטיוול, וואָס ער האָט געהאלטן אין דער האנט.

— אאוסווײַזע! — האָט דער אָפיצער א באפעל געטאָן.

— ביטע! — האָט דאָדיק דערלאנגט זײַן בירזשע־קארטל, מיט וועלכן ער איז געקומען פון שטאָט. דער אָפיצער האָט, זעט אויס, ניט געוווּסט, אז דאָ אין ליסאָווע האָט דאָס קארטל קיין שום ווערט ניט, און אז לויט די לעצטע פאראָרדענונגען וואָלט דער שוסטער־יונג גע־זאָלט שוין לאנג זײַן מאָביליזירט און ארויסגעשיקט קיין דײַטשלאנד.

— גוט, גוט, זער גוט! — האָט ער אים אומגעקערט זײַן בירזשע־קארטל. — און דו ווער ביסט? — האָט ער א טײַט געטאָן מיט א פינגער אף אנאטאָלין.

— איך בין א גאָסטמענטש, פאָניע אָפיצער, א באטיושקע בין איך, א גאלעך.

— א גאלעך? דאָס איז אויך גוט. אָבער צונויפקלײַבן זיך איז שטרענג פארבאָטן. האָסטו עס פארשטאנען? אין קירכע — ביטע שיין, און אין די שטיבער — פארבאָטן! און ווו איז זײַן טאָכטער, ער האָט דאָך א טאָכטער, ניכט וואר? — האָט זיך דער אָפיצער געווענדט צו מיכײַלאָ טשובן. — האָט דער ווירט א טאָכטער? איז ווו איז זי?

— א, יאָסיפּ דאניליוקס טאָכטער איז אצינד אין דער גרויסער שטאָט. זי איז א שוישפּי־לערן, אין דעם אָפּערע־טעאטער, בא אײַך דאָרט, הער אָבערסט...

— אך, זאָ! אין אָפּערע... און דײַנע איז ווו, סטאראָסטע?

— מײַנע איז שוין זיכער בא אײַך אינעם פאָטערלאנד. יא, יא! אין דײַטשלאנד. זי איז פרײַוויליק אוועקגעפארן — איינע פון די ערשטע!

נאָך אן אָנגעשטרענגטער פאוזע, אין וועלכער דער אָפיצער האָט באוויזן יעדן איינעם פון די בײַוועזנדע אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז די פיס און באטראכטן, אף וויפל עס אנטשפרעכט דאָס געזאָגטע דעם עמעס, האָט ער געמאָלדן:

— דו, און דו, און דו, — האָט ער באוויזן אף סאלאָמינען, יארעמטשוקן און דאָדיקן, — מאָרגן אכט אור אין דער געביטס־אופּראווע. פארשטאנען? און דו, סטאראָסטע, זאָלסט זיי דערמאָנען, אויב זיי וועלן צופעליק פארגעסן. אלעס! אף ווידערזען! — האָט ער א צאַקע געטאָן מיט די געקאָוועטע שטיוול, צוגעלייגט צוויי פינגער צו דעם אָפּגעקראָכענעם ווינטער־הוט און איז ארויס פונעם הויף, אפילע קיין קוק ניט געטאָן אף דעם אומשולדיקן, דערשראָסע־נעם סירקאָ, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן בא דער שוועל. דער סטאראָסטע האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך אים, אונטערטעניק פארלאָפן אים דעם וועג — דעם שעף, דעם אויבערמענטש.

א פארוויינטע, איז דאָמאכע צוגעגאנגען צום הונט, וועלכער איז איר אזוי געטרײַ געווען, וועלכן זי האָט אזוי ליב געהאט. פאר וואָס, פאר וועלכע זינד קומט עס אים? און ווער וועט אים אָפּצאָלן, דעם מערדער? — האָט זי געטראכט. אף זײַנע מיליצעס האָט זיך ארויסגערוקט פון שטוב דאניליוק.

— גראַב אים אויס אַ גוטן קייוּוער דאָרט, אין סעדעלע, צווישן די ביימער... — דער אַל־טער איז ניט אימשטאַנד געווען איבערהאַלטן די טרערן, צוקוקנדיק ווי סירקאַ קוקט מיט די פאַרגלאָזטע אויגן אין הימל אַרײַן.

...זיך מעלדן אין דער געביטס־אופּראַווע וואָלט באַטײַט זיך אָפּגעבן אין די הענט פֿון די ראָצכים און ווערן אַן אייביקער קנעכט בײַ זיי, ערגעץ אינעם דײַטשישן געבענטשטן פֿאָטערלאַנד. פֿאַרבלײַבן אין ליסאָווע און ניט אויסשפּילן די קאַטעגאָרישע פֿאַראָרדענונג וואָלט אויך געווען אַן אומזין, ווײַל כאָטש מיט דעם סטאַראָסטע האָט מען זיך קימאַט ווי צונויפֿגע־רעדט, אַז זיי וועלן אים און ער וועט זיי ניט אָנרירן מיט קיין פֿינגער, נאָר מיכײַלאָ טשוב איז דאָך ניט מער ווי אַ מעשאָרעס בײַ דער אופּראַווע, און אײַנשטעלן זײַן קאָפּ פֿאַר די רעכטלאָזע לײַט, וואָס זײַנען שוין גענומען געוואָרן אָפּן דיסקאַנט, וואָלט אויך געווען אַ ניט דערלאָזבאַרע נאַרישקייט פֿון זײַן זײַט.

ווען דער אָפּיצער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן וועגעלע און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט זיך מיכײַלאָ טשוב אויסגעקערט צו דאַנילױק:

— טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, — האָט ער שיר ניט וויינענדיק געזאָגט, — איך בין אין אײַערע הענט, נאָר אויב איר זײַנט נאָך בײַ די געדאַנקען, איז פֿאָלגט אַ מאָל אַ נאַרישן סטאַראָסטע!

— נו, נו, וואָס ציטסטו די נעשאָמע, רעד שוין אַ וואָרט! — האָט אים אונטערגעיאָגט דאַ־נילױק. — וואָס האָט ער דיר דאָרט באַפֿוילן, דער גרינער וואָרעם?

— ער האָט באַפֿוילן אײַך ברענגען מאָרגן פֿרי, פּונקט אַכט.

— און אויב ניט?

— קיין ניט קאָן ניט זײַן!

— וואָס זשע אייצעסטו? עפּעס ביסטו דאָך אַ קאָפּמענטש?!

— איך אייצע אײַך: נעלעם ווערן. דאָס הייסט, פֿאַרלאָזן אונדזער דאָרף. און דו, באַטיוש־קע, אויך, ווײַל ער האָט עפּעס געקוקט אויף דיר מיט אַ כשאַד. און ווען ער האָט זיך שוין גע־זעצט אינעם וועגעלע, האָט ער צווישן אַנדערן אַ זאָג געטאָן: כ׳וואָלט אַ באַלן געווען הערן דעם גאַלעכס אַ דראָשע... גיב אים איבער, אַז דעם קומענדיקן זונטיק וועל איך מיט מײַנע צוויי איבערזעצער קומען אין קלויסטער אים הערן.

— דאַרף איך, הייסט עס, זיך צוגרייטן?!

— אָדער אויך נעלעם ווערן! דאָס וואָלט געווען אוודאי בעסער אי פֿאַר דיר, אי פֿאַר מיר, ווײַל אויב עס וועט זיך אויסקלאָרן, אַז דו פֿירסט זיי אין באָד אַרײַן, וועל איך אויך אין דעם שולדיק זײַן.

— און איך וועל פֿונדאַנעט אין ערגעץ ניט גיין! — האָט דאַדיק אויסגעגלײַכט דעם רוקן. — וואָס קאָנען זיי מיר טאָן? כ׳בין אַ לײַדיקגייער? ניין! איך אַרבעט וויפֿל איך קאָן — דאָס זעט מען, וואָס זשע, איך קלײַב זיך ניט אינעם דײַטשישן גאַניידן פֿרײַווויליק, ווי אײַער טעכטערל, צום בײַשפּיל, מיילע, דערפֿאַר שיסט מען ניט!

— דרייסטקייט איז גוט אין אַ שלאַכט, נאָר דרייסטקייט אַליין איז דאָך ווינציק, — האָט געזאָגט סאָלאָמין. — קלוגע דרייסטקייט איז וויכטיקער פֿון אַקשאָנעס. ווייסט מיט דײַן אַקשאָ־נעס גאָרנישט ניט באַווײַזן — אומזיסט און אומנישט אומקומען.

— און אומקומען, — האָט אים אונטערגעהאַלטן אַנאַטאָלי, — האָבן מיר קיין רעכט ניט!

ווען עס איז טונקל געוואָרן, האָבן אַלע פֿיר פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף. באַם געזעגענען זיך האָט די גאַסטפֿרײַנטלעכע דאָמאַכאַ געוויינט מיט ביטערע טרערן און ניט געוווּסט, וואָס מיט־געבן אין וועג דעם באָכערל וואַניע, וואָס איז איר פֿאַר דער קורצער צײַט אַזוי אײַנגעבאַקן געוואָרן אין הארצן און אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרביטן איר סאָלאָמיען.

— זאָלסט כאָטש ווען־ניט־איז דערמאָנען אונדז, וואַניע, — האָט זי אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. — לייטשקעס שטערן בײַ דיר, וואַניע. און אַזעלכע האָר, ווי בײַ איר, — געקרײַזל־טע, וואַניע. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך אַ געזונטער אומקערן צו אונדז, און איך וועל דיר פֿאַרבײַטן דײַן מאַמען.

— און לאָז זיך הערן, — האָט פֿאַרייכערט זײַן ציבעק דאַנילױק. — איך בלײַב דאָ ווי אָף וואַסער, זיי וועלן דאָך קומען, די היצלעס, און פֿאָדערן, איך זאָל זיי זאָגן, וווּהין איר זײַנט אוועק.

און אוועק זײַנען די פֿיר אין אַ ווײַטן דאָרף פֿון גאָר אַן אַנדער ראַיאָן. מע האָט געשמועסט, אַז דאָרטן אָרודעווען די פּאַרטיזאַנער און אַז צווישן זיי וועלן זיך געפֿינען אַן אָרט אין לעבן אויך די פֿיר, וואָס האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף, קעדיי ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ.

קיין געוווּר מיט זיך האָט מען ניט גענומען, כאָטש באַ יאַרעמטשוקן און סאַלאָמינען זײַנען שוין געווען אי רעוואָלווערן, אי א היפּשע צאָל פּאַטראָנעס. דאָס אַלץ האָט מען באַהאַלטן אין א זיכער אָרט, וועגן וועלכן עס האָט געוווּסט בלויז יאָסיפּ דאַנילייוק. וואַניע האָט כּוֹץ אַלעמען זיך באַזאָרגט מיט א צײַגעניש, אַז ער איז געפּערלעך קראַנק אַף טובערקוליאָז. מיט אַזא צײַגעניש האָט אים באַזאָרגט מאַטריע, די פֿאַרזיצערן פֿון קאַלווירט, וועלכע האָט געהאַט אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיט איינער א דאָקטערן פֿונעם ראַיאָנישן שפּיטאָל. די צײַגעניש האָט אים געקאָנט אויסלייזן פֿון אַרויסגעשיקט ווערן קיין דײַטשלאַנד. קיין קראַנקע האָט מען זיך געסטאַרעט ניט נעמען אַף דער קאַטאָרגע.

אַנאַטאָלין האָט דאַפּקע באַנק געטאָן דאָס צווייטע מאָל זיך צעשיידן מיטן אייגענעם דאָרף און דעריקער מיטן ברודער. אים האָט זיך זייער געוואָלט דעם קומענדיקן זונטיק פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן דעם דײַטשישן אָפּיצער, וועלכער האָט צוגעזאָגט קומען אַף זײַן זונטיקדיקער דראָשע. פֿאַר די עטלעכע כאַדאָשים, וואָס ער האָט זיך געמוזט פֿאַרשטעלן פֿאַר א בלאָנדזשענדיקן גאַלעך, האָט ער קימאַט אַף אויסווייניק אויסגעלערנט עטלעכע טפּילעס פֿון זײַן שוואַרצן סיידפּערל. בעשאַס זײַנע באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס האָבן געפֿונען טרייסט אין זייער גלויבן, האָט ער ניט איין מאָל אויסגענוצט לאַנגע פּסוקים פֿון דער יעוואַנגעליע. ווען ער האָט וועגן דעם דערציילט דאַדיקן, איז דער קלענערער ברודער געווען זייער אומצופֿרידן:

— ווי שעמסטו זיך ניט אויסנוצן אָט דאָס מיטל. לויט מײַן סייכל איז דאָס נידערטרעכטיק!

— אַז מע מוז — דאָרף מען! שטעלסט זיך גאָר ניט פֿאָר, וויפֿל מאָל אָט דאָס מיטל האָט מיך געראַטעוועט פֿון א סאַקאָנע.

— דאָס שטעל איך מיר פֿאָר, אָבער אָפּנאַרן מיט פֿאַלשע דראָשעס. מענטשן הערן דיך און גלייבן דיר, גלייבן דײַנע פֿאַלשע רייד...

— צוליב קאָנספּיראַציע, וואַניע, צוליב דעם זיג פֿונעם גרויסן עמעס... יאָ, עס טוט מיר באַנק, וואָס איך וועל ניט האָבן די מעגלעכקייט זיך אויסלאַכן פֿונעם פּראַנטעוואַטן איבערמענטש, וואָס מיינט, אַז ער איז קליגער פֿון דער וועלט.

...דער וועג האָט זיי געפֿירט צום דאָרף באַשטאַנאָווקע, ווו קיינער האָט זיי ניט געקענט. וואָס וועלן זיי דאָרטן טאָן, האָבן זיי ניט געוווּסט. איצט איז פֿאַר זיי וויכטיק געווען ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די פּאָליצײַען, וועלכע האָבן אַלץ געזוכט נײַע „פֿרײַוויליקע" פֿאַר דײַטשלאַנד.

דער פֿרילינג האָט אָפּגעראַמט די לעצטע שפּורן שניי. גרינע קנאָספּן האָבן באַדעקט די ביימער, און ווען ניט די געפֿאַר זיך באַגעגענען מיט עמעצן פֿון די, וואָס קאָנען זיך פֿאַרינטערעסירן מיט זיי, וואָלט מען גאָר געקאָנט זאָגן, אַז דער וועג איז געווען א מעכײַעדיקער. דאָס וועלדל, וועלכן עס איז זיי אויסגעקומען דורכשנײַדן, איז געווען ניט זייער געדיכט, די יונגע בערעזקעס און די שלאַנקע סאָסנעס האָט אָפּגעגליקט — זיי האָט אויסגעמיטן דאָס מילכאָמעפּײַער. מע קאָן זאָגן, אַז קיין דײַטשישער שטיוול האָט ניט באַטראָטן די מיט מאָך באַדעקטע ערד. מע איז געגאַנגען און געשמועסט, אַף א קאָל געטרוימט וועגן א גליקלעכער באַגעגעניש מיט גוטע מענטשן, וואָס זאָלן זיי פֿרײַנטלעך אופֿנעמען.

באַם אַרויסגאַנג פֿונעם וועלדל האָט זיך פּלוצעם, ווי פֿון אונטער דער ערד, באַוויזן א נידעריק געזעצטער אַלטיטשקער מיט א טאָרבעלע אין דער האַנט.

— גוטמאָרגן, אַלטיטשקער!

— א גוטיאָר, מײַנע טײַערע. וווהין שפּאַנט איר עס?

— און ווער ביסטו, וואָס דו דערפֿרעגסט זיך אַזוי? — האָט זיך אָנגערופֿן אַנאַטאָלי.

— איך בין, קאָן מען זאָגן, א דעלעגאַט...

— וואָס פֿאַר א דעלעגאַט? — האָט זיך פֿאַרינטערעסירט סאַלאָמין. — ווי קומט אַהער אין וואַלד א דעלעגאַט? און פֿון וועמען ביסטו דעלעגירט?

— שוין זשע ווייסטו ניט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט יאַרעמטשוק, — שוין זשע ווייסטו ניט, אַז אַלע דעלעגאַטן און דעפּוטאַטן זײַנען איצט אָפּגעשאַפֿן. דעלעגאַט! עפּעס קליגערס האָסטו ניט געקאָנט צוטראַכטן?

דער אַלטער האָט אַראָפּגענומען דעם שאָפּענעם הוט פֿון קאָפּ, זיך איבערגעציילעמט און דרײַ מאָל פֿאַרנייגט זיך פֿאַר די אומבאַקאַנטע שטרענגע וואַנדערער.

— א דעלעגאַט בין איך פֿון אונדזער דאָרף באַשטאַנאָווקע... דעם גאַלעך אונדזערן האָט מען צוריק מיט א פּאָר כאַדאָשים גלײַך פֿון קלויסטער צוגענומען און צעשאָסן אַפֿן פֿלאַץ. א לײַטישער מענטש געווען. אַן עמעסער גאָטסמענטש, אַן ערלעכער.

— פֿאַר וואָס זשע האָט מען אים צעשאָסן?

— ער האָט בייס זײַן דראָשע זיך ארויסגעכאַפּט מיט א קראַמאַלנע וואָרט, מיט א וווּנ־דונג, מיר זאָלן בעטן גאָט, עס זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן אָט די אומגערעכטע מילכאָמע, און אַז אונדזער וואָזנסטווע זאָל א געזונטע זיך אומקערן אהיים. דער סוינע, האָט ער געזאָגט, וועט אומקומען און די גערעכטיקײַט וועט באַזיגן.

— איז ער דאָך אוואדע גערעכט! — האָט זיך ארויסגעכאַפּט דאַדיק.

— גערעכט צי אומגערעכט, נאָר דער דײַטש האָט גראָדע אף זײַן דראָשע אראָפּגעשיקט אַן אָפּיצער מיט א טאָלמאַטש, וואָס איז טויזנט מאָל בייזער פון א מעשוגענעם הונט. ער האָט אים וואָרט בא וואָרט איבערגעזעצט דעם גאַלעכס דראָשע און מע האָט דעם גאַלעך אומגע־בראַכט. זײַנען מיר געבליבן אָן א מענטשן, וואָס זאָל בעטן פאַר אונדז גאָט... און נעכטן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז קיין ליסאָווע איז אראָפּגעקומען א גאַלעך, ווילן מיר אים בעטן, ער זאָל כאָטש פון צײַט צו צײַט קומען צו אונדז, מיר וועלן אים אויסהאַלטן. לעבן וועט ער קאָנען בא דער גאַלעכטע, אַנטאָנינע איז זייער א ווילע מאַלאַדיטשקע. א צוכט!

סטעפּאַן יאַרעמטשוק האָט א פריילעכן קוק געטאָן אף אַנאַטאַלין, ווי איינער רעדט: און דו האָסט זיך געזאָרגט, אַז דו וועסט בלײַבן אָן אַרבעט.

— איז אָט, מײַן טײַערער, — האָט אַנאַטאַלי געגומען דעם אַלטיטשקן אונטער דער האַנט, — האָסט ניט וואָס צו גיין אין ליסאָווע. פאַרקערעווע צוריק צו זיך אהיים. איך בין דער גאַלעך, וועלכן דו, אַלס דעלעגאַט, ביסט באַרופן צו געפינען. איך גיי גראָדע, ס'הייסט, מיר אַלע גייען קיין באַשטאַנאָוקע: א שוסטער — האָט ער באַוויזן אף דאַדיקן, א שנײַדער, א קאָוועל און א גאַלעך, ווי דו זעסט!

— הערט א מײַסע! איז טאַקע דאָ א גאָט אף דער וועלט! און איך גיי מיר און טראַכט: ווו זאָל איך אײַך, באַטיושקע, זוכן?

— נו, און פּאַליצײַען זײַנען בא אײַך פאַראַנען אין דאָרף?

— און ווו זײַנען זיי ניטאָ?! נאָר עס ציטערט אף זיי די פעל. דרײַ זײַנען בא אונדז גע־ווען. דרײַ היצעלס, האָט מען איינעם דערטרונקען — אים אָנגעטאָן א שטיין אפן האַלדז און אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך.

— און ס'איז אײַך דורכגעגאַנגען גלאַטיק? — האָט דאַדיק געפרעגט.

— עס רעדט זיך — גלאַטיק... די אַנדערע צוויי זײַנען אַנטלאָפן פון באַשטאַנאָוקע קיין קיִעוו. דאָרט, זאָגט מען, דאַרף מען אויך האָבן אַזעלכע געטרײַע הינט.

צוזאַמען מיטן גאַלעך, וואָס גאָט אַליין האָט אים צוגעשיקט, האָט זיך דער אַלטער אומ־געקערט צוריק. פונעם געשפּרעך מיטן אַלטן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז באַשטאַנאָוקע איז ניט פון די דערפער, וואָס וואַרטן אף ניסים. פאַראַנען אין דאָרף א לערער, אַן עלטערער מענטש, וואָס איז מיט א פּאָר יאָר צוריק בלינד געוואָרן. די באַשטאַנאָוקער יונגעלײַט, זײַנע געוועזענע שילער, זײַנען צוליב אים גרייט אין פײַער און אין וואַסער.

— כ'וועל אײַך ניט שווערן, — האָט דער אַלטער דעלעגאַט ווי א סאָד אײַנגערוימט סטע־פּאַן יאַרעמטשוקן אין אויער (צו אים האָט ער, ווער ווייסט פאַר וואָס, א באַזונדערן אָפּשײַ באַקומען). — כ'וועל אײַך ניט שווערן, אַז ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, נאָר אָפּגעקירצט די יאָרן דעם פּאַליצײַ האָט ער זיכער.

— איז פיר זשע אונדז גלײַך צום בלינדן!

— אַלע מיטאַמאָל? — האָט זיך באַמרוּקט דער „דעלעגאַט".

— כוץ מיר, כוץ מיר! — האָט זיך אָנגערופן אַנאַטאָלי. — מיך, אויב דו קאָנסט, פיר צו דעם גאַלעכס אַלמאָנע.

— קומט, קומט, ס'איז גראָדע א שטוב לעם א שטוב; דער בלינדער לערער איז אַן איינ־זאַמער, גיט זי אף אים אכטונג, די גאַלעכטע. און דיך, סינאָק! — האָט ער געגומען דאַדיקן בא דער האַנט. — ווי רופט מען דיך? וואַניע? איז דיך, וואַניע, וועל איך נעמען צו זיך... קיין גרינג לעבן זאָג איך דיר ניט צו, נאָר א שיסל קוליש מיט א ריפּטל ברויט וועסטו בא מיר האָבן. בא הײַנטיקע צײַטן איז שוסטערײַ א גוטע באַשעפטיקונג. און א קאָוועל דאַרף מען אוואדע און אוואדע — עס איז דאָך בא אונדז ניטאָ, וועט עס זאָל אין קוזניע אַרבעטן: ווי קאָן עס א דאָרף לעבן אָן א קוזניע און אָן א גאַלעך.

עס האָבן זיך באַוויזן די נידעריק געזעצטע שטיבער פון באַשטאַנאָוקע. דער אײַנגעזונ־קענער אין דער פרילינגדיקער ערד קלויסטער מיטן ציילעם, וואָס איז פון רעגנס און בייזע ווינטן אַזש שוואַרץ געוואָרן, האָט ווי געררופן צו זיך. מע איז שוין קימאַט דערגאַנגען צום פּלאַץ לעבן קלויסטער, און דער „דעלעגאַט" האָט מיט א טיפן זיפץ א זאָג געטאָן:

— אָט דאָ האָט מען אים צעשאָסן, אונדזער אומשולדיקן ערלעכן מענטשן, וואָס האָט געבעטן גאָט פאַר אונדז...

12

אויב איר זײַנט ניט געווען אין קיִעוו פרילינג־צײַט, ווען עס טוען זיך א צעבלי די באַרימטע קיִעווער קאשטאנעס און דער הימל איז בלוי און צארט, ווי א קינדער־שמייכעלע, און אלץ ארום עטעמט מיט קילער פרישקײַט, וואָס טראָגט זיך פון דעם צעקאָוועטן דניעפּער, ווייסט איר ניט וואָס עמעסער פרילינג באַטײַט.

נאָר דער פרילינג פונעם 1942 איז געווען גאָר א באזונדערער! נאָך דעם שווערן ווינטער מיט די פרעסט און אומופהערלעכע שיסערײַען און הונגער, וואָס האָט מאמעש שטום געמאכט די קיִעווער גאסן און פלעצער, נאָך דעם שוידער פונעם דארניצער לאגער, פונעם געגעם אָף דער קעראָסינאָווער גאס, נאָך די גוואלדיקע רעציכעס אינעם באבי יאר, וועלכער האָט צוגענומען פון דער וועלט העכער הונדערט טויזנט אומשולדיקע נעפאשעס, איז דער דאָזיקער אָפּרעל־כוידעש געווען באזונדערס דערקוויקנדיק צוליב דער מעלדונג, וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אין דער צײַטונג „דאָס נײַע אוקראַיִנישע וואָרט”:

„לויט דער פאראָרדענונג פון שטאָט־קאָמיסאריאט פארן 18 אפרעל 1942 יאָר, אין צוזאַמענהאנג מיטן געבורטסטאָג פונעם פיורער, וועט מען דער באפעלקערונג ארויסגעבן 500 גראם ווייצענע מעל אָף א מענטשן. די מעל וועט מען ארויסגעבן אין די ברויט־קראָמען דעם 19־טן און 20־טן אפרעל לויט די ברויט־קארטלעך, טאלאָן נומער 16.”

לאריסע פאוולאָוונא מיט איר קראנקן זיידן זײַנען יאקאָס דורכגעקומען דעם ווינטער, ווײַל זיי האָט מען דאָך באזאָרגט מיט א לעבל ברויט און א מאָל אויך מיט א פודעלע ערזאַץ־קאָנסערוון. לאָרען האָט ניט אזוי געפרייט די אומגעריכטע קיצווע פון דעם שטאָט־קאָמיסאריאט, ווי דער פאקט אליין — הייסט עס, אז די שטאָט־באלעבאטים ווילן זיך אײַנקויפן ליבשאפט בא דער לעבנגעבליבענער באפעלקערונג. לאָרע איז געקומען אהיים מיט דער נײַס, נאָר דער זיידע האָט אפילע ניט געוואָלט נעמען אין האנט דאָס פארהאסטע בלעטל, די צײַטונג „דאָס נײַע אוקראַיִנישע וואָרט”.

— איך וויל זיך ניט שטעלן אין ריי נאָך זייער ביסל מעל, עס וועט מיך ווארגן, באזונדערס, ווען כ׳וועל א טראכט טאָן, אז דאָס איז ניט מער ווי א ביינדל, וואָס מע ווארפט א הונגעריקן הונט. און דו — ווי דו ווילסט זיך!

וואנדע, וועלכע איז געקומען צו לאריסען מיט א ניט זייער דערפרייענדיקער נײַס, האָט זיך ניט ארײַנגעמישט אין זייער געשפרעך. זי איז געווען איבערראשט פון דער באגעגעניש מיט לאָרעס געוועזענעם כאָסן. ער האָט באנײַס א קאָן געפרווווט פארפירן א שמועס מיט וואנדען וועגן לאָרעס באציִונגען מיטן פאָליצײַ גארקושא און דערבײַ פילבאדײַטנדיק באַמערקט:

— און עפשער וואָלט איר גוט א טראכט געטאָן און זיך ארויסגעריסן צוזאמען מיט מיר אָף א פאָר כאדאָשים קיין בערלין?..

— קיין בערלין?! — האָט וואנדע אים אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם. — איר הערט כאָטש, וואָס איר רעדט?

— און וואָס כידעשט עס אײַך אזוי? טויזנטער מיידלעך רײַסן זיך מאמעש אין דער שענסטער שטאָט פון דער ערד. זעט, וואָס די צײַטונגען שרײַבן! — און ער האָט דערלאנגט א פרישן נומער פון דער נײַער אוקראַיִנישער צײַטונג. — אָט! לייענט! „איר דארפט זיך פרייען, וואָס איר קאָנט ארויספאָרן קיין דײַטשלאנד. דאָרט וועט איר ארבעטן צוזאמען מיט די ארבעטער פון אנדערע אייראָפּעיִשע לענדער און דערמיט וועט איר מיטהעלפן אויסשפילן דעם קריג קעגן די סאָנים פון דער גאנצער וועלט — די זשידעס און באָלשעוויקעס”.

די לעצטע ווערטער האָבן וואנדען ווי מיט א מעסער א שנײַד געטאָן די נעשאָמע. איר, דער קאָמיוגיסטקע, לייגט מען פאָר זײַן גליקלעך, נעמענדיק אן אָנטייל אינעם קאמף קעגן ייִדן און באָלשעוויקעס.

— מיר דאכט, אז מיר פאסט ניט אזא זאך. ווי קום איך מיט מײַנע קויכעס.

— מיט מיר וועט אײַך גרינגער זײַן!

— מיט אײַך? ווי קום איך צו אײַך.

— וועגן דעם דערלויבט מיר אליין זאָגן...

— און וואָס וועט וועגן דעם זאָגן לאריסא פאוודאָוונא? — האָט וואנדע כיטרע א ווונק געטאָן, ווי אייגער רעדט: איך ווייס דאָך, אז איר שטארבט נאָך איר און אז איר ווארט, זי זאָל מאסקים זײַן ווערן אײַער פרוי.

— וואָס זי וועט זאָגן, ווייס איך שוין פונלאנג... זי מיינט, אז זי איז די איינציקע בא דעם

גענעראַל עבערהאַרדט און אַז קיין שענערע און קיין בעסערע פון איר איז אין קיִעוו ניטאָ... נו, איז וואָס ווועט איר זאָגן וועגן מײַן פאָרשלאָג?

וואַנדע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— געפינט אײַך אַן אַנדערע, אויב איר דאַרפט טאַקע אומבאַדינגט פון עמעצן כּויזעק מאַכן. ווי קום איך צו אײַך!

דאָס קנאַפּע יאָר, זינט וואַנדע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער אָזערנאַ, האָט זי, דאָס פּאָשעטע מיידל, פיל אויסגעלערנט. זי האָט אויך פון דער באַגעגעניש מיטן געוועזענעם ספּאָרטסמען געמאַכט אַן אויספיר, אַז ער מיינט ניט אַזוי נעגעטער מאַכן זייערע צווישנבאַציִונגען, ווי עפּעס וואָס דערוויסן זיך בײַ איר וועגן לאַריסען. ניט אומזיסט האָט ער פּלוצעם, אינמיטן דעם שמועס, אַ פרעג געטאָן:

— און עפּשער באַגעגנט זי זיך מיט עמעצן אַנדערש, מײַן געוועזענע קאַלע? איך האָב דאָך קיין צײַט ניט נאָכשפּירן נאָך איר.

— און זי האָט נאָך ווייניקער צײַט אויף צו פאַרפירן אַ נײַעם ראָמאַן. איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, וויפל עס קומט אונדז אויס פאַטערן צײַט אויף צו אויסלערנען און צוגרייטן די נײַע פאָרשטעלונגען!

וועגן אָט דעם געשפּרעך אירן האָט וואַנדע גלײַך דערציילט אָזערנען.

— הייסט עס, אַ ראַכמאָנעס אויף אים? ער האָט, הייסט עס, ווייניק צײַט אויף נאָכשפּירן נאָך מיר?! — האָט לאַרע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — כ׳מיין, אַז דאָס טוט מען אָן אים... און עפּשער טאַקע לויט זײַן באַפעל.

לאַרע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. איוואַן איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך ווידער באַוויזן אין קיִעוו, האָט זי ערשט נעכטן געוואָרנט, זי זאָל זיך ניט דערוועגן באַגעגענען מיט אַ פאַרשוין, וועלכן מע איז כּוישעד אין פאַראַט. פון אַלץ, וואָס ער וועט איר פאָרלייגן, זאָל זי זיך גלײַך אָפּזאָגן. קיין שום פאַראַל ניט גלייבן. אויף אַ געוויסער צײַט זיך אָפּזאָגן פון די אײַנלאַדונגען אויף די אָפיציִעלע באַנקעטן, אויף וועלכע זי איז ביז איצט געגאַנגען, אויספילנדיק דעם באַפעל פונעם דרײַלינג.

אייגנטלעך, וואָס פאַר אַ באַזונדערע שליכעס האָט זי אויסגעפילט? קיין פּאַרטיי־מיטגליד איז זי ניט, קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיטן שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט ניט געהאַט, זי פלעגט בלויז מער ווי אַן אַנדערער זײַן אין קורס פון די געשעענישן, באַגלייבט געוועזן בײַ די הויכע אָפיצערן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קאָווד באַקאַנט זײַן מיט דער באַרימטער זינגערן פון דעם אָפּסנײַ געשאַפענעם טעאַטער.

וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אַ געהייבענע פײַערונג לעקאָווד דעם פירער, האָט זי געוווּסט אַ סאַך פריִער ווי וועגן דעם איז געמאָלדן געוואָרן. אַדאַנק איר האָט מען זיך באַצײַטנס דערוווּסט וועגן די צוזאַמענקומענישן פון די אָפיצערן, אויף וועלכע די קיִעווער נעקאָמענעמער זײַנען אָנגעפאַלן און קימאַט ביז איינעם פאַרניכטעט. אַדאַנק לאַרען האָט מען זיך דערוווּסט וועגן די צוזאַמענשטויסן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען צווישן דעם שעף פון געסטאַפּאָ און דעם שטאָט־קאָמענדאַנט גענעראַל עבערהאַרדט. ניט וועגן אַלץ האָט וואַנדע געמעגט וויסן, נאָר אַי זי, אַי סאַלאָמיִע פלעגן מיטהעלפן אָזערנען אין פיל קלייניקײַטן, וואָס האָבן געדינט דער גרויסער זאַך פון נעקאָמע.

צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן האָט לאַריסע דערהאַלטן אַ יעדיִע, אַז איר טאַטע, וואָס איז געבליבן אין ווינניצע, איז קראַנק און אַז ער וויל זיך מיט איר געזעגענען פאַרן טויט. און כאָטש זי האָט די לעצטע עטלעכע יאָר געסטאַרעט זיך ניט באַגעגענען מיט אים, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע, האָט זי דאָך געבעטן באַם דירעקטאָר, ער זאָל זי אָפּלאָזן אויף אַ צוויי־דרײַ טעג קיין ווינניצע.

— ווי פאַרשטייט איר ניט, פּרוילן אָזערנאַ, — האָט איר געזאָגט דער דירעקטאָר, אַרויסווײַזנדיק זײַן טיפן מיטלײַד, — ווי פאַרשטייט איר ניט, אַז דאָס איז ניט אין מײַן רעשוס. דאָס קאָן אײַך עפּשער דערלויבן נאָר דער הער עבערהאַרדט, אי דאָס בין איך ניט זיכער.

— וואָרום? — האָט לאַרע אויף אים אַ קוק געטאָן פאַרכידעשט.

— ווײַל ווינניצע, אויב איר ווילט וויסן, איז איצט אויף אַ באַזונדערן דיסקאַנט. ווינניצע איז... אַך, וואָס זאָל איך אײַך דערקלערן!

די שטאָט ווינניצע איז ווירקלעך געווען אונטער אַ באַזונדער אופזיכט, און בלויז דער גענעראַל עבערהאַרדט האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש פאַר לאַרען אַרויספאָרן פון קיִעוו אויף דרײַ מעסלעס. וועגן איר אַרויספאָרן האָט זי גלײַך געגעבן צו וויסן איוואַן איוואַנאָוויטשן, און ער האָט זיך מאַמעש דערפרייט:

— דאָס איז דאָך דאָס, וואָס מיר דאַרפן, — האָט ער זי שיר ניט אַרומגענומען. אַזוינס האָט

5*

ער זיך נאָך קיינמאָל ניט דערלויבט.— האָט נאָר אין זינען, אז צוזאמען מיט דער דערלויבעניש האָבן זיי גלײַך מיטגעטיילט זייערע פײַנע לײַט, מע זאָל דאָרט שפּירן נאָך אײַער יעדער קער און ווענד. האָט דאָס אין זינען.

לאַריסאַ האָט דאָס טאקע אין זינען געהאט. אָבער וואָס האָט זי געקאָנט טאָן, אויב גלײַך ווי זי איז געקומען אין איר געבורטשטאָט, איז איר באַשערט געווען זיך באַגעגענען מיט א וויניצער מיידל טאמארע, וואָס האָט זיך מיט גרויס מאטערניש ארויסגעריסן פון דײַטשישן „גאַניידן", וווּהין מע האָט זי נאָך אין הארבסט אוועקגעטריבן אלס א „פּרײַוויליקע" אַף ארבעט קיין בערלין.

לאַריסע האָט געקענט טאמארען, ווען זי האָט נאָך געלעבט באַם טאַטן. טאמארע איז געווען א מיידל, וואָס וועגן איר האָט מען געקאָנט זאָגן, אז די גאנצע שיינקײַט פון דער וועלט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע בלויע אויגן. די ווייצענע צעפּ האָבן זיך קוים געקאָנט האלטן אַף איר קאָפּ, אזוי געדיכט און לאנג זײַנען געווען אירע האָר. הײַנט טאמארעס זינגען, איר לאכן, איר טאנצן!

און אָט האָט זי זיך אומגעקערט פון דער קאטאָרגע א צעבראָכענע און אַן אָפּגעשוואכטע, א בלייכע און אַן אויסגעדארטע, אַן אָפּגעשוירענע. די ערשטע צײַט האָט זי מיט קיינעם ניט געוואָלט ריידן, פּונקט ווי זי וואָלט שטום געווען, דערנאָך, ווען דער אלטער לערער האָט מיט איר פארבראכט א פּאָר אָוונטן און, ווי ער האָט געקאָנט, איר דערקלערט, אז אויב דו ביסט געבליבן לעבן, דארפסטו לעבן, און ביז דו האָסט די מעגלעכקײַט, איז דײַן כּיוון דערציילן דער וועלט אַלץ, וואָס דו ביסט אויסגעשטאנען.

— וואָס זאָל איך דערציילן?! — האָט טאמארע קוים אויסגערעדט איר ביטער הארץ, איר ווייטעק האָט זי געשטיקט אזויווי א שטריק וואָלט געשטיקט איר אויסגעדארטן האלדז. — טוט אַף מיר א גוטן קוק, וועט אײַך קלאָר ווערן, וואָס איך האָב דאָרט פארזוכט אינעם „גאַניידן".

און טאקע, דאָס הארץ האָט אויסגעריסן, ווען מע האָט געקוקט אַף טאמארעס אויסגעצערט פּאָנעם, אַף די אויסגעטריקנטע הענט, וואָס זײַנען אמאָל געווען די שענסטע און די פלינקסטע.

לאַריסע האָט געהאט דאָס גליק זיך באַגעגענען מיט טאמארען, געפּרווּט זי באַרויִקן, טרייסטן: ווערסט נאָך ווידער ווערן א מענטש. דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס דו ביסט ווידער אין דער היים.

— אוי, די היים! — האָט טאמארע ווי מיט א קרעכץ א זאָג געטאָן, — ערשט דאָרט אין דער פרעמד האָב איך פארשטאנען דעם עמעסן באַטײַט פון וואָרט „היים". דעם עמעס גערעדט, האָב איך זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אז אזוינס קאָן געמאָלט זײַן. מע האָט דאָך אונדז צוגעזאָגט גאָלדענע בערג.

— און דו האָסט געגלייבט, אַ? זאָג דעם עמעס — געגלייבט?

— שטעל זיך פאָר: יאָ, געגלייבט. איך האָב דאָך אמאָל אזוי ליב געהאט לייענען וועגן די ווײַטע אומבאַקאנטע לענדער. נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן א ליגן, כ'האָב אפילו געטרוימט וועגן דעם, אז ווען־ניט־איז וועל איך מאכן א רײַזע קיין אויסלאנד... נו, איז אָט וועל איך אײַך דערציילן וועגן מײַן „רײַזע". כ'מיין, אז צען מאָל א טאָג שטארבן איז גרינגער ווי איין מאָל מיט די אייגענע אויגן א קוק טאָן, ווי מע איז זיך נויקעם אין דיר און אין דײַנע שוועסטער. ניט אומזיסט האָבן זיך אייניקע פון אונדז געפּרווּט נעמען דאָס לעבן. אייניקע איז געלונגען ארויסשפּרינגען פון די פראכט־וואַגאָנען, ווו מיר זײַנען געווען, ווי די שאָף, עפּשער הונדערט, אויב ניט מער, מיידלעך אין א וואַגאָן. די, וועלכע זײַנען ארויסגעשפּרונגען, האָט מען געכאַפּט און דערשאָסן, אז אנדערע זאָלן זיך ניט דערוועגן טאָן דאָס זעלבע... ווען מיר זײַנען שוין אין געהאקטע ווונדן געקומען אין דעם פארשאָלטענעם דײַטשלאנד, האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין איין גרויסער ריי. אין דעם הויף, ווו מיר, די פרײַוויליקע קנעכט, זײַנען געשטאנען, זײַנען געקומען דײַטשן און גראָבע אויסגעהאָדעוועטע דײַטשקעס — פריילעכע, אופגעלעבטע, זעלבסטצופרידענע, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען קיין מילכאָמע, פּונקט ווי אַף די פעלדער פון אוקראַיִנע און רוסלאנד וואָלטן ניט דערשאָסן געוואָרן טויזנטער און טויזנטער זייערע מענער, זין און ברידער. זיי האָבן באַטראכט יעדע איינע פון אונדז, געטאַפּט אונדזערע מוסקולן, ארײַנגעקוקט אין מויל, באַטראכט די ציין... און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האנדל. די אײַנקויפער האָבן זיך צוגעקוקט צו די יונגע קנעכט, צי האָבן זיי פעסטע פיס און שטארקע הענט, זיי האָבן געפאָדערט באַווײַזן, צו וואָס יעדער איז פייִק.

איינער א הויכער דארער פארשוין איז צוגעגאנגען צו מיר מיט א סטעק אין דער לאנגער האנט, מיך באַטראכט, ווי איך וואָלט געווען א טעלעצע. איך בין אים, זעט אויס, ניט זייער געפעלן געוואָרן. „צוואנציק מארק? — האָט ער איבערגעפרעגט, — צוואנציק מארק?! זאָ פילו!"

אנדערע זײַנען נאָך װייניקער אָפּגעשאַצט געװען. די גראָבע דײַטשישע מאַדאַם, װאָס האָט באַגלייט דעם דאָרן דראַנג מיטן סטעק, האָט פאַרקרימט די נאָז:

— מײַן גאָט! פאַר דיזע שײַזע צוואַנציק מאַרק?!

דעמלט האָב איך נאָך ניט געוווּסט, וואָס דאָס וואָרט שײַזע באַטײַט. שפּעטער, ווען מע האָט מיך דאָך געקויפט, האָב איך דאָס וואָרט געהערט אויף יעדן שריט און טריט. מע האָט פאַרשריבן מײַן נאָמען, מיר געהייסן פאַרגרעדענקען דעם נומער פון מײַן בירקע און מיך געוואָרנט, אַז אויב כ׳וועל פּרווון אַנטלויפן, וועט מען מיך אופהענגען. אַז פון הײַנט אָן געהער איך מײַן באַלעבאָס, כ׳בין זײַן אייגנטום. און אויב איך וועל ניט אויספילן זײַנע פאַראָרדענונגען, וועט ער אַנרייצן זײַנע הינט, און דאַן וועל איך שוין ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו כאַראָטשע האָבן.

אַנומלטן האָב איך געפּרוּווט אים זאָגן אַ קרום וואָרט, האָט ער טאַקע באַפוילן זײַנע צוויי אָוטשאַרקעס, זיי זאָלן מיך אויסלערנען ניט דערווידערן מײַן ברויטגעבער. דער אַכזער האָט מיך אַזוי געניעריקט, געשלאָגן, אַז איך האָב אָנגעהויבן שפּײַען מיט בלוט. אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך שוין ניט געקאָנט אופהייבן פון מײַן וויסטן געלעגער. אַרבעטן האָב איך שוין, ווי איר פאַרשטייט אַליין, ניט געקאָנט, האָט מען מיך פּאַשעט אַרויסגעטריבן פון הויף. ווען דער פּאָליציאַנט האָט געפרעגט בײַ מײַן באַלעבאָס, פאַרוואָס ער זאָגט זיך אָפּ פון מיר, האָט אים דער באַלעבאָס געגעבן צו פאַרשטיין: „זי איז קראַנק אויף טובערקוליאָז, און איך האָב מוירע, זי זאָל נאָך אָנשטעקן מײַנע קינדער“...

— נו, געוויס, געוויס! — האָט דער פּאָליציאַנט געשאָקלט מיטן קאָפּ, — טובערקוליאָז איז שלעכט, טובערקוליאָז איז געפערלעך!

מע האָט מיר געגעבן אַן אַאוסווײַזע, לויט וועלכער איך בין מיט צאָרעס און מיט גרויס מאַטערניש געקומען אַהיים. דאָ האָט מען ווידער געכאַפּט אונדזערע מיידלעך אין דער „פרײַוויליקער“ קנעכטשאַפט, נאָר מיך האָט מען שוין אויסגעמיטן — טובערקוליאָז איז דאָך געפערלעך פאַר דער צוקונפט פון דער דײַטשישער נאַציע.

— האָסטו כאָטש אָט דאָס אַלץ דערציילט דײַנע שכנים, ווען דו האָסט זיך אומגעקערט? — האָט לאַריסע געפרעגט בײַ טאַמאַרען.

— כ׳האָב מוירע צו דערציילן... מיר גלוסט זיך דאָך כאָטש אַ ביסל לעבן און טאַקע דערלעבן צו זען, ווי די קריוודע וועט ווערן באַשטראָפט.

לאַריסע האָט געקוקט אויפן אַלטן לערער. זײַנע טרערן האָבן, דאַכט זיך, ווי צעגליטע קוילן געבראָטן איר האַרץ.

— וועגן דעם מוז מען דערציילן! מיר וועלן אומבאַדינגט דערציילן! אָט האָב איך שוין אָנגעשריבן אַן אופרוף צו מײַנע געוועזענע שילער. מיר וועלן דאָס צעטיילן צווישן דער יוגנט. מײַן ניט, אַז דאָ, בײַ אונדז, האָבן אַלע אײַנגענומען שטומעניש.

דער לערער האָט ניט מוירע געהאַט צו דערציילן לאַריסען, אַז אין ווינניצע זײַנען געבליבן פיל מענטשן, אויף וועלכע מע מעג זיך פאַרלאָזן. זיי ליגן גוט אין די ביינער דער דײַטשישער אָקופּאַציע.

דער אַלטער לערער האָט איר צווישן אַנדערן מיטגעטיילט, אַז די טעג וועלן קיין ווינניצע קומען גאָר־גאָר געהויבענע פּאַכלײַט, וועלכע וועלן זיך שטעלן עפּעס זייער וויכטיקס אויסבויען. לאַריסע האָט אים פאַר דער צונג ניט געשלעפּט, נאָר ווי אַ דערפאַרענע אויסשפּירערן זיך גענוי דערפרעגט, וואָס אין שטאָט קומט פאָר.

ווי אַן עכטן אוּיצער, האָט זי געפירט די נײַס קיין קיִעוו.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט לאַרעס מיטטיילונג.

— אָט אַזוי, אומגעריכט ביסטו געוואָרן מײַן רעכטע האַנט! — האָט ער איר געזאָגט. — איז טאַקע ווײַל אַזוי, זײַ פאַרזיכטיק און ווי ווײַט מעגלעך לאָז זיך ניט אַרײַנציִען אין די פאַרווײַלונגען מיט די נײַע שטאָט־באַלעבאַטים, קאָנקרעט: מיטן גענעראַל עבערהאַדטן און זײַנע געהילפן. האָב אין זינען, אַז דאָס איז אַ געניטע בייזע שלאַנג, אַ סאַדיסט און מערדער. און דאָס, וואָס ער לאַדט דיך אײַן אויף זײַנע פאַרווײַלונגען, איז דאָס ניט מער ווי אַ כיטרע שפּיל...

— פאַרווײַלונגען? — האָט שיִר ניט אויסגעשריגן לאַריסע, — ווען איר ווייסט, ווי מיך עקלט פון זיי, ווי שלעכט איך פיל זיך צווישן די שלענג און וועלף, דערצו נאָך אופהייבן מײַן באָקאַל, ווען זיי רופן אויס זייער האָך און זײַער הײַל...

וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט לאַריסען, האָט מער פון אַלעמען געוווּסט וואַנדע, נאָר דערפרעגן זיך בײַ איר וואָלט געהייסן אַרויסרופן זי אויף אַן אָפענעם געשפּרעך, און זיי האָבן דאָך שוין געהאַט אָפּגערעדט, אַז ניט אַלץ, וואָס אײנע פון זיי ווייסט, מוז וויסן די צוויי־

טע. אזא איז דער ערשטער באַדינג פון קאָנספּיראַציע. יעדערער טוט זיך זײַנס. און וועגן זייערע אופטוען ווייסט בלויז איוואַן איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך דאָ ווידער ניט צופעליק באַוויזן.

דעם 22 יוני האָט מען באַשטימט אָפּמערקן מיט א נײַ פלוגבלעטל, וואָס עס האָט צונויפגעשטעלט דער אונטערערדישער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט און עס איבערגעבן אין די ראַיאָנישע קאָמיטעטן, קעדיי צו פאַרמערן און פאַרשפּרייטן.

פאַרמערן דאָס פלוגבלעטל אין דער דרוקערײַ איז אוממעגלעך געוואָרן, ווײַל די צוויי זעצער, וועלכע זײַנען געטרײַ געווען דעם קאָמיטעט און אים מיטגעהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט, האָט מען פלוצעם ארעסטירט און דערשאָסן. דאָס בלעטל האָט מען אָפּגעדרוקט אף א שאַפּיראָגראַף בא דעם אינוואליד סטעפאַן טראָפימענקאָ אין קעלער. זײַן ווײַב איז ניט איבעריק צופרידן געווען מיט זײַן ארײַנמישן זיך אין דער פּאָליטיקע.

— זע, אלטער, מע זאָל דיך אויך ניט אריבערפעקלען אינעם באַבי יאַר.

— מײַלע! ערגער ווי ס׳איז איצט, וועט שוין ניט זײַן; און אזוי ווייס איך כאָטש, אז איך טו עפּעס רעכטס.

דעם 22 יוני האָבן זיך די פלוגבלעטלעך באַוויזן אי אין צענטער פון שטאָט, אי אף די אונטערנעמונגען, אי אף דער אײַזנבאַן.

צו אָט די פלוגבלעטלעך האָט לאַריסע אָזערנאַ קיין שײַכעס ניט געהאַט. זי איז פאַרנומען געווען מיט א סאך וויכטיקערע אויפגאַבעס. זײַענדיק אין נאָענטע באַציִונגען מיטן גענעראַל עבערהאַרדטן און מיט אנדערע פאַרשטייער פון דער ווערמאַכט, האָט זי, לויט דעם אויפטראָג פון איוואַן איוואַנאָוויטשן, זיך געמוזט דערוויסן א ביז גאָר וויכטיקע קלייניקײַט. אָט די „קלייניקײַט“ האָט זי איבערגעגעבן אינעם שטאַב פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. איר פאַרבינדלערן איז געווען סאָלאָמיִע. איצט פלעגט איר אויסקומען אָפטער זיך באַגעגענען מיטן וועכטער פונעם הייליקן אָרט אָניסים דערקאַטש, וועגן וועלכן וואַניע האָט איר דערציילט, ווען ער איז נאָך געווען בא איר טאַטן אין דער היים.

וועגן דעם, וואָס פאַר א מענטש אָניסים דערקאַטש איז, האָט אויך וואַנדע זאַלעסקאַ געוווסט, און ווען עס איז אויסגעקומען געפינען אן אָרט, וווּ מע קאָן באַהאַלטן עטלעכע פּעק פּאַפּיר און אפילע אופרײַס־שטאָף, האָט זי צוזאַמען מיט סאָלאָמיִען זיך אוועקגעלאָזט צום בעסוילעם, צו אָניסים דערקאַטשן.

טאַקע דאָ, בא דעם בעסוילעם־וועכטער, האָבן זיך די מיידלעך באַקאַנט מיט האָרפּינע איוואַנאָוונא, וועלכע איז געקומען קיין קיִעוו ניט מער ווי אף א פּאָר שאָ. געקומען איז זי מיט זייער א וויכטיקן בריוו פון אנאַטאָלין, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקאַנט אין באַשטאַנאָווקע.

האָרפּינע, א נידעריטשקע, א ברייטפּלייציקע, מיט א קורץ נעזל אפן קלײַנדיקן פּאָנעם, האָט געמאַכט אן אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס גאָרניִשט אינטערעסירט זי ניט. דאָס לעבן האָט זי אויסגעלערנט אופנעמען אלץ, וואָס עס קומט פאָר אף דער ערד, ווי אן אומפאַרמײַדלעכע, פון גאָט באַשערטע זאַך. איר מאַן, א טראַקטאָריסט, איז אומגעקומען אין די ערשטע טעג פון מילכאָמע. זי האָט נאָך אפילע באַוויזן באַקומען די פּאָכאָראָנקע, און שטעלט אײַך פאָר: ניט געמאַכט קיין טומל, ניט געריסן אף זיך די האָר, ווי אנדערע סאָלדאַטקעס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט איר באַקומען די טרויער־ידיִע.

— וואָס איז דאָס וויינען, און וואָס איז דאָס קלאָגן? — האָט זי געזאָגט. — מיר וועלן דערמיט זיי ניט מאַכן לעבעדיק. וואָס באַשערט, איז באַשערט! ווער עס איז ייִנגער און שענער, וועט זיך געוויס געפינען א פאַרבײַט.

קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט, איר איינציקע טרייסט האָט זי געפונען בלויז אין דער אַרבעט, אין דער דאָרפישער שול, אלס צוראַמערן. דער אלטער לערער האָט געהאַלטן פון איר, די קינדער האָבן זי ליב געהאַט, און האָרפּינע האָט געלעבט פון איין סוואָדקע ביז דער צווייטער — זי האָט געהאָפט, אז זי וועט נאָך דערלעבן צו דערהערן וועגן דעם וויסטן סאָף פון די, וואָס האָבן בא איר צוגענומען דעם מאַן.

ווען אנאַטאָלי איז געקומען קיין באַשטאַנאָווקע, האָט אים דער אלטער לערער געייצעט זיך באַזעצן בא האָרפּינען, זי וועט נאָך אים אכטונג געבן און עס וועט אים ניט אויסקומען צו זײַן קיין נאָווענאַדניק, א פּריבלודנע. האָרפּינעס שטוב — ניט פון די רײַכסטע און אָנגעזעענע אין באַשטאַנאָווקע — איז געשטאַנען אין א הינטערגעסל, ווײַט פון דער צענטראַלער גאַס. דעם לערער האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען וואַניען אין דער באַשטאַנאָווקער אופראַווע פאַר א שטיקל סעקרעטאַר, סטעפאַן יאַרעמטשוק און דער סערזשאַנט סאָלאָמין האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט באַם אופבויען די בריק איבערן טײַכל, וואָס צעטיילט דאָס דאָרף אף צוויי טיילן.

באשטאנאָווקע! פּאַלעסיע האָט געגנוג שיינע אויסגעשפּילטע דערפער, נאָר א צווייטס אזא, ווי באשטאנאָווקע, איז ניט צו געפינען. זומער איז דאָס איין בליענדיקער סאָד און ווינטער איז א פארגעניגן צו זען, ווי די כעוורע קונדייסים באלאגערן דעם געשלענגלטן טייַך און פארוואנדלען אים אין איין גרויסן גליטש.

האיאָר וועט, זעט אויס, דער טייַך ניט הערן קיין פריילעכע קוילעס פון דעם יונגוואַרג. ערשטנס, ווייַל מע האָט די מערהייַט ארויסגעפירט קיין דייַטשלאנד, און, צווייטנס, ווייַל עס איז געקומען א שטרענגער פארבאָט דורכצופירן וועלכע־עס־איז פארווייַלונגען סיי אין קלוב, סיי אפן פלאץ צי אפן ברעג פון טייַך.

באם אלטן לערער אין שטוב האָט זיך אנאטאָלי באקאנט מיטן אָנפירער פון דער פארטיזאנישער מאכנע, וואָס איז ערשט ניט לאנג אופגעקומען אין באשטאנאָווקע. דאָס איז געווען א באיאָרטער מענטש מיט טיפע אייַנגעפאלענע אויגן, מיט א געדיכטן קאָפּ גראָוע האָר. אינעם רייַדן האָט זיך געלאָזט פילן א פוילישער אקצענט, און ווי עס האָט זיך שפּעטער אויסגעקלאָרט, איז ער א ווארשעווער — געווען אין דער געטאָ. צוזאמען מיט נאָך זיבן קאַמערניסטן האָט ער זיך ארויסגעריסן פונעם ווארשעווער געטאָ. דרייַען האָט מען דערשאָסן און אים האָט זיך אייַנגעגעבן אנטלויפן און מיט די וועלדער זיך דערקלייַבן אהער, קיין באשטאנאָווקע. וואָס האָט אים געטריבן אהער?

— א, דאָס איז א לאנגע געשיכטע! — האָט ער געזאָגט, פארשארנדיק די געדיכטע האָר אף ארוף. — דאָ ניט ווייַט האָט אמאָל געלעבט מייַן פרוי און איך האָב אויך געהאט די זכיה זייַן א גאסט בא אירע עלטערן, ווען זיי האָבן נאָך געלעבט דאָ ניט ווייַט, אינעם דאָרף ליסאָווע.

— שאט נאָר, שאט! — האָט זיך אנאטאָלי אופגעכאפּט, — אין ליסאָווע? איך בין דאָך אויך פון ליסאָווע! ווי רופט מען אייַער פרוי?

— פרעגט בעסער, ווי האָט מען זי גערופן... ווייַל צו מייַן גרויסן אומגליק איז זי צוזאמען מיט מייַנע עלטערן אומגעקומען אין דער געטאָ. גערופן האָט מען זי אדעליא, האָדעלע האָט מען זי גערופן.

— זייַנט איר, הייסט עס, יאנוש בערגער?..

— אָט יענער יאנוש בערגער, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אים וועט נאָך ווען־עס־איז אויסקומען ווערן א וואלדמענטש, אָן א היים, אָן א פאמיליע, בלויז מיט א גרויסן ווייטעק און האס אין הארצן.

— ניט געזאָרגט, כאָטש יאַנוש! — האָט אים אַנאַטאָלי געפּרוּווט טרייסטן. — וואַלד־מענטשן זײַנען אויך מענטשן, און אַ היים איז בײַ דעם מענטשן די ערד, פֿאַר וועלכער ער איז גרייט אומקומען.

— אומקומען איז ניט קיין קונץ.

אָט יענע באַגעגעניש האָט זיי פֿאַרייניקט — אַנאַטאָלין און יאַנוש בערגערן, וועלכער האָט צווישן אַנדערן זיך געגנוי דערפֿרעגט וועגן דער מישפּאָכע לאַזעבניק.

יאַנוש בערגער האָט אין זײַן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין וואַלד און וואָס פֿלעגט נאָר פֿון צײַט צו צײַט זיך אַרײַנכאַפּן אין די אַרומיקע דערפֿער, זיך פֿאַרנומען מיט די פֿראַגן פֿון פּראָפּאַגאַנדע. דער ראַדיאָ־אָפּנעמער, וואָס מע האָט אים קאָנפֿיסקירט אין איינער אַ דײַטשישער פֿעלדקאָמענדאַטור, האָט באַזאָרגט דעם אָטריאַד און די אַרומיקע דערפֿער מיט דער פֿרישסטער אינפֿאָרמאַציע. נאָר אָט איז פּלוצעם שטום געוואָרן דער אָפּנעמער. עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די באַטאַרייקעס און קויפֿן זיי איז ניט געווען ווו, האָט מען באַשטימט זיך ווענדן צו די קיִעווער פֿרײַנט, מיט וועלכע אַנאַטאָלי איז געווען פֿאַרבונדן. געפֿינען זיי האָט מען געקאָנט בלויז מיט דער הילף פֿונעם בעסוילעם־וועכטער אָניסים דער־קאָטש.

טאַקע צו אים האָט אַנאַטאָלי געשיקט זײַן נײַע שטוב־באַלעבאָסטע — האַרפּינע איוואַנאָוו־נע — מיט אַ בריוו, וועלכן מע דאַרף איבערגעבן... וועמען? דאָס ווייסט וואַנדע.

אין איינעם פֿון די דרײַלינגען, מיט וועלכע וואַנדע איז געווען פֿאַרבונדן, איז געווען אַ כאָווער, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צו דעם גאַראַזש, צו וועלכן עס זײַנען געווען צוגעפּעס־טיקט די אויטאָמאָבילן פֿון דער שטאָט־אופּראַווע.

לאַנג פֿאַרהאַלטן זיך בײַ דעם נאַכטוועכטער האָט האַרפּינע ניט געהאַט קיין רעכט און עס איז טאַקע ניט אויסגעקומען זיך צו פֿאַרהאַלטן. וואַנדע האָט זי מיטגענומען מיט זיך אין שטאָט, זי אײַנגעאָרדנט אַף נאַכט בײַ דער גאַסטפֿרײַנטלעכער נאַסטיע און אין אָוונט האָט זי זיך בעשאָלעם אומגעקערט אַהיים. אין בוזעם בײַ איר איז געווען אַ צײַגעניש, אַז זי פֿאָרט אין שטאָט צו אַ באַרימטן דאָקטער. ס׳האָט איר אָפּגעגליקט. קיינער פֿון דער פּאָליציי האָט ניט געוווּנדט קיין אַכט אַף דער פֿאַרשלייערטער פּויערטע אין דער אַלטער אָפּגעבליאַקעווע־טער פּאַטשיילע. זי האָט טאַקע געהאַט אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען, אַז קיין שום אָבלאַווע איז פֿאַר איר ניט שרעקלעך געווען.

זי האָט זיך אומגעקערט מיט די עטלעכע גאַנץ שווערע באַטאַרייקעס, וועלכע ס׳האָבן איר פֿאַרשאַרפֿט די כעווירע פֿונעם גאַראַזש, און האָט דערמיט מאַמעש דערפֿרייט יאַנושן — ער האָט ווידער געהאַט די מעגלעכקײַט זיך פֿאַרנעמען מיט זײַן אַרבעט.

און אַנאַטאָלי? די שטוב־באַלעבאָסטע האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז די באָרד איז בײַ אים ניט מער ווי אַ מיטל, קעדיי אויסזען עלטער ווי ער איז.

— עפּשער וואָלט איר זי צו אַלדי שוואַרצע יאָר אַראָפּגעגאָלט?

— זי פּאַסט מיר ניט? — האָט ער מאַמזעריש אַ פֿרעג געטאָן.

— ווערדליק איך פֿאַרשטיי, זײַנט איר לויט די יאָרן ייִנגער פֿון מיר און פֿון מײַן אומגע־קומענעם מאַן... גאָלט זי אָפּ, אָדער מאַכט זי כאָטש אַ ביסל קירצער! מע זעט דאָך לויט אײַערע אויגן, אַז איר זײַנט ניט קיין זיידע. גאָל זי אָפּ, וועל איך דיך גערן אַ קוש טאָן!

— נו, צוליב דעם איז, פֿאַרשטייט זיך, קעדײַ! נאָר אַז דו וועסט וועלן מיך אַ קוש טאָן, וועט די באָרד ניט שטערן!

און ס׳איז טאַקע געקומען דערצו: האַרפּינע האָט זיך ניט אַף קאַטאָוועס פֿאַרליבט אין אים.

— אויב גוט אַ טראַכט טאָן! — האָט זי געזאָגט דער שכיינע, — איז ער ניט ערגער פֿון מײַן אומגעקומענעם מאַקסים... און אַ צײַט איז איצט אַזאַ, אַז עס איז בעסער, ווען מע איז ניט איינזאַם. וואָס גיט זי, די איינזאַמקײַט?

דאָס בלאָנקען איבער די דערפֿער, דאָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַן אַלטן גאַלעך, דאָס בענ־קען נאָך אַ ביסל היימישקײַט, וואַרעמקײַט און איבערגעגעבנקײַט און טאַקע די פּלוצעם אויפֿ־געפֿלאַמטע ליבע פֿון דער באַשיידענער פּאַשעטער פרוי, וואָס די מילכאָמע האָט געשטראָפֿט און פֿאַריאָסעמט — אַלץ האָט ניט ווילנדיק פֿאַרייניקט די צוויי הערצער.

— איך פֿאָדער ניט פֿון דיר, דו זאָלסט זיך מיר דערקלערן אין ליבע. נאָך מער: איך שטעל ניט קיין באַדינג, זאָלסט מיט מיר כאַסענע האָבן.

— דערויף האָב איך ניט קיין רעכט! — האָט איר אַנאַטאָלי געגעבן צו פֿאַרשטיין.

— נאָר לעבן מיט דיר אונטער איין דאַך און זײַן אָפּגעפֿרעמדט קאָן איך אויך ניט... גע־פֿעלסט מיר, זאָל איך אַזוי געזונט זײַן!

אייגנטלעך, איז זי אים אויך געפֿעלן געווען. מיט וואָס? מיט איר ערלעכקײַט, מיט איר

גרייטקייט גיין צוליב אים און צוליב זײַן גלויבן אין פײַער און אין וואסער. א ציכטיקע, א באשיידענע, א פרוי, וואָס ציט זיך צו וויסן און דעריקער — א געליטענע, א געשטראָפטע, פונקט ווי ער.

אין אַטריאַד האָט מען שוין געוווּסט וועגן זייער נאָענטקייט און קיינעם איז ניט געקומען אפן זינען פרעגן אים: ווי קומט עס?

בלויז איינמאָל, אין א רעגנדיקן פארנאכט, ליגנדיק מיט יאנושן אפן בוידעם, איז אופגעקומען א רייד וועגן אַנאטאָליס באַציִונגען מיט האָרפינען. עס האָט געשמעקט דאָס פּאראַפרייקע היי. דורך די שפּארונעס אינעם דאך האָט אף זיי געקוקט א גרויסער שטערן. מידע פונעם טאָג, האָבן זיי ביידע ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן, און אומגעריכט האָט יאנוש זיך דערמאָנט אין זײַן אומגעקומענער פרוי.

— מער פון אלץ האָט זי געקימערט און באַאומרויִקט דער גורל פון אונדזער אדאמטשיקן. ער האָט זיך ארויסגעריסן פון דער געטע נאָך איידער די געטאָ איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שווארצן גענעם. אונדזער אדאמטשיק איז געווען זייער א הייסער, א היציקער פארשוין. עס איז אומעגלעך געווען אים אײַנהאַלטן אין געוויסע ראַמען. ער האָט זיך ניט איין מאָל דערלויבט אופהייבן א האַנט אף א פּאָליצײַ. מײַן האָדעלע פלעגט טײַנען: נאָך וואָס טוסטו עס?! בעסער מיט גוטן, נאָר מיט גוטן!

— מײַן מאמע פלעגט אויך טײַנען, אז דאָס היצן זיך ברענגט אָפט צו אומקום, — האָט אנאטאָלי אים איבערגעשלאָגן די רייד, — וואָס טוט מען אָבער, אז דאָס הארץ ווערט צעריסן פון פארדראָס.

— אין דעם פּראַט זײַנען זיי, הייסט עס, ענלעך געווען — מײַן האָדעלע און דײַן מאמע... נו און דײַן ווײַבל?

— וועגן מײַנער קאָן איך לײדער גאָרניט זאָגן. מיר זײַנען געווען גאָר־גאָר פארשיידענע מענטשן און מער פון אלץ האָט דערפון געליטן מײַן מאמע — זי האָט ניט געוואָלט איר מוחל זײַן אירע גענג, איר אופירן זיך, ווען איך בין געווען אין ארמיי. נאָר דאָס איז שוין א פארפאַלענע זאך. איך בין איר מוחל געווען... אזא איז דאָס לעבן אף דער זינדיקער וועלט. ניט קעדײַ אצינד צו דערמאָנען דאָס אמאָליקע, באזונדערס אצינד.

— ביסט גערעכט, אנאטאָלי! קלייניקייטן טאָרן ניט פארשטעלן דאָס גרויסע, צוליב וועלכן מיר לעבן און שטעלן אײַן דאָס לעבן...

די יאָרשים אונדזערע וועלן, מיין איך, ניט שטעלן אונדז צום געריכט און ניט פרעגן אונדז וועגן די באזונדערע איינצלהײַטן פון אונדזער טאָגטעגלעכן לעבן.

קיינער האָט עס בא אים טאקע ניט געפרעגט און קיינעם האָט ער ניט געדארפט אָפּגעבן קיין דין־וועכעזשבן. ניט דאָס איז איצט געווען וויכטיק.

צו דאָדיקן האָט זיך האָרפינע באצויגן, ווי צו אן אייגענעם זון. זי פלעגט אים אײַנלאַדן צו זיך, אופזידן א באניאַק רעגנוואסער, אים אויסבאָדן. זי האָט געהאַט פארגעניגן דערפון, עפשער נאָך מער, ווי ער, דאָדיק, וועלכער איז, דעם עמעס געזאָגט, ניט צופרידן געווען פון אנאטאָליס נאָענטקייט מיט האָרפינען. דאָך האָט ער זיך באמיט ניט פארפירן קיין געשפּרעך וועגן דעם. ער, דאָדיק, וואָלט אזוינס ניט געטאָן, נאָר זאָגן מוסער דעם עלטערן ברודער האָט ער ניט געוואָגט. די צײַט וועט באווײַזן, וואָס יעדערער פון אונדז איז ווערט, — האָט ער געטראכט, — און איצט איז דאָס וויכטיקסטע ניט פאראַטן דער גרויסער זאך, וועלכער מיר דינען.

בא זיך, אף זײַן ארבעט אין דער אופראווע, האָט ער אויסגענומען מיט זײַן בענימעסדיקײַט, רויִקייט. ער האָט געמוזט געפעלן זײַן דעם סטאַראָסטע, וועלכער האָט געמוזט יויצע זײַן אין דעם שעף זײַנעם, אין די פארטיזאנער, וואָס האָבן געקאָנט אים אופהענגען אפן פלאץ, אויב ער וועט זיך אופירן ניט ווי מע דארף.

13

אָט איז שוין אוועק דער ליבסטער כוידעש מײַ.

אך, ווי ניט ענלעך ער איז געווען צו די מײַ־טעג פון די פאַריקע יאָרן. דער שטאָט־קאָמענדאנט האָט ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג פארשטארקן די וואך, נאָך שטרענגער זײַן צו יעדן, ווער עס וועט זיך פּרווון אָפּמערקן דעם ערשטן מײַ. קיין שום פארזאמלונגען, קיין שום מיטינגען. קיין שום זאך, וואָס זאָל קענען דערמאָנען אין די אײַנגעשטעלטע אמאָליקע פײַערונ־

גען פונעם יאַמטעוו בא די סאָוועטן. דעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דאָס נײַע אוקראַיִנישע וואָרט" האָט מען געגעבן א קאַטעגאָרישע פֿאָדערונג ניט דערוועגן זיך אַפּילע דערמאָנען וועגן א יאַמטעווודיקער שטימונג בא דער באַפעלקערונג. אַלץ מוז גיין ווי עס גייט — וואָכעדיק, נאָך א ביסל מער, ווי געוויינלעך, לויבן די גרויסע דערפֿאָלגן פון דער דײַטשישער ווערמאַכט אַף אַלע פראָנטן. די ידיעס, וועלכע עס טיילט מיט דעם פּיורערס הויפּט־קוואַרטיר, זאָלן געדרוקט זײַן מיט גרויסע אויסיעס. א באַזונדער אָרט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער באַגײַסטערונג, וואָס הערשט צווישן די, וועלכע פאָרן „פרײַוויליק" ארויס אַף ארבעט קיין דײַטשלאַנד. דער רע־דאַקטאָר האָט ארויסגערופן עפּעס אַן אַנפאַנגער, וועלכן פריִער האָט קיינער ניט געוואָלט דרוקן, און יענער האָט פאַרפאַסט א מין מאַרש־ליד פון די אָפּפאָרנדיקע נאָך דויטשלאַנד. יעדער קופּלעט האָט זיך געענדיקט מיט אַן אויסגעשריי:

קיין דויטשלאַנד, קיין דויטשלאַנד,
אין שענסטן וווּנדערלאַנד!

די מאַרש־ליד האָט זייער אויסגענומען באַם דירעקטאָר פון טעאַטער, און ער האָט אַפּילע פאָרגעלייגט, מע זאָל צוקלײַבן פאַר איר א פאַסיקע מעלאָדיע און אײַנשליסן זי אינעם רע־פּערטואַר פון טעאַטער פאַר די פײַערלעכע קאָנצערטן און זינגען זאָל זי דער גאַנצער כאָר אונטער דער באַגלייטונג פונעם אָרקעסטער. די צאָל פון די „פרײַוויליקע" איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, און די צײַטונג האָט געמוזט אָפּדרוקן אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס איז שוואַרץ אַף ווײַס געזאָגט געוואָרן:

„נעמט א בײַשפּיל פונעם גאַנצן לעבן פון אונדזערע באַפרײַער און דעריקער פון זייער שול. מע דאַרף אָנווענדן אַלע קויכעס, קעדיי אויסכאָוועון בא אונדזערע קינדער די שטריכן, וואָס זײַנען אַזוי נייטיק, קעדיי געזונט מאַכן אונדזער גאַנץ פאָלק. אָן וועלכע עס איז אומעג־לעך צו שפאַנען פאָרויס. דאָס איז קוידעמקאָל — ליבע צו ארבעט און פּייקקײַט צו ארבעט, דאָ אין אויך שטאַרקער כאַראַקטער און הויכע מאָראַלישקײַט... לאָמיר נעמען א בײַשפּיל פון אונדזערע דײַטשישע פרײַנט".

און ווײַל קיין בײַשפּיל האָט מען ניט געוואָלט נעמען, האָט די געסטאַפּאָ און די פּאָליצײַ טאָג און נאַכט דורכגעפירט אָבלאַוועס, פאַשעט געכאַפּט אין די גאַסן און ווי די שאָף געטריבן אין די פראַכט־וואַגאָנען אַף מײַרעוו, קיין דײַטשלאַנד.

בײַס איינער פון אַזא אָבלאַווע האָט מען געפאַקט סאָלאָמיִע דאַניליוק, וואָס האָט דאַפקע געהאַט בא זיך אַן ארבעטס־קאַרטע, אַן אויסווײַזע, אַז זי איז ניט קיין לײדיקגייער, אַז זי איז אַף אַן ארבעט אין טעאַטער. סאָלאָמיִע האָט זיך געפּרוּווט ארויסרײַסן פון די ראָצכישע הענט:

— איר האָט קיין רעכט ניט! איך וועל זיך באַקלאָגן דעם הער...

— וועלכן „הער"? ווי קומסטו צו עפּעס א הער?! וואָס זאָגסטו עפּעס אַף דער ארטיסטן! דאָרטן זײַנען בא אונדז נאָך שענערע טעאַטערן, וועסטו דאָרט אויך קאָנען דריגען מיט די פּיסלעך!

עס האָבן איר ניט געהאָלפן קיין טרערן און קיין שום פאָדערונגען. מע האָט זיי אַלעמען אונטער דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער אָפּגעפירט קיין דײַטשלאַנד אַזוי שנעל, אַז וואַנדע האָט אַפּילע ניט געקאָנט געפינען קיין שפּורן אַף זיך דערוויסן, ווו איז סאָלאָמיִע אהינגעקו־מען. ערשט שפּעטער מיט א פּאָר כאָדאָשים האָט יאָסיף דאַניליוק באַקומען אַן אָפּגעדרוקטע בריוו, אין וועלכן דער אַדרעסאַט האָט מיטגעטיילט, אַז עס לעבט זיך איר זייער גוט און אַז זי איז גליקלעך, וואָס זי געפינט זיך אינעם פרײַען דײַטשלאַנד, באַגלײַך מיט טויזנטער און טויזנטער. בלויז לויטן אונטערשריפט האָט מען זיך געקאָנט איבערצײַגן, אַז דאָס פּאַפּירל האָט זי ניט מער ווי געהאַלטן אין דער האַנט, אָבער ניט זי האָט צונויפגעשטעלט דעם בריוו.

אייניקע פון די „פרײַוויליקע" קנעכט פלעגן זיך אָפּזאָגן פון די אוניפיצירטע אָפּגעדרוקטע בריוו, נאָר סאָלאָמיִע האָט געוואָלט כאָטש מיטן אונטערשריפט אירן געבן צו וויסן, אַז זי לעבט נאָך און געדענקט איר היים און אירע אומגליקלעכע עלטערן. איר האָט זיך אײַנגעגעבן צושרײַבן געציילטע צוויי ווערטער: „גריסט וואַניען, אויב ער געדענקט מיך נאָך...". נאָר דעם גרוס האָט דאַניליוק ניט געהאַט די מעגלעכקײַט איבערצוגעבן. וואַניע האָט זיך שוין קיין לי־סאָווע ניט אומגעקערט.

אין באַשטאַנאָווקע האָט מען באַנײַט די אופראַווע. איצט איז דאָס געוואָרן א באַזונדערס וויכטיקער באַצירק פון דער געסטאַפּאָ.

דער פאַרטיזאַנישער אָטריאַד האָט זיך געמוזט אריבערקלײַבן טיף אין די וועלדער, זיך אויסבויען ערדשטיבלעך און אָנהייבן א נײַ לעבן.

דער בלינדער לערער האָט פאַרגעזעצט זײַן ארבעט, ניט ארויספאָרנדיק פונעם דאָרף, ביז אין איינעם א זוניקן אינדערפרי האָט מען אים געפּאקט, ווען ער איז געגאנגען צו האָרפינען, וועלכע איז געבליבן ווינען אין באשטאנאָווקע און האָט בלויז פון צײַט צו צײַט זיך באוויזן אין וואלד, קעדיי אויספילן וועלכע־ס'ניט־איז שליכעס פון דער אָטריאַד־אָנפירונג.

דעם בלינדן לערער האָט מען אופגעהאנגען און א וואָך צײַט ניט דערלויבט אים מעקאַבער זײַן. ער איז געהאנגען אפן פלאַץ מיט אן אופשריפט אף דער ברוסט: „פּארטיזאַן”. פארן טויט האָט דער אלטער אויסגעשריגן:

— בלינדערהייט זע איך, ווי עס גייט אף אײַך די מאַפּאָלע. הינט וועלן ניט וועלן עסן אײַערע ביינער און די ערד אונדזערע וועט פרײַ זײַן! זאָל לעבן אונדזער היימלאַנד!

וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין באשטאנאָווקע, האָט האָרפינע געמוזט דערציילן אין קיִעוו. אנאטאָלי און יאנוש האָבן צונויפגעשטעלט א גענויעם בריוו און זי איז אוועק קיין קיִעוו. דעם בריוו האָט זי געזאָלט איבערגעבן לאַריסען, נאָר דאָס איז איר ניט באשערט געווען אויסצופילן — מיט א טאָג צוריק האָט מען לאַריסאַ אָזערנאַ צוגענומען גלײַך פון דעם וולאדימירער קלויסטער, וווּהין זי פלעגט די לעצטע צײַט זיך ארײַנכאפּן אף עטלעכע מינוט. דאָ, אינעם קלויסטער, אין א באשטימט אָרט פלעגט מען פון אירטוועגן איבערלאָזן א נייטיקע בריוו אָדער א פלוגבלעטל. קיינער האָט דאָך ניט געקאָנט כוישעד זײַן, אז זי וועט אויסנוצן דעם קלויסטער פאר איר ארבעט.

מע האָט בא איר אין שטוב געמאכט אן אונטערזוכונג און, פארשטייט זיך, קיין שום קראַמאָלע ניט געפונען. גענומען לאַריסען האָט מען ערעוו זייער א וויכטיקן באנקעט, אף וועלכן זי האָט געזאָלט זײַן לויטן אופטראָג פון דער אָנפירונג פון דעם שטאָטישן פארטיי־קאָמיטעט. געמאסערט האָט זי איר געוועזענער כאָסן, וועלכער האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טראָט אירן.

ס'איז געווען פונקט מיטיק־צײַט. לאַריסע איז ארויסגעגאַן פונעם טעאַטער קימאַט ווי אומבאמערקט, אריבערגעגאַן אף דער צווייטער זײַט פון דער גאַס, וועלכע מע האָט שוין ווידער גערופן מיטן אלטן נאָמען פונדוקלייעווער, אויסגעמיטן דאָס קליינע סעדעלע ארום דעם קלויסטער, זיך פארהאלטן ניט מער ווי עטלעכע מינוט לעבן „איר” הויכער באנק און באלד ווי זי האָט ארויסבאקומען דעם קאָנווערט, וואָס מע האָט דאָ איבערגעלאָזט פאר איר, האָט מען זי געפּאקט בא דער האנט.

— און זײַט אזוי גוט, ליבע פרוילן, — האָט איר געזאָגט דער ברייטפּלייציקער, פײַן־געקליידטער אָפיצער, — מאכט ניט קיין טומל, דאָס וועט אײַך ניט העלפן... וואָס שטילער און רויִקער איז בעסער פאר אײַך, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ!

...וועגן דעם, ווי דאָס איז פאָרגעקומען, האָט זיך וואַנדע דערוווּסט בא וואַסיל גאַרקושען, ווײַל ער האָט אָנטיילגענומען אין דער אָפּעראַציע צוזאמען מיט נאָך פיר פּאָליציאַנטן, וועלכע זײַנען געשטאנען אף דער וואַך לעבן קלויסטער.

די דריטע הויכע באנק פון דער רעכטער זײַט איז געווען דאָס אָרט, ווו מע פלעגט איבערלאָזן פאר לאַריסען די וויכטיקסטע באפעלן. ווער האָט געקאָנט כוישעד זײַן, אז דעם גאַלעכס אן אייניקל גייט אין קלויסטער ניט קעדיי בעטן בא גאָט, ער זאָל שיקן א רעפוע איר זיידן. ניט זי איינע פלעגט אצינד באזוכן דעם קלויסטער — צו אים האָבן זיך איצט געצויגן אלטע לײַט, וועלכע זײַנען געווען זיכער, אז צו די גלויביקע וועט די נײַע מאכט זיך באציִען בעסער, ווי צו די ניט־גלויביקע, וועלכע האָבן זיך ביז דער אָקופּאַציע אויסגעלאכט פון גאָט.

אין דעם וולאדימירער קלויסטער האָט געקאָנט פרײַ ארײַנגיין ווער ס'האָט נאָר געוואָלט. קיין אופשריפט „נור פאר דויטשע” איז דאָ ניט געווען.

וועגן דעם, אז לאַריסע כאַפּט זיך אמאָל ארײַן אין קלויסטער, האָט אפילע וואַנדע ניט געוווּסט. בלויז איין מאָל האָט זי דאָ באגעגנט איינער א באקאנטער, נאָר זי האָט צו אים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „אָט דאָס איז געבליבן אונדזערס און קיינער קאָן עס בא אונדז ניט צונעמען, דאָס גלויבן, דאָס בעטן בא גאָט, ער זאָל אונדז מויכל זײַן אונדזערע זינד”. לאַריסעס באקאנטער האָט זיך דרײַ מאָל איבערגעצײלעמט און האָט געוואָלט זען ווי דאָס זעלבע טוט די בארימטע זינגערן, נאָר אָזערנאַ האָט דאפּקע זיך ניט געציילעמט. זי האָט אפּגיך אומבאמערקט דערלאנגט דאָס פּעקעלע, וואָס מע האָט פאר איר איבערגעלאָזט אונטער דער באנק, און איז ארויס פונעם קלויסטער.

— איין זאך קאָן איך דיר זאָגן, וואַנדע, — האָט גאַרקושאַ, א באפליגלטער דערמיט, וואָס מע האָט אים, דעם געוויינלעכן פּאָליצײַ, צוגעצויגן צו אזא וויכטיקער אָפּעראַציע, — איין זאך, מײַן טײַערע, איין זאך: א פרוי איז זי א וווּנדערלעכע, אָט די זינגערן אָזערנאַ, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ, און אופגעפירט האָט זי זיך אזוי, ווי זי וואָלט דאָס גאנצע לעבן זיך געגרייט דערצו,

מע זאָל זי פּאַקן. זי האָט ניט געשריגן, ניט געוויינט! — פאַרקערט, זיך געסטאַרעט אָפּקומען מיט א וויץ, מיט א שמייכל. איינער פון אונדזערע פּאָליציַיען האָט געפּרווט נעמען זי אונטערן עלנבויגן, האָט זי אים אָפּגעשטויסן און קאַטעגאָריש א זאָג געטאָן: „אָן הענט! אָן הענט, בעט איך אײַך!״

מע האָט זי אָפּגעפירט אין געסטאַפּאָ צו די, מיט וועלכע זי איז באַקאַנט געווען און האָט זיכער ניט איין מאָל זיך באַגעגנט אף די באַנקעטן. דעם זיידן אירן האָט מען ניט געטשעפּעט — וואָס דאַרפן זיי אים, דעם אַלטן מעשוגענעם? קיין שום געפאַר פאַר דער נײַער אָרדענונג שטעלט ער מיט זיך ניט פאָר. אָן זײַן אייניקל וועט ער סײַווי גאַר גיך אויסצִיִען די פיס...

וועגן דעם, אז מע זאָל דעם אלטן גאַלעך אלעקסיי אָזערנא לאָזן צורו, ניט שלעפּן אין דער געסטאַפּאָ, האָט זיכער געפּויעלט בא זײַנע אָנפירער דער געוועזענער כאָסן אירער. ער האָט אים כאָטש דערמיט געוואָלט אָפּדאַנקען פאַר זײַן גוטער צו אים באַציִונג. אמאָל, ווען ער פלעגט ארײַנקומען אינעם ענגן צימערל צו דעם קראַנקן גאַלעך, האָט ער זיכער נויסעכיין געווען באַם אלטן, ער איז אים געפעלן געווען. ער האָט אים אפילע ניט איין מאָל אָנגערופן: מיין צוקינפטיקער איידעם. דער אלטער האָט ניט געוווּסט וועגן די איינצלהײַטן פון לאָרעס באַציִונג מיט אים, דעם אזויגערופענעם כאָסן. אייגנטלעך, האָט דער אלטער ניט געקאָנט פאָרויסזען, אז פון אָט דעם שטאַלטנעם און שיינעם באָכער וועט אויסוואַקסן אזא בלוטדאָרשטיקער פּאָליציִאַנט.

גאַנץ מעגלעך, אז ווען לאָרע וואָלט פאַרבונדן איר גורל מיט אָט דעם ספּאָרטסמען, וואָלט זי ניט געוואָרן קיין קאָרבן, און עפשער וואָלט ער, איר כאָסן, זיך ניט פאַרבונדן מיט דער געסטאַפּאָ.

דער קראַנקער זיידע אלעקסיי האָט זיכער אין זײַנע טפילעס ניט געבעטן קיין גיכן טויט אף אים, דעם אויסוואָרף, דעם מאָסער, וועלכער האָט אומגעבראַכט זײַן לאָרען. דער טויט איז צו אים געקומען פון אַן אַנדער זײַט. דער אָנפירער פונעם דרײַלינג האָט זיך דערוווּסט, ווער עס האָט נאָך לאָריסען געטשאַטעוועט און ווער עס האָט זי איבערגעגעבן אין דער געסטאַפּאָ. אינעם טאָג, ווען מע האָט דערשאָסן לאָריסע אָזערנא צוזאַמען מיט א גאַנצער גרופּע טוער, וועלכע עס האָט פאַראַט א פּראָוואָקאַטאָר, האָט מען אויך אים, דעם ספּאָרטסמען, געקעפּט לויטן אורטייל פונעם אונטערערדישן פּאַרטיזאַנישן טריבונאַל.

...אַנאַטאָליס בריוו האָט האַרפּינע איבערגעגעבן וואַנדען.

— און וואָס דאַרף איך איבערגעבן אונדזערע כלאַפּצעס?

— כוץ דער טרויעריקער ידיִע דערוויַיל גאָרניט. אויב איר וועט צופעליק באַגעגענען וואַניען, זאָגט אים... אייגנטלעך, וואָס זאָלט איר אים זאָגן? זאָגט אים, אז איך וואָלט גליקלעך געווען, ווען איך זע אים כאָטש עטלעכע מינוט... זאָגט אים, אז מע בענקט נאָך אים, מיר וועלן זיך נאָך זען. אומבאַדינגט!

...האַרפּינע האָט זיך אומגעקערט קיין באַשטאַנאָוקע מיט דער וויסטער ידיִע וועגן דעם, אז לאָרען האָט מען צוגענומען, און אז פון הײַנט אָן וועט די פאַרבינדונג מיטן אָטריאַד אונטערהאַלטן וואַנדע, אז בעסער וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען, ווען דער „זיידע״ וואָלט געפונען א מעגלעכקײַט אליין זיך אראָפּכאַפּן אף א פּאָר טעג קיין קיִעוו. וועגן דעם, אז דער „זיידע״ איז איצט דאָס טײַערסטע אין איר לעבן, האָט האַרפּינע קיינעם ניט געזאָגט, און דעם עמעס גערעדט, איז זי ניט איבעריק צופרידן געווען מיט דער פאַראָרדענונג, וועלכע זי האָט געמוזט איבערגעבן איר אַנאַטאָלין. איצט האָט זי שוין טאַקע אָפּדערעמעסן געטראַכט וועגן אים, ווי וועגן דעם נאָענטסטן מענטשן אף דער ערד. און טאַקע ווײַל אזוי האָט זי דערציילט אַנאַטאָלין אַלץ, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט פון וואַנדען.

די דערשיטערנדיקע נײַס, וואָס האַרפּינע האָט דערציילט אַנאַטאָלין, האָט אויך יאַנוש בערגער געהערט. יאַנוש האָט ניט אופגעהערט צו טײַנען מיט די פּאַרטיזאַנער, אז איינער פון די וויכטיקסטע געזעצן פון שלאַכט אין די נײַע באַדינגונגען איז דער געזעץ פון קאָנספּיראַציע.

— גאַנץ מעגלעך, — האָט יאַנוש געטײַנעט, — אז אומגעקומען איז אָזערנא צוליב א קליינִיקײַט, זיך ניט געהיט ווי עס געהער צו זײַן. זאָל דאָס אונדז לערנען זײַן וואַכזאַמער. מיר פאַרגעסן אָפּט, אז פון אונדז איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן.

אַנאַטאָלין איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן די וווּנדערלעך־שיינע פּרוי לאָריסאַ אָזערנא אין די הענט פון די געסטאַפּאָווצעס. בלויז עטלעכע מאָל איז אים אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט איר און אַלע מאָל איז בא אים געווען א געפיל פון אַנציקונג... אין איר שטים איז געווען אַזויפיל שטײַפקײַט און זיכערקײַט, זי האָט אַזויפיל האַרץ אָפּגעגעבן דאָדיקן, געגלייבט אין זײַן צוקונפט. מיר וועלן נאָך צוזאַמען מיט דיר שפּילן אף איין בינע! — האָט זי געזאָגט דעם

יונגן באַגײַסטערטן דאַדיקן, װעלכער האָט ניט אופגעהערט צו טרוימען װעגן דעם מאָרגנדיקן טאָג. „קונסט פאַדערט קאָרבאַנעס!" — האָט לאַריסע ליב געהאַט איבערכאַזערן. — און דאָס, װאָס מיר טוען אַצינד, איז עפּשער פיל מאָל װיכטיקער פון אונדזער קונסט.

...װאַנדע האָט נאָך אַליין ניט געװוּסט, װאָס מיט אַזערנען קומט איצט פאָר. דאָס לעבן האָט זיך, דאַכט זיך, ניט אָפּגעשטעלט. דער טעאַטער־קאָלעקטיװ האָט פאָרגעזעצט רעפּעטירן נײַע פאָרשטעלונגען. מע האָט בלויז עקסטרע פאַרביטן די זינגערין לאַריסאַ אַזערנאַ מיט אַ צװייטער זינגערין, װעלכע איז דאָס גאַנצע לעבן מעקאַנע געװען לאַריסען אי אױף איר שטים, אי אױף איר אױסערלעכן אױסזען. דער טעאַטראַלער שנײַדער האָט אָפּדערגיך אָנגעהױבן צוו־ פּאַסן אַזערנעס קליידער צו דער פיגור פון דער נײַער זינגערין. דער אָנפירער פונעם אָרקעסטער האָט נאָכאַמאָל און װידעראַמאָל רעפּעטירט מיט איר ספּעציעל די ראָלן. ער האָט אָבער ניט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן, אַז די פרוילן אַזערנאַ האָט אין אָט דעם באַשטימטן אָרט געמאַכט אַזאַ און אַזאַ באַװעגונג. מע האָט װי אױסגעמעקט פונעם זיקאָרן לאַריסעס נאָמען, כאָטש דאָס איז שװער געװען צו טאָן, װײַל אין שטאָט האָט מען ליב געהאַט די װוּנדערלעכע זינגערין, און ניט אַלע, װאָס האָבן באַזוכט דעם טעאַטער, האָבן געװוּסט, אַז לאָרע זיצט פאַרשפּאַרט אין דער טפּיסע־קאַמער, װוּ מע טוט איר װאָס נעענטער צום טויט, אַז זי זאָל אָנרופן די נעמען פון די, װאָס האָבן זי אַרײַנגעצױגן אינעם שלאַכט קעגן דעם דריטן רײַך...

און דער אַזױגערופענער סאַבאָטאַזש האָט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער געשטיגן.

עס איז װידער געמאָלדן געװאָרן, אַז לױטן באַפעל פונעם שטאָדט־קאָמיסאַר ראַגאַהוש האָט מען צעשאָסן נאָך דרײַ הונדערט סאַבאָטאַזשניקעס. און אין דער זעלבער צײַטונג האָט מען געגעבן צו װיסן, אַז עס װערן געשפּילט אין דעם אָפּערע־טעאַטער (האַגאַם: נור פיור דױטשע!) די אָפּערעס „מאַדאַם בעטערפלײַ", „טראַװיאַטאַ", „קאַרמען", „פּיקאָװאַיאַ דאַמאַ", „פאַוסט" און די באַלעט־פאָרשטעלונגען „קאָפּעליאַ" און „די שװאַנען־אַזערע".

די אָנאָנסן האָבן געדאַרפט באַװײַזן, אַז דאָס לעבן אינעם „באַפרײַטן קיִעװ" גײט נאָרמאַל, אַז די שטאָט איז שוין ענדגילטיק געװאָרן אַ דײַטשישע שטאָט, אַ סימן: עס זײַנען שוין פאַרביטן געװאָרן די נעמען פון די גאַסן. פון איצט אָן און אױף װײַטער װעט פאַרגעסן װערן דער נאָמען קרעשטשאַטיק און רופן װעט מען אים יעגאַרנשטראַסע, די באַרימטע קיראָװ־גאַס האָט באַקומען דעם נאָמען: די גאַס פונעם דאָקטער טאָדט. אײניקע גאַסן װעלן האָבן דאָס גליק אָנגערופן װערן היטלער־שטראַסע, געריננג־שטראַסע, מוסאָליני־שטראַסע...

די געסטאַפּאָ און די פּאָליצײַ האָט װי מיט ליכט געזוכט די אָנצאָליקע פאַרברעכער, װעל־ כע רײַסן אַראָפּ די אַרױסגעהאַנגענע באַפעלן און פאַראָרדענונגען פון דער שטאָט־קאָמענדאַ־ טור און דאָרט, װוּ עס הענגען היטלערס פּאָרטרעטן, דאָרט װערן צוגעקלעפּט פלוגבלעטלעך. אין די אַנשטאַלטן, װוּ עס הענגען פּלאַקאַטן מיט אַן אונטערשריפט „היטלער, דער גרױסער באַפרײַער פונעם אוקראַיִנישן פאָלק", װערט דאָס װאָרט „באַפרײַער" פאַרביטן מיטן װאָרט „הענקער, מערדער, קאַט".

די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן געמאָלדן, אַז עס װערן אײַנגעלאַדן אױף צו דינען אין דער פּאָליצײַ מאַנצבלען פון אַכצן ביז פינף און פערציק יאָר, װעלכע האָבן אַ גוטע פּאָליטישע פאַרגאַנגענהײַט...

װאַסיל גאַרקושאַ איז געקומען צו אַגנעסען מיט דער צײַטונג, אין װעלכער עס איז געװען אָפּגעדרוקט אָט דער אַנאָנס.

— איר זעט! מע לאַדט אײַן, מע נײטיקט זיך אין אונדזער הילף.

— דיך האָט מען פאַרשפּאַרט אײַנלאַדן — ביסט פרײַװיליק אַליין דער ערשטער אװעק אין דער פּאָליצײַ!

— און כ'האָב קיין כאַראַטע ניט! — האָט װאַסיל אַ צופרידענער געענטפערט.

— און װאָס איז דער גליק אױף דיר?

— װײַל װוּ װאָלט איך איצט געװען, װען כ'װאָלט באַצײַטנס זיך ניט באַזאָרגט מיט אַזאַ שטעלע? די מערהײַט אונדזערע כלאָפּצעס, װעלכע האָבן מיך ניט געפאָלגט, זײַנען איצט װײס איך װוּ, אין דער פרעמד, און איך בין דאָ, באַ זיך אין דער הײם. װי פאַרשטײט איר דאָס ניט, מומעטשקע אַגנעסע?! אײַך אײַצע איך אױך זיך באַטראַכטן, כאָטש איר זײַנט, װי איר זאָגט, אַ פאָלקס־דױטשקע... נאָר עס קאָן גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז אַזעלכע, װי איר, װעט מען אױך אײַנלאַדן אױף אַרבעט אַהין, אין דײַטשלאַנד. דאָס הײסט, איר דאַרפט זיך בעטן, מע זאָל אײַך נעמען אױף אַ גוטער שטעלע...

— זאָג שוין, זאָג, װאָס דאַרף איך, לױט דײַן סײכל, טאָן?

— איך וואָלט אַף אײַער אָרט געוואָרן אַ דוואָרניק — דאָס איז איצט אַ גאַנץ בעקאָוועדיקע אַרבעט. אַ גוטער דוואָרניק איז אונדזער רעכטע האַנט. באַטראַכט זיך, מומעטשקע אַגנעסע!

— און וואָס וועט טאָן אונדזער דוואָרניק ניקאָלײַ?

— אײַער דוואָרניק ניקאָלײַ האָט מען שוין באַנאַכט צוגענומען. ער האָט, ווי עס לאָזט זיך אויס, ניט געגעבן צו וויסן, אַז אין איינער פון אײַערע קוואַרטירן האָט באַ זיך אין אַלקערל העכער אַ האַלב יאָר זיך אויסבאַהאַלטן איינער אַ גרוזינער ייִד, אַ קאָמוניסט.

— העכער אַ האַלב יאָר?! — האָט אַגנעסע אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— יאָ, יאָ! פון זינט ער האָט געמוזט גיין צוזאַמען מיט די איבעריקע ייִדן, לויטן אוקאַז, אינעם באַבי יאַר. כ׳האָב מוירע, אַז דער דוואָרניק ניקאָלײַ איז שוין אויך אַף דער עמעסער וועלט.

בייס זייער געשפּרעך האָט זיך פון טעאַטער אומגעקערט וואַנדע. ווי שטענדיק, קאַלט און צוריקגעהאַלטן האָט זי זיך באַגריסט מיטן פּאָליצײַ גאַרקושאַ.

— עפּעס ביסטו הײַנט באַזונדערס קאַלט צו מיר, — האָט גאַרקושאַ אַראָפּגענומען זײַנע שוואַרצע ברילן. — קוקסט אַף מיר, ווי דו וואָלסט מיך ניט דערקענט...

— פאַרקערט, הער גאַרקושאַ! ערשט אַצינד האָב איך דיך דערקענט און, דעם עמעס געזאָגט, רעדט, האָב איך זיך אַפילע ניט פאָרגעשטעלט, אַז דו ביסט אַזאַ...

— איז אַט שטעל זיך פאָר! און האָסט ניט וואָס באַרויִקן זײַן. פאַרקערט, עפּשער האָסטו מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס קיינער טשעפּעט דיך ניט.

— און פאַר וואָס קומט מיך טשעפּען? — האָט וואַנדע אופגעהויבן אַף אים אירע אויגן, אין וועלכע עס האָט אופגעפלאַקערט דאָס ביז איצט פאַרטײַעטע פײַערל פון סינע און פאַראַכטונג. — איך אַרבעט, איך בין געטרײַ דער נײַער אָרדענונג...

— ווען דו וואָלסט זײַן געטרײַ, — האָט ער זי איבערגעשלאָגן, — וואָלסטו זיך ניט געקאַוועט מיט דער גאַלעכטע.

— דו האָסט שוין פעסטגעשטעלט, אַז זי איז אַ פאַרברעכערן? — איז וואַנדע בלייך געוואָרן.

— דאָס וועט מען פעסטשטעלן אָן מיר. זי איז איצט אין געניטע הענט.

לאַריסע איז שוין ווירקלעך געווען אין הענט, וואָס זײַנען ביז די עלנבויגן געווען אין בלוט. מע האָט זי אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמער פון דער אינערלעכער טפיסע פון געסטאַפּאָ אַ צענעריקטע, אַ פאַרבלוטיקטע. די, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער קאַמער, האָבן שוין געוווסט, וואָס פאַר אַ סאָף עס דערוואַרט זיי. זייער גוירל איז שוין געווען באַשטימט און מיט לאַריסע אָזערנאַ האָט מען נאָך געפּרוווט ריידן „מיט גוטן", דערשלאָגן זיך באַ איר דעם עמעס. אייגנטלעך, קיין סאַך האָט מען פון איר ניט געפאָדערט, בלויז איין זאַך: זי זאָל אָנרופן דעם נאָמען פון איר שעף, דעם אָנפירער פון איר דרײַלינג.

גאַרקושאַ האָט ניט געוווסט גענוי דעם אינהאַלט פון דער פּאַרלויפיקער פאַרשונג. ער האָט נאָר צופעליק געהערט, אַז די זינגערין איז פאַרמישט געווען אין אַזעלכע אַקציעס, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די סאַבאָטאַזשניקעס. מע וועט זי געוויס אופהענגען אַפן פּלאַץ לעבן טעאַטער, אין וועלכן זי האָט געשפּילט, און זי וועט הענגען אַ גאַנצע וואָך מיט אַן אופשריפט: „אַ פאַרדינטע שטראָף".

נאָר דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ פליאַטקע, אַן אויסטראַכטעניש פון איינעם אַ געסטאַפּאָוועץ. אינדערעמעסן האָט מען די פּרווילן לאַריסאַ לאַנג ניט פאַרהאַלטן. אַפן פאַרהער, אַף וועלכן עס איז בײַגעווען דער שעף פון געסטאַפּאָ און דער ספּעציעלער פאַרשטייער פונעם רייכסקאָמיסאַר פון אוקראַיִנע, האָט אָזערנאַ זיך געהאַלטן, ווי געוויינלעך, רויִק, אָנשטענדיק. קיין שום באַשולדיקונגען ניט אָנערקענט, קיין שום נעמען פון אירע אָנפירער ניט אָנגערופן.

— איר האָט נאָך די מעגלעכקײַט זיך באַטראַכטן, פּרווילן אָזערנאַ...

— איך האָב שוין אַלץ באַטראַכט, — האָט זי געזאָגט רויִק און אַנטשיידן.

— אויב אײַער אייגן לעבן איז אײַך ניט זייער טײַער, איז האָט כאָטש ראַכמאָנעס אַף אײַער זיידן. ער וועט דאָך אײַך געוויס ניט מויכל זײַן אײַער אַקשאָנעס.

— ער וועט מיר ניט מויכל זײַן, אויב איך וועל ווערן אַ פאַררעטער. און איך האָב אַ לעבן אָפּגעלעבט ערלעך, און אויב מע מוז, וועל איך זיך אויך געזעגענען מיט דער וועלט, ווי אַן ערלעכער מענטש. און שלוס. מער וועל איך אײַך ניט ענטפערן אַף קיין שום פראַגן.

איצט האָט מען לאַריסען שוין ניט אָפּגעפירט אין קיין באַזונדער קאַמער. דער טפיסע-וועכטער, וואָס האָט ניט געוווסט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט זי אַ צענעריקטע און

א פאַרבלוטיקטע א שלײַדער געטאָן אפֿן קאַלטן שטײַנערנעם דיל. אומזיסט האָבן די פֿינף פֿרויען, מיט וועלכע זי איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין קאַמער, געוואַרט, זי זאָל זיך אומקערן, אומזיסט האָט זיך זיי געדאַכט, אַז בענעגייע איר וועלן די טאַלאַנים זײַן מער צוריקגע־האַלטן — פֿאַרט א זינגערן, פֿאַרט אן אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט.

ווען מע האָט זי אַרויסגעפֿירט אפֿן לעצטן פֿאַרהער, האָט זי אַפֿילו ניט באַוויזן זיך געזע־געזעגענען מיט די מענטשן, וועלכע זײַנען איר פֿאַר די פּאָר טעג געוואָרן נאָענט און אייגן.

די זעלבע נאַכט האָט מען לאַריסען צוזאַמען מיט נאָך פֿיר פֿרויען, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אפֿן טויט, צעשאָסן...

וועגן דעם אומקום פֿון דער שרעקלאָזער אויסשפּירערן האָט זיך וואַנדע דערוווּסט ניט מיטאַמאָל. ווו מע האָט זי באַערדיקט איז פֿאַר איר געבליבן א סאָד. און ווען שפּעטער מיט א פּאָר כאַדאָשים איז דאַדיק געקומען קיין קיִעוו, האָט ער וואַנדען געזאָגט:

— ווען איך ווייס כאָטש, ווו מע האָט זי באַגראָבן, וואָלט איך געבראַכט א ביסל קוויטן אַף איר קייווער...

...און געקומען איז דאַדיק קיין קיִעוו לויט א ספּעציעלער פֿאַראָרדענונג. דאָרט, אין באַ־שטאַנאָווקע, האָט ער מער ניט געקאָנט פֿאַרבלײַבן. זייער קלײנינקער אָטריאַד האָט זיך אַרײַנ־געגאָסן אין א גרויסער פּאַרטיזאַנישער פֿאַראייניקונג, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער באַרימטער סידאָר קאָוופּאַק. די פֿאַראייניקונג איז אַוועק אַף מײַרעוו, און דאַדיק איז דרײַ וואָכן אָפּגעלעגן בא האַרפּינען אפֿן אויוון מיט א שווערער לונגען־אָנצינדונג. דאָס האָט אים אין א געוויסער מאָס געהאָלפֿן זיך אַרויסדרייען פֿונעם געפֿאַר צו ווערן אַרויסגעשיקט אין דײַטש־לאַנד אַף אַרבעט. אָבער ווײַטער פֿאַרבליבן דאָ, אין באַשטאַנאָווקע, האָט ער שוין ניט גע־קאָנט, און דער קאָמאַנדיר האָט אים געזאָגט:

— פּרווו זיך אומקערן אהיים, עפּשער וועט דאָרט זיך דיר אײַנגעבן זיך אײַנאָרדענען. דאַדיק איז געקומען קיין קיִעוו און, ווי צו אן אייגענעם מענטשן, זיך געווענדט צו טי־מאָפֿיי דאַנילאָוויטשן, דעם קאַניוך פֿון דער בײַשטאָטישער ווירטשאַפֿט, וועלכער האָט אים ניט איין מאָל געזען, ווען אַנאַטאָלי איז נאָך געווען דער דירעקטאָר פֿון דער ווירטשאַפֿט.

טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש האָט זיך פֿאַר דעם יאָר שטאַרק געענדערט. ער האָט נאָך מער, ווי פֿריִער, פֿײַנט באַקומען דעם פֿאַרביסענעם נײַעם באַלעבאָס — באַגומיל פּאָליקאַרפּאָוויטשן, וועלכער האָט אַף יעדן שריט און טריט זיך אָנגעצונדן, ווי א פֿײַער:

— סאַבאָטאַזש, דאָס איז סאַבאָטאַזש!

די ערשטע צײַט האָט טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש זיך געפּרוווט אים דערווידערן, נאָר גאָר גיך האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דערמיט וועט ער אים נאָך מער צערייצן. באַגומיל איז געווען טיף איבערצײַגט, אַז יעדער איינער, וואָס איז ניט קיין דײַטש, איז א באַשעפֿעניש פֿונעם נידעריקן מין. טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש האָט אים אָפּט מיט זײַן שווײַגן נאָך מער צערייצט, אָבער געטאָן האָט ער אַלץ, ווי אן עמעסער געטרײַער אַרבעטער. אין דער ווירטשאַפֿט איז געווען אן אָר־דענונג. ס'האָבן בלויז געפֿעלט מענטשן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט מען ברענגען עטלעכע פֿאַר־דאָרבענע פֿרויען פֿון דער אַרבעטס־בירזשע, וועלכע האָבן צוליב א שטיקל ברויט און א ביסל זויערקרויט געהאָרעוועט, אבי ניט ווערן אַרויסגעשיקט קיין דײַטשלאַנד.

טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש וואָלט מיטן שענסטן פֿאַרגעניגן איבערגעלאָזט בא זיך אַף דער ווירטשאַפֿט אַנאַטאָליס ברודער, נאָר דאָס האָט ער ניט געקאָנט טאָן, ווײַל עס איז גוט באַוווּסט געווען, וואָס פֿאַר א ייִדן־פֿײַנט דער באַגומיל איז. און כאָטש בא וואַניען איז שוין געווען א גוטע אַאוסווײַזע, וואָלט באַגומיל גלײַך דערקענט, ווער דאָס באַכערל איז אַפּדערעמעסן.

— איך טרײַב דיך ניט, — האָט טימאָפֿיי געזאָגט. — פֿאַרקערט! נאָר אַלץ דאַרף מען טאָן מיט קאָפּ. טו א פּרווו דאָס מאַזל אין דעפּאָ. דאָרט, ווייס איך, נײַטיקט מען זיך זייער אין מאַנצבלשע הענט. און עס אַרבעטן דאָרט זייער ווױלע מענטשן, עמעסע אונדזערע מענטשן.

טימאָפֿייס קלוגע אײַצע האָט געבראַכט דאַדיקן אין דער דעפּאָ, ווו מע האָט רעמאָנטירט לאָקאָמאָטיוון. צווישן די פּאַכלײַט, וועלכע האָבן זיך פֿון פֿרי ביז שפּעט געפּאָרעט אין דעפּאָ, האָט דאַדיק גאַנץ צופֿעליק זיך באַגעגנט מיט איינעם אן אַלטן אין ברילן — ניקאָלײַ פּעטראָ־וויטש האָט ער געהייסן, וואָס האָט גוט געקענט אַנאַטאָלין, צוזאַמען מיט אים אַמאָל געאַרבעט אַף איין זאַוואָד. איצט האָט ער געהאַלטן אין איין טײַנען מיט דאַדיקן:

— דעריקער, סינאָק, זע, מע זאָל דיך ניט כוישעד זײַן אין סאַבאָטאַזש. די אַרבעט, זע איך, שרעקט דיך ניט. און דאָס איבעריקע — פֿאַרלאָז זיך אַף מיר. די זאַך באַשטייט איצט אָבער אין דעם, ווו וועסטו לעבן?

וואָס האָט אים דאַדיק געקאָנט ענטפֿערן אַף דער פֿראַגע?

— דו האָסט דאָ עמעצן? — האָט ניקאָלײַ פּעטראָוויטש געפֿרעגט. — עמעצער איז דאָ בײַ דיר געבליבן?

— געבליבן. נאָר זיך באַזעצן דאָרט קאָן איך ניט, ניקאָלײַ פּעטראָוויטש. סײַדן אַ פּרוּוו טאָן זיך דורכשמועסן מיטן אַלטן אַניסימען.

— און ווער איז דער אַניסים?

דאַדיק האָט דערציילט דעם אַלטן מײַסטער וועגן דעם, בײַ וועלכע אומשטענדן ער האָט זיך באַקאַנט מיטן בעסוילעם־וועכטער. אַניסים דערקאַטש איז איינער אַליין, האָט אַ גוט האַרץ און וועט זיכער ניט אָפּזאָגן.

— איז טו אַ פּרוּוו, סינאָק! כ׳וואָלט דיך גענומען צו זיך, נאָר מײַן אַלטע וועט מאַכן אַ טומל. זי איז בײַ מיר אַ שוואַכער מענטש און זינט מע האָט בײַ אונדז צוגענומען אונדזערע צוויי מיידלעך, קאָן זי קיינעם ניט אָנקוקן, רעדט ניט מיט קיינעם, הערט ניט אויף צו וויינען און פֿאַרשעלטן די וועלט. ניין, ניין, צו זיך וועל איך דיך ניט נעמען... נאָר מיט איינעם אונדזערן אַ יונגן הייצער, סלאַווקע, וועל איך דיך באַקאַנען, ער וועט דיר געפֿעלן ווערן!

דער אַלטער אַניסים האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ גאַסט און איז בעפֿיירעש גליקלעך געווען, ווען ער האָט דערזען דאַדיקן מיטן לײַוונטענעם טאָרבעלע אויפֿן אַקסל.

— האָסטו מיך, הייסט עס, ניט פֿאַרגעסן? ביסטו דאָך אַוודאי אַ מענטש!

— אַ מענטש זײַנט איר, פֿעטערל אַניסים, אויב דער ערשטער, וועגן וועמען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהער, זײַנט איר, פֿעטער אַניסים!

— לאַנג לעבן זאָלסטו, טײַערער וואַניע! ווײַל אויב גוט אַ טראַכט טאָן, איז איינזאַמקייט שווערער פֿון הונגער... אוי, די איינזאַמקייט... פֿריִער האָב איך זי גאָר אַזוי ניט געפֿילט, ווי אַצינד. עס זײַנען דאָפּקע פֿאַראַנען ווילע כּוורע, וואָס פֿאַרגעסן ניט אין מיר. זיי קומען צו מיר אין אַ נויט, קיין פֿרייד ברענגען זיי מיר ניט, און אַ מענטש קאָן ניט לעבן בלויז מיט צאָרעס און ווייטעקן. נאָר וואָס זאָלן מיר זיך מיט דיר באַקלאָגן אויף אונדזער גורל? דערצייל בעסער, וואָס מאַכסטו, וואָס הערט זיך בײַ דיר?

דאַדיק האָט אים גענוי דערציילט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע ער געפֿינט זיך. און אַז געקומען איז ער אַהער ניט בלויז אויף קיִווער־אָוועס — ער זוכט זיך אַן אָרט, ווו ער זאָל קאָנען צושפּאָרן דעם קאָפּ, ביז ער וועט זיך ניט געפֿינען קיין ווינקל, ווײַל צו זיך, צו זײַן אייגענער שטוב, האָט ער מוירע אַפֿילע צוגיין נאָענט.

— זײַ בײַ מיר, וויפֿל דו דאַרפֿסט!

דאַדיק איז געבליבן נעכטיקן אויפֿן בעסוילעם. דער קורצער הילצערנער טאָפּטשאַן, אויף וועלכן אַניסים האָט צוגעגרייט אַ געלעגער, איז פֿאַר וואַניען געווען ווי דאָס קינדער־וויגעלע בײַ זײַן מאַמען, נאָר דער שלאָף איז ווי אָפּצולאַכעס אַנטלאָפֿן פֿון אים. די זומער־נאַכט האָט זיך געצויגן מעשונע לאַנג. דאָס איז געווען אַ נאַכט פֿון טויזנטער כאַלוימעס — איינער גרויזאַמער פֿונעם אַנדערן. דאַדיק האָט ניט געגלייבט אין קיין כאַלוימעס, נאָר דאָס מאָל האָט ער אַזוי באַשײַמפּערלעך בוילעט געזען דאָס דאָרף ליסאָווע, דעם שוסטער יאָסיף מיט זײַן ווײַב דאָמאַכע. אים האָט זיך געבאַמבלט אַ כאָלעם, וואָזוי דער סטאַראָסטע מיכײַלאָ טשוב וויל אים פֿאַרקנאַסן פֿאַר זײַן טאָכטער, וועלכע איז אַנטלאָפֿן פֿון דער דײַטשישער קאַטאָרגע, און ער, דאַדיק, סטאַראַעט זיך איר דערוויזן, אַז די איינציקע קאַלע זײַנע איז וואַנדע, וועלכע איז די בעסטע אין דער וועלט, און וואַרט אויף אים און איז אים געטרײַ.

זײַן שלאָף האָט איבערגעריסן אַ פּלוצעמדיק שיסערײַ ניט ווײַט פֿונעם בעסוילעם. געשאָסן האָט מען פֿון אַ קוילנוואַרפֿער. אַניסים איז שוין געוווינט געווען צו אָט די נאַכט־שיסערײַען, און פֿאַר דאַדיקן איז דאָס געווען אַ נאָווינע. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט.

— שלאָף, שלאָף! — האָט אים געפּרוּווט באַרויִקן דער אַלטער וועכטער. — צו דיר האָט עס ניט... און מיר זײַנען שוין, ווי מע זאָגט, געוווינט צו אָט דער מוזיקע. בײַ אונדז איז דאָס אַ וואָכעדיקע זאַך.

ווידעראַמאָל אַנשלאָפֿן ווערן האָט שוין דאַדיק ניט געקאָנט. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט נאָך אַ פּאָר שאָ און איז אַוועק אין דעפּאָ.

מע האָט פֿונקט פֿאָרמירט אַ בריגאַדע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פֿעלט אַ געהילף פֿאַרן מאַשיניסט.

— ביסטו מאַסקים, סינאָק? טאָ פּרוּוו — וואָס דערלייגסטו דערצו?

דאָס מאָל איז די רעכטע האַנט בײַ דעם מאַשיניסט געווען סלאַוויק, יענער סלאַוויק, וועגן וועלכן ניקאָלײַ פּעטראָוויטש האָט אַנומלטן געזאָגט דאַדיקן, אַז ער איז איינער פֿון די כּאַשעווסטע כּעווערעלײַט אין דעפּאָ.

סלאוויקן דאַרף מען ניט אַרײַנלייגן קיין פינגער אין מויל. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. דאַדיק האָט אַף אים געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַן ערנסטן מענטשן, וואָס האָט שוין באַקומען אַ שטיקל דערפאַרונג דאָרט, אינעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד, אַז ער איז שרעקלאָז און אַז מע קאָן זיך אַף אים פאַרלאָזן.

— הייסט עס פאָרן מיר מיט דיר, וואַניע, קיין סאַך צײַט אַף דיך אויספּרוּוון האָב איך ניט. מאַסקים?

— נו, לאָמיר זאָגן, מאַסקים... און ווײַטער?

— ווײַטער באַשטייט די זאַך אָט אין וואָס, — האָט סלאוויק זיך געסטאַרעט געפינען די פּאַסיקסטע ווערטער אַף צו דערקלערן אים, דעם נײַעם געהילפס־קאָטשעגאַר דאָס וויכטיקסטע, — די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס הײַנטיקער רעיס איז אַ באַזונדערער רעיס! און אַז די באַגלייטער פונעם עשעלאָן וועלן זײַן מער, ווי געוויינלעך, וואַכזאַם. פאַרשטאַנען?

— נו, אויב דו זאָגסט, ווייסטו מיסטאָמע בעסער פון מיר.

— די נעכטיקע צײַטונג האָסטו געלייענט?

— פאָרן פינפטן? נאָך ניט געלייענט. וואָסי דען?

— איז אָט, נאַ, איוואַן טשופּרינאַ, נאַ, לייען און טראַכט זיך גוט אַרײַן. דאָס איז שוין, אייגנטלעך, ניט קיין נײַס, נאָר פונדעסטוועגן — לייען!

און דאַדיק האָט איבערגעלייענט די מעלדונג, וואָס איז געצאַסמעט געווען „מיליטערישער קאָמענדאַנט און רייכסקאָמיסאַר פון אוקראַינע”.

„יעדער, ווער עס וועט אומיטלבאַר צי צווישן אַנדערן שטיצן אָדער אויסבאַהאַלטן די פאַרטיזאַנער, סאַבאָטאַזשניקעס, בראָדיאַגעס, אַנטלאָפענע געפאַנגענע, אָדער וועט וועמען־ס'ניט־איז פון זיי געבן שפּײַז אָדער אַוועלכע־ניט־איז אַנדערע הילף, וועט פאַרמישפּעט ווערן צום טויט. זײַן גאַנץ פאַרמעגן וועט ווערן קאָנפיסקירט”...

— נו, דערפאַר האָב איך קיין מוירע ניט. קיין שום פאַרמעגן האָב איך ניט.

— לייען, לייען ווײַטער!

„אַזאַ שטראָף, — האָט דאַדיק ווײַטער געלייענט, — דערוואַרט אויך יעדן, ווער עס וועט ניט מעלדן דער פּאָליציי וועגן די פאַרטיזאַנער און סאַבאָטאַזשניקעס אָדער קריגסגעפאַנגענע פליטים, ניט געבן צו וויסן וועגן זיי דעם סטאַראָסטע אָדער דעם נאָענטסטן פּאָליציי־אָנפירער, מיליטער־קאָמענדאַנט אָדער דעם דײַטשישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אָנפירער. דער, ווער עס וועט מיט זײַן מעלדונג מיטהעלפן כאַפּן אָדער פאַרניכטן די פאַרטיזאַנער, בראָדיאַגעס, סאַבאָטאַזשניקעס אָדער פליטים, וועט באַקומען טויזנט קאַרבאָוואַנצעס אַלס באַלוינונג...” — אונד זאָ ווײַטער און ווײַטער, — האָט דאַדיק אַ שמיץ געטאָן די צײַטונג.

— איז אויב יעדער איינער קאָן באַקומען אַזאַ הויכע באַלוינונג, ליגן מיר זיי, ווײַזט אויס, גוט אין די ביינער. מאַסקים?

— איך ווייס ניט ווי דו, און איך בין דערווײַל אַ ליידיקגייער, — פון איין ברעג אַוועק, צו אַ צווייטן זיך ניט דערשלאָגן, ניט צוגעשטאַנען...

— איז אָט, וואַניע, האָסטו די מעגלעכקייט צושטיין צו אַן עמעסן ברעג.

— קאָנקרעט? וואָס דאַרף איך טאָן? — איז וואַניע מונטערער געוואָרן.

— דאָס וועל איך דיר, וואַניע, זאָגן, ווען מיר וועלן שוין זײַן אין רעיס. און דערווײַל... אָט האָסטו דיר דרײַ צענדליק פלוגבלעטלעך — מער האָב איך ניט! נאָר דרײַ צענדליק. מע דאַרף זיי אויפקלעפּן אַף די וואַגאָנען...

— ווי־אַזוי? — האָט דאַדיק גענומען די בלעטלעך אין האַנט.

— דאָס איז שוין דײַן זאַך! טו גוט אַ טראַכט. כ'מיין ניט, אַז איך בין קליגער פון דיר, מאַסקים?

— דאָס וועלן מיר שוין זען.

דאַדיק האָט שוין ניט איין מאָל געהאַט צו טאָן מיט פלוגבלעטלעך אין ליסאָווע און אין באַשטאַנאָווקע, ער האָט זיי אַפילע אַליין מיט זײַן האַנט ניט איין מאָל איבערגעשריבן, אָבער פאַנאַנדערקלעפּן זיי אַף די וואַגאָנען איז אים ניט אויסגעקומען. דאָ האָט מען געמוזט זײַן באַזונדערס פאָרזיכטיק!

— מעל אַף צו פאַרפאַרען אַ ביסל פּאַפּ וועסטו נעמען בײַ דער מומע דאַשע אין קיך. זי וועט בײַ דיר פרעגן, נאָך וואָס דאַרפסטו עס, וועסטו איר זאָגן: אַף האַלושקעס מיט קנאָבל...

ביידע האָבן זיי זיך צעלאַכט, און דאַדיק איז אַוועק צו דער קעכן דאַשע. דאָס איז געווען די ערשטע שליכעס אין די נײַע פאַר אים אומשטענדן.

מיט סלאוויקן האָט זיך דאַדיק זייער גרינג צונויפגערעדט וועגן די מינדסטע קלייניקײַטן.

ער האָט אים אפילו פּאָרטרעט, אַז ווי ער זאָל ניט זײַן און וואָס ער זאָל ניט טאָן, הערט ער ניט אויף צו טראַכטן וועגן וואַנדען.

— ווי לאַנג האָסטו זיך מיט איר ניט געזען?

— אײַנגיכן וועט ווערן א יאָר.

— ביסט זיכער, אַז זי איז נאָך דאָ, אַז מע האָט זי ניט אַרויסגעשיקט?

— ניין, זי איז דאָ. מיט א פּאָר וואָכן צוריק איז זי געווען בא מײַן אַניסים פּעטראָוויטשן. ווען עס וואָלט מיט איר עפּעס געשען, וואָלט ער געוווּסט דערפון.

דרײַ מעסלעס האָט געדויערט דער רעיס, אין וועלכן איוואַן טשופּרינא (אַזוי האָט מען דאָדיקן איצט דאָ גערופן) האָט אַנטיילגענומען אַלס געהילפס־קאָטשעגאַר. אין וועג האָט מען אים פאַרטרויט אַנטיילנעמען אין איינער אַן אַקציע, וועגן וועלכער ער האָט פריִער בלויז געהערט. די אַקציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס א טייל וואַגאָנען זײַנען אין וועג אָפּ א העלפט געוואָרן ליידיק. די טוווּע האָט זיך אויסגעשאָטן דורך די אָפּגעריסענע ברעטער אין די וואַגאָנען, און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי גערן צונויפגענומען פאַר זיך. דערצו האָט וואַניע צוגעלייגט א האַנט, נאָר קיינער האָט אים ניט געקאָנט כוישעד זײַן, ווײַל ער איז דאָך די גאַנצע צײַט געווען פאַרנומען מיט זײַן אַרבעט אין לאָקאָמאָטיוו. ווען מע האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט, האָט אים סלאַוויק א זאָג געטאָן:

— איך וואָלט אָף דײַן אָרט פונדעסטוועגן א פרווו געטאָן זיך באַגעגענען מיט דײַן וואַנ־דען. זי וואַרט דאָך אוואַדע אָף דיר.

14

דער נײַער קיִעווער ייִדישער בעסוילעם איז פאַרלאָזט און פּוסט. בישכיינעס מיט אים האָט זיך געפונען דער שרעקלעכער אַלגעמיינער קיִעווער פון צענדליקער טויזנטער אומגעקו־מענע און אומגעבראַכטע, נאָר אַהער, צו דעם פאַרגעסענעם הייליקן אָרט, איז איצט קיינער ניט געקומען, און דער וועג צו אים און די אָנצאָליקע שטעגעלעך צווישן די מאַציייוועס זײַנען געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז. בלויז אַרום לייב לאַזעבניקס קייווער איז געווען צוגערױמט. דאָס האָט שוין דאָדיק צוגעלייגט א האַנט. אַלע מאָל, ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון דער אַרבעט, איז ער קוידעמקאָל צוגעגאַנגען צו דער מאַמעס קייווער, ווי ער וואָלט געקומען אָפּ־געבן איר א דין־וועכעזשבן פאַר דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

אין די שאָען, וואָס דאָדיק האָט פאַרבראַכט לעבן דער מאַמעס קייווער, האָט ער געהאַט א מעגלעכקײַט זיך דערמאַנען אין דער גאַנצער מישפּאָכע, אין די ברידער און שוועסטער, עס האָט זיך אים זייער געוואָלט באַגעגענען מיט דער אַלטער מומע נאַסטיע און טאַקע מיט וואַנ־דען. זיך באַגעגענען און זיך דורכשמועסן. צי עפּשער האָט זי דאָס לעבן געצווונגען פאַרגעסן אין אים?

ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, צוגעקעמט, אויסגעפּרעסט די איינציקע פּאָר הויזן.

— וווהין קלײַבסטו זיך עס, וואַניע? — האָט אים געפרעגט אַניסים.

— אָף א באַגעגעניש, פּעטער אַניסים.

— זי וואַרט אָף דיר? — האָט אַניסים וויליונגעריש א ווונק געטאָן.

— לאָמיר האָפן, אַז יאָ.

— און עפּשער האָט זי שוין עמעצער אויסגעכאַפּט? אַזוינס קאָן אויך אַמאָל טרעפן... נאָר אויב עס גלוסט זיך דיר אַזוי, איז גיי און זײַ מאַצליִעך!

ער איז געגאַן מיט די הינטערגעסלעך און איז זיכער געווען, אַז מיט קיינעם וועט ער זיך ניט באַגעגענען, ווײַל די, וועלכע האָבן ניט באַוויזן אַרויספאָרן ביזן בלוטיקן פּרײַטיק, זײַנען לויטן אוקאַז אוועק אין באַבי יאַר. אַן אַאוסווײַזע האָט ער א גוטע און פאַר קיין שום פּאַטרול צי פּאָליצײַ האָט ער קיין מוירע ניט. קוידעמקאָל וועט ער זיך אַרײַנכאַפּן צו נאַסטיען און זי וועט אים טאָן די טויווע — א רוף טאָן וואַנדען.

אַזוי טאַקע האָט ער געטאָן.

נאַסטיע האָט אים גלײַך דערקענט, כאָטש עס איז שוין אַדורך א יאָר, זינט מע האָט זיך דאָס לעצטע מאָל געזען. אַן אויסגעדאַרטע, א פאַרדאַרבענע, האָט זי זיך קוים אופגעהויבן פונעם געלעגער.

— זע נאָר — דאָדיק! ווי קומסטו אַהער, דאָדיק?

— וואַניע, וואַניע רופט מען מיך אַצינד. איוואַן טשופּרינא בין איך לויט מײַן אַאוסווײַזע,

און וואָס איז שײַעך ווי איך קום אַהער, איז לאַנג צו ריידן, און קיין סאַך צײַט דערויף האָב איך ניט, מומע נאַסטיע. אַט זעט איר, אַ ביטע צו אײַך, דאָס האָב איך יאָ.

— וואָס, אַשטייגער? זאָג, זאָג, וואַניע?

— איר זאָלט זײַן אַזוי גוט און מיר אַרויסרופן וואַנדען. איר קענט זי, וואַנדען?

— אַוואַדע קען איך זי! ווען דו קומסט פריִער מיט אַ פּאָר שאָ, וואָלסטו זי בײַ מיר געטראָפן... אָט אָ־דאָ איז זי געזעסן, בײַ מײַן טיש, ווי זי וואָלט זײַן מײַנע אַ כאַווערטע. נאָר ווי קומט זי צו דיר? — האָט נאַסטיע געזאָגט אינדערשטיל, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, עמעצער זאָל דערהערן. — מיט מיר האָט זי געשמועסט, דערציילט, ווי זי לעבט איצט. מיר האָבן אויך דיך דערמאָנט... זי טאַנצט איצט מיט איינעם אַ טענצער. נאָר ווי קומט ער צו דיר! — אַזוי האָט זי מיר געזאָגט, — מיט דיר האָט זי געהאַט פאַרגעניגן פונעם טאַנצן און מיט אים איז דאָס בײַ איר ווי אַן אָפּקומעניש.

— און ווי פילט זי זיך ביכלאַל?

— וואָס פרעגסטו! זינט זי האָט פאַרלוירן איר כאַווערטע... האָסט דאָך מיסטאַמע געהערט וועגן איר גרויסן אומגליק, וועגן דעם גאַלעכס איידיקל...

וועגן דעם אומקום פון לאַריסע אָזערנאַ האָט דאַדיק שוין געהערט. ער האָט אָבער ניט געמיינט, אַז וועגן דעם ווייסט שוין די שטאָט.

— איר האָט נאָך אָפּגעגליקט, כ'מיין וואַנדען, זי האָט מען ניט געטשעפּעט, כאָטש די געסטאַפּאָ האַלט אין איין דערפרעגן זיך, מיט וועמען איז די באַרימטע זינגערן געווען פאַרבונדן, מיט וועמען זיך געכאַווערט. וואַנדע וועט דיר אַלץ דערציילן. — און נאַסטיע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר געלעגער און איז אַוועק צו וואַנדען אין שטוב, וואָס איז נאַסטיען אַזויפיל יאָרן באַקאַנט געווען, ווי די שטוב פון די לאַזעבניקס.

בײַם אַרײַנגאַנג אין דער פאָראַדנע טיר האָט זי באַגעגנט אַגנעסען. אַך, ווי זי האָט זיך עס געענדערט! — האָט נאַסטיע אַ טראַכט געטאָן, דערזעענדיק די צעפּאַטלטע האָר, וואָס זײַנען איצט געווען צונטער־רויט געפאַרבט. איצט איז אַגנעסע געוואָרן דער דוואָרניק פון הויף, זי האָט פאַרביטן דעם צעשאָסענעם פּעטער ניקאָלײַ. און ווײַל זי האָט איצט געהאַט צו טאָן מיט די פּאָליציי־לײַט און מיט דער דײַטשישער אופראַווע, האָט זי זיך געסטאַרעט אויף יעדן קער, מיט יעדער קלייניקייט אונטערשטרײַכן, אַז זי איז קימאַט אַ דײַטשקע.

אַגנעסע פלעגט אַמאָל באַגעגענען נאַסטיען און אַפילו אָפּט געשמועסט מיט איר. איצט אָבער האָט זי געקוקט אויף איר מיט אַ פּאָר פרעמדע אויגן, ווײַל, אייגנטלעך, וואָס איז זי איר? נאָך נאַסטיע איז פאָרט געגאַן צו איר פּלעמעניצע, צו וואַנדען, וועלכע איז גראַדע געווען אין דער היים.

וועגן דעם, אַז די מומעטשקע אַגנעסע איז געוואָרן אַ דוואָרניק, האָט נאַסטיע גוט געוווּסט, זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וויאַזוי אַ באַשיידענע נייטערן וועט אויסזען מיט אַ גרויסן בעזעם אין די הענט, אין אַ ווײַסן פאַרטעך, מיט אַ גרויסן בלעכענעם נומער אויף דער ברוסט.

— צו וועמען גייט איר עס? — האָט אַגנעסע באַטראַכט די אַלטע.

— צו דיר, מײַן טײַערע. האָסט זיכער ניט געוואַרט אויף מיר, אַ?

— דעם עמעס געזאָגט, ניט געוואַרט. וואָס פאַר אַ געשעפט האָט איר צו מיר? מיט קיין שנײַדערײַ פאַרנעם איך זיך איצט ניט.

— שנײַדערײַ... וועמען ליגט איצט אין קאָפּ שנײַדערײַ?! די עטלעכע שמאַטעס, וואָס זײַנען מיר פאַרבליבן פון אַמאָל, האָב איך שוין לאַנג אויסגעביטן אויף הירזש און קאַרטאָפליעס...

— דאָס איז איצט ניט קיין נאָווינע. אַלע פאַרנעמען זיך דערמיט. יאָ, איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט? און נאָך וואָס זאָלט איר זיך מאַטריִען זײַן און שלעפּן זיך אויפן דריטן שטאָק. איר קאָנט מיר דאָ זאָגן.

— אייגנטלעך, דאַרף איך ניט צו דיר, צו דײַן פּלעמעניצע וואַנדען דאַרף איך.

— אַך, צו וואַנדען? און וואָס האָט איר מיט איר פאַר אַ געשעפט?!

— געשעפט, געשעפט! וואָס עפּעס — געשעפט? מיט קיין געשעפט פאַרנעם איך זיך ניט זינט איך לעב, נאָר אַן איניען צו איר האָב איך.

— וואָס זשע פאַר אַן איניען, צום בײַשפּיל?

נאַסטיע איז געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט — ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן, זי האָט זיך ניט צוגעגרייט צו אַזאַ באַגעגעניש מיט דער פאָלקסדויטשקע. זאָגן איר, אַז זי איז אַ שאָליִעך פון דאַדיקן, וועלכן מע רופט איצט איוואַן טשופּרינאַ, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר ניט. וואָס זשע יאָ? אומגעריכט איז איר געקומען דאָס פּאַסיקע וואָרט אויפן זינען:

— כ'מיין, עפּשער וועט זי זײַן אַזוי גוט און מיך אונטערהאַלטן אין מײַן שווערער לאַגע.

כ׳מיין, עפשער וועט זי מיר אנטלײַען א פּאָר קאַרבאָוואַנצעס, ווײַל כוץ איר האָב איך ניט צו וועמען זיך ווענדן.

— „כוץ איר"... און וואָס איז זי אײַך פאַר א קרוויווע?!

— נו, קיין קרוויווע ניט, אָבער אַמאָל, געדענק איך, ווען דאָ האָבן נאָך געלעבט די לאָזעבניקס, טאַקע דאָ, אפן דריטן שטאָק, ווען די שטילע טויב, די שטענדיק פאַרדײַגעטע באַלעבאָסטע פון דער גרויסער שטוב האָט נאָך געלעבט...

— איז וואָס, אויב זי האָט דאָ געלעבט? — איז אַגנעסע אין קאַס געוואָרן.

— איז פלעג איך זי אַמאָל טרעפן דאָ — זי האָט זיך דאָך געכאַווערט מיט לייזע לאָזעבניקס קינדער, געטאַנצט אײנײנעם, איר ווייסט דען ניט?

— „געטאַנצט אײנײנעם"... איצט טאַנצט זי שוין מיט אַנדערע. און איך בעט אײַך: הערט מיר אויף צו דערמאָנען, וואָס אַמאָל איז געווען. און מיט איר זאָלט איר אויך ניט דערוועגן זיך צו ריידן, וואָס אַמאָל איז געווען. פאַרדולט איר ניט דעם קאָפּ מיט אײַערע מײַסעס. קומט, זי איז גראַדע אין דער היים, נאָר קיין געלט זאָלט איר בא איר ניט בעטן, ווײַל קיין געלט האָט זי ניט, און אַף מײַנע עטלעכע גראָשנס זאָלט איר ניט אויסרעכענען. וואָס באַקומען מיר אַצינד? גראָשנס.

מע האָט זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק, און ווען אַגנעסע איז אליין אַרײַן אין קיך אַראָפּנעמען פון זיך דעם פאַרטעך מיט דער „בליאכע", האָט נאַסטיע באַוויזן אײַנרוימען דעם סאָד דער פאַרשלאָפענער וואַנדע.

— ער איז בא מיר און בעט דיך, זאָלסט צו אים אַרײַנגיין...

דערהערנדיק, ווי אַגנעסע קערט זיך אום פון קיך, האָט נאַסטיע אַף א קאָל פאַרגעזעצט:

— נאָר אַף דיר איז מײַן אייניציקע האָפענונג. איך דאַרף ניט קיין סאָך.

וואַנדע האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אז דער געשפּרעך וועגן דער האַלוואָע איז ספּעציעל פאַר דער מומעס וועגן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— קיין סאָך, זאָגט איר? ווי קומט צו מיר א סאָך? דאָס געהאַלט, וואָס דער הער בליוקנער צאָלט אונדז, קלעקט קוים אַף אויסצוקויפן די „לעבנסמיטלען", וואָס מע טיילט אונדז אויס.

— איז עפשער וואַלגערט זיך בא דיר אַן אַלט מאַלבעש, וואָס דו טראָגסט שוין ניט. איך וועל עס אויסבײַטן אפן מאַרק.

אַגנעסע האָט אָנגעקוקט די אַלטע, ווי א מעשוגענע. ווער צעוואָרפט זיך עס איצט מיט אַלטע מאַלבושים? און ווער איז זי, אָט די אַלטע? מע איז דאָך ווילד פרעמדע מענטשן! נאָר זאָגן איר אַלץ, וואָס זי טראַכט וועגן אירע באַקאָשעס, האָט אַגנעסע דאָך זיך ניט דערוועגט.

— כ׳וועל אײַך שענקען מײַנס אַן אַלט רעקל, און לאָמיר דערמיט ענדיקן. זוכט אײַך מער פאַרמעגלעכע. — אַגנעסע האָט דערלאַנגט פונעם שראַנק אַן אָפּגעריבן רעקל, וואָס זי האָט שוין ניט איין מאָל אַן דערפאָלג געפּרוווט אויסבײַטן אפן מאַרק, — אָט, נעמט... עפשער אין דאָרף וועט איר פאַר דעם עפּעס־וואָס אויסבײַטן...

— נעמט, נעמט, שעמט זיך ניט! — האָט וואַנדע צו איר א ווונק געטאָן, — אין אזא צײַט איז ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. דערצו זײַנט איר דאָך איינע אליין! אַף וועמענס הילף קאָנט איר אויסרעכענען?

נאַסטיע האָט גענומען דאָס רעקל, באַדאַנקט און אוועק אהיים. איר איז געווען וויכטיק, וואָס זי האָט אויסגעפּילט דאַדיקס ביטע.

אין א שאָ ארום איז שוין וואַנדע געזעסן מיט דאַדיקן אפן אַלטן דיוואַן. זיי זיצן, קוקן איינס דעם צווייטן אין פּאָנעם אַרײַן און ווייסן ניט פון וואָס אָנצוהויבן. וויפל מאָל האָט ער פאַרן יאָר געטרוימט וועגן אזא באַגעגעניש, געטרוימט און זיך פאַרגעשטעלט, וואָס ער וועט איר זאָגן און וואָס זי וועט אים ענטפערן. אויך זי האָט ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי וועט אים זאָגן, ווען עס וועט זיי באַשערט זײַן זיך זען.

— נו, איז ווי זשע פילסטו זיך אַצינד אין דײַן טעאַטער?

— „מײַן טעאַטער"... מײַן אומגליק, וואָלסטו בעסער געזאָגט! אַלע מאָל דאַכט זיך מיר, אַז אָט וועט אַרײַנקומען לאַרע, מיר דאַכט זיך אפילע, אַז איך הער איר שטים. פרעג ניט, דאַדיק, דאָס איז א גרויסער אומגליק, א פאַרלוסט, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זי האָט דאָך אזויפיל גוטס געטאָן פאַר מיר.

— כ׳מיין, אז ניט נאָר פאַר דיר, — האָט דאַדיק באַמערקט.

— ווען ניט זי, וואָלט איך שוין זיכער ערגעץ געפוילט אין אויסרײַסעניש. מע האָט דאָך קימאַט אַלע מײַנע כאַווערטעס שוין אַרויסגעפירט קיין דײַטשלאַנד. נאָר וואָס דערצייל איך דיר? אליין ווייסטו דען ניט?! זאָג מיר בעסער, וואָס דו מאַכסט, ווי לעבט זיך דיר, דאַדיק, טײַערער.

— ערשטנס בין איך ניט דאַדיק, נאָר וואַניע. איוואַן טשופּרינא — זייער א שיינער און א באַקוועמער נאָמען! די דײַטשן רופן דאָך אַלע רוסישע איוואַן. דער רוסישער איוואַן ליגט זיי גוט אין די ביינער. נו, בין איך איוואַן און אַרבעט אצינד אַף דער אײַזנבאַן. קיינער קען מיך ניט, כוץ איינעם א ווילן כעוורעמאַן — סלאַוויק... ער וואָלט דיר אויך געפעלן ווערן. מיר האָבן זיך מיט אים זייער באַפרײַנדעט. אויב מיר וועלן לעבן בלײַבן, וועסטו געוויס הערן זײַן נאָמען צווישן די בעסטע און דרייסטע יונגע קאָמוניסטן. מע האָט אים ערשט נעכטן אַנגענומען אין פּאַרטיי.

— און דיך, איוואַן טשופּרינא?

— איך בין נאָך א גרינינקער. איך האָב נאָך גאָרניט אופגעטאָן. נאָר אויב כ׳וועל לעבן בלײַבן, וואַנדע, אויב מיר וועלן בלײַבן לעבן...

— מיר געפעלט ניט, וואָס אַף יעדן שריט און טריט זאָגסטו „אויב". וואָס דען וועסטו? אוודאי לעבן! אַזעלכע, ווי מיר, טאָרן ניט שטאַרבן, מיר דאַרפן נאָך נעקאָמע נעמען פאַר לאַרען.

— גוט וואָלט געווען, ווען מיר זײַנען צוזאַמען, — האָט דאַדיק מיט א זיפץ געזאָגט און א גלעט געטאָן איר ברוינע קאַלטע האַנט.

— צוזאַמען... ווי קאָנען מיר זײַן צוזאַמען? סײַדן פאַרלאָזן דעם טעאַטער און זיך לאָזן ערגעץ אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. נאָר וועגן דעם קאָן דאָך קיין רייד ניט זײַן! איצט זײַנען מיר ניט בא זיך אין די הענט. יעדערער איז דאָרט, וווּ ער דאַרף און מוז זײַן. אָט זעסטו, באַגעגענען זיך וואָלטן מיר עפּשער געקאָנט אָפטער, לאָמיר זאָגן, בא דעם אַלטן אָניסים. כ׳מיין, ער וועט ניט דערווידערן, אויב ער וועט וויסן, אַז מיר זײַנען מיט דיר אָפּגענומעסן טײַער איינס דעם צווייטן, אויב מיר האָבן ליב...

— ווי דאָס לעבן! — האָט דאַדיק באַגײַסטערט אויסגעשריגן און זי הייס אַרומגענומען און א קוש געטאָן אַזוי, ווי ער האָט זיך טאַקע פאַרגעשטעלט אין זײַנע זיסע כאַלוימעס.

לאַנג פאַרהאַלטן זיך האָט וואַנדע ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט — הײַנט האָט זי באַדאַרפט אַרויסטרעטן אין א פאָרשטעלונג, טאַנצן מיט א נײַעם קאַלעגע, וועלכער איז איר אַזוי אומאָנגענעם געווען, נאָר קיין אַנדער ברירע האָט זי ניט געהאַט. די לעצטע צײַט, זינט מע האָט אומגעבראַכט לאַרען, האָט וואַנדע זיך באַמיט זײַן שטילער און צוריקגעהאַלטענער, ווי געווייג־לעך. מ׳האָט זיך צונויפגערעדט, אַז איבעראַכטאָג מאָנטיק, ווען וואַנדע וועט האָבן א פרײַען טאָג, וועט זי קומען צו אים אָפּן הייליקן אָרט.

זיי האָבן זיך ווידער צעקושט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס איז דער לעצטער קוש זייערער. דאַדיק האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן עטלעכע מינוט נאָך וואַנדעס אַוועקגיין.

— איך וואָלט געדאַרפט דיך מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן, — האָט זיך נאַסטיע ווי פאַרענט־פערט פאַרן גאַסט, — נאָר וועסט מיר מוזן מויכל זײַן. כוץ אָט דעם ביסל שאָלעכץ פון קאַר־טאָפל האָב איך אין שטוב גאָרניט. זאָל שוין זײַן א צווייט מאָל!

— אַן אַנדערש מאָל וועל איך שוין אײַך מעכאַבעד זײַן! האָט קיין יעסורים ניט. איר האָט מיך מעכאַבעד געווען מיט אַזא באַגעגעניש... — ער האָט אַרומגענומען די אַלטע פרוי אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן אייגענע מאַמע.

א גליקלעכער, איז ער אַרויס פון נאַסטיעס שטוב. איז, הייסט עס, ניט אומזיסט געווען זײַן גלייבן, אַז מע וועט זיך נאָך באַגעגענען און מע וועט נאָך גליקלעך זײַן. דער הימל איז נאָך, הייסט עס, ניט בא דר׳ערד. נאָך אַלע ניסיוינעס, נאָך אַלע אויספּרווון, נאָך די שווידער־לעכע טעג און וואָכן פון בענקען, לײַדן און וואַרטן אַף נאָך גרעסערע אויספּרווון און געפאַרן, איז געקומען די פריידיקע באַגעגעניש. און אויב אַלץ וועט זײַן ניט ערגער, ווי עס איז הײַנט־צו־טאָג, וועט ער זיך איבעראַכטאָג מאָנטיק ווידער זען מיט איר. דער אַלטער אָניסים וועט אים דערלויבן זי אופנעמען בא זיך, ווי דעם טײַערסטן גאַסט. ס׳קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז ער זאָל דערווידערן? ער איז דאָך אויך אַמאָל געווען יונג און, ווערדליק ער דערציילט, איז ער אויך פאַרליבט געווען סאַקאַנעס־נעפּאָשעס.

דאַדיק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די עטלעכע טרעפּלעך און זיך געלאָזט צו דעם בעסוי־לעם מיט די זעלבע הינטערגעסלעך, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אַף דער באַגעגעניש מיט וואַנדען. נאָר איצט האָבן די געסלעך אויסגעזען גאָר אַנדערש. ס׳האָט געקאָנט דאַכטן, אַז די ערד, די ווענט, די זומערדיקע סיטקעלעך אַרום די נידעריקע שטיבלעך — אַלץ האָט געזונגען און אים באַגריסט.

נאָר אָט איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אין שוואַרצע קליידער א פּאָליצײַ. דאַדיק האָט אים גלײַך דערקענט — דאָס איז געווען וואַסיל גאַרקושאַ.

— זע נאַר, דאַדיק! — האָט גאַרקושאַ, ס׳קאָן הייסן, פּריַינטלעך, אויסגעשריגן, — לאַזעבניק! אַ לעבעדיקער! ווי קומסטו אַהער?

„וואָס ענטפערט מען אים, — האָט, ווי אַ בליץ, זיך דורכגעטראָגן אין דאַדיקס מויעך, — זאָגן אים, אַז ער האָט אַ טאָעס, דער פּאָליציַי, אַז ער איז ניט דאַדיק און ניט לאַזעבניק, ער איז איוואַן טשופּרינאַ... און עפּשער פאַרקערט: ריידן מיט אים, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן? סאַפּקאָלסאָף, וואָס קאָן ער האָבן צו אים? דאָדיק האָט אָף אים אופגעהויבן זײַנע דערשראָ־קענע אויגן:

— וואָס הייסט ווי איך קום?! אַז מע לעבט, קומט מען!

— הייסט עס, לעבסטו נאָך, פאַרפלוכטער יודע!

— וואָס עפּעס „יודע" און פאַרוואָס „פאַרפלוכטער"? פון ווען אָן בין איך עס בא דיר געוואָרן אַ פאַרפלוכטער? עפּעס געדענק איך ניט, דו זאָלסט מיך פריִער אַזוי אָנרופן.

— פריִער... פריִער האָסטו מיך ניט געקאָנט אָנקוקן, מיך פאַרהאַסט, ווי אַ קרעציקן הונט, און אַצינד — פאַרקערט! אַלץ איז אַצינד פאַרקערט! איצט פאַרהאַס איך דיך! באַוויַיז די אַאוסוויַיזע, אָבער שנעלער! שנעלער!

דאָדיק האָט אים דערלאַנגט זײַן אַאוסוויַיזע. גאַרקושאַ האָט זי געגומען אין די הענט און זיך שיר ניט צעלאַכט.

— טשופּרינאַ?! ס׳הייסט: דו ביסט איוואַן טשופּרינאַ?!

— און אויב ניט טשופּרינאַ, איז וואָס, — האָט דאָדיק קוים אויסגעשטאַמלט.

דער פּאָליציַי האָט אַרײַנגעלייגט די אַאוסוויַיזע אין קעשענע און אַ באַפעל געטאָן:

גיי! דאָרט וועט מען שוין פעסטשטעלן, וואָס פאַר אַ טשופּרינאַ דו ביסט. הער אַ מײַסע! טשופּרינאַ! און פאַרוואָס ניט גאַרקושאַ, לאָמיר זאָגן?!

דאָדיק וואָלט אים געזאָגט: בעסער שטאַרבן, איידער טראָגן דײַן נאָמען, נאָר וואָס וועט ער זיך שטעלן אויסטײַנען מיט אָט דעם מערדער?

— גיי! — האָט גאַרקושאַ ווידער אַ זאָג געטאָן מיט ביטל און האַס, — גיי, און האָב אין זינען: וועסט פּרוּוון אַנטלויפן, וועט דיך דעריאָגן מײַנע אַ קויל, האָב אין זינען, — און גאַרקו־שאַ האָט אַרויסגענומען פון דער זײַט־קעשענע דעם נאַגאַן.

— לויפן וועל איך ניט, — האָט אים דאָדיק רויִק געזאָגט, — נאָך וואָס?! כ׳פאַרשטיי נאָר ניט: וואָס האָסטו צו מיר?! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט, וואַסילי?

— ערשטנס, בין איך דיר ניט וואַסילי!

— אַנטשולדיק...

— ערשטנס, בין איך דיר ניט וואַסילי! און, צווייטנס, איז דײַן פראַגע אַ נאַרישע פראַגע. איך האָב צו דיר דאָס, וואָס איך האָב צו אַלע זשידעס און קאָמוניסטן. און, דריטנס האָב איך מיט דיר אַן אַלטן כעזשבן, איוואַן טשופּרינאַ...

— וואָס פאַר אַ כעזשבן?

— טו זיך גוט אַ דערמאָן, וועסטו פאַרשפּאָרן פראַגן... גיי, גיי, זאָגט מען דיר! — און ער האָט מיט דער רער פונעם נאַגאַן אַ שטויס געטאָן דאָדיקן אין דער פּלייצע, — גיי! און האָב אין זינען, וואָס איך האָב דיר געזאָגט!

דאָדיק האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און איז מיט לאַנגזאַמע טריט אוועק צו דער פּאָליציַיי־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז געווען דאָ ניט ווײַט לעבן דער אופּראַווע.

...די אומגליקלעכע באַגעגעניש האָט ווי מיט אַ שווערער האַק אַ קלאַפּ געטאָן אין דאָדיקס שלייפן. ער האָט ניט באַוויזן אפילו גוט באַטראַכטן זײַן דורכפאַל, ווי גאַרקושאַ האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין איינעם פון די טונקעלע און שמוציקע צימערן, אין וועלכע עס זײַנען גע־זעסן עטלעכע פּאָליציַיאַנטן, געזעסן און געוואַרט אָף אַ נײַעם קאָרבן.

גאַרקושאַ האָט זיי דערלאַנגט דאָדיקס אַאוסוויַיזע און אַ צופרידענער געזאָגט:

— באַקומט נאָך איינעם! אָט! איך קען אים נאָך פון אַמאָל. אַ זשיד!

איינער פון די פּאָליציַיען, קענטיק, דער עלטערער צווישן זיי, האָט געגוי באַטראַכט די צײַגעניש.

— ביסטו, הייסט עס, איוואַן טשופּרינאַ? נו, נו! זאָל זײַן טשופּרינאַ! וואָס זאָגט איר עפּעס אָף אַזאַ טשופּרינאַ, — האָט זיך געווענדט צו די פּאָליציַיען דער עלטערער, און זיי האָבן זיך אַזש געקאַטשעט פון געלעכטער. זיי איז געפעלן געווען, ווי זייער שעף איז זיך נויקעם אין דעם זשידאָק.

...צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פאַרברעכער, וועלכע מע האָט דעם טאָג געפּאַקט אין שטאָט, האָבן די פּאָליציַיען אָפּגעפירט דאָדיקן אין געסטאַפּאָ. דאָרטן האָט מען זיי לאַנג ניט פאַרהאַלטן

און איבערגעשיקט אינעם סירעצער לאַגער, וואָס געפינט זיך בישכיינעס מיטן בעסוילעם.

זומערצײַט איז יעדער פאַרשטאָט ארום קיִעוו שיין און גרין און מאכט אַן אײַנדרוק פון א שטיק גאנײדן... דאַדיקן זײַנען גוט באַקאַנט געווען אָט די גרינע שטעטכן, נאָך איידער זיי זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פאַרשאָלטענעם געגנעם פון צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע קאָרבאָנעס. בישכיינעס מיטן סירעץ איז דאָ פון איין זײַט דער בעסוילעם און פון דער אנדערער — דער באַבי יאַר.

וועגן דעם, אַז דאַדיק איז געוואָרן איינער פון די טויזנטער לאַגערניקעס, האָט נאָך דער־ווײַל קיינער, כוץ גאַרקושען, ניט געוווּסט. סלאַוויק האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט אים געײַיצעט גיין אַף דער באַגעגעניש מיט זײַן געליבטער. אוועקגעגאַן און זיך ניט אומגעקערט. אַניסים האָט שוין אויך אופגעהערט וואַרטן אַף זײַן קוואַרטיראַנט — ער האָט גוט געוווּסט, אַז ווען מיט וואַניען וואָלט גאָרניט געטראָפן, וואָלט ער דאָך געוויס געקומען נעכטיקן. וואַנדע?.. סײַדן וואַנדע — זי קער שוין מיסטאָמע וויסן. עס קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז דער פּאָליצײַ גאַרקושאַ זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן פאַר אַגנעסען מיט דער נײַס, ניט באַרימען זיך דערמיט, ווי ער האָט געפּאַקט דעם זשידאָק, וועלכער האָט געהאַט די האָזע אים אָפּנאַרן מיט א פאַלשער אאוסווײַזע? יאָ, גאַרקושאַ האָט זיך טאַקע באַרימט פאַר אַגנעסען.

— איר פאַרשטייט, מומעטשקע אַגנעסע! איר פאַרשטייט, סאַראַ קלוגיטשקער! האָט איר אַמאָל געהערט, אַז א זשיד זאָל הייסן איוואַן טשופּרינאַ? נאָר ניט אַזעלכע, ווי גאַרקושאַ, נאַרט מען אָפּ!

— ווו זשע איז ער איצט?

— דאָס איז שוין ניט מײַן אייסעק! אָדער ער איז אוועק אין דער הימל־קאָמאַנדע, אָדער מע איז אים מויכל געווען זײַנע זינד און פאַרנומען אין לאַגער.

פאַרנאַכט, ווען וואַנדע האָט זיך אומגעקערט פונעם טעאַטער, האָט איר אַגנעסע איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה. די פאָלקסדויטשקע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט באַשריבן גענוי, ווי דאָס איז פאָרגעקומען — נאָך וואָס זאָל זי פאַרשטעלן איר מעגלעכן איידעם — גאַרקושען — אַלס מערדער. זי האָט בלויז מיט א געמאַכטן מיטלײַד געזאָגט:

— אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן! און שולדיק דערין ביסטו, וואַנדע, דו!

— וואָס עפּעס איך? — איז זי געוואָרן בלייך, ווי די וואַנט.

— ווײַל ווען ער האָט דיך דאָ ניט, וואָלט ער דאָך אוודאי באַצײַטנס זיך אָפּגעטראָגן פונדאַנעט צוזאַמען מיט זײַנע שוועסטער און מיט זײַן טאַטן... און צוליב דיר האָט ער זיך דאָ פאַרהאַלטן, ריזיקירט מיטן לעבן. צוליב דיר!

פאַרשטייט זיך, צוליב איר. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען ער גייט ניט אַף דער באַגעגעניש, וואָלט ער ניט אַרײַנגעפאַלן אין גאַרקושעס הענט.

— גאַרקושעס הענט. פאַרשאָלטענע הענט! אָט איז ער געקומען, אַראָפּגענומען די ברילן — וואָסיל האָט געוווּסט, אַז די ברילן מאַכן אים נאָך מער פרעמד אין וואַנדעס אויגן. צײַטנווײַז פלעגט ער זיך ניט־ווילנדיק פאַרטראַכטן: וואָס גיי איך צו איר? ווער איז זי און וואָס פאַרײַסט זי די נאָז? שענערע און מער אָנגעזעענע פון איר וואָלטן עפּשער גליקלעך געווען, ווען ער גיט זיי אָפּ אַזויפיל אכט. עס מוז דערצו נעמען א סאָף — אַזוי האָט ער ניט איין מאָל באַשטימט בא זיך. און דאָך ציט אים אַהער, ווי מיט א מאַגניט, וואָס איז שטאַרקער פון זײַן באַליידיקונג.

— ביסט שוין אין דער היים? וואָס אַזוי פרי?

וואָס האָט אים וואַנדע געקאָנט דערויף ענטפערן, זי האָט אים איצט נאָך מער פאַרהאַסט. איר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז זי זעט, ווי ער פירט דאַדיקן אינעם פּאָליצײַ־באַצירק, ווי א פאַרברעכער, ווי א געפערלעכן סוינע.

— האָסטו שוין געהערט די נײַס? — האָט ער פאַררייכערט א ציגאַר און א קוק געטאָן אַף איר מיט יענעם קוק, וואָס איז איר באַזונדערס נימעס — א קוק פון א מערדער, א קאַלטער און א פאַרניכטנדיקער.

— וועגן דאַדיקן?

— איצט איז ער שוין ניט דאַדיק — איוואַן טשופּרינאַ. נאָר דאָס וועט אים, ווי דו פאַרשטייסט, ניט ראַטעווען. בא אונדז אין געסטאַפּאָ גייען ניט אָן די קונצן!

— דאָס האָט ער דיר צו פאַרדאַנקען פאַר זײַן נײַעם אדרעס?

— איצט איז דאָס שוין ניט וויכטיק! טו זיך אָן און קום אַרויס מיט מיר אַף א פּאָר שאָ, — אין דרויסן איז איצט אַזוי גוט, קום!

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט. שוין זשע האָסטו פאַרגעסן?! מיט דיר וועל איך אין ערגעץ ניט גיין. שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ!

— ענדגילטיק? — האָט ער ווידער אָנגעטאָן זײַנע שוואַרצע ברילן. — ענדגילטיק? וועסט

כאראַטע האָבן, — איז וואסיל אופגעשטאנען, זיך אויסגעגלייכט, אראָפּגענומען די ברילן, זיי ווידער אָנגעטאָן און מיט א געמאכטן שמייכל פילאָסאָפיש א זאָג געטאָן:

— מיינסט אוודע, אז אלץ, וואָס עס קומט פאָר, איז צייטווייליק, אז דיין זשידאָק וועט זיך נאָך אומקערן אהער? ס׳קאָן טרעפן, אז דו וועסט מוזן זיין דאָרט, ווו ער איז... אָט אזוי, מיין טייערע. דעמלט וועסטו עפּשער קליגער ווערן, נאָר עס וועט שוין זיין צו שפּעט. — ער האָט זיך האסטיק אופגעהויבן פון אָרט. — אַף ווידערזען! — האָט ער א צאַקע געטאָן מיט די דייטשישע געקאָווטע שטיוועלעך און איז ארויס אן אופגעבראכטער.

„אייגנטלעך, וואָס האָט זי צו אים, אָט די נארישע מויד? — האָט ניט איין מאָל געטראכט איר מומעטשקע אגנעסע, נאָכשפּירנדיק ווי די פּלעמעניצע רעדט מיטן פּאָליצײַ. — פארוואָס שטויסט זי אים אָפּ פון זיך? פריִער האָט זי, לאָמיר זאָגן, געקאָנט זיין אן איבערקלייַבערן — דער געפעלט איר יאָ, דער ניט. אָבער איצט? שוין זשע גלייבט זי טאקע, אז איר זשידאָק וועט זיך נאָך ווען־ניט־איז אומקערן? און אויב ניט? גיכער ניט! וואָס זשע וועט זי אויסזיצן? א שענערן, א קליגערן, א מער באזאָרגטן? זי קאָן אים ניט מויכל זיין דאָס, וואָס ער האָט אויסגעפילט זיין כויוו. און ווי האָט ער אנדערש געקאָנט טאָן? וואָס זשע, דערקענען אים און דורכגיין פארבייַ? ניט צוליב דעם האָט מען אים גענומען אין דער פּאָליציי, ארויסגעגעבן די שווארצע אוניפאָרם, און ניט צוליב דעם שטעלט מען אים פאר א מוסטער די נייַגעקומענע כלאָפּצעס־פּאָליציַאנטן”.

און די יונגע פּאָליציַאנטן צוזאמען מיט וואסיל גארקושא האָבן פלייַסיק און מיט גרויסער אכזאָריעס געטאָן זייער ארבעט. מע האָט זיי דערפאר ניט שלעכט געצאָלט און דעריקער באַזאָרגט מיט פארשיידענע לעבנס־מיטלען. די געסטאפּאָ האָט יעדן טאָג איבערגעשיקט צענדליקער און הונדערטער פארכאפּטע אין גאס און אָפּגעשיקט אין סירעצער לאגער.

דאָדיקן האָט מען עטלעכע טעג געהאלטן אין דער אזויגערופענער „ייִדישער קאמערע”, דער סאמע שרעקלעכסטער קאמערע אין דער אינערלעכער טפיסע אַף דער קאָראָלענקאָ־גאס, נומער 33. די ענגשאפט, די דערנידעריקונג, דאָס ביטערע געפיל פון הילפלאָזיקייַט, האָט ווי צוגענומען דאָס לאָשן בא די, וואָס האָבן זיך געפונען אין די קאמערן. יעדער איינער האָט געוואַרט אַף א גיכן סאָף, און דאָס ווארטן האָט נאָך מער געדריקט און טעמפּ געמאכט די פארשפּארטע אין דער טפיסע.

דאָדיקן האָט דאָ קיינער ניט געקענט. מע האָט אים געמאכט אן אָרט לעבן דער „פּאראַשע”, ווו ער איז אנשלאָפן געוואָרן, ווי א דערהארגעטער. אופגעכאפּט האָט ער זיך נאָך האלבנאכט, ווען מע האָט אין קאמער ארייַנגעשטופּט נאָך דרייַ אומגליקלעכע, אויסגעמאטערטע מענטשן. ערשט אפן צווייטן טאָג האָט מען דאָדיקן ארויסגערופן אפן פארהער. מע האָט אים געוואָרנט, אז אויב ער וועט זיך סטארען אָפּנארן די געסטאפּאָ, וועט ער שלעכט אָפּשנייַדן, און אויב ער וועט זאָגן דעם עמעס, וועט מען אים שענקען דאָס לעבן און, ווער ווייסט, — עפּשער וועט ער נאָך בענטשן די מענטשן און די מינוט, ווען ער האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם אנשטאלט...

— לויט דייַן אאוסווייַזע, ביסטו איוואן טשופּרינא. איז דאָס טאקע אזוי?

— אזוי...

— דאָס הייסט — אן אוקראַינער, ניכט וואר?

— יאָ, אן אוקראַינער, הער אָפיצער. איוואן טשופּרינא בין איך. טשופּרינא. איוואן...

— און מיט וואָס קאָנסטו דאָס דערווייַזן?

— איך פארשטיי ניט...

— מיט וואָס קאָנסטו דאָס דערווייַזן?

— וואָס הייסט, מיט וואָס?

— מאך זיך ניט טאמעוואטע, ענטפער קורץ און שארף. מיט וואָס קאָנסטו דערווייַזן, אז דו ביסט איוואן און ניט, לאָמיר זאָגן, כאַים צי מאָשקע, צי ווי־ניט־איז אנדערש, פארפלוכטער יודע?

— וואָס עפּעס פארפלוכטער?! און פארוואָס יודע, הער אָפיצער? מייַן מאמע און מייַן זיידע און מייַן עלטערזיידע — אלע זייַנען מיר פּאָלישטשוקעס, וואָס טראָגן דעם נאָמען טשופּרינא. דאָס ווייסט דאָס גאנצע דאָרף אונדזערס, פונוואנען איך בין געקומען אהער.

דער אָבערסט האָט אַף אים בייז א קוק געטאָן:

— אנו! טוט אים אויס! — האָט ער א באפעל געטאָן, אזויווי עס קאָן באפעלן דער עלטסטער פון די געסטאפּאָוצעס און וואָס ניט אויספילן זייַן באפעל איז פונקט דאָס זעלבע, ווי באליידיקן דעם פיורער פון גאנץ דייַטשלאנד.

— טוט אים אויס און לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ פּאָלישטשוק ער איז, — און מיט אַ פאַר־ניכטנדיקן ווידערגעפיל נאָך שטרענגער אַ באַפעל געטאָן: — טו זיך אויס!

דאַדיק האָט בליצשנעל אַראָפּגענומען פון זיך דאָס רעקל, דאָס העמדל, די הויזן. צו זײַן גליק האָט דער עלטערער ברודער צוריק מיט אכצן יאָר געפּיועלט באַם טאַטן, מע זאָל דאָס בײַגעבוירענע ייִנגעלע ניט מאַלען, און דער איינציקער סימען, וואָס האָט איצט געזאָלט באַ־שטעטיקן דעם כשאַד, אַז פאַר די געסטאַפּאָווצעס שטייט אַ נאַקעטער ייִד, איז גאָר קיין סימען ניט...

— ביסטו, הייסט עס, ניט קיין יודע?

— אַ פּאָלישטשוק בין איך.

— און אין קירכע, נו, אין קלויסטער, גייסטו?

— אונדזער קלויסטער האָט מען פאַרברענט נאָך איידער איר זײַנט אַהער געקומען. שוין לאַנג, ווען איך בין נאָך אַ פּאַצאַן געווען, אַ קליין קינד, הייסט עס, און קיין נײַעם האָט מען ניט אופגעבויט.

— און מיט וועמען פון די פּאַרטיזאַנער ביסטו פאַרבונדן? — האָט ווי צווישן אַנדערן אַ פרעג געטאָן דער אָבערסט, מיינענדיק מיט דער פּלוצעמדיקײַט פון דער פראַגע אַרויסרופן באַ דאַדיקן דאָס וויכטיקסטע, וואָס אינטערעסירט אַצינד די געסטאַפּאָווצעס.

— פּאַרטיזאַנער?! ווי קום איך צו די פּאַרטיזאַנער? וואָס רעדט איר, הער אָבערסט?! באַ אונדז אין דאָרף האָט מען זיי שוין לאַנג פאַרניכטעט.

— און דיך האָט מען איבערגעלאָזט?

— קיינער האָט מיך ניט איבערגעלאָזט. וועמען גיי איך אָן, ווער דאַרף אַזאַ קראַנקן, אַזאַ שוואַכינקן — איר זעט דען ניט: הויט און ביין, הער אָבערסט. כ'האָב דאַפקע געוואָלט פאָרן אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד, האָט מען אַ קוק געטאָן אויף מיר און אויף מײַנע פּאַפּירן און מיך באַפרײַט...

דער פאַרהער וואָלט עפשער זיך פאַרצויגן, ווען אין דער צײַט וואָלט אומגעריכט זיך ניט דערטראָגן אַ מעכטיקער אויסברוך פון אַ באָמבע, וואָס איז געפאַלן בישכיינעס מיטן גרויסן מויער, אין וועלכן עס האָט זיך באַזעצט די געסטאַפּאָ. עס האָבן אופגעציטערט די פענצטער און עס האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן די עלעקטרישע שײַן. די אָפיצערן זײַנען אופגעשפרונ־גען פון זייערע ערטער, ניט געוווסט, וווהין זיך לאָזן, און דאַדיק, פּונקט ווי אים וואָלט שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען איבערלעבן אַזאַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל אויף דער שטאָט, איז געבליבן זיצן אַפן טאַבורעטל לעבן דעם אײַזערנעם שראַנק, וואָס לעבן דער טיר. דער עלטערער צווישן די געסטאַפּאָווצעס האָט זיך דער ערשטער אַ כאַפּ געטאָן פאַר זײַן געווער, פּונקט ווי באַלד וואָלט ער געמוזט זיך וואַרפן אין שלאַכט.

— נעמט אים צו! און פאַרהאַלט אים דאָ ניט מער אין לאַגער, אָבער שנעל, שנעל!

דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען שנעלער, ווי דאַדיק האָט זיך געקאָנט ריכטן. און צי ווײַל דער אָנפאַל פון אונדזער אוויאַציע האָט אויף טויט איבערגעשראָקן די געסטאַפּאָווצעס, צי ווײַל דאַדיק האָט טאַקע געהאַט אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען, וואָס כוישעד זײַן אים, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער פּאַרטיזאַן, וואָלט געווען אַן אומזין. דערצו איז שוין אינעם טפיסע־הויף געשטאַ־נען די געדעקטע מאַשין, אין וועלכער עס זײַנען געזעסן אַ מענטשן צוואַנציק, פאַרורטיילטע צו פאַרניכטונג אינעם סירעצער געגנעם.

דער וועג פון קאַראַלענקאַ־גאַס ביזן סירעצער לאַגער איז ניט אַזאַ לאַנגער, ווי דאָס האָט זיך אויסגעוויזן דאַדיקן, שטייענדיק אין דער פול געפאַקטער מאַשין. דער שאָפער, צי ווײַל ער האָט פאַרגעסן, אַז אין קוזאָוו פון זײַן מאַשין געפינען זיך נאָך לעבעדיקע מענטשן, צי ווײַל עמעצער האָט אים געטריבן אין האַלדז־און־נאַקן, האָט געיאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון עמעצן, די שווערע מאַשין האָט אונטערגעשפרונגען אַזוי, אַז די צונויפגעפּרעסטע אין איר העכער צוויי צענדליק מענטשלעכע קערפּערס האָבן ניט געקאָנט אײַנשטיין און דער־פון האָט זיך דער וועג געדאַכט לענגער און שרעקלעכער. עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען צו דעם פאַרשאָלטענעם אָרט, וווהין מע האָט זיי געפירט. האַגאַם, וווהין מע פירט זיי, האָט געוווסט בלויז דער שאָפער און די באַוואָפנטע וואַך. נאָר ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז יעדער וועג האָט אַן אָנהייב און מוז האָבן אַ סאָף. סאָפּקאַלסאָף איז מען געקומען צו דעם אײַזערנעם טויער פון דעם סירעצער לאַגער.

— הערויס! — האָט אַ באַפעל געטאָן דער עלטסטער פונעם קאָנוואָי. און די געבראַכטע האָבן, דאַכט זיך, ניט געגלייבט זייערע אויערן. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט — דאָס איז אַרויס פון דער אײַזערנער שטײַג און כאָטש אויף אַ רעגע זיך דערפילן אויף דער פרײַ־ער לופט.

און די לופט איז ווירקלעך געווען פריש און האָט זיך ווי נעקטאַר אַרײַנגעריסן אין די פּאַרקאַלעשטע לונגען.

— הערױס, הערױס! אונד שנעלער, שנעלער!

צו דער מאַשין זײַנען צוגעלאָפן עטלעכע פּאָליצײַען פון דער לאַגער־וואַך, באַוואָפנטע מיט שטעקנס און נאַהײַקעס. יעדער, ווער עס האָט, ווי זיי האָט זיך עס אויסגעדאַכט, ניט אַזוי גיך זיך געשטעלט אין ריי, האָט באַקומען אַ נערעק מיט אַ שטעקן. דאַדיקן האָט אָפּגעגליקט — ער איז אַרויס פון דער מאַשין דער לעצטער און האָט דעריבער באַקומען בלויז עטלעכע שטויס אין פּלייצע.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די אײַנגעשטעלטע אינעם לאַגער סעדרע פון זיך נויקעם זײַן אין די קאַצעטניקעס.

דער לאַגער איז באַשטאַנען פון זעכצן גרויסע באַראַקן. איינער פון זיי האָט אויך, ווי אין דער טורמע, געטראָגן דעם נאָמען „זשידאָווסקי". דאָ זײַנען אָפּגעקומען זייער גענעם די ייִדן, וועלכע זײַנען צוליב פאַרשיידענע טײַמים ניט אומגעבראַכט געוואָרן, גלײַך ווי די דײַטשן זײַנען אַרײַן קיין קיִעוו.

דער באַשטאַנד פונעם לאַגער איז געווען ניט קיין באַשטענדיקער. די פּאַרורטיילטע פלעגן זיך דאָ פאַרהאַלטן ניט לאַנג. דאָס נויקעם זײַן זיך, די רעדיפעס, די עקזעקוציעס האָבן פאַר־קירצט אַלעמען די יאָרן. און געליטן האָבן די געפאַנגענע ניט נאָר פון הונגער און קעלט צי אומדערטרעגלעכער שווערער אַרבעט, געליטן האָט מען פון די מערדער, וואָס האָבן זיך גע־סטאַרעט זײַן נאָך שרעקלעכער פון די עמעסע לאַגער־באַלעבאַטים. זיי האָבן געהאַט אַ באַזונ־דערן פאַרגעניגן דערפון, וואָס די פאַרורטיילטע האָבן זיך ניט דערוועגט קעגנשטעלן, דערוווי־דערן, ניט אויסשפּילן די ווילדסטע פאַראַרדענונגען, וועלכע דערנידעריקן די זעלבסטווירדע. גע־רעדט האָבן זיי דאַפקע ווי נאָרמאַלע מענטשן, אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך, אָן דער הילף פון אַן איבערזעצער, נאָר דאָס האָט נאָך מער אופגעבראַכט די קאַצעטלער. „פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען?! — האָט דאַדיק ניט איין מאָל זיך פאַרטראַכט. — ווער צווינגט זיי אַזוי בייז און אופגעבראַכט זײַן אויף יעדן פון אונדז? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָבן זיי, ווען זיי זעען, ווי עס קאָרטשען זיך פון ווייטעק, ווי עס באַגיסן זיך מיט בלוט זייערע אומשולדיקע קאָרבאָנעס? פאַרוואָס געפעלט זיי אַזוי צו זען, ווי די אויסגעמאַטערטע, קוים זשיפּענדיקע קאַצעטלער גיבן אָפּ גאָט די נעשאָמעס?"

דאַדיק, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן פאַרליבט געווען אין געזאַנג און האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי קאָן מען עס לעבן אָן אַ ליד, האָט דאָ אין לאַגער טאַכלעס סינע פײַנט באַקומען דאָס זינגען, כאָטש גראַדע אים האָט דער בריגאַדיר אַרויסגעשטעלט פאַרן זאַפּעוואַלע.

— טשופּרינא, זאַפּעוואַי!

און דאַדיק האָט געמוזט זינגען די לידער, וואָס זײַנען אים עקלדיק געווען, זיי האָבן אים געשלאָגן צום האַרצן, דערפאַר אָבער זײַנען זיי געפעלן געווען דעם בריגאַדיר און באַזונ־דערס דעם אָנפירער פונעם טויט־לאַגער פּאַול פאָן ראַדאָמסקי.

פּאַול פאָן ראַדאָמסקי איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון הינט. אָן אויסערגעוויינלעכן פאַרגעניגן פלעגט אים פאַרשאַפן זײַן אָוטשאַרקע רעקס. דאַדיק האָט אַמאָל אויך ליב געהאַט הינט. בײַ זײַן אַרבעט אינעם וואַנדער־טעאַטער האָט ער מיטגעפירט מיט זיך אַ געוויינלעכע „דוואָרניאַגע", געטיילט זיך מיט איר, ווי מיט אַ כאַווער, מיטן לעצטן ביסן. דאַדיק האָט שאָענווײַז געקאָנט דערציילן, ווי קלוג און ווי ציכטיק עס איז אָט דער בעסטער מענטשן־פרײַנט. און דאָ, אינעם לאַגער, האָט דאַדיק ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם נאָמען רעקס, ווײַל רעקס איז געווען געפערלעכער פון דעם ווילדסטן וואָלף. פּאַול ראַדאָמסקי האָט אים אויסגע־לערנט זיך וואַרפן אויף אַ מענטשן און רײַסן פון דעם קאָרבן שטיקער. ווען דער הונט פלעגט אויספילן דעם שטורמבאַנפירערס אַ באַפעל, האָט עס פאַרשאַפן דעם גרעסטן פאַרגעניגן ניט נאָר אים, נאָר אויך זײַנע נאָענטסטע צוויי געהילפן.

כּוץ די צוויי פאַרשאָלטענע דײַטשן, האָט פּאַול ראַדאָמסקי געהאַט עטלעכע זייער איבער־געגעבענע געהילפן ניט קיין דײַטשן. צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט איינער אַ טשעך מיטן נאָמען אַנטאָן, וועלכער האָט אָפּטמאָל אונטערגעזאָגט דעם אָבער־מערדער וואָס פאַר אַ נײַ שפּיצל מע קאָן צוטראַכטן פאַר די לאַגערניקעס, און פּאַול איז גליקלעך געווען.

— צו אַזוינס האָט מען זיך נאָך אין קיין שום אַנדערן לאַגער ניט דערטראַכט! בראַוואָ, אַנטאָן! דו ווערסט אַ מענטש!

ראַדאָמסקי פלעגט אויף נאַכט זיך אומקערן אין זײַן שטאָטישער דירע און אין לאַגער פלעגט בלײַבן באַלעבאָס אַנטאָן. קיינעם האָט ניט אינטערעסירט, ווער און וואָס ער איז און פאַר וועלכע זינד איז ער אַרײַנגעפאַלן אינעם סירעצער לאַגער. אַזוי צי אַזוי, נאָר גאָר גיך איז ער

געוואָרן דעם שטורמבאנפירערס ליבלינג. אנטאָן האָט גוט געקענט דײַטש און שטענדיק זיך געהאלטן לעבן באלעבאָס.

מיט קאלטע גלעזערנע אויגן פלעגט אנטאָן קוקן אף די צונויפגעטריבענע אפן אפעל. איצט האָט מען שוין ניט פאנאנדערגעטיילט די פארשפארטע אינעם סירעצער לאגער אף ייִדן און ניט־ייִדן, כאָטש עס איז נאָך געווען א ספעציִעלער ייִדישער באראק. די עקזעקוציעס זײַנען גילטיק געווען פאר אלעמען. קיינער האָט ניט געוווּסט, אף וועמען עס וועט פאלן דער אויסוואל באקומען א ניט־פארדינטע שטראָף.

נאָר צום שלימזל, זאָגט מען, דארף מען אויך האָבן מזל! דאָדיקן האָט אָפגעגליקט: מע האָט פאר אים געפונען א פריטולעק אין דעם דרײַצנטן באראק, ווו עס האָבן געוווינט די סטאָליערס און די שוסטערס. ס'הייסט, אלע צאָרעס און אומגליקן, וואָס עס האָבן געהאט די אײבעריקע אײַנוווינער פונעם לאגער, זײַנען געווען גילטיק אויך פארן דרײַצנטן באראק, און דאָך פלעגט אנטאָן, וואָס האָט געוווינט אינעם באראק פון די בריגאדירן, זיך באציִען צו די באלמעלאָכעס ניט אזוי מערדעריש, ווי צו די איבעריקע קאצעטלער. דער בריגאדיר־באראק פלעגט אָפטמאָל ארויסרופן צו זיך דעם אזויגערופענעם ארטיסט — אזוי האָט מען גערופן דאָדיקן פאר זײַן זינגען. אנטאָנס געליבטע, אויך א פארקויפטע פעל — א בריגאדיר פון א פרויען־בריגאדע, האָט אומגעריכט דערקענט דאָדיקן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז זי האָט אים א פאָר מאָל געזען אף דער בינע, ווען ער האָט נאָך געטאנצט צוזאמען מיט וואנדען. ווער ער איז און וואָס ער איז האָט זי, די אמאָליקע שוישפילערן, ניט געוווּסט. ער איז צו יונג געווען פאר איר, נאָך א קינד, און זי איז שוין געווען א דערוואקסענע, דערצו אן אויסגעלאסענע פרוי. אָבער דאָ, אין לאגער, האָט זי אים דערקענט און געהייצעט איר געליבטן אנטאָנען אײַנלאדן דעם ארטיסט — ווי רופט מען אים? וואניע, דאכט זיך... אים אײַנלאדן, ער זאָל אין א פרײַער שאָ טאקע צוליב איר זינגען און טאנצן. אָפזאָגן זיך האָט דאָדיק ניט געקאָנט און איז אזוי־ארום כאָשעוו געוואָרן בא דער סאדיסטישער פאָר — בא אנטאָנען און ליזען. אין איינעם א געשפרעך האָט זי פלוצעם דאָדיקן א פרעג געטאָן:

— נו, און די זינגערן אָזערנא האָסטו ניט פארגעסן? געווען בא אונדז א שטיק צײַט אין טעאטער, געדענקסט זי?

— ווי קום איך צו אזוינע זינגערנס?

מער פון אלץ האָט דאָדיק מוירע געהאט, מע זאָל בא אים ניט אָנהייבן דערפרעגן זיך, מיט וועמען האָט ער זיך געכאווערט, ווען ער איז פונעם טעאטער אוועק אין דאָרף. ערשט שפעטער האָט דאָדיק פארשטאנען, אז די געסטאפאָ האָט שוין פארגעסן אין אים. ער איז שוין פאר דער געסטאפאָ געווען איינער פון די, וואָס וועלן פריִער אָדער שפעטער אוועק אין דער אזויגערופענער הימל־קאָמאנדע. און דערווײַל? דערווײַל ברענגט ער דאָך נוץ אין לאגער, און מיטן לאגער באשעפטיקן זיך שוין גאָר אנדערע באאמטע.

די פאָר כאדאָשים, וואָס דאָדיק האָט פארבראכט בא דאניליוקן אף דעם קײַלעכדיקן שוסטער־בענקלע, זײַנען אים איצט זייער צוניץ געקומען — ער האָט ווי־ניט־איז געקאָנט האלטן אן אָל אין דער האנט, לייגן א לאטע, פאריכטן א פאָר צעפאָרענע שיך, ברענגען אין אָרדענונג א פאָר שטיוול, וואָס די פאָליצײַען פלעגן אראָפנעמען פון די געפאנגענע, קעדיי אפן מארק זיי אויסבײַטן אף סאמאָהאָן.

דאָס, וואָס דאָדיק האָט קלוימערשט נויסע־כיין געווען בא אנטאָנען, האָט אים אי געפרייט, אי באומרויִקט. געפרייט, וואָס כאָטש איינער פון די פאָליצײַען האָט זיך צו אים באצויגן מער־ווייניקער טאָלעראנט. באומרויִקט, ווײַל די כעוורע פון לאגער האָבן אים געקאָנט כוישעד זײַן, אז ער איז אנטאָנס א ליבלינג. מער פון אלץ האָט דאָדיק מוירע געהאט פארלירן דעם צוטרוי פון די קאצעטלער, קיינער האָט אים ניט באפולמעכטיקט צו ווערן אן אָנפירער. אליין פון זיך האָט זיך באקומען אזוי, אז די יונגע לאגערניקעס האָבן זיך געצויגן צו אים און מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, האָט ער זיי אונטערגעהאלטן.

אין א שטיק צײַט ארום איז געקומען א פאראָרדענונג: א געוויסע צאָל לאגערניקעס שיקן אף דער בויונג פון א נײַעם וועג, וואָס וועט פארבינדן די שטאָט מיטן לאגער, און פאול ראדאָמסקי האָט באפוילן אָפקלײַבן א גאנצע מייע מער־ווייניקער געזונטע קאצעטלער. אין דער מייע האָט מען אײַנגעשלאָסן אויך דאָדיקן. דאָס איז געווען א שווערע ארבעט — צעוואלגערן די אלטע געבײַען, וואָס זײַנען דאָ געבליבן פון אמאָל, ווען עס איז דאָ נאָך געווען דער פאָליגאָן פון דער סאָוועטישער ארמיי. מע האָט דאָ געמוזט סאָרטירן דעם בוי־מאטעריאל, גראָבן ערד, איבערטראָגן זי, אויסקאָרטשעווען פניאָקעס, אויסגלײַכן דעם פלאץ, קעדיי מאכן א נײַעם ברוקירטן וועג. נאָר דאָדיקן איז דאָס דאָך געווען צום הארצן, ווײַל דאָ, ניט ווײַט פונעם באצירק, ווו עס האָט געארבעט זײַן בריגאדע, איז געווען דער אלטער וועג, און מע האָט

געהאַט די מעגלעכקייט צו זען אַ לעבעדיקן מענטש אויף דער גאַס, וואָס איז בלויז אָפּגעצאַמט געוואָרן מיט אַ געדיכטן פּאַרקן פון שטעכל־דראַט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר דאָדיקן אַ נײַע סעדרע, און דאָס איינציקע, וואָס עס האָט זיך אים איצט באַזונדערס געוואָלט, איז דאָס, אַז וואַנדע זאָל וויסן, ווו ער געפינט זיך און ווו עס געפינט זיך אַנאַטאָלי, דער עלטערער ברודער זײַנער, וואָס האָט מיסטאָמע אַפילו קיין פאַרשטעלונג ניט, ווו דאָדיק איז אַהינגעקומען.

15

שפּעט באַנאַכט דעם זיבעטן נאָיאַבער האָט יאַנוש אין דער אָנוועזנהייט פון אַנאַטאָליין אײַנגעשלאָסן דעם ראַדיאָ־אופנעמער און דערהערט די באַקאַנטע שטים פון דעם מאָסקווער דיקטאָר, וועלכער פּלעגט אין אַ באַשטימטער שאָ פירן די טראַנסליאַציע ספּעציעל פאַר די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אינעם הינטערלאַנד. דער דיקטאָר האָט זיי באַגריסט מיטן פינף־און־צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו. יאַנושן האָט זיך געוואָלט באַדאַנקען דעם אומדערמידלעכן דיקטאָר פאַר דער באַגריסונג, נאָר ער האָט בלויז אַ דריק געטאָן אַנאַטאָליס רעכטע האַנט און אים איבערגעגעבן די טרײַבלעך.

— באַקום אַ גרוס, אַ לעבעדיקן גרוס!

— איידער מיר וועלן אײַך איבערגעבן די נײַסן פון פראָנט, — האָט געזאָגט דער דיקטאָר, — וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און געבן אַ וואָרט אונדזער מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט, דעם דיכטער לאָזעבניק, וועלכער האָט זיך די טעג אומגעקערט פונעם פּאַרטיזאַנישן קאַנט, וווהין ער איז קאָמאַנדירט געוואָרן אויף צוויי וואָכן. ביטע, כאַווער מאַיאָר, ביטע!

און אַנאַטאָלי האָט דערקענט די שטים פון זײַן ברודער. דער מאַיאָר לאָזעבניק האָט זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן פון דער רײַזע אינעם פּאַרטיזאַנישן קאַנט; ער איז באַגײַסטערט פון דער העראָישקייט און מעסירעסנעפעש פון די, וועלכע לאָזן ניט אַרויס דאָס געווער פון די הענט און לעבן און אַרבעטן אויף אַ גרויסן שטעק סאָוועטישער ערד. ער איז באַגײַסטערט פון די סאָוועטישע מענטשן, וואָס פירן אַ קאַמף אין הינטערלאַנד פון די אָקופּאַנטן און זײַנען איבערצײַגט, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי פײַערן די ענדגילטיקע באַפרײַונג.

— דערלויבט מיר צום שלוס, — האָט געזאָגט דער מאַיאָר, — אײַך איבערלייענען אַ ליד, וואָס כ'האָב געווידמעט מײַן לײַבלעך דאָרף, מיט וועלכן מיר זײַנען צײַטווײַליק צעשיידט.

די ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזעלכע ווערטער:

— אַ גוט יאָמטעוו דיר, ליסאָוועּ,
ליבע היים מײַנע, פּאַלעסיע...

אַנאַטאָלי האָט זיך שיר ניט צעוויינט. דער גרוס איז אָבער ניט מער ווי אַ גרוס. און ווו איז ער איצט און צי שטעלט ער זיך פאָר, וואָס פאַר אַ געפילן זײַן ליד האָט אַרויסגערופן בײַ זײַן ברודער, וואָס וועט אין אַ שאָ אַרום, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע, ווי ער, זיך לאָזן אין דער נאַכט אַרײַן, אַהין, צו דעם צוועלפטן קילאָמעטער, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן אומברענגען דעם מיליטערישן עשעלאָן, וואָס אײַלט צו סטאַלינגראַד, ווו די דײַטשישע ווערמאַכט באַקומט נײַע און נײַע קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי.

די באַשטאַנאַוּוקער נעקאָמענעמער האָבן שוין אַ געוויסע דערפאַרונג אין דעם געביט פון אונטערײַסן שווערע צוגן מיט געווער און מיליטער.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און אַ קאַלטע. ס'האָט מאַראַקעט אַ נימעס רעגנדל. אַנאַטאָלי האָט זיך דערמאָנט דאָס ווערטל, וואָס מע האָט אָפּט איבערגעכאַזערט, ווען ער איז געווען אונטער וויבאָרג: „די נאַכט איז דעם זעלנערס בעסטע שטיצע". און כאָטש אַנאַטאָלי איז איצט ניט קיין זעלנער, נאָר דאָס ווערטל איז גילטיק אויך פאַר אים. אין דער פינצטערניש פון דער שפּעטער האַרבסטיקער נאַכט מוז מען צוגרייטן אַלץ, ווי עס דאַרף צו זײַן. דעם אופרײַס־שטאָף האָט מען שוין פאָרזיכטיק אײַנגעפּאַסט אונטער די רעלסן אין עטלעכע ערטער. איצט איז וויכטיק ניט פאַרשפּעטיקן און אין דער נייטיקער צײַט אונטערצינדן דעם שנור. די אופגאַבע האָט מען פאַרטרויט אים, דעם געניטן סאָלדאַט.

אָט הערט מען שוין דעם טראַסק פון די וואַגאָנען און פּלאַטפאָרמעס, וואָס טראָגן זיך אימפּעטדיק פון דער מײַרעוודיקער זײַט, און עס דאַכט, אַז די רעדער קלאַפּן אויס בלויז צוויי ווערטער: נאָך אָסטען, נאָך אָסטען! אַהין, ווו מע וואַרט אויף זיי מיט אומגעדולד.

דער ריטם און דאָס געזאַנג פון די רעדער ווערט אַלץ בוילעטער און גרויזאַמער. נאָך

א רעגעלע, נאָך א ווײַליטשקע... אָך, ווי שווער עס איז זיך אײַנהאַלטן און ניט מאַכן קיין סאָף צו דער שפּיל מיטן טײַוול.

— דאַוואַי! — גיט ער זיך אַליין א באַפעל. — און אײן א גוטער שאָך!

א רעגע, נאָך א רעגע און עס דערטראָגט זיך א מוירעדיקער קנאַל. איינער, א צווייטער, א דריטער. אָט הייבן זיך אויף אין דער באַנאַכטיקער פינצטערניש מעגוּשעמדיקע שטיקער וואַגאָנען. דער טומל איז אַזוי גרויס, אַז קיין מענטשלעכע קוליעס איז ניט צו הערן. עטלעכע וואַגאָנען האָבן זיך איבערגעקערט, און ערשט אַצינד הערט מען, ווי עס רײַסן זיך אויף די סנאַריאַדן. אַנאַטאָלי קוקט צו פון א זײַט, וואָס עס איז געוואָרן פונעם עשעלאָן און איז גליק־לעך, וואָס זײַנע הענט און זײַן האַרץ האָבן אָנטיילגענומען אין אָט דעם נעקאָמע־אַקט, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן אָף אַזאַ אויפן ענטפערן זײַן ברודער, דעם מאַיאָר לאַזעבניק, אָף זײַן יאַמטעוודיקער באַגריסונג.

דאָס איז שוין געווען ניט די ערשטע דיווערסיע, אין וועלכער אַנאַטאָלי לאַזעבניק האָט אָנטיילגענומען. העכער א יאָר צײַט איז אים אויסגעקומען זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט פון צעשטערן, רויִנירן, אופּרײַסן, לאָזן מיטן פײַער און אַלע מאָל פלעגט אים ווײ טאָן דאָס האַרץ, ווײַל ניט צו דעם האָט ער זיך געגרייט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו זען, ווי פון אונטער זײַנע הענט קומען אַרויס גוטע, נוצלעכע זאַכן. אים איז ליב געווען צו זען, ווי פון דער וואַרעמער שוואַרצער ערד, מיט וועלכער ער האָט געהאַט צו טאָן אינעם גיסער־צעך, פורעמט ער אויס די פּינקטלעכע דעטאַלן פאַר די מאַשינעס, וואָס זײַנען אַזוי נייטיק, קעדיי שאַפן, בויען, מאַכן רײַך דאָס לאַנד. און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער באַלעבאָס פון דער ווירטשאַפט, האָט ער א באַזונדער פאַרגעניגן געהאַט צו זען, ווי עס צעגרינען זיך די בייטן, אָפן גאָרטן און אָף דיביימער פלעגן זיך באַווײַזן די ערשטע קנאָספּן. ווי לאַנג וועט אים אויסקומען רויִנירן, פאַרניכטן, פאַרוואַנדלען אין אַש און אין פאָרעך אַלץ, וואָס קאָן העלפן דעם סוינע. אָך, ווי עס טוט ווײ דאָס האַרץ, ווען ער מוז אופּרײַסן א בריק, אַן אײַזנבאַן־סטאַנ־ציע אָף דער אייגענער ערד. דאָס איז דאָך זײַן בריק, זײַן סטאַנציע, זײַן האָב־און־גוטס...

ווען די דיווערסיעס האָט אַנאַטאָלי ניט ליב געהאַט צו דערציילן, און האַרפּינע האָט דאַפקע אַלע מאָל געפּאָדערט:

— דערצייל, דערצייל!

זי האָט ליב געהאַט זײַן קאָל, זײַן באַשיידנקײַט און, דעריקער, מוירע געהאַט, אַז מיט אים זאָל קיין שלעכטס ניט געשען.

וואָס מער זי האָט געטראַכט וועגן אים, אַלץ מער האָט זיך איר געוואָלט אים נוצלעך זײַן, אים מיטהעלפן אין זײַן שרעקלאָזער און העלדישער אַרבעט.

— עפּשער דאַרפסטו, אַנאַטאָלי, איך זאָל דיר מיט עפּעס צוהילף קומען? כ׳וועל אַלץ טאָן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— א דאַנק דיר, האַרפּינע, מער, ווי דו טוסט, פּאָדערט זיך ניט פון דיר. — פלעגט ער איר ענטפערן און טראַכטן דערבײַ: וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן אַזעלכע געטרײַע נעשאָמעס?

עס איז אים אָבער באַשערט געווען פאַרלאָזן דאָס דאָרף באַשטאַנאָווקע און זיך ווידער אומקערן קיין קיִעוו — אַזוי האָט זיך עס א דריי געטאָן. דער אונטערערדישער פּאַרטיי־קאָמי־טעט האָט אים באַפוילן פאַרלאָזן דאָס דאָרף, קעדיי ניט דעמאַסקירן דעם אָטריאַד. דער נאָמען זײַנער — „זיידע״ און „גאַלעך״ איז געוואָרן צו פּאָפּולער ניט נאָר בײַ די אײַנוווינער פון די אַרומיקע דערפער, נאָר אויך בײַ דער געסטאַפּאָ און דער פּאָליציי פונעם באַצירק.

— ווי זשע וועט עס ווײַטער זײַן? — האָט אים האַרפּינע געפרעגט.

— לאָמיר זיך פאַרלאָזן אָף אונדזער גורל, — האָט אַנאַטאָלי א זיפץ געטאָן. — דו זעסט דאָך אַליין, אַז מיר זײַנען ניט בא זיך אין די הענט...

— נו, יאָ, פון זינט איך לעב — ניט בא זיך אין די הענט...

— נאָר דער הימל איז ניט בא דר׳ערד, און קיִעוו איז ניט אַזוי ווײַט פון באַשטאַנאָווקע. ניט ווײַט — און דאָך... און דאָך איז אַזוי שווער געווען דאָס צעשיידן זיך, און ווער ווייסט אָף וויפל. האַרפּינע האָט זיך דאָך ערשט ניט לאַנג אומגעקערט פון דער שטאָט, ווו אָף יעדן שריט און טריט לויערט די געפאַר פון אַרײַנפאַלן זיך אין די ראָצכישע הענט — אין דער געסטאַפּאָ, אָדער אין די הענט פון זייערע געטרײַע פּאָליצײַען, וועלכע קריכן אַזש פון דער הויט אַבי זיך אויסצײַכענען.

האַרפּינע וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די נאַכט פון אַנאַטאָליס אָפּפאָרן. ער איז גיך אַנ־שלאָפן געוואָרן, און זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער נידעריקער סטעליע פון איר קליין שטיבל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט, ווי עס קלאַפּט בא אים דאָס האַרץ.

פאַרטאָג, ווען אַנאַטאָלי האָט זיך אופגעכאַפּט, איז זי שוין געשטאַנען באַם אויוון, געגרייט

פון זײַנעטוועגן דאָס באַליבטע מאכל — קאַרטאָפּל־זופּ מיט אַ צוגעפּרעגלטער ציבעלקע. דאָס מאכל האָט אים דערמאָנט זײַן קינדהײט, די מאַמע זײַנע, וועלכע האָט דאָס גאַנצע לעבן געטײַנעט, אַז דאָס בעסטע מאכל פאַר אַן אָרעמאַן איז קאַרטאָפּליעס, אָדער ווי מע רופט עס אין פּאָלעסיע — בולבעס מיט בוימל באַשמעלצט...

מע האָט געגעסן שווײַגנדיק און זיפצנדיק, און ווען מע האָט זיך שוין געדאַרפט צעשיידן, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט:

— עפּשער וואָלט איך אויך, אַזוי ווי דו קוקסט מיך אָן, אַ שפּײַ געטאָן אויף דער כאַטע און צוזאַמען מיט דיר אַוועק...

— אַזאַ נאַרישקײַט וועסטו ניט טאָן! און וואָר ווערט עס דיר דערלויבן? דו פאַרגעסט, מײַן טײַערע, אַז איצט זײַנען מיר שוין ניט קיין פרײַע פייגעלעך, וואָס פליִען, וווּהין דער ווינט טראָגט זיי. איך דאַרף זײַן דאָרט, און דו ביסט אַ נייטיקער מענטש דאָ. טו אַ רעד מיט יאַנושן, וועסטו הערן, וואָס פאַר אַ מיינונג ער איז וועגן דיר און דײַן אַרבעט.

...אַנאַטאָלי האָט ניט איין מאָל דערמאָנט די צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין באַשטאַבאָווקע. יאָ, דאָרט האָט ער אָפּגעמעסן דערפילט, ווי שטאַרק עס קאָן זײַן אַ פּערספּעקטיקע און אַן אומגעריכטע ליבע צו אַ געטרײַער פרוי.

קיין קיִעוו איז ער געקומען ניט ווי צו זיך אַהיים. אַלץ אַרום האָט זיך אים געדאַכט פרעמד און דערפון האָט אים נאָך מער ווײ געטאָן דאָס האַרץ. ער פלעגט דאָך אַזוי ליב האָבן די אייגענע שטאָט מיט איר בערג און טאָלן, מיטן ברייטן פריילעכן דניעפּער. די גרינע פּאַרקן און די ווײַס־געקליידטע גאַסן און פּראָספּעקטן ווינטער־צײַט, און אויף יעדער גאַס פלעגט ער באַגעגענען אויב ניט קיין קרוֹוים איז באַקאַנטע און פרײַנט, מיט וועלכע ער האָט געקאָנט ריידן און טיילן זיך מיט אַלע זײַנע פריידן און ליידן. און איצט?

ווער ווייסט, ווו זיי זײַנען איצט? די מערהײַט איז אַוועק פון דער שטאָט, קעדיי ניט אַרײַנפאַלן אין די ראַצכישע הענט. אַ סאַך נאָענטע זײַנען אומגעקומען אינעם באַבי יאַר. און די, וואָס זײַנען דאָ פאַרבליבן... ווער קאָן אים אָרעוו זײַן, אַז אין אָט דעם שווערן אויספּרוּוו זײַנען זיי געבליבן די זעלבע פרײַנט זײַנע, ווי פריִער. צו ווענמען גייט מען? צו וועמען ווענדעט מען זיך? צו נאַסטיען? ס'אַ סוואָרע, אַז צו איר טאָר ער ניט קומען, ווײַל נאָך איר שפּירט מען שוין פונלאַנג. מע האָט זי אַפּילע אַרויסגערופן אין דער פּאָליציי און געוואָרנט, אַז אויב מע וועט בא איר טרעפן וועמען־עס־איז, וועט זי זיך מוזן געזעגענען מיט איר שטוב און ווער ווייסט — עפּשער אויך מיטן לעבן...

ער וואָלט געגאַנגען צו וואַנדען, וואָס וווינט אַצינד אין דער דירע, ווו עס האָט פיל יאָרן געלעבט די מישפּאָכע לאַזעבניק, נאָר צו איר וועט ער אָוודע ניט גיין, דאָס וואָלט געהייסן ריזיקירן מיט איר לעבן. כּוץ דעם, האָט מען אים דאָך ספּעציִעל געוואָרנט, אַז מיט קיינעם פון די געוועזענע פרײַנט זײַנע זאָל ער זיך לעסאָטע ניט פאַרבינדן.

נאָר ערגעץ זיך אָפּשטעלן דאַרף מען דאָך! עפּשער אַ פּרוּוו טאָן דאָס מאַזל און זיך אַרײַנכאַפּן צו דעם געוועזענעם קאַניוך טימאָפיי דאַנילאָוויטש. אַזאַ מענטש, ווי טימאָפיי דאַנילאָוויטש, וועט אים געוויס ניט אָפּזאָגן די ערשטע צײַט זיך אויסבאַהאַלטן בא אים, און דערנאָך... דערנאָך וועט מען זיך אַן אייצע געבן. עס זײַנען דאָך פאַראַן עכטע סאָוועטישע מענטשן.

טימאָפיי דאַנילאָוויטש האָט אים באַגעגנט ווי אַן אַלטן גוטנפרײַנט.

— גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט, אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש!

— בא הײַנטיקע צײַטן איז גאָט אַ קליינער נאַטשאַלניק איבער מיר, טימאָפיי דאַנילאָוויטש. ווען איך וואָלט זיך צוגעהערט צו זײַנע געבאָטן און באַפעלן, וואָלט איך שוין געווען אויף יענער־וועלט.

— די־וועלט, יענע־וועלט! — האָט דער געוועזענער קאַניוך אַ טיפן זיפץ געטאָן, — זיי זײַנען איצט איבערגעפּלאָנטערט, ביידע וועלטן. ס'אַ סוואָרע, אַז אויף יענער־וועלט איז גאָר בעסער, ווי דאָ...

טימאָפיי דאַנילאָוויטש איז געווען צוגעבונדן צו דער ווירטשאַפט, ניט געקאָנט זען, וואָס אין שטאָט טוט זיך. דאָך האָט ער מיט אַלע אייוורים געפילט דעם גרויסן אומגליק, וואָס די נײַע אָרדענונג האָט געבראַכט מיט זיך. אַהער, אין דער פּאַרשטאָט, פלעגן קומען אויף אַרבעט די, וועמען עס האָט זיך אָפּגעגליקט ניט אָפּגעשיקט ווערן קיין דײַטשלאַנד.

דער נײַער באַלעבאָס פון דער ווירטשאַפט — באָגומיל פּאָליקאַרפּאָוויטש — האָט זיך פאַרקילט און איז גאַנצע צוויי וואָכן אָפּגעלעגן בא זיך אין דער שטאָטישער דירע, און טימאָפיי דאַנילאָוויטש איז גליקלעך געווען, וואָס ער קוקט אים ניט אָן. נאָר די גאַנצע צײַט האָט ער,

ווי אַף עפּעס געוואַרט — דער שוואַרציאַר קאָן דאָך אים ברענגען, דעם מערדער. דעריבער דאַרף מען זײַן פֿאָרזיכטיק.

אַנאַטאָלי האָט באַדאַנקט פֿאַרן געשמאַקן טעלער באָרשטש, גענומען זײַן קוישל מיט די עטלעכע צענדליק ביכעלעך, אַף וועלכע עס האָט זיך בולטע אויסגעטיילט דער צײלעם און דער הײליקער יעזוס מיט אַן אויסגעשטרעקטער צום הימל רעכטער האַנט. אַפֿן שאַרבלעטל פֿון יעדן ביכל איז געווען אָפּגעדרוקט בלויז צוויי ווערטער „באָזשיאַ נאַוקאַ", דאָס הייסט — גאָטס לערע. אָט די ביכעלעך האָבן געזאָלט זײַן אַנאַטאָליס טאַליסמאַן. צוזאַמען מיט דער אַאוסווײַזע אַף אַנאַטאָלי ליוואַרניקס נאָמען האָט ער זיך געמעגט באַווײַזן אַפֿן מאַרק. אים האָט אָפּגעגליקט: אַפֿן צווייטן טאָג האָט ער גאַנץ צופֿעליק באַגעגנט וואַנדען.

— אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש! — האָט זי שיִער ניט אויסגעשריגן, — וואָס מאַכט איר?!

— ווי דו זעסט, בין איך איצט ניט גאָר קיין גרויסער מאַכער. אַ געווײנלעכער קלײנהענדלער... עפּשער דאַרפֿסטו אַ יעוואַנגעליע, אַ צײלעמל — קריגסטו דאָס בײַ מיר, — האָט ער איר געזאָגט מיט אַ שמייכל. — נאָר ניט דאָס איז דער איקער!

— דאָס פֿאַרשטיי איך, אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש.

— און וואָס מאַכסטו? און עפּשער ווייסטו עפּעס וועגן אונדזער דאָדיקן?

— ס'הייסט, אונדזער וואַניע טשופּרינאַ? איך ווייס, אַוודאי ווייס איך, אַז עס איז אים איצט ווײ און ביטער. ער איז אינעם סירעצער לאַגער.

וואַנדע האָט אים דערציילט, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען. ס'איז איר שווער געווען צו רײדן, ווײַל ביז איצט איז זי געווען איבערצײַגט, אַז אַרײַנגעפֿאַלן איז ער אין די פּאָליצײיִשע הענט צוליב איר. ווען ער וואָלט דאַן ניט געגאַן אַף דער באַגעגעניש מיט איר, וואָלט ער עפּשער פֿאַרגעזעצט די אַרבעט אין דעפּאָ... נאָך מער האָט איר וויי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס דער אומגליק איז געשען צוליב דעם פֿאַרשאָלטענעם וואַסיל גאָרקושאַ, וועלכער הערט ניט אויף זיך שאַדכענען צו איר, און דאָדיקס דורכפֿאַל איז ניט מער ווי נעקאָמע פֿונעם פּאָליצײַ.

— האָסט זיך כאָטש געפּרוּווט פֿאַרבינדן מיט אים?

— דערווײַל איז דאָס אומעגלעך. כאָטש איך פֿאַרליר ניט די האָפֿענונג עפּעס־וואָס טאָן. אײנע אַ צוראַמערן פֿון אונדזער טעאַטער האָט מיר דערציילט, אַז אירע אַ שכײנע האָט ערשט פֿאַראַכטאָגן אויפֿגעהויבן אַ פּאַפּירל, וואָס עמעצער פֿון די לאַגערניקעס האָט אַריבערגעוואָרפֿן איבערן פּלויט און געבעטן איבערגעבן אַ גרוס דער פּרוי, וואָס וווינט אַף סאָלאָמינקע. די פּרוי האָט גלײַך אויסגעפֿילט די באַקאָשע, און דעם לאַגערניקס ווײַבל איז אַוועק צו דעם נײַעם וועג, וואָס די לאַגערניקעס בויען. מיט אַ פּלעשל סאַמאָהאָנקע האָט זי אונטערגעקויפֿט דעם וואַכמאַן, און ער האָט איר דערלויבט ברענגען איר מאַן עפּעס אַף אונטערהאַלטן די נעשאָמע.

— איז עפּשער וואָלסטו אויך געטאָן דאָס זעלבע?

— כ'וואָלט געטאָן, נאָר ווער וועט עס מיר דערלויבן? דאָס איז דאָך אַלצײנס ווי פֿרײַוויליק זיך איבערגעבן אין זייערע הענט.

— און איך וועל פּונדעסטוועגן אַ פּרוּוו טאָן! — האָט אַנאַטאָלי געזאָגט אַנטשײדן. — מע מוז אים אַרויסרײַסן פֿונעם טויט־לאַגער. ער וועט דאָך אונדז קײנמאָל ניט מויכל זײַן, אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן גאָרנישט ניט געפּרוּווט טאָן, קעדיי אים ראַטעווען.

אַנאַטאָלי האָט באַשטימט ניט אָפּלייגן די זאַך. ער איז גלײַך אַוועק צו דעם בעסוילעם־וועכטער זיך האַלטן מיט אים אַן אייצע, נאָר אָניסים דערקאַטש האָט אים באַגעגנט ווי אַ גאַסט פֿון יענער־וועלט און ניט אויפֿגעהערט צו טײַנען, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן מיט קאָפּ. נאָר מיט קאָפּ!

— וואָס מיינט איר דערמיט, טײַערער מענטש?

— דאָס הייסט, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען ערגעץ־ווו קריגן אַ פּאָר פּלעשלעך מאַשקע. און זאָלן זיי ליגן בײַ דיר צוזאַמען מיט דײַן „באָזשיאַ נאַוקאַ". פֿאַרגעס ניט, אַז די פּאָליציאַנטן האָבן זיך זייער גאָט, און דער גאָט איז בײַ זיי אינעם פּלעשל.

ווען אַנאַטאָלי איז נאָך געווען דער דירעקטאָר פֿון דער בײַשטאָטישער ווירטשאַפֿט, איז אים ניט אײן מאָל אויסגעקומען דורכפֿאָרן פֿאַרבײַ דעם סירעצער לאַגער. ס'איז אים גוט באַקאַנט געווען יעדער ווינקל פֿון אָט דער פֿאַרשאָלטענער פֿאָרשטאָט — דאָ איז אַמאָל געווען דער פּאָליגאָן פֿון דער פֿינף־און־פֿערציקסטער דיוויזיע, אין וועלכער עס האָט געדינט זײַן קלענערער ברודער הערשל. איצט זײַנען דאָ קיין טאַנקען ניט געווען. די ערד איז דאָ אַזאַ, ווי שווערע אַקערס וואָלטן זי צעאַקערט, צעגראָבן און פֿאַרצוימט מיט שטעכלדראָט. אַנאַטאָלי האָט באַשטימט אַ פּרוּוו טאָן דאָס מאַזל. ער איז אַוועק צו זײַן געוועזענעם פֿרײַנט פּיאַסעצקי, וועלכער האָט אויך ניט באַוויזן צו עוואַקוירן זיך און מוז אַוודאי וויסן, ווי מע דאַרף זיך אויפֿירן אין די נײַע אומשטענדן.

— וואָס ווייס איך, טײַערער פרײַנט מײַנער? — האָט פּיאַסעצקי געזאָגט, ווי געווײַנלעך באַשיידן, — איך ווייס, אַז די ערד ברענט באַ זיי אונטער די פיס און דאָס מאַכט זיי בייז, ווי די כּעס. זייערע דורכפאַלן און זייערע פאַרלוסטן ווילן זיי קאָמפּענסירן מיט טעראָר, און מיר, די לעבן געבליבענע, מוזן דערבײַ מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מיר האָבן זיך דערצו צוגע־ווינט.

— קיינער באַשולדיקט אײַך ניט! און וועגן דעם איז די רייד, איך פרעג בלויז, ווי אַזוי ראַטעוועט מען אונדזער דאָדיקן.

— כ׳מיין, אַז דו דאַרפסט זיך מיט אים באַגעגענען. אומבאַדינגט!

— אין לאַגער?

— אַן אַנדער ברייַרע האָסטו?

— דער בעסוילעם־וועכטער זאָגט, אַז מיט אַ פּאָר פלעשער סאַמאָהאָנקע קאָן מען אונ־טערקויפן די וועכטער פונעם לאַגער.

— אין דעם וועט קיין מענגע ניט זײַן! סאַמאָהאָנקע וועלן מיר דיר פון אונטער דער ערד קריגן. מע דאַרף אָבער גיין, ווי אַף אַן אײַזערנער בריק...

...פּיאַסעצקיס פרוי האָט באַ איינער אַ שכיינע געקראָגן צוויי פלעשלעך, ווי זי האָט גע־זאָגט, „פּערוואַק”, און אַנאַטאָלי איז אַוועק צום לאַגער פונקט דעמלט, ווען מע האָט דאָדיקס בריגאַדע אַרויסגעפירט אַף דער אַרבעט.

אַלס אַ געוועזענער מיליטערמאַן האָט אַנאַטאָלי געוווּסט, אַז איינער פון די בעסטע מיטלען אין קאַמף איז דרייסטקייט, געוואַגטקייט. ער איז צוגעגאַנגען צום וואַכמאַן, אַוועקגעשטעלט זײַן קוישל אַף דער ערד און גאַנץ אומגעריכט פאַרן באַוואָפנטן פּאָליצײַ אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— הײַל היטלער!

דער פּאָליציאַנט האָט אַף אים אַ קוק געטאָן, ווי אַף אַ דולן, און דאַן זיך אָפּגערופן:

— הײַל, הײַל! ווער ביסטו עס, וואָס דו האָסט זיך אַזוי פײַן אויסגעלערנט אָפּגעבן קאָ־וועד אַף אַזאַ מאַניר?!

וואָס הייסט, ווער? דו זעסט דען ניט? אַ גאָטס מענטש בין איך!

— אַלע זײַנען מיר גאָטס מענטשן, — האָט יענער אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, — ניט אַלע פאַרשטייען אָבער ווו אײַן און ווו אויס...

— ניט אַלע, ניט אַלע, דאָס ביסטו גערעכט. נאָר וועגן דעם איז דאָך אין אונדזער יעוואַנ־געליע געזאָגט געוואָרן שוואַרץ אַף ווײַס, אָט וועל איך דיר אַ לייען טאָן! — און אַנאַטאָלי האָט אויפגעמישט איינס פון זײַנע ספּאַרימלעך, — דאָ האָסטו דיר דאָס וויכטיקסטע, וואָס יעדער מענטש מוז וויסן, אויב ער וויל ניט אַרײַנפאַלן אין גענעם און טרוימט וועגן גאַניידן.

— גאַניידן זאָגסטו? ווו איז ער, דער גאַניידן?! וואָס פּאַרקלאַפּסטו מיר דעם קאָפּ מיט דײַנע באַבעמײַסעס? גיי דיר אין דײַן וועג!

— מײַן וועג האָט מיך געבראַכט אַהער, צו דיר, און געקומען בין איך ניט מיט קיין ליידיקע הענט. ווײַל ווי עס שטייט בעפּיירעש געשריבן אין אונדזער יעוואַנגעליע, ווילסטו לעבן אַף דער וועלט, טאָ פאַרגעס ניט אין דײַנע נאָענטע. גאָלדענע ווערטער! איז אָט האָב איך דיר געבראַכט צוליב אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַ פלעשעלע היילקע וואַסער...

— בעסער וואָלסטו געבראַכט אַ פלעשל בראָנפן! היילקע וואַסער האָבן מיר דאָ גענוג אָן דײַן לאַסקע, אַלטער!

אַנאַטאָלי האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער איז דאָ ניטאָ דערבײַ און האָט אים דערלאַנגט אַ פלאַש „פּערוואַק”.

— נעם און טו אַ פּרוּוו. עפּשער איז דאָס פונקט דער געטראַנק, נאָך וועלכן עס לעכצט דײַן נעשאָמע.

דער פּאָליצײַ האָט גענומען די פלאַש, מיט די ציין אַרויסגעשלעפּט דאָס קאָרעקל, אַ שמעק געטאָן, געגומען אַפן צונג.

— ביסטו דאָך אַפדערעמעסן פון גאָט אַליין געשיקט! דאָס איז דאָך טאַקע פונקט דאָס, וואָס מיר פעלט הײַנט, אין טאָג פון מײַנע אימענינעס...

— נו, אָט זעסטו דאָך, אַז ס׳איז טאַקע דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט!

ביידע האָבן זיך צעלאַכט, נאָר מיטאַמאָל איז דער פּאָליצײַ ערנסט געוואָרן, באַהאַלטנדיק די פלאַש אין דער טיפער קעשענע, געפרעגט:

— אָבער ניט צוליב דעם ביסטו דאָך געקומען? ניט אַף מײַנע אימענינעס, אַ? זאָג, וואָס דאַרפסטו דאָ, ביז אונדזער נאַטשאַלניק איז דאָ ניטאָ.

אנאטאָלי האָט באשטימט, אז אים האָט אָפּגעגליקט און אז ער מעג דעם פּאָליציַי זאָגן דעם ריינעם עמעס.

— פארשטייסט, טיַיערער מענטש, ווי אונדזער גאָט טוט עס אָפּ! גראָדע היַינט איז אויך דער געבורטסטאָג פון מיַין געליבטסטן ברודער וואניע. צוליב א מיספארשטייעניש איז ער אריַינגעפאלן אהער אינעם לאגער. נו, ארויסשלעפּן אים פונדאנעט וועט זיך מיר, זעט אויס, ניט איַינגעבן, אָבער כאָטש א שמועס טאָן מיט אים, איבערגעבן א פּעקל מאכאָרקע צי כ׳ווייס וואָס — דאָס איז מיַין כוונה. ווי איך זע, פארשטייסטו דאָס אליין זייער גוט. איז טו מיר די לאסקע און טו אים א רוף אהער אויף עטלעכע מינוט...

— וואניע, זאָגסטו? מיר האָבן דאָ ניט איין וואניע!

— איך שטעל מיר פאָר! נאָר מיַין וואניע איז איוואן טשופּרינא...

— דער ארטיסט? וואניע?! איך קאָן אים זייער גוט, א ווילער יאָט מיט א קלינגעוודיק קעלעכל און שטילע ליכטיקע אויגן! פארהיקעט זיך א ביסל — געטראָפן?

— אזא יאָר אויף מיר, ווי דו רעדסט צו דער זאך! איז זיַי א מענטש און טו אים א רוף — ערגעץ מוז ער דאָך זיַין טאקע דאָ אין דער בוי־בריגאדע...

— היַינט וועל איך עס ניט קאָנען טאָן, היַינט נישטערן דאָ אלע אונדזערע גרויסע נאַ־טשאלניקעס און ניט נאָר ער, נאָר אויך איך קאָן מיַעס אָפּשניַידן, אויב מע וועט אים צופעליק פאקן בעשאס אייַער באגעגעניש. אָט זעסטו, מאָרגן — מאָרגן וועסטו זיך מיט אים טרעפן טאקע דאָ ניט וויַיט, בא דער צענעריקטער ווערבע. מיטיק־צייַט זאָלסטו קומען און טאקע ניט מיט קיין ליידיקע הענט, וויַיל איך בין דאָך דאָ ניט איינער אליין...

דער פּאָליציַי, וואָס האָט זיך געלאָזט איַינריידן, האָט געהאלטן וואָרט, און מאָרגן, פּונקט צוועלף האָט שוין דאָדיק געוואַרט אויפן ברודער. דער פּאָליציַי האָט אריַינגעלאָזט אנאטאָלין אין דער אָפּגעגריַיזטער זאָנע, טאקע ניט וויַיט פון דער צעבראָכענער ווערבע. די ברידער האָבן זיך ארומגענומען, זיך צעקושט און צעוויינט. זיי האָבן קימאט ניט גערעדט, ווי עס וואָלט בא זיי אָפּגענומען דאָס לאָשן. גאָר אינגיכן איז צו זיי צוגעלאָפן דער פּאָליציַי.

— פארענדיקט אייַערע אימענינעס. ראדאָמסקי איז נאָרוואָס געקומען צו פאָרן. פארענ־דיקט, בעט איך אייַך!

אנאטאָלי האָט פארלאָזט די זאָנע, און דאָדיק האָט זיך אומגעקערט צו זיַין זאסטעפּ און דער שווערער טאטשקע.

דאַדיק האָט פֿאַרשפּאַרט דערציילן דעם עלטערן ברודער, וואָס אים קומט אויס אויסצו־שטיין דאָ אינעם לאַגער. אַנאַטאָלי האָט דאָס אַלץ אַליין געזען און פֿאַרשטאַנען, דאָך האָט זיך אַ האָפֿענונגס־פֿונק אַרײַנגעגאַנווענט אין זײַן האַרצן — עפּעס וועט מען זיך סטאַרען טאָן, קעדיי באַפֿרײַען דאַדיקן.

די נאָענטסטע באַגעגעניש האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין אַ וואָך אַרום. איצט האָט שוין אַנאַטאָלי געוווּסט דעם וועג צו זײַן ברודער. וועגן דער באַגעגעניש מיטן „זיידן" האָט דאַדיק דערציילט די כּוורע, מיט וועלכע ער איז באַזונדערס באַפֿרײַנדעט געוואָרן. צווישן זיך האָבן זיי שוין ניט איין מאָל געשמועסט וועגן מאַכן די פּליטע. איצט, ווען עס האָט זיך אײַנגע־שטעלט אַ פֿאַרבינדונג מיטן עלטערן ברודער, האָט זיך אַ נײַ האָפֿענונגס־פֿײַערל אָנגעצונדן אין זייערע הערצער.

אין אַ וואָך אַרום איז טאַקע פֿאָרגעקומען די צווייטע באַגעגעניש פֿון די ברידער לאַזעבניק. אַנאַטאָלי האָט ווידער געבראַכט פֿאַרן פּאָליצײַאַנט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אַ פֿלאַש בראָנפֿן און פֿאַר דאַדיקן עטלעכע הערטשענע לאַטקעס און אַ צענדליק עפּל, וועלכע עס האָט ספּעציעל פֿאַר וואַניען איבערגעגעבן דער האַרציקער אַניסים דערקאַטש.

די באַגעגעניש איז געווען אַ קורצע.

— נו, וואָס זשע האָט איר באַשטימט? — האָט אַנאַטאָלי געפֿרעגט בײַ דאַדיקן, וועלכער איז שוין איצטיקנד אין זײַנע אויגן געוואָרן געוואַקסן דערוואַקסן און האָט אויסגעזען פֿיל עלטער ווי אין דער ווירקלעכקייט.

— מיר האָבן באַשטימט, אַז אָן אײַער הילף וועט בײַ אונדז זיך גאָרניט באַקומען. וואָלטן מיר כאָטש געהאַט געווער. מיט די הוילע הענט איז אוממעגלעך אַפֿילו פּרוּוון זיך ליקווידירן די וואַך. מיט איינעם פֿון די וואַכלײַט איז בײַ אונדז אײַנגעשטעלט ניט קיין שלעכטע באַציִונג. ער לייגט פֿאָר, מיר זאָלן בייס מע וועט אונדז פֿירן אויף דער אַרבעט זיך פֿאַנאַנדערלויפֿן. ער וועט, פֿאַרשטייט זיך, אָנהייבן שיסן. אַ צוויי־דרײַ פֿון אונדז וועלן עפּשער אומקומען, דערפֿאַר אָבער וועלן די איבעריקע זיך ראַטעווען...

— דאָס איז ניט קיין פּלאַן! — האָט קאַטעגאָריש דערווידערט אַנאַטאָלי. — קויפֿן זיך די פֿרײַהײַט פֿאַר אַזאַ פּרײַז זאָלט איר זיך אַפֿילו ניט דערוועגן! וויפֿל זײַנט איר דאָרט אַזעלכע, אויף וועמען מע קאָן זיך פֿאַרלאָזן?

— אַכצן זײַנען מיר. אַכצן איבערגעגעבענע איינער דעם אַנדערן.

— ייִדן? — האָט אַנאַטאָלי געפֿרעגט.

— וואָס עפּעס נאָר ייִדן?! אין אונדזער גאַניידן געפֿינען זיך אויך אוקראַיִנער און רוסן. צוויי כּוורע זײַנען פֿון פּוילן, זיי האָבן שוין ניט איין מאָל פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון פּלייטע. מע האָט זיי געפּאַקט, שיִר ניט געקעפּט, נאָר ס'האָט זיי אָפּגעגליקט און זיי זײַנען לעבן געבליבן.

— זײַנט איר, הייסט עס, אַכצן? אַכצן איז שוין אַ נישקאָשעדיקע צאָל. איז אָט: דערווײַל קאָן איך דיר גאָר ניט צוזאָגן, — האָט ער אַרומגענומען דעם ברודער. — איך וועל זיך האַלטן אָן אײַך. עפּשער וועט זיך אונדז אײַנגעבן קריגן פֿאַר אײַך אַ ביסל געווער און עס אַריבער־פֿעקלען אַהער. ס'הייסט, דיך אַליין וואָלט זיך מיר עפּשער אײַנגעגעבן אויסלייזן פֿונדאַנען...

— אַליין וועל איך זיך אַפֿילו ניט רירן פֿון אָרט. אויב לויפֿן — איז צוזאַמען מיט אַלעמען. וואָס וואָלטן מײַנע כּוורע זאָגן וועגן מיר, ווען איך לאָז זיי איבער, ווי עפּעס אַ פֿאַרעטער. וועגן דעם זאָלסטו אַפֿילו ניט טראַכטן.

מע האָט זיך צונויפֿגערעדט וועגן דער קומענדיקער באַגעגעניש, און אַנאַטאָלי האָט פֿאַר־לאָזט די זאָנע. דאַדיק האָט דערציילט די כּוורע וועגן דעם געשפּרעך מיטן „זיידן", און אַלע האָבן אים געלויבט פֿאַר זײַן עמעסער פֿרײַנטשאַפֿט.

16

איז דען פֿאַראַן נאָך אַ שענערע צײַט ווי דער כּוידעש אווגוסט? און ניט סטאַם אווגוסט, נאָר דער קיִעווער אווגוסט, ווען דער הימל איז אויסגעשטערנט און אויף דער ערד איז יעדער ווינקעלע פֿאַרוועבט אין גרינס. אין דער לופֿט שוועבן וווּנדערלעכע רייכעס פֿונעם געבענטשטן זומער, און די פֿאַרשטעט — ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער איז בעסער — אויף פּעטשערסק צי אויף קורעניאָווקע, אויף פּאָדאָל בײַם דניעפּער צי אויף דעמיִעווקע לעבן דעם וווּנדערלעכן האָ־לאָסיִעווער וואַלד?

בלויז דער באַבי יאַר איז געווען אַ פאַרשאָלטן ווינקל. דאָ איז די לופט אָפּגעסאַמט מיטן רייעך פון געברענטע מענטשלעכע קערפּערס. דער רייעך טראָגט זיך פון די שײַטערס, אויף וועלכע מע האָט פאַרברענט טויזנטער אומשולדיקע קאָרבאָנעס.

צו אַזאַ רייעך קאָן מען זיך ניט צוגעוווינען, און דער איינציקער טרוים איז געווען באַ דאַדיקן — וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם לאַגער, וועלכער געפינט זיך בישכיינעס מיטן באַבי יאַר. דאָס איז געווען ניט נאָר זײַן טרוים, און וואָס מער מע האָט צווישן זיך גערעדט און געוויי־צעט זיך, וויאַזוי צו מאַכן פּלייטע פונעם לאַגער, אַלץ מער האָט גענאָגט דאָס האַרץ, אַלץ מער האָט זיך געגלוסט אײַנשטעלן דאָס לעבן, אַבי באַפרײַט ווערן. די דרײַ כּוורע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים זיך געשטעלט בראָש פון דער גרופּע, האָבן זיך צוגעהערט צו דאַדיקס פאַרשלאָגן. באַזונדערס אויסגעוואַקסן איז זײַן אויטאָריטעט, זינט עס האָט זיך אײַנגעשטעלט די פאַרבינדונג מיט אַנאַטאָלין.

צווישן די נײַגעקומענע אינעם לאַגער איז געווען אַ פּוילישער באָכער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ געוויסע דערפאַרונג, ווי מע דאַרף זיך צוגרייטן צו אַ פּלייטע. נאָר יעדער פּלייטע טראָגט אין זיך די שרעקלעכע געפאַר פון טויט־שטראָף פאַר די, וואָס וועלן פאַרבלײַבן אין לאַגער. אינעם קאַראַנטישעווער לאַגער, ווו ער איז צום לעצטן מאָל געווען, האָט מען באַ־שטראָפט די, וואָס האָבן געוווּסט, אַז אַ גרופּע קאַצעטניקעס קלײַבן זיך אַנטלויפן. אויך דאָ, אינעם סירעצער לאַגער, נאָך איינער אַ ניט געלונגענער פּלייטע האָט ראַדאָמסקי באַפוילן אַרויספירן דעם גאַנצן באַשטאַנד פון לאַגער, אים אויסשטעלן אין איין גרויסער ריי און צע־שיסן יעדן צענטן. דאַדיקן האָט דאַן אָפּגעגליקט: ער איז געווע דער נײַנטער אין דער ריי און איז דעריבער לעבן געבליבן.

נאָך אָט דער בלוטיקער עקזעקוציע האָט דער קאָמיטעט באַשטימט ניט וואַרטן ביז דער „זיידע" וועט קומען מיט זײַן הילף. מע האָט זיך שוין אַפילו צונויפגערעדט, אַז דעם קומענ־דיקן מאָנטיק, נאָך דעם אַזויגערופענעם אַרויסגאַנג־טאָג, קאַיאַר, וועלן זיך אַרויסרײַסן די צוויי צענדליק מער דרייסטע און שרעקלאָזע כּוורע. אויב עס וועט זיי געלינגען פאַרווירקלעכן זייער פאַרטראַכט, וועלן עפּשער אויך די איבעריקע זיך רירן פון אָרט.

די לעצטע טעג פון דער וואָך האָבן זיך מוירעדיק לאַנג געצויגן, און דאָס לעבן אינעם באַראַק, האָט זיך געדאַכט, איז גאָר ניט אַזוי געפערלעך. די דערוואַרטע פרײַהייט האָט גע־שטאַרקט די קויכעס באַ די מאַרגעדיקע פּלייטים.

ס'איז שוין געווען סאָף טאָג. די בריגאַדעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אַפן געוועזענעם פּאָ־ליגאָן, האָבן זיך שוין אומגעקערט אין דער זאָנע, יעדער צו זײַן באַראַק, צו זײַן הילצערנעם טאָפּטשאַן. די מאָרגעדיקע פּלייטים האָבן זיך שטומערהייט ווי געזעגנט מיט די קאַלטע ער־דענע ווענט פונעם באַראַק, מיט די גאַלעגערס, מיט וועלכע מע וועט זיך עפּשער אויף אייביק אין אַ מאַזלדיקער שאָ צעשיידן. נאָר פּלוצעם האָט זיך אינעם לאַגער אומגעקערט ראַדאָמסקי.

— עפּעס האָט ער געוויס פאַרגעסן אָפּטאָן, — האָט דאַדיק אַ שעפּטשע געטאָן זײַן באַ־ראַק־שכן, — וואָס קאָן דאָס באַטײַטן זײַן אומקערן זיך?

און געקומען איז ער אַהער ניט ווײַל ער האָט עפּעס פאַרגעסן אָדער גאָר וויכטיקס דער־מאָנט זיך. ער האָט באַפוילן דעם קאָמענדאַנט אַרויספירן אַפן פּלאַץ די אײַנוווינער פון די צוויי שכיינעסדיקע באַראַקן. צווישן די אַרויסגערופענע זײַנען געווען אַלע אַכצן קאַצעטלער, וועלכע האָבן זיך שוין געגרייט צו דער פּלייטע. געקומען איז ראַדאָמסקי ניט אַליין, אים האָבן באַגלייט עטלעכע אָפיצערן פון דער געסטאַפּאָ. דער איבערזעצער האָט וואָרט אין וואָרט איי־בערגעזעצט דאָס, וואָס איינער פון די עסעסאָווצעס האָט מיטגעטיילט:

— לויט דער פאַראָרדענונג פון דער שטאָט־קאָמענדאַטור וועט דאָ ניט ווײַט אויפגעבויט ווערן אַ פּראַכטפולע געבײַדע פאַרן גענעראַל דעם געביטסקאָמיסאַר. די אַרבעט איז זייער אַן ערנסטע און אַ בעקאַוועדיקע. ניט יעדער פון אײַך האָט פאַרדינט דעם קאָוועד צו נעמען אָנ־טייל אין דער דאָזיקער אַרבעט, און ניט יעדן פון אײַך קאָן מען פאַרטרויען אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע. די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער האָט גוט באַטראַכט יעדן איינעם און האָט דערוויײַל אויסגעקליבן פאַלקנדע קאַצעטלער. באַלד וועל איך אײַך מיטיילן ווער דאָס זײַנען... — און ער האָט אַרויסבאַקומען אַ פּאַפּיר פון דעם בוזעם־טאַש. — די, וואָס איך וועל אָנרופן, דאַרפן מאַכן צוויי שפּאַן פאָרויס!

די אָנגערופענע האָבן געמאַכט צוויי שפּאַן פאָרויס.

דאָס זײַנען געווען די ערשטע צוויי שפּאַן צום פאַרשטייענדיקן טויט, וואָס האָט זיי דער־וואַרט. צווישן די צוויי צענדליק, וואָס האָבן זיך שוין ניט אומגעקערט אין זייערע באַראַקן, זײַנען געווען אויך עטלעכע קאַצעטלער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צו דער אָרגאַניזירטער פּלייטע. דערפאַר אָבער זײַנען אינעם דערמאָנטן צעטל ניט געווען ניט וואָניע

טשופּרינאַ, ניט דאָס פּוילישע ייִנגל, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געקומען אינעם לאַגער און זיך גלײַך באַפרײַנדעט מיט דאָדיקן. איינער פון די אָנגערופענע האָט זיך דערוועגט אָנרופן:

— נו, און די זאַכן, אונדזערע זאַכן...

— אָ, וועגן דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגן. מע וועט אײַך באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס אין נײַע מאַלבושים.

די אָפּגעקליבענע צוויי צענדליק האָט מען שמײַדיק אַרײַנגעזעצט אין אַ לאַסטמאַשין און אַרויסגעפירט פון דער זאָנע.

דאָדיק האָט אַפילע ניט באַוויזן זיך באַגעגענען מיט די נאָענטסטע פרײַנט, אַף וועלכע ער האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונג. גראַדע זיי זײַנען געווען באַשטימט אַלס די, וואָס וועלן מאַכן דעם אָנגריף אַף דער באַוואָפנטער וואַך.

„שוין זשע איז דאָס די אַרבעט פון אַ פאַרעטער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין אונדזער גרופּע, — האָט דאָדיקן ניט אָפּגעהערט עגבערן אַ געדאַנק. — ווער זשע איז עס? און אויב אים זײַנען באַוווּסט די נעמען פון די אָנפירער, פאַרוואָס זשע האָט מען מיך געלאָזט צורו? וואָס וועלן מײַנע כאַווײרים טראַכטן וועגן מיר?!"

אַך, סאַראַ אויסגעשטערנטער הימל האָט זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט.

דאָדיק האָט ליב געהאַט פאַרײַסן דעם קאָפּ און פרוּוון אַנטפּלעקן די סודעס פונעם שטערן־געווימל. אים פלעגט דעמלט זיך דאַכטן, אַז אויך וואַנדע זוכט איר שטערן און פאַרטרויט אים אירע געפילן.

דאָדיק האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. דעם זעלבן אָוונט איז אַנאַטאָלי געקומען צו איר נאָך דער פלאַש בראָנפן, וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט באַשטעלן פאַר דעם פּאָליציאַנט, וואָס וואַרט אַף אים און וועט אָרגאַניזירן די באַגעגעניש מיט דעם ברודער: „עפּשער וואָלט איך זיך אויך פרוּוון באַגעגענען מיט אים?" — האָט זי פאַרזיכטיק אַ פרעג געגעבן. נאָר אַנאַטאָלי האָט איר גלײַך דערווידערט.

— האָב צײַט! כאַפּ זיך ניט! נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך און מיר וועלן אים אויסלייזן.

— איז גיט זשע אים כאָטש איבער אָט דאָס טיכעלע, אַ סימען, אַן איידעס, אַז איך וואַרט אַף אים און בין זיכער, אַז אַלץ וועט זײַן גוט. עס מוז זײַן גוט!

נאָר דאָס טיכעלע האָט אַנאַטאָלי שוין ניט באַוויזן צו איבערגעבן דאָדיקן. ווען ער איז געקומען מיט זײַן קוישל אין די הענט און מיטן גוטמוטיקן שמייכל אַף די ליפּן און זיך באַגעגענט מיטן פּאָליציײַ, זיך אַרומגעקוקט און דערלאַנגט די פלאַש בראָנפן, האָט דער וואַכמאַן ווי מיט אַ קרעכץ שטיל געזאָגט:

— פאַר דער מאַטאָנע אַ דאַנק, נאָר אָפּדינען דיר בין איך ניט אימשטאַנד... הײַנט באַנאַכט האָט מען וואַניען צוגענומען מיט נאָך עטלעכע כלאָפּצעס...

— וווּהין צוגענומען?!

— דאָס ווייסן מיר ניט. נאָר זיכער... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ניטאָ מער וואַניע, ניטאָ!

— וואָס האָט ער דען אַזוינס אָפּגעטאָן? פאַר וועלכע זינד?!

— וואָס פרעגסטו בא מיר? ווען דאָס איז פון מיר געווענדט... כ'האָב דאָפּקע געמיינט, אַז אים וועט דער אומגליק אויסמײַדן. אַנטאָן האָט דאָך פון אים געהאַלטן אַ וועלט, אים ליב געהאַט פאַר זײַן זינגען און פאַר זײַן טאַנצן. נאָר זעסטו דאָך. עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז ער צוזאַמען מיט זײַנע כלאָפּצעס האָבן געגרייט אַן אופשטאַנד. זיי האָבן געזאָלט אונדז אַלעמען אומברענגען, נו, פאַרניכטן, ווי די מײַז... האָט זיך אָבער געפונען איינער צווישן זיי, וואָס האָט דעם גאַנצן פּלאַן זייערן אופגעדעקט. ווער ווייסט, ווען עס גיט זיך זיי אײַן זייער פּלאַן, וואָלט איך עפּשער הײַנט ניט באַגעגנט דיך דאָ.

— עפּשער ווייסטו כאָטש דאָס אָרט, ווו מע האָט זיי באַגראָבן?

— אַך, זיידע, זיידע! סאַראַ נאַפקעמינע? וואָס פאַר אַן אונטערשייד — ווייסט דאָך אים ניט לעבעדיק מאַכן, און קיין פּאַניכידע איבער אים ווייסטו אויך ניט פּראַווען. — ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. — פאַר דער מאַטאָנע אַ דאַנק. כ'וועל נאָך דער אַרבעט אויסטרינקען זאַ אופּאָקאָי דושי ראַבאַ באָזשיעהאָ איוואַנאַ. אַ טײַערער כלאָפּעץ איז דאָס געווען, דער גאַנצער לאַגער האָט אים ליב געהאַט! נו, גיי, גיי, ווײַל אײַנגיכן וועט זיך דאָ באַווײַזן אַן אַנדער וואַכמאַן. ניט אַלע זײַנען דאָך אַזעלכע, ווי איך. ס'וועט בעסער זײַן, אויב דו ווייסט זיך מיט אים ניט באַגעגענען.

אַנאַטאָליס פּיס זײַנען געוואָרן, ווי אָנגעגאָסענע מיט בלײַ, ער האָט זיך קוים גערירט פון אָרט. ווען ער איז געגאַנגען אַהער צום לאַגער־פּלויט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ ווינטל טרײַבט אים אונטער. ער האָט זיך אַפילע בוילעט פאָרגעשטעלט ווי זיי וועלן זיך באַגעגענען און ווי ער וועט אים איבערגעבן דעם גרוס פון וואַנדען צוזאַמען מיט איר שמעקעדיק טיכעלע.

און איצט? וווּהין גייט מען? וועמען דערציילט מען וועגן אומגליק? ער האָט דאָך אַזוי געגלייבט אין אַ נעס, וואָס וועט געשען, וואָס וואָלט עפּשער טאַקע געשען, ווען ניט דער פּאַרעטער, וואָס האָט פאַרקירצט די יאָרן ניט נאָר עמעצן, נאָר אויך זיך, וויִיל פריִער אָדער שפּעטער וועט מען אויך אים אָפּשיקן אין דער הימל־קאָמאַנדע. אַזאַ סיידער איז איינגעשטעלט אין אַלע טויט־לאַגערן — מע ברענגט אום די אײדעס פונעם בלוטיקן ווילקיר.

די באַגעגעניש מיט וואַנדען איז פאָרגעקומען אָפּן בעסוילעם בא אַניסים דערקאַטשן. וואַנדע איז געקומען אַ פאַרדאַיגטע, און איידער אַנאַטאָלי האָט איר באַוויזן צו דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דאַדיקן, האָט זי אים מיטגעטיילט, אַז היינט באַנאַכט האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען די אַלטע נאַסטיע.. און געשען איז דאָס אומגעריכט און אומגעלומפּערט...

— פאַר דיר איז דאָס עפּשער אומדערוואַרט, און איך האָב די גאַנצע צייט מוירע געהאַט, עס זאָל זיך מיט איר עפּעס ניט טרעפן. זי האָט זיך דאָך ניט געהיט מיט קיין וואָרט. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זי זוכט מאַמעש די מעגלעכקייט אַרויסוויִיזן איר סינע צו די טאַליאָנים און מענטשנפרעסער.

— און געפּאַקט האָט מען זי, ווען איינער אַ כעווּרעמאַן, סלאַוויק, דאַדיקס אַ כאַווער פון דעפּאָ איז געקומען צו איר מיט עפּעס אַ שליכעס פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. נאָך סלאַוויקן האָט מען שוין געשפּירט, און גלייך ווי ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון איר שטוב, האָט מען זיי ביידע גענומען. מע האָט זיי אַרייַנגעוואָרפן אין אַ מאַשין און אַוועקגעפירט, זעט אויס, אויך אַהין, ווו מע האָט אַוועקגעפירט דאַדיקן.. עפּשער וועלן זיי זיך דאָרט באַגעגענען...

— דאָס קאָן שוין ניט זיין. מע וועט זיך שוין ניט באַגעגענען!

— אַ גיכער טויט אַף די דושעהובעס! — האָט זיך אָנגערופן אַניסים אַזוי, ווי זיין קלאָלע וואָלט געקאָנט מעקוּיעם ווערן. — כ׳וואָלט נאָר אַ באַלדן געוועזן וויסן ביזוואַנען וועט עס דויערן.—

— כ׳בין זיכער, — האָט אַנאַטאָלי געזאָגט, — אַז גאָר איינגיכן וועט צו זיי נעמען אַ סאָף! קיִעוו וועט ווידער באַפריַיט ווערן. און אַלץ, וואָס איר האָט געטאָן פאַר דאַדיקן און פאַר אונדז אַלעמען, וועט אייך ניט פאַרגעסן ווערן! דאַדיק האָט אייך זייער ליב געהאַט און זייער אָפּט דערמאָנט אייער גוטסקייט. פאַרבלייבט געזונט, טייערער אַניסים, און פאַרלירט ניט די האָפֿע־נונג. אָן דער האָפענונג וואָלט דער מענטש דריַי מאָל אַ טאָג געשטאָרבן, און מיר דאַרפן נאָך לעבן. מיר מוזן לעבן און דערלעבן ביז היטלערס מאַפּאָלע!

איינדרייַען האָבן זיי זיך געלאָזט צו דעם דרייַצנטן באַצירק פונעם בעסוילעם, ווו עס איז באַערדיקט געוואָרן לייע לאַזעבניק.

פאַר די צוויי יאָר, זינט עס האָט געדויערט די מילכאָמע, איז דער קייִווער פּאַרוואַקסן געוואָרן אַף ניט צו דערקענען אים. בלויז דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע אייַזערנע שילדל אַף דעם איינגעפאַלענעם קייִווער האָט אײדעס געזאָגט, אַז דאָ האָט באַקומען איר אייביקע רו דאַדיקס מאַמע. וואַנדע האָט ניט געוואַרט, ביז אַניסים דערקאַטש וועט ברענגען דעם זאַסטעפּ. זי האָט מיט אירע פלייַסיקע פלינקע הענט גענומען אַרויסריַיסן דאָס ווילדגראָז אַרום דעם בערגל ערד. אַנאַטאָלי האָט איר געהאָלפן, און ווען אַניסים האָט געבראַכט אַ זאַסטעפּ און עטלעכע טעפּע־לעך מיט פרישע בלומען, האָט זיך אין דער אַרומיקער גרינקייט אופגעהויבן לייעס קייִווער, פּונקט ווי מע וואָלט זי נאָרוואָס באַערדיקט. וואַנדע האָט אַרויסגענומען די קוויטן פון די טעפּ־עלעך, זיי אייַנגעמאָסטעט אין דער פרישׁ איבערגעגראָבענער ערד.

— און דאַדיק האָט דאָך אַזוי געטרוימט וועגן דעם טאָג, ווען ער מיט די ברידער וועלן איר דאָ שטעלן אַ דענקמאָל! אַך, דאַדיק, דאַדיק! — האָט וואַנדע אויסגעבראָכן מיט אַ גע־וויין, — פאַרוואָס ביסטו אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן?!

מע האָט זיך געזעגנט מיט אַניסימען, געבעטן אים, ער זאָל פון צייַט צו צייַט אַכטונג געבן נאָך לייעס קייִווער.

— אַז מיר וועלן לעבן בלייַבן, — האָט אַנאַטאָלי אים געדריקט די האַנט, — אַז מיר וועלן לעבן בלייַבן און זיך אומקערן, וועלן מיר אייך ווי עס דאַרף צו זיין באַדאַנקען...

וואַנדע און אַנאַטאָלי האָבן פאַרלאָזט דאָס היילִיקע אָרט און, קעדיי ניט ריזיקירן, זיך גלייך פאַנאַנדערגעגאַנגען — זי צו זיך אַף דער פּאַריאַסעמטער גאַס, און ער — צו זיין פריַינט דעם קאָניוך טימאָפּיי דאַנילאָוויטש. דאָרט האָט ער באַשטימט איבערנעכטיקן און פאַרטאָג זיך לאָזן צוריק אין באַשטאַנאָווקע, ווו עס האָבן אַף אים געוואַרט אַזויפיל געטריַיע מענטשן און צווישן זיי — יאַנוש בערגער און האַרפינע.

דאָס מאָל האָט זיך דער וועג קיין באַשטאַנאַווקע אַנאַטאָלין אויסגעדאַכט מעשונע־לאַנג. די גאַנצע צײַט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעצער יאָגט זיך נאָך אים, און דער עמעצער איז ניט אַבי־ווער — דער אייגענער ברודער. ער דעריאָגט אים און האַלט אין איין מוסער זאָגן: ווי האָסטו געקאָנט זיך באַרויִקן, ווי האָסטו געקאָנט פאַרלאָזן די שטאָט און ניט נעמען נעקאָמע אין די, וואָס האָבן מיך אוועקגענומען פון דער וועלט. אַנאַטאָלי פּרוּווט זיך פאַרענטפערן, נאָר עס באַקומט זיך בא אים ניט. ווײַל טיף אין האַרצן נאָגט אים דאָס געפיל פון שולד: ער האָט, זעט אויס, ניט אַלץ געטאָן, קעדיי ראַטעווען דעם ברודער. ביז ער וועט לעבן, וועט ער עס זיך ניט מויכל זײַן. פאַראַיאָרן, ווען ער איז געגאַנגען קיין ליסאָווע, איז ער פול געווען מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך טרעפן מיטן אַרטיסט — מע האָט דאָך זיך גוט צונויפגערעדט. און די באַגעגעניש איז טאַקע פאָרגעקומען, און איצט... איצט ווייסט ער דאָך שוין אַף גע־וויס, אַז ער האָט אים אַף אייביק אָנגעווירן. האַרפּינע וועט אים געוויס פרעגן: וואָס מאַכט עפּעס אונדזער וואַניע? און וואָס וועט ער איר ענטפערן?

דער וועג קיין באַשטאַנאַווקע ליגט פאַרבײַ ליסאָווע, און אַנאַטאָלי האָט באַשטימט אַף אַ פּאָר טעג זיך אַרײַנכאַפּן צו דאַניליוקן, וועלכער איז צוליב זײַן פיזישן פעלער — אַף איין פוס — ניט אימשטאַנד זיך שלעפּן איבער די וועלדער אָנטיילנעמען אין די אַקציעס פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

אין דאָרף איז ער געקומען, ווען עס איז נאָך ליכטיק געווען אין דרויסן. מיטן סוקעוואַטן שטעקן אין איין האַנט און מיטן קוישל אין דער צווייטער איז ער אַרײַן אין הויף און האָט באַגעגנט יאָסיפֿ דאַניליוקס פרוי. ער האָט זי קוים דערקענט. פאַרשלייערט אין אַ שוואַרצן טיכל, איז זי אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס אַ פאַרלוירענע זאַך.

— אַ גוט אָוונט דיר, אַלטיטשקע, — האָט אַנאַטאָלי ווי געוויינלעך האַרציק זיך געווענדט צו דער פאַרצאַרנטער און געשטראָפּטער פרוי.

דאַניליוטשקע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט, בלויז צעפירט מיט די הענט, ווי איי־נער רעדט: דיר איז עפּשער גוט אַפן האַרצן — ביסט אין אַ גוטער דערהויבענער שטימונג, איך בין אָבער, ווי דו זעסט, געפּלעפט, דערהאַרגעט...

— איך זאָג: דערקענסט מיך ניט, צי וואָס?! אַ גוטן אָוונט!

די פרוי האָט ווידער צעפירט די הענט, ס'הייסט, וואָס זאָל איך דיר ענטפערן, אַז פון ווייטעק האָט בא מיר אָפּגענומען דאָס לאָשן.

— וואָס מאַכט עפּעס דײַן אַלטער?

— וועגן מײַן אַלטן פרעגסטו? ניטאָ בא אונדז מער קיין אַלטער, ניטאָ! פאַריאָסעמט בין איך געוואָרן, עלנט, ווי אַ שטיין. דער וואַרשטאַט און דאָס בענקעלע איז מיר געבליבן אַלס אַ זייכער פון מײַן יאָסיפן. כ'האָב זיך בא זיי געבעטן: אויך מיך נעמט צו פון דער וועלט, האָבן זיי מיך אָפּגעשטויסן אין אַ זײַט און אים האָט מען טאַקע אָט דאָ, לעבן אונדזער פּלויט, געשאָסן... וואָלט איך כאָטש געהאַט, ווער עס זאָל אין זיי נעקאָמע נעמען, — בין איך דאָך געבליבן ווי אַ הוילע צווײַג אַף אַן אָפּגעזעגטן בוים. נאָר אַז מע וויל צוריק — איז וואָס בין איך בעסער פון אַלע אַנדערע ליסאָווער פרויען? איין צאָרע אַף אונדז אַלע. איין צאָרע, איין אומגליק.

אַנאַטאָלי האָט אַפילע ניט געפּרוּווט זי טרייסטן. און כאָטש קיין באַשטאַנאַווקע איז נאָך אַ גאַנץ היפּשער וועג, איז ער, אַ מידער, אוועק אין דער נאַכט אַרײַן — ער האָט געמוזט וואָס גיכער זיך אײַנשליסן אין דער מאַכנע, וואָס נעמט נעקאָמע אי פאַר דאָדיקן, אי פאַר יאָסיפֿ דאַניליוקן און פאַר נאָך און נאָך טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אומגעבראַכטע.

די צווייטע העלפט פונעם כוידעש אווגוסט איז אין יענעם יאָר, ווי אַף כידושים, געווען זוניק־וואַרעם. דער דריטער מילכאָמע־אווגוסט האָט דערמונטערט יאַנוש בערגערן און זײַן אָטריאַד מיט אַ ריי געלונגענע אָפּעראַציעס, פאַר וועלכע מאָסקווע האָט באַדאַנקט די פּאַרטי־זאַנער און דערמאָנט זיי אין די פײַערלעכע אוקאַזן און סאַליוטן. עס איז ניט אָנגערופן גע־וואָרן דירעקט דער נאָמען פון זײַן אָטריאַד, ווי אויך דער נאָמען פונעם קאָמאַנדיר, נאָר די אָנטיילנעמער פון די אַקציעס האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען זיי. און אַז דאָרטן, אין דעם הויפּט־שטאַב, ווערט דיסקאָנטירט יעדער געלונגענער טראָט זייערער.

איצט האָט שוין קיינער ניט געטײַנעט „ווער ווייסט וויפל נאָך וועט אויסקומען צו בלאָנ־קען איבער די וועלדער און ניט וויסן קיין כײַע שאָ". איצט איז מען שוין זיכער געווען אין דער גיכער מאַפּאָלע פון היטלערס כאַיאָלעס. אַלץ נעענטער איז געוואָרן דער דניעפּער. ס'האָט געדאַכט, אַז נאָך איין מעכטיקער קלאַפּ איבערן סוינע, — און קיִוו וועט ווידער ווערן די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע!

באזונדערע קלענערע פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער מעכטיקער פּאַרטיזאַנישער פאַרייניקונג, בעראָש פון װעלכער עס איז געשטאַנען דער באַרימטער און לעגענדאַרער סידאָר אַרטעמיעװיטש קאָװפּאַק מיט זײַן העלדישן געהילף און קאָמיסאַר סעמיאָן רודניעװ. צו דער צײַט זײַנען זײ שױן געװען געקרױנט מיטן טיטל גענעראַל. צו דער פאַראייניקונג האָבן זיך געצױגן די סטיכיייִש אופגעקומענע קאַמפּס־אָטריאַדן. אײנער פון זײ איז געװען אױך אַנאַטאָליס און בערגערס גרופּע נעקאָמענעמער. טאַקע דאָ, אין װאַלד, האָט זיך אַנאַטאָלי צופעליק באַגעגנט מיט אײנעם אַ פרײלעכן שאַרפזיניקן פּאַרשױן, װאָס איז באַזונדערס באַליבט געװען בײַ סידאָר קאָװפּאַקן, װי אױך בײַ די קאָװפּאַקאָװצעס. גערופן האָט מען דעם קרעפטיקן ברײטפּלײציקן באָכער פּלאַטאָן. אױסגענומען האָט דער פּלאַטאָן ניט נאָר מיט זײַן דרײסטקײַט און שרעקלאָזיקײַט, נאָר אױך מיט זײַנע לידער, װאָס ער האָט געזונגען און האָט זײ, אַגעװ, אלײן פאַרפאַסט.

װען אַנאַטאָלי האָט זיך מיט אים באַקאַנט, האָט פּלאַטאָן צװישן אַנדערן אַ פרעג געטאָן:

— נו, און קײן לידער שרײַבט איר ניט?

— װי קום איך צו לידער?! אָט זעט איר, מײַן ברודערקע...

— מיט אײַער ברודערקע, װי איר זאָגט, האָב איך זיך אױך ערשט ניט לאַנג באַקאַנט. אױב איר װילט קאָן איך אײַך איבערגעבן פון אים אַ גרוס. צוריק מיט צװײ װאָכן האָב איך אים באַגעגנט אַף דער אַלוקראַאינישער באַראַטונג פון די אַרמײיִשע שרײַבער... ער איז איצט אַ מאַיאָר. װעגן אײַך קאָן מען ניט זאָגן, אַז אײן מאַמע האָט אײַך געבױרן — ער איז אַ געלער, און איר — אַ ציגײַנער.

— ער איז בײַ אונדז װי די מאַמע אונדזערע — בלאָנד־געלבלעך, און איך — נאָך טונקעלער פונעם טאַטן... נאָר ניט דאָס איז װיכטיק!

— װיכטיק איז, װאָס בײדע זײַנט איר אַפן פראָנט!

— װאָס עפּעס בײדע! אַלע מײַנע ברידער זײַנען אַפן פראָנט! צום באַדױערן, װײס איך ניט, צי אַלע זײַנען לעבעדיק.

— לאָמיר האָפן! האָפענונג, זאָגט אונדזער קאָמיסאַר רודניעװ, איז די שװעסטער פון ניצחון. האָפענונג און גלױבן. גלױבן און טרײַהײַט!

ביז שפּעט אין אָװנט האָט אַנאַטאָלי אױסגעפרעגט גענױ בײַ פּלאַטאָנען װעגן זײַן ברודער, דעם מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט און דערצײלט װעגן דעם אומקום פון דאַדיקן. פּלאַטאָן האָט אים אױסגעהערט מיט גרױס מיטלײד. זײַנע טונקעלע טיפע אױגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרױער און ער האָט געזאָגט:

— נעקאָמע! נאָר נעקאָמע! נאָר מיט איר קאָנען מיר שטילן אונדזער אַלעמענס װײ. דער ברודער אײַערער װײסט זיכער ניט װעגן אײַער גרױסן אומגליק. װען מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער מיר, אַגעװ, אַ זאָג געטאָן: עפּשער װעט אײַך אױסקומען באַגעגענען זיך ערגעץ מיט מײַנע ברידער, איז גיט זײ איבער מײַנע הײסע גרוסן... איז אָט, אײן טײל פון זײַן באַקאַשע פיל איך אױס, און דעם צװײטן טײל, צום באַדױערן... מיר זײַנען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן — ער אַף זײַן פראָנט, איך — אַהער. זײַן פראָנט איז איצט אַף דאָנבאַס, און מײַנער — בײַ די קאָװפּאַקאָװצעס. ער איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, נאָר ער זעט אױס גאַנץ יונג. ער װעט אײַך ניט פאַרשעמען, איר מעגט מיט אים שטאָלצירן!

בײסן געשפּרעך איז צו זײ צוגעגאַנגען דער קאָמיסאַר סעמיאָן רודניעװ. סעמיאָן האָט ליב געהאַט זיך נעענטער באַקאַנען מיט די פּאַרטיזאַנער, װעלכע זײַנען געקומען אין דעם אָטריאַד. ער האָט זיך גלײַך אײַנגעשלאָסן אין דער פּאַרטײ־אַרבעט. דאָס, װאָס אַנאַטאָלי איז אַ מיטגליד פון פּאַרטײ, האָט פאַרהיט זײַן פּאַרטײ־בילעט און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קײן שום אַרבעט, װאָס מע האָט אים אַלס קאָמוניסט פאָרגעלײגט, האָט געפרײט דעם לעגענדאַרן גענעראַל. אַנאַטאָלי האָט בײַ אים אַרױסגערופן אַ גוטן געפיל, און װען ער האָט זיך דערװוּסט, אַז דער ייִנגסטער פון אַנאַטאָליס ברידער, דער אַרטיסט, איז אומגעקומען אינעם סירעצער לאַגער, האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ געזאָגט:

— אָן ערעך אַזאַ באָכערל האָבן מיר אױך די טעג אָנגעװױרן... װי האָט מען גערופן אײַער ברודערקע? איװאַן, זאָגט איר? אונדזער כעװרעמאַן האָט מען גערופן מיקאָלקע מודרי... אױך אַ שטיקל אַרטיסט, נאָר אַ ברען, אַן עמעסער העלד! נאָך דער מילכאָמע װעט מען אַזעלכע, װי ער און װי אײַער ברודערקע, שטעלן די שענסטע דענקמעלער, קינדר־און־קײט זאָלן זײ געדענקען און קײנמאָל ניט פאַרגעסן!

אין עטלעכע שאָ אַרום איז געקומען די פאַראָרדענונג זיך לאָזן אינעם נײַעם װײַטן װעג. ניט אַלע זײַנען אָבער אײַנגעשלאָסן געװאָרן אינעם צעטל פון די, װאָס װעלן זיך לאָזן אינעם רומפולן רײד איבער די קאַרפּאַטן. אַ באַשטימטער טײל װעט מוזן בלײַבן דאָ, און צװישן די,

וועלכע בלײַבן, איז געווען אויך אַנאַטאָלי לאַזעבניק. אַזאַ איז געווען דער באַשלוס פֿון דער פּאַרטיי־גרופּע.

— כ׳מיין, אַז איר פֿאַרשטייט, כאַווער לאַזעבניק, ווי פֿאַראַנטוואָרטלעך עס איז די אויפֿגאַבע, וואָס ווערט איצט געשטעלט פֿאַר אײַך. איר, צוזאַמען מיט אײַערע כלאָפּצעס, זײַנען דאָ ביז גאָר וויכטיק.

מע האָט זיך געזעגנט, און אַנאַטאָלי האָט נאָך מער, ווי פֿריִער, דערפֿילט, ווי בײַ אים זײַנען אויסגעוואַקסן פֿליגל. סעמיאָן רודניעוו און סידאָר קאָוופּאַק האָבן ווי אַרײַנגעגאָסן אין זיי אַ נײַע קראַפֿט. און פּלאַטאָן, וואָס איז איצטער נאָך נעענטער געוואָרן אַנאַטאָלין, האָט, דריקנדיק אים די האַנט, געזאָגט:

— ס׳פֿרייט מיך זייער, וואָס איר דערמאָנט מיר אײַער ברודער. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען. אומבאַדינגט!

אין אַ טונקל־בלויען פֿאַרטאָג האָט מען זיך געזעגנט, און בײַ אַנאַטאָלין האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ בלעטל אין זײַן אָנגעשטרענגט לעבן.

האַרפּינע האָט פֿאַרלאָזט איר כאַטע און איז מיט אים אַוועק אין וואַלד, פֿון וועלכן עס האָט שוין אָנגעהויבן ווייען מיט פֿריִען האַרבסט. און כאָטש איר איז איצט אויסגעקומען לעבן אין אַ פֿײַכט ערדשטיבל, איז זי גליקלעך געווען, וואָס זי האָט די מעגלעכקייט אַלע טאָג זען איר געטרײַען פֿרײַנט, וועלכער איז איר פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ליבער און נעענטער געוואָרן. איר איז צום האַרצן געווען זײַן שרעקלאָזיקייט. איר האָט זיך אַפֿילו געדאַכט, אַז ער זוכט זיך אַן אַרבעט, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט אַרויסווײַזן זײַן גרייטקייט באַגעגענען די סאַקאַנע. אַנאַטאָלי האָט זיך ווידער פֿאַרלאָזט אַ באָרד, און די כעוורע האָבן מיט פֿולער רעכט אים ווידער גערופֿן „זיידע”. זײַן מאַכנע האָט זיך אָנגעהויבן צעוואַקסן — אין דעם אָטריאַד, וואָס האָט זיך גענומען דעם נאָמען „נעקאָמענעמער”, זײַנען איצט צוגעקומען מענטשן, וואָס האָבן באַשטימט ניט וואַרטן, ביז די רויטע אַרמיי וועט קומען צוריק, נאָר גיין איר אַנטקעגן, העלפֿן איר מיט וואָס נאָר מע קאָן.

רודניעווס צוואָגע: ניט וואַרטן, ביז מע וועט דיך אַ רוף טאָן, זיך רײַסן אין שלאַכט און געדענקען, אַז דאָס בעסטע מיטל פֿון פּאַרטיידיקן זיך איז אָנגריף, איז געוואָרן דער גרונטגעזעץ פֿון אַנאַטאָליס אָטריאַד.

עס זײַנען געווען קלענערע און גרעסערע צוזאַמענשטויסן מיט די דײַטשישע אָקופּאַנטן און זייערע געהילפֿן — די פּאָליצײַען. עס זײַנען אויך געווען פֿאַרלוסטן, און דער שווערסטער פֿאַרלוסט — דער טויט פֿון יאַנוש בערגער, וועלכער האָט אַזוי געהאָפֿט און געגלייבט, אַז ער וועט זיך נאָך ווען־ניט־איז אומקערן קיין וואַרשע. שטייענדיק באַם אָפֿענעם קייווער פֿון יאַנוש בערגערן, האָט אַנאַטאָלי לאַזעבניק געזאָגט:

— אונדזער כאַווער און פֿרײַנט, אונדזער פּוילישער ברודער האָט ניט איין מאָל באַטאָנט, אַז ער נעמט נעקאָמע אין די פֿאַשיסטישע מערדער פֿאַר זײַן געליבטער פֿרוי און זײַן אומגעקומענעם זון אַדאַמטשיק, ווי אויך פֿאַר דער באַליבטער צערוינירטער וואַרשע... נעקאָמע! סאַראַ וואָרט דאָס איז — נעקאָמע! כ׳וואָלט גליקלעך געווען, ווען כ׳זאָל באַפֿרײַט זײַן פֿונעם כיוווּ נעקאָמע נעמען, נאָר וואָס קאָן מען טאָן, אַז אַזאַ איז דער געזעץ פֿון קאַמף. מיר זײַנען זיך אין קיינעם ניט נויקעם, מיר זײַנען אָפּטמאָל אַפֿילו צו גוט צו די, וועלכע האָבן געבראַכט אויף אונדזער ערד אַזויפֿיל אומגליק און טויט... לאָמיר שווערן באַם אָפֿענעם קייווער פֿון אונדזער פּוילישן פֿרײַנט יאַנוש בערגער, אַז פֿאַר זײַן טויט וועלן מיר באַצאָלן מיט אַ פֿולער מאָס! קיין ווײַב און קיין זון האָט ער ניט, מיר זײַנען די איינציקע יאָרשים זײַנע. און אַלץ, וואָס אים געהערט — אי קאָוועד, אי רום, אי אַפֿילו אומשטערבלעכקײַט, וועלן מיר צוזאַמען יאָרשענען און דאָס איבערגעבן אונדזערע יאָרשים.

...מע האָט באַערדיקט יאַנושן, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס עס האָט זיך פּלוצעם צערעגנט דער הימל, איז מען אַוועק זיך נעענטער באַהעפֿטן מיט די אָנגרײַפֿנדיקע טאַנקיסטן פֿונעם באַרימטן קאָרפּוס, וועמען עס איז באַשערט געווען פֿאָרסירן דעם האַרבסטיקן קאַלטן דניעפּער.

דער קאָמאַנדיר פֿונעם קאָרפּוס, דער פּאָלקאָווניק סטעפּאַן שוטאָוו, וועלכער איז פֿאַר זײַן העלדישקײַט באַלוינט געווען מיט אַ גאָלדענעם שטערן, האָט צונויפֿגענומען די קאָמאַנדירן פֿון די טאַנקען און אויף זײַן אויפֿן, גאָר ניט ווי אַ שטרענגער מיליטערישער קאָמאַנדיר, נאָר ווי אַן עלטערער כאַווער, זיך געווענדט צו זיי מיט אַ האַרציקער רעדע.

סטעפּאַן שוטאָוו האָט געוואָרט אויף די לעצטע באַפֿעלן, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט באַקומען פֿונעם אַרמיי־שטאַב דורכן טעלעפֿאָן, נאָר אָט האָט זיך צו אים אין זײַן וואַלד־שטיבל אַרײַן־

געשטעלט א באַרדיקער מענטש מיט אַן אוטאָמאַט אויף דער ברוסט און מיט א רויטער סטענגע אפן היטל.

— ווי קומט איר אַהער און ווער זײַנט איר?! — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— ווי איך קום אַהער איז לאַנג צו דערציילן. און ווער איך בין — דאָס, זעט איר, איז שוין ניט קיין סאָד!

— איז לאָמיר טאַקע הערן! — איז שוטאָוו אופגעשטאַנען.

— איך בין פונעם אַטריאַד נעקאַמענעמער. און מײַן עמעסער נאָמען איז אַנאַטאָלי לאַזעבניק. קאַפּיטאַן לאַזעבניק, אָדער פּאָליטרוק לאַזעבניק — דאָס איז שוין ניט קיין גרויסער אונטערשייד.

— לאַזעבניק, זאָגט איר? נאָך איין לאַזעבניק!

— וואָס הייסט נאָך איינער?! איר האָט דאָ נאָך א צווייטן?

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע די מײַסע. נאָר יענער איז א מאַיאָר און ער מאַסקירט זיך ניט מיט קיין באָרד... — שוטאָוו האָט א רוף געטאָן זײַן אַדיוטאַנט, וועלכער איז געזעסן אין ווינקל פון שטיבל באַם טעלעפאָן. — כאַווער אַדיוטאַנט! צו מיר!

דער אַדיוטאַנט האָט זיך אופגעהויבן, פאַריכט דאָס העמדל, פאַרשפּיליעט דאָס אייבערשטע קנעפּל.

— באַם כאַווער דעמיאַנאָוו געפינט זיך דער מאַיאָר, נו, פון דער צײַטונג. פאַרשטאַנען? אין זײַט אַזוי גוט און טוט אים א רוף אַהער, — און קעדיי דעם אומגעריכטן גאַסט זאָל קלאָר ווערן, וועגן וואָס דאָ קומט פאַר דער געשפּרעך, האָט ער פאַרגעזעצט, פּונקט ווי ער וואָלט אים פאַרטרויט א סאָד, — די קאָרעספּאָנדענטן לאָזן אונדז ניט לעבן! דערלאַנג זיי דעם ניצאָכן פּונקט צו דער מינוט, זיי זאָלן האָבן, וועגן וואָס צו שרײַבן אין זייערע יאָמטעוודיקע גאַזעטן! דער ניצאָכן איז נאָך ווער ווייסט ווו, און זיי זײַנען שוין דאָ! דערלאַנג זיי די הויפּטשטאָט אויף א טעלערל! ווי א מין מאַטאָנע...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער אַדיוטאַנט אַרײַנגעפירט אינעם שטיבל דעם מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט לעכאַטכילע ניט דערקענט זײַן אייגענעם ברודער. אַנאַטאָלי האָט אָבער אים דערקענט, כאָטש הערשל האָט זיך אויך פאַרלאָזט א פּאָר וואָנצעס, ווי באַ זײַן טאַטן דעם אַמאָליקן סאָלדאַט.

— כאַווער מאַיאָר! — האָט אַנאַטאָלי אויסגעשריגן און זיך א וואָרף געטאָן צו אים, פאַרגעסנדיק, אַז זייער באַגעגעניש קומט פאָר אין דער אַנווועזנהײַט פון אַן עלטערן קאָמאַנדיר.

— אַנאַטאָלי! — האָט אים הערשל אַרומגענומען און צוגעדריקט צום האַרצן, — עס קאָן ניט זײַן! אַנאַטאָלי? ווי קומסטו אַהער?

— ווי איך קום?.. איך בין דאָ די גאַנצע צײַט. באַ זיך ביך איך!

— און דאָדיק? וועגן דאָדיקן האָסטו כאָטש וועלכע־ס'איז יעדיעס?

אַנאַטאָלי האָט א טיפן זיפץ געטאָן, אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט דער רויטער סטענגע...

— ניטאָ אונדזער דאָדיק... אומגעקומען אונדזער דאָדיק, טאַקע דאָ, גאָר ניט ווײַט פונדאַנען... און גאָר ניט לאַנג — צוויי כאָדאָשים דערין...

— צוויי כאָדאָשים זאָגסטו?

— סאַף אויגוסט איז דאָס געווען... איך האָב זיך געזאָלט מיט אים באַגעגענען און האָב פאַרשפּעטיקט בלויז אויף צוויי טעג. פאַרשפּעטיקט...

— וואָס הייסט פאַרשפּעטיקט?! — האָט ער אויסגעשריגן. — שוין זשע האָסטו גאָרניט געקאָנט טאָן, קעדיי אים אַרויסראַטעווען?!

— איך האָב געוואָלט. כ'האָב מיט אים געטײַנעט, כ'האָב געהאַט א פּלאַן, און איך מיין, אַז איך וואָלט אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. האָט ער אָבער געזאָגט: איינער אַליין וועל איך פונדאַנען ניט גיין. אויב דו קאָנסט, איז טו עפּעס פאַר אונדז אַלעמען, פאַר אונדזער גאַנצער גרופּע, פאַר אַלע מײַנע כאַווירים.

לאַנג פאַרהאַלטן זיך דאָ האָבן די ברידער לאַזעבניק ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט, ווײַל אין א שאָ אַרום האָט זיך געזאָלט אָנהייבן דער אָנגריף פון שוטאָווס טאַנקען, און אַנאַטאָליס מאַכנע האָט זיך געזאָלט אײַנשליסן אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַרויסשלײַדערן און פאַרניכטן די דײַטשישע אָקופּאַנטן אין דער וואַלדישער פאַרשטאָט.

אָנגרײַפן אויף קיִעוו, זיך דורכרײַסן אויף דאָרעם איז געווען ביז גאָר שווער. מע האָט געמוזט נעמען אין אַכט די שווועריקײַטן, וואָס וועלן אופקומען נאָך דעם, ווי מע וועט אַרויס פונעם וואַלד און זיך אַרײַנרײַסן אין שטאָט. פירן א קאַמף פאַר יעדער גאַס, פאַר יעדן מויער. ניט אַלע נעקאַמענעמער פון אַנאַטאָליס מאַכנע האָבן זיך אָריִענטירט אין דער גרויסער שטאָט, אין דעם געפּלאָנטער פון קלענערע און גרעסערע געסלעך, ווו אויף יעדן טראָט וואַרט אויף דיר

די סאָקאָנע, אָבער ער, דער קיִעווער טוישעוו, האָט געהאַלטן פאַר זײַן הייליקן כּיוו זײַן דער ערשטער וועגווײַזער פאַר די אָנגרײַפנדיקע טאַנקיסטן.

די ברידער האָבן אפילע ניט באַוויזן זיך צונויפריידן וועגן א באַגעגעניש, אַזוי גיך האָט מען זיך געדאַרפט צעשיידן.

נאָר פּונקט ווי אומגעריכט עס איז געווען די בעגעגעניש אין וואַלדישן שטיבל, אַזוי אומגעריכט איז פאָרגעקומען די צווייטע באַגעגעניש, אָבער שוין אין שטאָט גופא, ווען שוטאָווס טאַנקען האָבן זיך אַרײַנגעריסן מיטן וועג, וואָס פירט צו דער קינאָ־פאַבריק, און אַנאַטאָליס כעוורע, ווי דאָס וואָלט געווען א באַשערטע זאַך, זײַנען אַרײַן אין שטאָט פון דער זײַט, ווו עס האָט זיך געפונען אַנאַטאָליס בײַשטאָטישע ווירטשאַפט.

דער ערשטער, מיט וועמען אַנאַטאָלי האָט זיך באַגעגנט, איז געווען דער אינוואַליד, דער קאָניוך טימאָפיי דאַנילאָוויטש, וועלכער איז דורך א נעס לעבן געבליבן.

— אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש! — האָט אים מיט א פריידיקן אויסגעשריי באַגעגנט דער קאָניוך. — נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, איר געדענקט, איר געדענקט כאָטש, וואָס איך האָב אײַך פאַרצווייפאַרן, דעם אכצנטן סענטיאַבער, געזאָגט?

— האָסט אפילע פאַרגעדענקט די דאַטע?

— אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט, אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש! ניט יעדער דאַטע, ווי אויך דעם הײַנטיקן טאָג, ווען מיר זײַנען שוין אָפּ אייביק אויסגעלייזט געוואָרן! מיר האָבן דאָך אַזוי געוואַרט אָפּ אָט דער גליקלעכער מינוט. געוואַרט, נאָר ניט אַלע האָבן זיך דערוואַרט. — און הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זײַנע אויגן.

שוטאָווס טאַנקיסטן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווײַטער געפירט זייער אָנגריף, און דער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט לאַזעבניק, וועלכער איז צוזאַמען מיט די ערשטע טאַנקיסטן אַרײַן אין שטאָט, איז אוועק א קוק טאָן, ווי זעט אויס די גאַס פון זײַן יוגנט. עס האָט אים געצויגן צו דער גאַס, פּונקט ווי ער וואָלט געהאָפט דאָרט באַגעגענען זיך מיט זײַנע נאָענטע און ליבע.

און ווידער, ווי לייע לאַזעבניק וואָלט געוויס געזאָגט, — א באַשערטע זאַך! — ניט ווײַט פון דעם גוט באַקאַנטן מאַרק־פּלאַץ האָט הערשל צופעליק זיך אָנגעשטויסן אָפּ א הײַפעלע פּרויען, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן פולע עמער וואַסער פאַר די רויטאַרמייער — די באַפרײַער, און צווישן זיי — וואַנדע זאַלעסקאַיאַ. הערשל האָט זי גלײַך דערקענט, כאָטש זי איז געווען מאָדנע פאַרשלייערט אין אַן אַלטן קאַפערל און איז ניט ענלעך געווען אָפּ יענעם מיידעלע, וואָס פלעגט זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן צו די לאַזעבניקס, ווען די שטוב איז נאָך געווען א שטוב מיט א שטענדיק אָפענער טיר, ווו עס האָט געשמעקט גאַסטפרײַנטלעך באַלעבאַטעוועט לייע.

— זע נאָר, וואַנדע! זײַנט איר, הייסט עס, דאָ?!

— ווי איר זעט. א לעבעדיקע!

— דאָס זע איך — א לעבעדיקע...

— און ס׳האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז איר וואָלט מיך שוין דאַפקע ניט טרעפן אָפּ דער וועלט. וואַנדע האָט ניט געוווסט, פון וואָס אָנצוהויבן, צי דאַרף זי אים אויסלייגן אַלץ, ווי עס איז געווען, ווי ערשט נעכטן אין אָוונט האָט זיך צו זיי אין שטוב אַרײַנגעשטעלט דער פאָליצײַ וואַסיל גאַרקושאַ און געהייסן איר די רעגע זיך אָנטאָן און פאָרן מיט אים אָפּ מײַרעוו.

— ניט צוליב דעם, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך דאָ צוויי לאַנגע יאָר זיך געמאַטערט, איך זאָל אַצינד פאַרלאָזן מײַן היים! דו מוזסט לויפן, און איך בין ניט מעכויעוו...

— זיי וועלן דאָך דיך אומברענגען. אי דיך, אי די מומעטשקע דײַנע, כאָטש זי איז, מיין איך, גרייט מיטפאָרן מיט אונדז!

אַגנעסע, א בלייכע, א דערשראָקענע, איז געשטאַנען לעבן דעם שלאָפצימער און אויך ניט געוווסט וואָס צו טאָן. ווערדליק וואַסילקע האָט איר דערציילט, ווועלן די סאָוועטן אומברענגען אַלע די, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן. זי טאָר ניט פאַרגעסן, אַז זי איז די גאַנצע צוויי יאָר געווען א פאָלקסדויטשקע. און דאָס איז דאָך דאָס זעלבע... מע וועט אונדז אַלעמען שיסן — דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג.

— דיך וועט מען זיכער באַשראַפן, — האָט וואַנדע געזאָגט, — און מיך פאַרוואָס?

— זי פרעגט נאָך! האָסט דאָך געשפּילט פאַר זיי טעאַטער?

— זאָל עס דיך ניט אַרן. ראַטעווע דײַן אייגענע פעל!

וואַסיל האָט אַרויסגעכאַפּט זײַן רעוואָלווער.

עס האָט געפעלט א האָר, ניט מער, ער זאָל אויסשיסן, נאָר וואַנדע האָט אומגעריכט פאַר אים א שפּרונג געטאָן, אַראָפּגעקלאַפּט די שוואַרצע ברילן זײַנע, אַרויסגעקלאַפּט דאָס געווער פון זײַנע הענט. געטאָן האָט זי עס אַזוי פלינק און פינקטלעך, ווי זי וואָלט עס הונדערטער

מאָל רעפּעטירט מיט א דערפּאַרענעם רעזשיסער. גארקושא האָט זיך געפּרוּווט אָנבייגן און אופהייבן דעם רעוואָלווער, נאָר וואנדע איז געווען פלינקער. אָט איז שוין דאָס געווער אין אירע געשיקטע הענט.

— און גיי דיר, גיי פונדאנען! גיי, ביז איך וועל דיך מיט מײַנע הענט ניט דערשיסן. — וואנדע איז ארויס פון שטוב און ערגעץ פארשווּונדן.

— פאָלג מיך, וואסילקע, — האָט זיך אָנגערופן אגנעסע, — גיי, ביז עס איז ניט שפּעט. און מיר וועלן שוין יאַקאָס אליין זיך געבן אן אייצע...

גארקושא האָט זיך בייז ארויסגעזידלט און איז אוועק. צי האָט זיך אים אײַנגעגעבן פאר־לאָזן די שטאָט צוזאמען מיט זײַנע באלעבאטים — דאָס ווייסט זי ניט, וואנדע.

ארום די פרויען מיט די עמער וואסער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאמלען מענטשן, וואָס האָבן געלעכצט צו הערן א וואָרט פון די באפרײַער. עס האָט זיך באוויזן א גרינער „וויליס“, אף וועלכן עס איז געזעסן דער פּאָלקאָווניק סטעפּאן שוטאָוו צוזאמען מיטן באַרדיקן פּארטי־זאנער אנאטאָלי לאזעבניק. דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט די מאשין, און שוטאָוו האָט א געשריי געטאָן:

— א גוט יאָר אײַך, ווײַבעלעך! זיך פארבענקט אוואדע?!

— ניט ווייניקער, ווי איר האָט זיך נאָך אונדז פארבענקט! — האָט זיך אָנגערופן א באַ־יאָרטע פרוי אין א קווייטלדיק שאלעכל.

דער אוילעם האָט זיך צעלאכט, און דער „וויליס“ האָט זיך גערירט פון אָרט. שוטאָוו האָט ניט געהאט קיין צײַט אף צו ווערטלען זיך. זײַנע טאנקען זײַנען געגאַן פאָרויס. און אנא־טאָלי איז אראָפּ פון דער מאשין און צוזאמען מיט הערשלען און וואנדען זיך געלאָזט צו זייער אמאָליקער שטוב. צו דער שטוב, אין וועלכער מע האָט אָפּגעלעבט א לעבן, צו דער שטוב, אין וועלכער עס וועט זיך שוין ניט אומקערן זייער ליבלינג — דאָדיק לאזעבניק, דער קלענ־סטער פון לייעס זין.

דאָס איז געשען דעם פינפטן נאָיאבער, און דעם זיבעטן זײַנען זיי זאלבעדריט — הערשל, אנאטאָלי און וואנדע אוועקגעגאַן צום בעסוילעם. מע איז געגאַן פארנייגן די קעפּ אפן קייווער פון דער אומפארגעסלעכער און געליבטער מוטער. וואנדע האָט גוט פארגעדענקט דעם וועג צום דרײַצנטן באצירק און האָט זייער גרינג אָפּגעזוכט לייעס קייווער. ער איז, ווי די מערהײַט קוואָרים, געווען פארלאָזט און פארוואקסן מיט ווילדגראָז. ניט ווײַט פונעם בעסוילעם־שטיבל האָט זיך ארומגעדרייט עפּעס אן אלטע פרוי.

— זײַט אזוי גוט, מומינקע, ווו קאָן מען זען דעם באלעבאָס פונעם בעסוילעם דעם כאָווער דערקאטש?

די אלטע האָט א טיפן זיפץ געטאָן, פאריכט די פאטשיילע אפן קאָפּ.

— דעם הייליקן מענטשן, מײַן ברודער אָניסימען, האָבן מיר אייערנעכטן באגראָבן... זיי האָבן אים דערשאָסן, די מערדער, טאקע אָט דאָ, בא זײַן שטיבל. זיי האָבן דאָ ניט נאָר אים צעשאָסן... אלעמען, ווער עס האָט געזען זייערע רעציכעס, זייערע מערדערײַען, האָבן זיי פארניכטעט, קעדיי עס זאָלן ניט בלײַבן קיין איידעס. בעסער וואָלטן זיי מיך אומגעבראכט, מיך, און ניט אזא גאָלדענעם מענטשן.



און ווידער האָט וואנדע מיט אירע הענט, צוזאמען מיט די ברידער לאזעבניק, באפרײַט לייעס קייווער פונעם פארגעלטן ווילדגראָז, באפוצט דאָס בערגל מיט שפּעטע הארבסטיקע בלומען, וואָס עס האָט פון זייערטוועגן גע־בראכט די אלטע הארציקע שוועסטער פון דעם אומגעקומענעם אָניסים דערקאטש.

און ווען מע איז שוין ארויסגעגאַן פונעם בעסוילעם־הויף, האָט הערשל געזאָגט, ווי מיט זיך אליין ריידנדיק:

— אף דער מאציייווע, וואָס מיר וועלן דאָ שטעלן דער מאמען, וועט מען דארפן אײַנפאסן אויך דאָדיקס בילדל... ער האָט פארדינט צו שטיין מיט דער מאמען אף איין שטיין...

צווישנפעלקערלעך
יאָר פון קינד

שיקע דריז

דעם פידעלעס נעשאָמע

כ'האָב געהאַט א פידעלע,
הענגט עס אױף דער וואַנט,
וואָלט איך אופגעשפּילט א וויוואַטל,
ציטערט מיר די האַנט.

וואָלט איך עס אוועקגעשאָנקען
(אוי, פון גרויס ראַכמאָנעס!),
האָט מען אָפּגעריסן
איינציקוויז די סטרונעס.

קלאַפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפשער קאָנסטו ראַטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

ס'האָט די ערשטע פון די סטרונעס
געהאַט מײַן מאַמעס קאָל,
די צווייטע פון די סטרונעס —
א קוועלעכל אין טאָל.

די דריטע — ווי א פיצל קינד,
וואָס בעט זיך אױף די הענט,
האָט וויינען און לאַכן
איינצײַטיק געקענט.

קלאַפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפשער קאָנסטו ראַטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

דער מאַמעס קאָל שוין ניט צו הערן —
אנטוויינט מיך און אנטרונען,
דאָס קוועלעכל — אָן אויג אין קאָפּ,
געטרערט און אויסגערונען.

דאָס פיצל קינד איז גרוי געוואָרן
אין יענער וויסטער נאַכט,
און עפּעס האָט מיט דעם געטראָפן,
וואָס ניט עס וויינט און ניט עס לאַכט.



קלאַפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפּשער קאָנסטו ראַטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

די פערטע סטרונע האָט דערצויגן —
א פאַרצאַרטע, מידע...
וואָלט איך זי געצערטלט איצטער
מיט מײַן מאַמעס לידער,

געקוויקט זי מיטן קוועלעכל,
וואָס זוניקט אינעם טאָל,
און אומגעקערט דעם פּיצל קינד
דאָס לאַכן פון אמאָל...

קלאַפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפּשער קאָנסטו ראַטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

1944

מײַנע לײַכטער

אָוונט־צײַט
האָב איך זיך דערוווסט
א נײַס —
און שוין ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן...
אָנגעקלאַפּט באלד
צו מײַן הארץ אין לאָדן:
זאָג מיר, כ'בעט דיך,
ס'איז עמעס?
כ'האָב א פרײַנט צו זיך פאַרבעטן,
און ער האָט מיך באגאנוועט!
צוגערויבט בא מיר
מײַנע לעצטע פּאָר לײַכטער.

ס'איז עמעס!
האָט געטיאָכקעט מײַן הארץ,
ס'איז עמעס!
געגאַנוועט —
און איך האָב געמאַכט זיך
ניט הערנדיק,
ווײַל ער
באדארף זיי בילכער,
די לעצטע פּאָר לײַכטער,
די שײַן פון די ליכטער...
ווײַל בא אים איז,
ניט דאָ געדאַכט,
געשטאָרבן
זײַן לעצטע האָפענונג.

1965



ניי מיר אוף א גרינע עלטער

טײַערער שנײַדער,
כ׳בין געקומען דיך בעטן —
אָט האָב איך געבראַכט דיר
א קאָשעק מיט בלעטער, —

איז זײַ זיך מאַטריִעך,
לייג ניט אָפּ אף שפּעטער
און ניי מיר אוף
א גרינע עלטער...

וועלן מיינען די פייגל —
ס׳איז א בוים אויסגעוואקסן,
און בויען זיך נעסטן
בא מיר אף די אקסל,

זײַן וועט א סטעזשקע
צו מיר אויסגעטראָטן
און וויגן א וויגל
מע וועט אין מײַן שאָטן.

1965



טיי מיט שטערן

אך,
ווען אלץ
זאָל קאָנען
זיך אומקערן צוריק!
צו מיר —
אפן שפּיץ מעסער
מײַן שטיקעלע גליק,

צו דער געשאָכטענער גאנדז —
דער פלעדערוויש,
צום טרוקענעם טײַך —
דער גאָלדענער פיש,

צו אים,
צו מײַן בעניאָכיד —
די כאָלעם־קאָלירן
פון לאנג־געפלאצטע
זייף־פּוכירן,

די נעכטיקע נאכט,
וואָס האָט טיי מיט שטערן
דעם קינד געבראכט.
שלאָף זשע, שלאָף,
מײַן נארעלע, שלאָף,
טרוימען האָבן ניט קיין סאָף.

בראָניע סינעלניקאָווע

די רעדאַקציע און די רעדאַקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם אוטאָר פונעם זשור־נאַל בראָניע סינעלניקאָווע מיט איר 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן איר געזונט און שעפערישע דערפאָלגן.

ניצאָכן

קומט דער יאָמטעוו פון ניצאָכן,
ברענגט ער פרייד אין יעדן הויז,
וויפל אָרדענס בא מײַן שאָכן!
אלע נעמען בא אונדז אויס.

צייל איך, צייל איך די מעדאַלן,
וואָס דער שאָכן האָט געבראַכט,
און פאַרדינט האָט ער זיי אלע
אינעם קריג, אין סאַמע שלאַכט.

צוויי פאַר ברעסט און צוויי פאַר וואַרשע,
דרײַ פאַר קיִעוו, צוויי פאַר ווין,
צוויי פאַר אומקערן אונדז אָרשע,
פיר פאַר אײַנעמען בערלין.

ווי זיי בלישטשען עס און שײַנען,
אלע פופצן אף זײַן ברוסט!
וואָס איז דאָ פון דעם צו טײַנען?
עס איז אלעמען באַוווּסט...

אפן מארק

קום איך אינעם מאַרק צו גיין,
וועל איך קיין מינוט ניט שטיין,
כ'מוז באַקוקן יעדער אָרט:
וואָס פאַראַן איז דאָ און דאָרט.

וויפל קאָסט די געלע דיניע
און די אוגערקעלעך גרינע,
רויטע רעטעכלעך און קאַרשן,
ווײַסע קערעלעך און שוואַרצע.

און די ווײַמפּערלעך־קאַרעלן
און די עפּל אף די שטעלן, —
אלץ עס קאָסט דאָ גאָר ניט טײַער,
יעדער פּרוכט איז א מעכײַע.

פרילינג

1

וועגן ריטשקעלע, וואָס פליסט,
וועגן ריטשקעלע, וואָס פליסט,
וועגן רעגנדל, וואָס גיסט,
וועגן רעגנדל, וואָס גיסט;

וועגן טײַבעלע, וואָס פליט,
וועגן טײַבעלע, וואָס פליט,
וויל איך אָנשרײַבן א ליד,
וועל איך אָנשרײַבן א ליד.

פון דער ערד, וואָס נעמט אָן קראַפט,
פון דער ערד, וואָס נעמט אָן קראַפט,
פונעם בוים, וואָס טרינקט איר זאַפט,
פונעם בוים, וואָס טרינקט איר זאַפט;

פונעם לײַכטן פרילינג־ווינט,
פונעם לײַכטן פרילינג־ווינט,
וואָס אין ראכוועס בלאָזט אצינד,
וואָס אין ראכוועס בלאָזט אצינד,

יעדעס שטעגעלע באַפרײַט,
יעדעס שטעגעלע באַפרײַט, —
האָט מײַן הארץ זיך אויך באַנײַט,
האָט מײַן הארץ זיך אויך באַנײַט.

2

וואָס א טאָג די זון אלץ העכער,
שמעלצט דעם שניי שוין פון די דעכער.
פון די רינוועס נעמט שוין קאַפּען,
און אן אײַז־ליכטל צעקלאַפּט זיך.

וועלן טויען בלומען וואַשן
און די ריטשקעס וועלן ראַשן.

פויגלען קומען שוין צו פליִען.
זעט, ארום עס נעמט שוין בליִען.

דאָ, ווו איצטער טײַען שנייען,
זוימען וועל איך דאָ פארזייען.

אזא קויעך אין די שלאַקסן,
איך אליין נעם וואַקסן, וואַקסן.

די שנײַדערקע

מײַן מאמע נייט א שיינע קלייד
(די שטוב איז פול מיט קליידער).
ווען מײַן מאמע שטעפּט און נייט,
בין איך דאָ קעסיידער.

צום ערשטן נעמט זי דאָס געוואַנט,
באקוקט אהין, אהער,
נעמט א שטיקל קרײַד אין האנט
מיט א גרויסער שער.

צוגעשניטן, זייער פײַן.
א קעלנערל, צוויי ארבל.
דאָ א קעשענקע וועט זײַן —
ס'איז ניט שווער די ארבעט.

מיר דאָס צײַג פון קלייד געפעלט:
בלומען ווײַסע, ראָזע,
ניט קיין צײַג, — עס גרינט א פעלד
מיט ביימעלעך און גראָזן.

סארא וואונדערלעכע קלייד,
מיט קנעפּעלעך ווי פּערל,
און אויב די קלייד איז לאנג און ברייט,
האָב איך שוין א שערל.

א ביסעלע דאָ מאכן שמאָל,
א ביסל קירצער מאכן.
מײַן מאמע ניט דאָס ערשטע מאָל
טוט אזוינע זאכן.

איך שטיי באַם שפּיגל. סארא פרייד
אזא מין קלייד צו טראָגן,
מיר דאכט זיך, אז די מאמע גייט.
וואָס וועט זי מיר באלד זאָגן?

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מוישע מענדעלסאָן

(1786 — 1729)

זאַלמען ליבינזאָן

דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

א גרויסער דענקער, א זון פון זײַן עפּאָכע

מיט 250 יאָר צוריק, דעם 6 סענטיאַבער 1729, איז געבוירן געוואָרן מוישע מענדעלסאָן. אָבער ביז הײַנטיקן טאָג ווערן ניט שטילער די מאַכלויקעס וועגן אים, וועגן זײַן שאַפונג און טעטיקײַט. די דאָזיקע שטרײַטן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך בײַ זײַן לעבן. די ייִדישע רעליגיעזע אָרטאָדאָקסן האָבן אים ניט זעלטן געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורעס, אָבער די ליבעראַלן פלעגן אים פאָרוואַרפן זײַן פשאָרעדיקע באַציִונג צו די מינהאָגים פון דער אָרטאָדאָקסאַלער ייִדישער רעליגיע. די ייִדישיסטן האָבן אים קריטיקירט פאַר דער קלוימערשט נעגאַטיווער באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך, עס האָט זיי געאַרט זײַן פּריידיקן, אַז די ייִדישע יוגנט זאָל באַהערשן די וועלט־קולטור. פּערעץ סמאָלענסקי האָט אין 19־טן יאָרהונדערט געפירט א גאַנצע קאַמפּאַניע קעגן מענדעלסאָנען און שפּעטער האָט זי פאָרגעזעצט דער ציִעניזם. עמעס, מיט א יאָר פופציק צוריק האָבן די ציִעניסטן געפּרוּווט אַרײַנציִען אויך אים, מענדעלסאָנען, אין זייערע רייען, און מיט דעם, מיסטאַמע, דערקלערט זיך, וואָס ניט גאָר לאַנג צוריק האָט מען אין אייניקע אַנטיציִעניסטישע ביכער פעלערהאַפט פאַרעכנט אים צו די פאָרגייער פון ציִעניזם.

מע קאָן ניט מאַסקים זײַן מיט דער מיינונג, וואָס איז בײַ אונדז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די דרײַסיקער יאָרן, אַז מענדעלסאָן איז שוין פעסט פאַרגעסן, אַז אפילו אין דער געשיכטע פון דער דײַטשישער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור דערמאָנט מען אים ניט[1]. מוישע מענדעלסאָן איז געבליבן אין דער געשיכטע פון דער דײַטשישער און איבערהויפּט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור, ווי אַן אָנהייבער פון א נײַער טקופע. זאַלמען רייזען האָט מיט רעכט

[1] אזוי האָט געהאַלטן מאַקס עריק. זע זײַן בוך „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע". מינסק, 1934, ז. 70.

געגעבן א נאָמען זײַן האַנטבוך צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער האַסקאָלע „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע". פון מענדעלסאָנען ציט זיך טאַקע א פאַדעם צו דעם ווייַדן פון דער נײַער ייִדי־שער ליטעראַטור.

מע קאָן זאָגן, אז מוישע דעסער (פון דעסאו — זײַן געבורט־שטאָט, אזוי פלעגט ער זיך כאַסמענען) איז בעעמעס געווען א וווּנדערקינד. א זון פון א סויפער, אַן אָרעמען רעבן, האָט ער צו דרײַ יאָר שוין געקענט העברעיִש. אין עלטער פון פינף יאָר באַקאַנט ער זיך מיט מוישע מײַמאָנס א ווערק. די ליבע צו דעם מיטלאַלטערלעכן דענקער האָט ער דורכגעטראָגן דורכן גאַנצן לעבן. מוישע מײַמאָן איז געבליבן איינער פון זײַנע באַליבסטע פילאָסאָפן, אדאַנק אים, — האָט ער אַמאָל מיט א שפּאַס געשריבן, — האָט ער זיך אָנגעלעבט א האָרב: „מײַמאָנען האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס מײַן קערפּער איז אזוי געוואָקסן. ער אליין איז די סיבע פון דעם. אָבער, ניט געקוקט דערויף, האָב איך אים שטאַרק ליב, ווײַל ער האָט מיר געבראַכט פיל האַנאָע. אָט אזוי האָט ער מײַן גײַסט אין צען מאָל מער באַלוינט פאַר דעם, וואָס דער קערפּער איז געוואָרן אזא מיִעסער".

באַלד נאָך באַרמיצווע איז ער אַוועק קיין בערלין — זיך ווײַטער לערנען. דער פאָטער, וועלכער איז פרי געבליבן אַן אַלמען, האָט אים גאָרניש ניט געקאָנט געבן, און אויף דער פראַ־גע, וויאַזוי וועט ער אין בערלין לעבן, האָט דער זון געענטפערט, אז ס'איז פריילעכער צו הונגערן אין א גרויסער שטאָט, איידער אין א קליינער. מ. מענדעלסאָן האָט אליין ליב געהאַט צו דערציילן, און דערנאָך איז דער עפּיזאָד אַרײַן אין אַלע זײַנע לעבנס־באַשרײַבונגען, ווי ער, א דאַר, קליינטשינק, בלייך ייִדיש ייִנגעלע, איז צוגעקומען צום ראָזענטאַלער טויער פון בערלין (דער איינציקער טויער, דורך וועלכן ייִדן האָבן געקאָנט דורכגיין) און געבעטן, מע זאָל אים דורכלאָזן. „וואָס ווילסטו טאָן דאָ?" — האָט בא אים געפרעגט די וואַך. — „זיך לערנען", — האָט ער, פאַרהיקענדיק זיך, געענטפערט, און זײַנע אויגן האָבן געלײַכט אזוי דורכזיכטיק און טיפ־זיניק, אז מע האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין שטאָט.

ווען דער יונגער מענדעלסאָן, טרוימענדיק זיך לערנען, איז אַוועק קיין בערלין, האָט ער געמיינט לערנען טוירע. מע האָט אים טאַקע גלײַך אָנגענומען אין א טאַלמעטוירע, אָבער דער גוירל זײַנער האָט אים געפירט צו גאָר אַנדערע קוואַלן. אינגיכן איז זײַן לערער געוואָרן ייִס־ראָעל פון זאַמאָשטש, א גרויסער לאַמדן, וועלכער האָט אָנגעשריבן ניט נאָר אָריגינעלע פּיי־רושים צו דער ביבל, נאָר אויך א פרײַדענקעריש ווערק. אָן קיין שום לערנביכער, זעלבשטענ־דיק האָט ער באַהערשט די הויכע מאַטעמאַטיק און מיט איר באַקענט זײַן באַגאַבטן טאַלמיד. מ. מענדעלסאָן דערלערנט אויך קונסט און ליטעראַטור. פאַר עטלעכע כאַדאָשים האָט ער באַ־הערשט לאַטײַן, דערנאָך דײַטש, פראַנצויזיש, ענגליש, אַלטגריכיש. פון דעם פאָטער האָט ער געיאַרשנט א גלענצנדיק קאַליגראַפיש קסאַוו און אַדאַנק דעם האָט זיך אים אײַנגעגעבן פאַר־דינען אַפּן לעבן, ביז ער איז אײַנגעלאַדן געווען — אין עלטער פון 21 יאָר — פאַר א שטוב־לערער בא די קינדער פון א רײַכן זײַד־פאַבריקאַנט. אין דעם הויז איז געווען א גרויסע ביב־ליאָטעק, און מ. מענדעלסאָן האָט מיט פלײַס גענומען לייענען. געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס אים האָט זיך געטראָפן פאַר די אויגן. באַזונדערס פאַרינטערעסירט אים פילאָסאָפיע. ער שטודירט די ווערק פון באַרעך שפּינאָזע, פון דעם ענגלישן פילאָסאָף דזשאָן לאָק, פון די דײַטשישע פילאָסאָפן גאָטפריד לייבניץ און כריסטיאַן וואָלף. און גאָר אינגיכן האָט א שלאָג געטאָן זײַן שפּעריקע ענערגיע: צוזאַמען מיט זײַנע לערער האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן א צײַטשריפט אין העברעיִש „קוהעלעס מוסער" — ס'זײַנען אַרויס צוויי נומערן, פאַקטיש — זאַמלונגען פון מאָראַ־ליש־דידאַקטישע דראָשעס.

א נײַער עטאַפּ אין מענדעלסאָנס לעבן און שאַפונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער באַגעג־עניש מיט ג. לעסינג, וועלכער האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדע האַשפּאָע אויף זײַן גאַנצער ווײַ־טערדיקער טעטיקײַט. זייער פרײַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן באַם שאָך־טיש. ג. לעסינג איז געווען א מערקווירדיקער שאַכמאַטיסט, און ער האָט שטענדיק געזוכט, מיט וועמען צו שפּילן אַן אינטערעסאַנטע פּאַרטיע. און דאָ האָט מען אים רעקאָמענדירט מ. מענדעלסאָנען. אזוי האָבן זיי זיך באַקאַנט. אײַגנטלעך, האָבן זיי צו יענער צײַט געקענט איינער דעם אַנדערן הינטער־אויגיק. ווען עס איז אַרויס לעסינגס קאָמעדיע „די ייִדן", איז אין א געטינגענער זשורנאַל גע־ווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון א באַוווּסטן געלערנטן מיכאַעליס, ווו ס'איז פולשטענדיק אָפּ־געלייקנט געווען די וואָרהאַפטיקײַט פון דער דראַמע, באַזונדערס פון איר הויפּט־פּערסאָ־נאַזש — דעם ייִדישן רײַזנדן. דאָרט איז געווען געשריבן, אז דער האַס צו ייִדן איז באַרעכטיקט, ווײַל אינגאַנצן גענומען איז עס א פאָלק ניט קיין אָרנטלעכס. אינגיכן האָט מען לעסינגן אי־בערגעגעבן א לײַדנשאַפטלעכן בריוו פון אַן אומבאַוווּסטן ייִדישן יונגנמאַן, וועלכער האָט

געשריבן, אז מיכאעליסעס אַרטיקל איז „אַ באַליידיקונג אונדזער אונטערדריקטער נאַציע". לעסינג האָט אָנגעשריבן מיכאַעליסן אַן ענטפער, און דאָרט ציטירט ער דעם בריוו, אַפּרופנדיק זיך מיט גרויס דערעכערעץ וועגן זײַן אומבאַקאַנטן קאָרעספּאָנדענט, וועלכן ער פאַרגלײַכט מיט שפּינאָזען און זאָגט אים פאָרויס אַ גרויסע צוקונפט. איצט האָט ער זיך באַגעגנט מיט מענדעלסאָנען, דעם מעכאַבער פונעם בריוו, און ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דער פּאַרגעפיל האָט אים ניט אונטערגעפירט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגיאָריקע פרײַנטשאַפט פון די צוויי דענקער, וועלכע איז געוואָרן, לויט נ. טשערנישעווסקיס ווערטער, „איינער פון די בעסטע און מערקווירדיקע בײַשפּילן פון גרענעצלאָזער פרײַנטשאַפט".

לעסינג איז געווען בלויז אַף עטלעכע כאָדאָשים עלטער פון מענדעלסאָנען, אָבער צו דער צײַט, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, אין 1754 יאָר, איז לעסינגס נאָמען שוין געווען באַקאַנט אין דײַטשלאַנד. ער האָט שוין באַוויזן אַרויסלאָזן פיר בענדער געזאַמלטע שריפטן. מענדעלסאָן האָט ניט לאַנג פאַר דעם זיך אויסגעלערנט דײַטש. געשריבן נאָך מיט פעלערן, אָבער געווען פילאָסאָפיש גאַנץ באַהאַוונט. לעסינג האָט זיך ביז דעם אינטערעסירט הויפּטזאַכלעך מיט פראַגן פון טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט. זיי האָבן זיך באַפרײַנדעט, ווײַל דער אַרט דענקען זייערער איז צונויפגעפאַלן. ביידע זײַנען פאַרכאַפּט געווען פון דער אויפקלערונג־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אין די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער — אין ענגלאַנד, דערנאָך אין פראַנקרײַך און אינמיטן פונעם 18־טן יה. דערגרייכט אויך דײַטשלאַנד. זײַענדיק מענטשן מיט פאַרשיידענע נייגונגען, האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג איינער אַפן אַנדערן. אין אַ גרויסער מאָס אונטער מענדעלסאָנס ווירקונג האָט זיך לעסינג פאַרנומען מיט אַלגעמיין פילאָסאָפישע פראַגן, און אונטער לעסינגס אומיטלבאַרער ווירקונג האָבן זיך אַנטוויקלט מענדעלסאָנס ליטעראַרישע און קינסטלערישע אינטערעסן.

באַזונדערס וויכטיק און באַדײַטנדיק איז געווען לעסינגס האַשפּאָע אַף מענדעלסאָנען.

איינמאָל האָט מענדעלסאָן מיטגעטיילט לעסינגן זײַן מיינונג וועגן אַ בוך פונעם ענגלישן פילאָסאָף אַ. שעפטסבערי און צוגעגעבן, אַז ער קאָן אויך אָנשרײַבן אַן ענלעך ווערק, אָבער אַנדערש. „שרײַב זשע אָן", — האָט אים לעסינג געזאָגט. אינגיכן האָט מענדעלסאָן איבערגעגעבן זײַן פרײַנט דעם קסאַוויאַד. אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט מענדעלסאָן באַקומען שוין אַן אָפּגעדרוקט ווערק — לעסינג האָט אַף זײַן אַכרײַעס אָפּגעדרוקט דעם באַקומענעם קסאַוויאַד אונטערן נאָמען „פילאָסאָפישע שמועסן".

דאָס איז דאָס ערשטע ווערק מ. מענדעלסאָנס, אָנגעשריבן אין דײַטש. שפּעטער האָט דער גרויסער דײַטשישער פילאָסאָף אימאַנויִל קאַנט מיט אַזאַ היספּײַלעס כאַראַקטעריזירט מענדעלסאָנס דײַטש: „מענדעלסאָנס סטיל, דוכט מיר, איז דער סאַמע גינסטיקער פאַר פילאָסאָפיע. פרײַ פון וועלכער־ניט־איז מעליצע און בלענדנדע צירונגען, איז ער אָבער שיין... זײַנע אַרויסזאָגונגען זײַנען שאַרפזיניק און גלײַכצײַטיק אַזוי קלאָר, אַז וואָרשײַנלעך טראַכט ער גאָרניט וועגן דעם, עס זאָל רירן, און פונדעסטוועגן דרינגט עס אַרײַן טיף אין דער נעשאָמע. ווען די פילאָסאָפישע מוזע זאָל וועלן אויסקלײַבן זיך אַ שפּראַך, וואָלט זי, אָן שום ספק, אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן מענדעלסאָנס שפּראַך".

מע דאַרף דאָ צוגעבן, אַז דער אינהאַלט פון דעם ווערק איז געווען אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער. מענדעלסאָן האָט פאַרגעוואָרפן די דײַטשן, אַז זיי זײַנען גלײַכגילטיק צו דער אייגענער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, די דײַטשישע שרײַבער, אַז זיי שטרעבן אין אַלץ נאָכמאַכן די פראַנצויזישע.

נאָך דעם האָבן זיי שוין אינאיינעם — מענדעלסאָן און לעסינג — אַרויסגעלאָזט אַ פּאָלעמיש ווערק „פּאָפּ — אַ מעטאַפיזיקער", ווו זיי קריטיקירן די פילאָסאָפישע אָנשויונגען פון דעם ענגלישן דענקער און שרײַבער אַלעקסאַנדער פּאָפּ, זײַן טרוקענעם ראַציאָנאַליזם, זײַן לערע פון זאָרגלאָזן אָפּטימיזם (אַז אַלץ גייט בעסער און בעסער אין דער וועלט), און נעמען אָן לייבניצס קעגנזעצלעכע שטעלונג. גאַנץ שאַרפע פײַלן שיקן זיי אין די אָרטאָדאָקסן פון דער בערלינער אַקאַדעמיע, וועלכע זײַנען געוואָרן אַדעפּטן פון פּאָפּס לערע אין דײַטשלאַנד.

צוזאַמען מיט איינעם אַ דײַטשישן דענקער, פאַרלעגער און בוך־הענדלער פרידריך ניקאָלאַי לאָזן אַרויס לעסינג און מענדעלסאָן צוויי צײַטשריפטן: „טעאַטראַלע ביבליאָטעק" און „בריוו איבער דער נײַער ליטעראַטור", ווו מענדעלסאָן פאַרעפנטלעכט אַ ריי זײַנע אַרטיקלען וועגן די פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט. מע דאַרף דאָ אונטערשטרײַכן, אַז ניט אין אַלץ זײַנען געווען איינשטימיק די ביידע דענקער. לעסינג איז אומבאַשטרײַטבאַר געווען אַ סאַך קאָנסעקווענטער, די קריטיק זײַנע — מער שאַרפער. מענדעלסאָנס שטעלונג איז געווען מעסיקער, קאָנסערוואַטיווער, ראַציאָנאַליסטישער. אייניקע פאָרשער ווײַזן אָן, אַז אַפילו אין זייער



מענדעלסאָנס א בריוו צו זײַן
קאַלע פֿראָמעט אין 1762

געמיינזאַמען בוך „פּאָפּ — א מעטאַפֿיזיקער" געהערן לעסינגן די שאַרפֿסטע אָנפֿאַלן אַף דער אָרטאָדאָקסיע.

אָבער אויך מענדעלסאָן איז ניט נאָר געווען שאַרפֿזיניק, נאָר אַמאָל אויך גאַנץ געוואַגט. אזוי האָט ער געפֿונען באַ זיך מוט צו אָפּדרוקן א קריטישע רעצענזיע וועגן דער לידער־זאַמלונג פֿון דעם פּרײַסישן קיניג פֿרידריך דעם צווייטן. די לידער זײַנען געווען אָנגעשריבן אין פֿראַנצויזיש (פֿרידריך פֿלעגט זאָגן, אז אין דײַטש קאָן מען ריידן נאָר מיט די דינער און מיט די פֿערד) און אין א שטאַרק דערהויבענעם נוסעך. מענדעלסאָנען איז שטענדיק ווידערווילִיק געווען די פֿראַנקאָמאַניע, וועלכע איז דעמלט געווען פֿאַרשפּרייט אין דײַטשלאַנד. ער טאַדלט — אין גאַנץ העפֿלעכע אויסדרוקן — פֿרידריכס מעליצעדיקן פֿראַנצויזיש, די לײַכטזיניקע עפּיקורעיִסטישע מאָטיוון פֿון זײַנע לידער. דער קיניג איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען דערצאָרנט, ער האָט באַפֿוילן גלײַך ברענגען דעם קריטיקער אין פּאָטסדאַם, צום קיניגלעכן הויף, אָבער ווען מענדעלסאָן איז צוגעגאַנגען צו די טויערן, האָט מען אים, אלס ייִד, ניט אַרײַנגעלאָזט. דעמלט האָט מענדעלסאָן געזאָגט, אז ער איז א לעץ און מע האָט אים גערופֿן, ער זאָל פֿאַרווײַלן די הויפֿלײַט, און מע האָט אים דערלויבט אַרײַנגיין. אַף דער פֿראַגע, ווי האָט ער געוואַגט אָנשרײַבן און אָפּדרוקן אזא רעצענזיע אַף דעם קיניגס בוך, האָט ער געענטפֿערט מיט ווירדע. פֿרידריך האָט „מוחל געווען" מענדעלסאָנען זײַנע קריטישע אַרויסזאָגונגען און שפּעטער, אין דרײַ יאָר אַרום, נאָך א שטאַדלאָנעס פֿון אָנגעזעענע אַריסטאָקראַטן, געשענקט מענדעלסאָנען א פּערזענלעכע פּריווילעגיע — געגעבן אים א שוצקאַרטע, דה. דערלויבט אָפֿן לעבן אין דער פּרײַסישער הויפּטשטאָט בערלין.

אין 1764 האָט די פּרײַסישע אַקאַדעמיע געמאָלדן א קאָנקורס אַף דער טעמע „צי קאָנען די מעטאַפֿיזישע וויסנשאַפֿטן דערגרייכן די זעלבע וואָרשײַנלעכקײַט, ווי די מאַטעמאַטישע?" אינעם קאָנקורס האָבן אויך אָנטיילגענומען מוישע מענדעלסאָן און דער יונגער אימאַנויִל קאַנט. די ערשטע פּרעמיע איז צוגעטיילט געוואָרן מענדעלסאָנען פֿאַר זײַן אַרבעט „וועגן דער וואָרשײַנלעכקײַט אין די מעטאַפֿיזישע וויסנשאַפֿטן". קאַנט האָט באַקומען די צווייטע פּרעמיע. אײַניקע האָט די זעלבע אַקאַדעמיע אויסגעוויילט מענדעלסאָנען אלס אירן א מיטגליד, אָבער ווען דער באַשלוס איז אָנגעקומען אַף באַשטעטיקונג צום קיניג, האָט פֿרידריך דער צווייטער אויסגעמעקט זײַן נאָמען פֿונעם באַשטאַנד פֿון דער אַקאַדעמיע. אגעוו, ס'איז געווען אזא פֿאַל. דער עסטרײַכישער אימפּעראַטאָר האָט אָפּגעזאָגט מענדעלסאָנס א פּריִנט — האַמבערגן — פֿון זײַן אַמט. דאַן האָט דער געליטענער באַקומען פֿונעם באַרימטן דענקער א בריוו מיט די טרייסט־ווערטער: „אזא מאַיעסטעטישע האַנדלונג איז אין אַלע הינזיכטן פֿאַר אונדז אומאָנגענעם, אָבער דאָס איז דאָך א סאַך אָנגענעמער פֿון דעם, אויב די הויכע מאַיעסטעט וואָלט אײַך אויסגעקליבן און די פֿילאָסאָפֿיע, ווי אַן אומפּייִקן, וואָלט אײַך אָפּגעווענדט. ווי איר ווייסט, האָב איך אויך געהאַט אזא גורל"...

מ. מענדעלסאָנס נאָמען איז געוואָרן אַלץ מער באַוווּסט. נאָך דעם, ווי עס איז אַרויס זײַן בוך „פֿעדאָן, אָדער וועגן דער אומשטערבלעכקײַט פֿון דער נעשאָמע" (1767) פֿלעגט מען אים אָפּן אָנרופֿן „דער הײַנטצײַטיקער סאָקראַט". געטע האָט פֿאַרגליכן דאָס ווערק מיט די באַרימטע דיאַלאָגן פֿונעם אַלטגריכישן פֿילאָסאָף פּלאַטאָן — דאָס בוך איז געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון א שמועס פֿון פֿעדאָנען מיט פּלאַטאָנען.

אָבער ניט געקוקט אַף דעם רום, האָט מ. מענדעלסאָן מאַטעריעל זיך שטאַרק גענייטיקט. א זײַד־פֿאַבריקאַנט האָט אים געגעבן די שטעלע פֿון א בוכהאַלטער. גאַנצע טעג האָט ער געמוזט זיצן באַם טיש און פֿירן כעזשבוינעס פֿונעם גוויר. כאָטש אין בוכהאַלטעריע איז ער

גאַנץ גיך געוואָרן באַהאַוונט, און דער באַלעבאָס איז געווען פון אים צופרידן, איז ער אַליין גאָר ניט געווען אַנציקט פון דער שטעלע. אין אַ בריוו צו לעסינגן האָט ער געשריבן: „אַ גוטער בוכהאַלטער איז געוויס אַ זעלטענער מענטש, ער פאַרדינט די גרעסטע באַלוינונג, ווײַל ער מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם פאַרשטאַנד, פון דעם וויץ, פון די געפילן, ווערן אַ קלאָץ, קעדיי פירן ריכטיק די ביכער״.

פונדעסטוועגן געפינט ער צײַט צו פירן ניט נאָר די בוכהאַלטערישע גראָסביכער. אייניקע אַנדערע דערשײַנען זײַנע ווערק: „בריוו וועגן עמפינדונגען״, „וועגן די גרונט־האַנאָכעס פון די שיינע קונסטן און וויסנשאַפטן״, „וועגן דער הערשאַפט איבער די נייגונגען״ און אַ ריי אַנדערע.

די לעצטע זיבן יאָר פון זײַן לעבן (ער איז געשטאָרבן דעם 4 יאַנוואַר 1786 יאָר) איז מענדעלסאָן געווען שטאַרק קראַנק, געשריבן ווייניק. שווער האָט ער איבערגעלעבט דעם טויט פון לעסינגן, זײַן בעסטן פרײַנט. „לעסינגס געשטאַלט, — האָט ער מיט שטאָלץ געשריבן, — איז שטענדיק פאַר מײַנע אויגן, ווי דאָס געשטאַלט פון אַ געליבטער. איך שלאָף אײַן מיט אים, זע אים אין שלאָף און דערוואַך מיט אים. איך בין זייער דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס ער האָט מיך אַזוי פרי פאַרבונדן מיט דעם מענטשן און אַזאַ לאַנגע צײַט בין איך געווען באַפרײַנדעט מיט אים און שטענדיק געקאָנט אויסהערן זײַנע אייצעס״. לעסינג איז טאַקע טאָמיד געווען זײַן באַל־אייצע, זײַן פרײַנט, לערער און אָנפירער. מענדעלסאָן האָט עס אַליין ניט איין מאָל אָנערקענט: „בײַ יעדער שורע, וואָס איך שרײַב וועגן פילאָסאָפיע, פרעג איך בײַ זיך: לעסינג וואָלט געגעבן אָף דעם די האַסקאָמע אָדער ניט?״.

נאָך דער כאַסענע, ווען ער האָט שוין געהאַט אַן אייגן ווינקל, איז זײַן שטוב געווען שטענדיק פול מיט געסט — שרײַבער, דענקער, זשורנאַליסטן, ביכלאַל פרײַנט און באַקאַנטע. די גרעסטע לײַדנשאַפט זײַנע איז געווען פירן אַן אינטעלעקטועלן שמועס, אַרויסזאָגן אַ שפּיציק וואָרט, אַ וויץ. אין דעם האָט ווייניק ווער געקאָנט זיך פאַרמעסטן מיט אים. מע דערציילט, אַז איינמאָל, ווען ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן דיכטער, שרײַבער אין אַ קאַפע, האָט עמעצער פאָרגעלייגט, אַז יעדערער זאָל גלײַך אָפּן אָרט פאַרפאַסן אַ ליד, אין וועלכער ער זאָל שילדערן די אייגענע פעלערן. דער ערשטער האָט זײַן עקספּראָמט איבערגעלייענט מענדעלסאָן. אין אַ בוכשטעבלעכער איבערזעצונג קלינגט ער אַזוי:

פאַר אַ גרויסן רעכנט מען דעמאָספענעס,
דעם הינקענדיקן רעדנער פון אַטען.
פאַר אַ כאָכעם האַלט מען דעם הויקערדיקן עזאָפּ.
טריִומף! איך וועל אין אײַער קרײַז
צוויי מאָל גרויס און קלוג זײַן,
ווײַל בײַ מיר איז פאַרייניקט דאָס,
וואָס בײַ עזאָפּן און דעמאָספענעס
האָט מען געקאָנט זען באַזונדער.

אַזוי האָט מוישע מענדעלסאָן אויסגעזען: אַ קליינינקער הויקערדיקער מענטש מיט אַ הויכן שטערן, קלוגע שאַרפע אויגן, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אָף די ליפּן.

ס'איז ניט לײַכט איצט צו שרײַבן וועגן מענדעלסאָנס וועלט־אָנשויונג, וועגן זײַנע פילאָסאָפישע, פּאָליטישע, רעליגיִעזע, ליטעראַטור־עסטעטישע אָנשויונגען — ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען געווען ניט קיין קאָנסעקווענטע, צומאָל עקלעקטישע, נאָר און איבערהויפּט ווײַל, אַרויסטרעטנדיק מיט זײַנע ערשטע ווערק אין די פופציקער יאָרן פונעם 18־טן יה., גלײַך נאָך לעסינגן, איז ער ניט אימשטאַנד געווען צו נאָכפאָלגן זײַן פרײַנט און גיין מיט אים אין איין ריי. ביידע זײַנען זיי געוואָרן אויפקלערער, אָבער אויפקלערער פון פאַרשיידענע שטרעמונגען. לעסינג איז אַרויסגעטראָטן אין טאָך מיט אַ רעוואָליוציִאָנערער פּראָגראַם אין געביט פון עסטעטיק, ליטעראַטור, טיילווײַז אויך אין געביט פון פילאָסאָפיע, ער האָט אויפגעהויבן די אויפקלערונג־באַוועגונג אין דײַטשלאַנד אָף אַ נײַער מאַדרייגע. מענדעלסאָן איז געבליבן, אין גרונט גענומען, אַ מעסיקער בורזשואַזער אויפקלערער, אַן אָנהענגער פון די פריִערע דײַטשישע אויפקלערער פון דער ערשטער העלפט פונעם 18־טן יה. — פון לייבניצן און זײַן פּאָפּוליאַריזאַטאָר וואָלפן. דאָס באַטײַט ניט, אַז מענדעלסאָן איז אינגאַנצן געבליבן אָף זייער ניוואָ און האָט גאָר קיין נײַס ניט געזאָגט. ניין, ער האָט זײַנע פילאָסאָפישע לערער אָפּטמאָל קאָרעגירט. אין אייניקע פאַלן איז ער אַוועק ווײַטער פון זיי, אַרויסגעזאָגט זיך מער דרייסטער, אָבער באַם לייזן

די גרינטלעכע גנאָסעאָלאָגישע פראגן איז ער געבליבן א לייבניציאנער, און דאָס האָט געבראכט צו פיל סטירעס אין זײַן וועלט־אָנשויונג.

מע דארף דאָ דערמאָנען, אז דײַטשלאנד איז אין 18־טן יה. געווען אן עקאָנאָמיש און פאָליטיש אָפּגעשטאנען לאנד. אייגנטלעך גערעדט, איז עס דעמלט ניט געווען קיין איינהײַטלעך לאנד, נאָר א פארייניקונג פון מער ווי דרײַ הונדערט „זעלבשטענדיקע" הערצאָגטומס, גראפנטומס. עמעס, צווישן זיי האָבן זיך שוין באוויזן אזעלכע גרעסערע מעלוכעס, ווי פרײַסן, עסטרײַך, אָבער אויך אין זיי איז די עקאָנאָמישע און פאָליטישע לאגע געווען א הינטערשטעליקע אין פארגלײַך מיט ענגלאנד אָדער פראנקרײַך. דאָרט זײַנען די ראדיקאלע אופקלערער געקומען צו רעוואָליוציאָנערע האנאָכעס, באזונדערס אין פראנקרײַך, ווו זיי האָבן צוגעגרייט די בורזשואזע רעוואָליוציע, וועלכע האָט אויסגעבראָכן אין סאָף פונעם 18־טן יאָרהונדערט. אונטער זייער ווירקונג האָבן זיך אויסגעפאָרמירט לעסינגס אָנשויונגען. אָבער אַף אַנדערע אופקלערער אין דײַטשלאנד האָט שטארק געווירקט „די דײַטשישע מיזערקײַט", ווי ק. מארקס פלעגט זאָגן, און זיי פלעגן זיך באגרענעצן מיט ריין אופקלערערישע צילן — פארשפרייטן וויסנשאפטן, טײַנען, אז מע מוז אומעטום און אלעמאָל פאָלגן דעם סייכל. זיי זײַנען געווען אופקלערער אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, אנדערש גערעדט — גאנץ מעסיקע.

אלס אן אָנהענגער פון אזעלכע מעסיקע אופקלערער איז ארויסגעטראָטן אויך מ. מענדעלסאָן. ביזן סאָף פון זײַן לעבן איז ער געווען אן אָנהענגער פון דער עקלעקטישער ראציאָנאליסטישער פילאָסאָפיע. אים האָט זיך געדאכט, אז אויך לעסינג האלט פון די זעלבע אידייען, און ער איז געווען איבעראשט, ווען נאָך לעסינגס טויט האָט ער זיך דערוווּסט, אז זײַן נאָענטסטער פרײַנט האָט זיך גענייגט צו שפינאָזעס פאנטעיסטישער לערע. וועגן דעם האָט אים, צווישן אנדערע, אָנגעוויזן פרידריך יאקאָבי. דערוויסנדיק זיך, אז מענדעלסאָן וויל פארפאסן אן ארטיקל וועגן זײַן פרײַנט, האָט יאקאָבי אים איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון די שמועסן, וואָס ער האָט געהאט מיט לעסינגן פאר יענעמס טויט. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די צוויי שרײַבער א בריוו־אויסטויש, אין וועלכן מענדעלסאָן האָט אָפּגעלייקנט יאקאָביס באהויפּטונגען וועגן לעסינגס פאנטעיסטישע אָנשויונגען. זײַנע פאָרשטעלונגען וועגן לעסינגס פילאָסאָפיש־רעליגיעזע אידייען האָט מענדעלסאָן פאנאנדערגעוויקלט אינעם בוך „מאָרגנשטונדן". אן און פאר זיך איז דאָס אן אינטערעסאנטער בוך, — אין אים זײַנען אָפּגעדרוקט די פאָרלעזונגען, וואָס מענדעלסאָן האָט געמאכט — געוויינלעך אין די פרימאָרגן־שאָען — פאר זײַנע קינדער און זייערע נאָענטע פרײַנט, צווישן וועלכע עס זײַנען, אגעוו, געווען די קומענדיקע גרויסע געלערנטע אלעקסאנדער און ווילהעלם הומבאָלדט. יאקאָבי האָט נאָך דעם געפונען פאר נייטיק ארויסלאָזן א בוך („וועגן שפינאָזעס לערע און די בריוו צו מאָזעס מענדעלסאָן"), אין וועלכן ער האָט געבראכט לעסינגס אנערקענונגען וועגן דעם, אז ער איז אן אָנהענגער פון פאנטעיזם ביכלאל און פון שפינאָזעס לערע ביפראט. אַף וויפל יאקאָבי האָט קריטיקירט די ראציאָנאליסטישע לייבניציאנישע פילאָסאָפיע, וועלכע ער האָט באשולדיקט אין פאטאליזם, האָט מענדעלסאָן געענטפערט מיט א נײַעם בוך „צו לעסינגס פרײַנט", ווו ער האָט פארטיידיקט זײַנע האנאָכעס וועגן דער הארמאָניע, וואָס איז געשאפן אין דער וועלט אדאנק דעם וועלט־סייכל (וועלט־פארשטאנד).

די דאָזיקע ווערק — מענדעלסאָנס און יאקאָביס — האָבן ארויסגערופן א שטארקע פאָלעמיק אין דער דײַטשישער ליטעראטור. מענדעלסאָנס פאָזיציע איז קריטיקירט געוואָרן פון פארשיידענע שטאנדפונקטן. מע האָט אים באשולדיקט, אז ער פארפלעקט לעסינגס אָנדענק. די פאָלעמיק האָט ניט געקאָנט ניט האָבן א געוויסע ווירקונג אַף מענדעלסאָנס פילאָסאָפישע פאָרשטעלונגען, אָבער אין טאָך האָבן זיי זיך ניט איבערגעביטן, ער איז געבליבן א קעגנער פון דער מאטעריאליסטישער פילאָסאָפיע.

מ. מענדעלסאָן האָט, ווי קימאט אלע אופקלערער, ניט אָנגענומען די פראקטיק פון באזונדערע עמונעס און דערונטער אויך פון דער יידישער. מיט די קלייקוידעש האָט ער זײַן גאנץ לעבן געפירט אן אָנגעשטרענגטן קאמף. מיט אייניקע ראבאָנים פלעגט ער זיך איבערשרײַבן, אָבער פון זייער צוויעסדיקער אופירונג האָט ער אליין צומאָל שטארק געליטן.

באזונדערס איז וויכטיק זיך אָפּשטעלן אַף זײַן באוווּסטן בוך „יערושאָלאיִם".

מענדעלסאָן האָט געשטעלט פאר זיך די אופגאבע צו דערלייזן איינע פון די שווערסטע פראגן, וועלכע מע האָט דיסקוטירט אין יענער צײַט — די פראגע פון צווישנבאציִונגען פון מעלוכע און קירכע. ווי דער גרויסער פראנצויזישער אופקלערער וואָלטער, האָט אויך מענדעלסאָן ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך, אז די מענטשן זאָלן קאָנען לעבן אָן גלויבן אין גאָט. אויך ער האָט געהאלטן זיך בא דער מיינונג, אז אטעיזם, ווי עפיקורעיזם, „גראָבן אונטער דעם ווילשטאנד, אַף וועלכן עס רוט די גליקזעליקײַט פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן". אַף איין

ברעט פלעגט ער אַפילע שטעלן די פֿאַנאַטיקער און די אַטעיִסטן, ביידע ברענגען צו די זעלבע אויספירן. מיר באַגעגענען זיך ווידעראַמאָל מיט שאַרפע סטירעס אין מענדעלסאָנס וועלטאָנשויונג.

זײַן פּראָגראַם איז געווען געריכטעט אָף אָפּטיילן די קירכע פון דער מעלוכע. אָט ווי ער שטעלט אוועק די פראַגע אין אָנהייב פונעם בוך „יערושאָלאַיִם": „מעלוכע און רעליגיע, בירגערלעכע און גײַסטלעכע רעכט, וועלטלעכער און רעליגיעזער שטאַנדפּונקט, — אַוועקשטעלן די דאָזיקע דערשײַנונגען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אַזוי, אַז זיי זאָלן דעם וואָגשאָל האַלטן אָף אַ גלײַכן ניוואָ, זיי זאָלן מער ניט זײַן קיין לאַסט פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן... דאָס איז אין דער פּאָליטיק איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן, וועלכע מע באַמיט זיך שוין אין מעשעך פון יאָרהונדערטער צו לייזן". לויט מענדעלסאָנען איז דאָס אַ טעאָרעטישע פראַגע און אויך — און איבערהויפּט — אַ פּראַקטישע, און ער שטעלט פאַר זיך דעם ציל צו לייזן זי טעאָרעטיש, קעדיי מע זאָל די לייזונג קאָנען אָנווענדן אין דער געזעלשאַפט פּראַקטיש. די שווערקײַט פון דער אויפגאַבע, זאָגט ער, באַשטייט הויפּטזאַכלעך דערין, וואָס יעדער פון די ביידע קויכעס וויל פאַרכאַפּן די מאַכט איינער איבערן אַנדערן, ביידע האָבן זיי אַ נייגונג צו פירן זיך דעספּאָטיש בענעגייע דעם אַנדערן.

פון אַזאַ אויפירונג לײַדט אין דער ערשטער ריי די מענטשהײַט, ווײַל דאָס ברענגט צו אומגעהייערע קאָרבאָנעס און שטענדיק, ווי אַ פּויעל־יויצע פון דער קריגערײַ, פאַרשווינדט די פרײַהײַט: „די קירכע, פון איין זײַט, טרעט אַריבער די גרענעץ און דרינגט אַרײַן אין געביט פון דער מעלוכע, און די מעלוכע, פון דער אַנדערער זײַט, שפּרײַזט אַריבער די גרענעץ און דערשײַנט אין געביט פון דער קירכע. די אומקלאָרקײַט, וואָס הערשט אין באַשטימען געגנוי די געביטן און זיי אָפּטיילן איינעם פונעם אַנדערן, האָט שוין ניט ווייניק צאָרעס געבראַכט די מענטשן און וועט נאָך ברענגען זיי צאָרעס. ווײַל, ווען מעלוכע און רעליגיע קריגן זיך צווישן זיך, זײַנען אַ קאָרבן די מענטשן, וועלכע פאַלן אין אָט דעם שטרײַט; ווען מעלוכע און רעליגיע מאַכן צווישן זיך שאָלעם, דאַרף דערבײַ אומקומען דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, ווײַל זעלטן־ווען מאַכן צווישן זיך שאָלעם רעליגיע און מעלוכע מיט אַן אַנדער טנײַ, איידער מיטן טנײַ אַרויסצוטרײַבן די פרײַהײַט פון געוויסן מיכוץ די גרענעצן פון זייער מאַכט".

מענדעלסאָן לייגט פאָר דורכצופירן אַ דײַטלעכע ליניע צווישן די פליכטן פון דער מעלוכע און פון דער קירכע. די מעלוכע גיט אַרויס געזעצן, איר געהערט דער געביט פון מענטשלעכע טאַטן, זי האָט אַדמיניסטראַטיווע רעכט איבער די מענטשן, און מיט אַזעלכע מיטלען רעגירט זי. מענדעלסאָן גיט צו, אַז די מאַכט פון דער מעלוכע טאָר אויך ניט זײַן אומבאַגרענעצט, זי האָט רעכט באַפוילן בלויז בענעגייע טאָן אָדער ניט טאָן, זי קאָן אָבער ניט באַפוילן טראַכטן אַזוי, אָדער ניט אַזוי, די מעלוכע „קאָן באַשטראָפן פאַר מײַסים, אָבער ניט פאַר געדאַנקען". דער קירכע געהערט אַן אַנדער געביט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — די מענטשלעכע זיטן, געדאַנקען, און זי קאָן אַרויסגעבן ניט געזעצן, נאָר געבאָטן, איר אויפגאַבע איז ניט באַפעלן, נאָר דערציִען, זי קאָן ניט און טאָר ניט אָנקומען צו גוואַלדטאַט אַלס מיטל צו אײַנשטעלן איר האַשפּאָע, זי האָט קיין שום רעכט ניט שטראָפן פאַר געדאַנקען, פאַרפאָלגן פאַר זיי די אָדער יענע מענטשן, און שוין אָפּגערעדט וועגן טייטן אַן אַנדערש גלויביקן. אָט אַזוי שיידט מענדעלסאָן פּולקאָם אָפּ די געביטן פון מעלוכע און קירכע.

ער שטרײַכט אונטער, אַז אויך די מעלוכע טאָר ניט רעגירן מיט דער הילף פון גוואַלדטאַטן, איר הויפּט־אויפגאַבע איז — רעגירן דורך דערציִונג, אָבער ביז איצט „באַנוגנט זיך די מעלוכע מיט בלויזע מײַסים, מיט ווערטער אָן אַ גײַסט, מיט אַרײַנמישן זיך סײַ אין די טועכצן, סײַ אויך אין די געדאַנקען".

ווי אַ מוסטער פון פּאָזיטיווער רעליגיע שטעלט מענדעלסאָן אַרויס די יודאַיִסטישע, אָדער ווי ער רופט זי אָן, די ייִדישע עמונע. ער טיילט זי אויס פון אַלע אַנדערע עמונעס. בא די ייִדן איז קלוימערשט ניט געווען קיין קאַמף צווישן דער עמונע און דעם סייכל. מענדעלסאָן האָט גערופן די ייִדן פון זײַן צײַט געהאָרכזאַם זײַן בענעגייע די מינהאָגים פון דער ייִדישער רעליגיע, טרײַ זײַן אירע געזעצן און אויספילן זיי. ניט געקוקט אָף דעם, האָט די ראַבאָנישע אָרטאָדאָקסיע זיך אָרופגעוואָרפן אָף מענדעלסאָנען און אָף זײַן בוך און באַשולדיקט אים אַפילע אין אַפּיקאָרסעס.

פיל פרײַדענקער פון פאַרשיידענע לענדער האָבן באַגריסט דעם מעכאַבער פון „יערושאָלאַיִם". דער באַרימטער פראַנצויזישער דענקער פון 18־טן יה. מיראַבאָ האָט געשריבן, אַז דאָס בוך פאַרדינט, מע זאָל עס איבערזעצן אין אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. די לײַדנשאַפטלעכע

פאַרטיידיקונג פון טאָלעראַנץ, פרײַהײַט פון דענקען און געוויסן, האָט אַרויסגערופן באַגײַסטערונג מיצאַד די אײראָפּעיִשע אויפקלערער.

דאָך, ווי הויך מע זאָל ניט אָפּשאַצן מענדעלסאָנס בײַטראָג אין דער דײַטשישער אויפקלערונג און אין דעם גײַסטיקן לעבן פון דײַטשלאַנד ביכלאַל, איז ער אין דער געשיכטע איבערהויפּט אַרײַן ווי דער גרונטלייגער פון דער אויפקלערונג אין דער ייִדישער קולטור, פון דער באַוועגונג, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן האַסקאָלע.

קעדיי פאַרשטיין אָט דעם בעעמעס אויסערגעוויינלעכן אופטו מענדעלסאָנס, דאַרף מען האָבן אין זינען די טרויעריקע לאַגע פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע אײראָפּעיִשע לענדער אין 18־טן יאָרהונדערט. דער מאַצעוו פון די ייִדן איז געווען אַ שוידערלעכער. אין די לענדער, ווו זיי האָבן שוין עטלעכע יאָרהונדערטער געלעבט, פלעגט מען זיי נאָך אַלץ באַטראַכטן אַלס אָנגעקומענע, פרעמדע, קיין שום מענטשלעכע רעכט האָבן זיי ניט געהאַט. אין אַ רײַ שטעט האָט מען זיי ביכלאַל ניט דערלויבט וווינען. און אַפילע דאָרט, ווו זיי האָבן געלעבט, האָט זייער צאָל ניט געטאָרט זיך פאַרגרעסערן. אַזאַ באַפעל האָט אויך אַרויסגעגעבן פרידריך דער צווייטער, וועלכער האָט קאַטעגאָריש פאַרבאָטן „אויסלענדישע ייִדן באַזעצן זיך אין זײַן קיניגטום". קימאַט יעדן יאָר פלעגן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, אונטער דעם אויסרייד, אַז ייִדן נוצן אויף פייסעך קריסטלעך בלוט, זיך איבערכאַזערן די אַכזאָריעסדיקע רעדיפעס אויף זיי. אין אייניקע ערטער האָבן די ייִדן ניט געטאָרט גיין איבער די גאַסן אָן אַ באַגלייטער, וועלכער האָט געדאַרפט נאָכקוקן, זיי זאָלן ניט אָפּטאָן עפּעס בייזס, לעמאָשל — ניט אַרײַנשיטן סאַם אין די ברונעמס.

אַפילע אין פרײַסן, אין דער מעלוכע, וועלכע האָט דאַן געשעמט אַלס אַ טאָלעראַנטע, האָט מען די ייִדן אָפּגעזאָגט פון בירגערלעכע רעכט. איין רעכט האָט מען פאַר זיי איבערגעלאָזט — צאָלן שטײַערן, צאָלן פאַר אַלץ — פאַר אַריבערפאָרן פון איין אָרט אין אַנדערן, פאַר אויסבויען אַ הויז, פאַר אַ סימכע און אַ כאַסענע. פרידריך דער צווייטער האָט באַפוילן, אַז נאָך יעדער כאַסענע מוז די מישפּאָכע קויפן אויף אַ געוויסער סומע — און ניט אויף אַ קלענער — פאָרצעלײַ בלויז פון זײַן קיניגלעכער פאָרצעלײַ־פאַבריק. קיין אַלגעמיינע בילדונג האָבן די ייִדן ניט געקאָנט באַקומען, און אויב עמעצן איז געלונגען עס דערגרייכן, האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט די בילדונג אויסנוצן אין זײַן אַרבעט.

אָפּגעגרענעצט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, פאַקטיש אין געטאָס, פולקאָם אָפּגעצוימט פון דער אויסערלעכער וועלט, איז דער לעבנסשטייגער פון די ייִדן געבליבן אַ פאַרשלאָסענער, פאַרגליווערטער, מיטלאַלטערלעכער. אין די קעהילעס האָט די פולע מאַכט געהערט צו די קלייקוידעש, וועלכע פלעגן דערשטיקן יעדן פרײַען געדאַנק. דער קלויזניק איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע פיגור פון יענער עפּאָכע.

מוישע מענדעלסאָן האָט ניט געקאָנט ניט איבערלעבן דעם שוידערלעכן מאַצעוו פון זײַנע מיטצײַטלער, פון זײַנע לאַנדסלײַט. ניט וויניק האָט מען אים געוואָרפן באַשולדיקונגען, אַז אין דער צײַט, ווען זײַן נאָמען איז שוין געוואָרן באַוווּסט אין דײַטשלאַנד, האָט ער זיך גלײַכגילטיק באַצויגן צו דער לאַגע פון די ייִדן. מע ברענגט געוויינלעך זײַן ענטפער דעם דײַטשישן געלערנטן טאָמאַס אַבט, וועלכער האָט אים געבעטן, ער זאָל אָנטיילנעמען אין דער דיסקוסיע, וואָס יענער וויל אָנהייבן, וועגן דעם גוירל פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד. מענדעלסאָנס ענטפער איז טאַקע געווען אָנגעשריבן אין גײַסט פון דער לייבניציאַנישער פילאָסאָפיע: „ס'וועט זײַן דאָס, וואָס עס קאָן זײַן לויט די געשעענישן, וועלכע באַאומרויִקן ניט מײַן סיסטעם. דאָס רופט ניט אַרויס בײַ מיר קיין זאָרג... מיט דעם קאַלטן געמיט פון אַ דײַטשישן מעטאַפיזיקער היל איך מיך אײַן אין מײַן מאַנטל און זאָג ווי פאַנגלאָס: די דאָזיקע וועלט איז די בעסטע". ער האָט געהאַלטן פאַר אומבאַקוועם, אַז די ייִדן זאָלן ביכלאַל זיך אײַנשטעלן פאַר זיך. „איין וואָרט פון אַ קריסט צוגונסטן די ייִדן וואָלט מיט גרעסערן דערפאָלג ווירקן אויף די מאַסן, איידער גאַנצע בענדער, אָנגעשריבענע פון ייִדן... זיי טאָרן זיך ניט אַרײַנמישן אין דעם איניען פון זייער עמאַנסיפּאַציע: בלויז שווײַגן קאָן אויסוואָרצלען וועלכן־ניט־איז פאָרורטייל בענעגייע זיי. אין קעגנזעצלעכן פאַל גרייטן זיי צו געווער קעגן זיך אַליין".

אָבער לאַנג האַלטן אַזאַ פּאָזיציע פון פילאָסאָפישער גלײַכגילטיקײַט איז אים ניט אויסגעקומען. פאַרשיידענע סיבעס, דערונטער די פאַרשטאַרקטע רעדיפעס אויף ייִדן, האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם גוירל פונעם אייגענעם פאָלק און נעמען אַ פּרינציפּיעלע שטעלונג.

אײַנגיכן איז ער שוין אָפן אַרויסגעטראָטן און פאָרגעלייגט געוויסע וועגן צו דערלייזן די אַזויגערופענע ייִדן־פראַגע. באַהאַדראָגעדיק איז זײַן שטעלונג געוואָרן פעסטער, די שטים קלינ־

געוודיקער, זײַן וואָרט וואָגיקער. ער זעצט איבער אין דײַטש די ווענדונג פון מענאשע בען יִסראָעל צו אָליווער קראָמוועלן און צו דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט, אָנגעשריבן נאָך אין 17־טן יה., וועגן דערלויבן זיך אומקערן קיין ענגלאַנד די ייִדן, וועלכע זײַנען פריִער געווען ארויסגעטריבן פון די בריטאַנישע אינדזלען. צו דער איבערזעצונג גיט ער צו זײַנע א האקדאָמע אונטערן טיטל „די רעטונג פון די ייִדן”. דאָרט שרײַבט ער וועגן די פאָרורטיילן, וועלכע ס׳פּאַרשפּרייטן קעגן די ייִדן פאַרשיידענע פאַנאַטיקער שוין אין מעשעך פון יאָרהונדערטער. און אָף דעם סמאַך „האָט מען אונדז פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט, וויסנשאַפטן און אנדערע נוצלעכע באַשעפטיקונגען, פאַרמאַכט אַלע וועגן צו פאַרבעסערן אונדזער לאַגע. און דער דאָזיקער מאַנגל פון קולטור איז געוואָרן דער גרונט פון אונדזער ווײַטערדיקער אונטערדריקונג. מע בינדט אונדז די הענט און מע וואַרפט נאָך אונדז דעם פאָרוווּרף, פאַרוואָס מיר נוצן די הענט ניט אויס”. מענדעלסאָן האָט דערזען אין אזא באַציִונג שפּורן פון באַרבאַרישע צײַטן און זיטן.

איצט שרײַבט ער שוין לײַדנשאַפטלעך אויך וועגן זײַן אונטערדריקטן צושטאַנד און לעבן. אין א בריוו צו מ. ווינקאָפּן — אגעוו, אָנגעשריבן אין ייִדיש, — איז ער זיך מודיע אין זײַנע איבערלעבונגען: „אָט גיי איך צומאָל אין אָוונט מיט מײַן ווײַב און מיט די קינדער... „פּאַפּאַ! — פרעגט מיך דער אומשולד, — וואָס שרײַען אָף אונדז די בורשעס? פאַרוואָס וואַרפן זיי שטיינער אין אונדז? וואָס האָבן מיר געטאָן?” „יאָ, ליבער פּאַפּאַ, — זאָגט דער אנדערער, — זיי פאַרפאָלגן אונדז טאָמיד אין די גאַסן און זידלען: יודן, יודן! איז עס א בושע צו זײַן א ייִד? און מיט וואָס שטערן מיר די אַלע לײַט?” אָך, איך פאַרמאַך די אויגן און זיפץ בײַ זיך: מענטשן! מענטשן! ווּהין וועט איר קומען? אזעלכע מאַכשאָוועס רופן בײַ מיר ארויס א גרויסן צאָרן”.

און מ. מענדעלסאָן האָט פאָרגעלייגט מאָסמיטלען, וועלכע זאָלן, ווי ער האָט געמיינט, ברענגען גרינטלעכע ענדערונגען אינעם מאַצעוו פון די ייִדן.

אנטשיידנדיק וואַרפט ער אָפּ די מיינונג, וועלכע מע האָט שוין דעמלט — אין 18־טן יה. — ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט, אַז דער איינציקער אויסוועג איז זיך אומקערן אָף דער ערד פון די אָוועס. אָט וואָס מענדעלסאָן שרײַבט וועגן דעם: „דאָס געהאָפּטע אומקערן זיך קיין פּאַלעסטינע, וועגן וואָס עס זאָרגט זיך דער הער מיכאַעליס, האָט אָף אונדזער בירגערלעכער אופירונג קיין שום האשפּאָע ניט. אזוי לערנט אונדז די דערפאַרונג פונעם לעבן פון די ייִדן אין אַלע ערטער, ווו מע דולדעט זיי. דאָס אנטשפּרעכט דער נאַטור פונעם מענטשן. אויב ער איז ניט קיין פאַנאַטיקער, דאַרף ער ליב האָבן דעם באָדן, אָף וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן”. און ווײַטער זאָגט מענדעלסאָן נאָך קאַטעגאָרישער, אַז ס׳איז אן אומזין „צו טראַכטן וועגן א גוואַלדזאַמען אומקערן זיך”. אין די הייליקע ביכער געפינט ער אפילע א פאַרבאָט צו מאַכן כאָטש „א קליינינקן שריט צו א גוואַלדזאַמען אומקערן זיך, קעדיי צו האָבן אן אויסזיכט אופשטעלן די נאַציע. דער דאָזיקער פאַרבאָט איז אויסגעדריקט אין שיר־השירים אָף אן עטוואָס מיסטישן אָבער גאַנץ אָנגענעמען אופן... דערפאַר וועלן בלײַבן אַלע פאָרשלאָגן, וועלכע פאַרשיידענע פּראָיעקטנמאַכערס מאַכן, אויסרעכענענדיק אָף די טײַסטערס פון די רײַכע ייִדן, שטענדיק אָן קיין שום ווירקונג. און אויב זיי וועלן ווערן ארויסגעזאָגט אויך אין אן אנדערער פאָרם, וועלן זיי אויך ווירקן, ווי א פּוסטער ווינט”. קלאָרער, דאַכט זיך, קאָן מען ניט זאָגן. דעריבער איז ניטאָ קיין שום גרונט צו זען אין מענדעלסאָנען א מין פאָרגייער פון ציִעניזם. ווי מיר האָבן באַוויזן, איז אין זײַן וועלט־אָנשויונג געווען ניט ווייניק סטירעס, אָבער קיין פּראָציִעניסטישע אידייען האָט ער ניט ארויסגעזאָגט.

מ. מענדעלסאָן האָט ארויסגעשטעלט גאָר אן אנדער פּראָגראַם פון דער עמאַנסיפּאַציע פון די ייִדן. ערשטנס, דאַרף אינגאַנצן איבערגעבויט ווערן זייער אינערלעך לעבן. ס׳איז לעכערלעך צו פאָדערן עמאַנסיפּאַציע בײַ דער מאַכט פונעם לאַנד, ווײַזט ער אָן, און פאַרבלײַבן, ווי פריִער, אין די פאַרצוימטע ווענט פון די קעהילעס: „ווען די ייִדן בעטן טאָלעראַנץ בײַ דער אויסערלעכער וועלט, דאַרפן זיי אַליין געבן א בײַשפּיל פון טאָלעראַנץ בײַ זיך”. פון דעם שטאַנדפּונקט קריטיקירט ער גאַנץ שאַרף די „אײַזערנע מאַכט” פון די ראַבאָנים און פון אנדערע קעהילעפירער, וועלכע גיבן קיין שום מעגלעכקײַט ניט זייערע מיטבירגער צו פאַרנעמען זיך מיט וועלטלעכע פּראָפעסיעס. מענדעלסאָן האָט געשריבן, אַז ס׳איז שוין צײַט אָפּזאָגן זיך פונעם פאַרגליווערטן, ענגן שטייגער־לעבן אין די געטאָס און זיך נעמען פאַר באַהערשן פאַרשיידענע פאַכן. ער לאַכט אויס די באַהויפּטונג פון מיכאַעליסן, וועלכער האָט געשריבן, אַז די ייִדן דאַרפן זיך ניט פאַרנעמען מיט מעדיצין, מאַטעמאַטיק, פילאָסאָפיע, פיזיק. פאַרקערט, האַלט מענדעלסאָן, און דאָס איז געווען זײַן צווייטע גרונטשטעלונג, — מע דאַרף זיך ווענדן צו אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן און פאַכן און אקטיוו באַהערשן זיי. מענדעלסאָן האָט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, ארויסגעזאָגט די געדאַנקען אין א קלאָרער, גאַנץ ווייכער פאָרם, אָבער אינגיכן האָבן

אייניקע זײַנע טאַלמידים און פּילצאַליקע אַנהענגער געוואָרפן אַ דרייסטן רוף — אַרויסגיין פון געטאָ און אייראָפּעיִזירן זיך, אַ רוף, וואָס האָט געגעבן אַן אַנטשיידנדיקן שטויס דער אַנט־וויקלונג פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג.

דאָ האָט אַן ערשטראַנגיקע ראָליע געשפּילט מ. מענדעלסאָנס איניציאַטיוו איבערצוזעצן די ביבל אין דײַטש. דאָס דערשײַנען פון דער איבערזעצונג (1778—1783) און פון דעם קאָ־מענטאַר צו איר — דעם אַזויגערופענעם „באור" („בעיער"), — האָבן אַוועקגעלייגט די גרונט־שטיינער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, געבראַכט צו אַ מעכטיקן רענעסאַנס אין דער אַנטוויי־קלונג פון דער קולטור בײַ דעם ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע.

לעכאַטכילע, ווען מענדעלסאָן איז צוגעטראָטן צו איבערזעצן אין דײַטש דעם ערשטן בוך פונעם טאַנאַך, האָט ער, ווי ער האָט אַליין דערציילט, געשטעלט פאַר זיך אַן איינפאַכן ציל — באַווײַזן זײַנע אייגענע קינדער דעם עמעסן — פּאַשטעטן און דערהויבנדיקן — אינהאַלט זײַנעם. די פריִערדיקע אַזויגערופענע טײַטש־כומאָשים (איבערזעצונגען אין ייִדיש) האָבן אים ניט באַפרידיקט, ווײַל זייער שפּראַך איז געווען אַ פאַרמיסטיקטע, אַ מין מישמאַש פון העברעיִש מיט דײַטש, און אַפילע דער אינהאַלט איז געווען פאַרקריפּלט. ניט מערער האָבן אים באַפרי־דיקט די דײַטשישע איבערזעצונגען, וועלכע האָבן ניט איבערגעגעבן אַלע פאַרבן און באַזונ־דערקײַטן פונעם אָריגינעלן טעקסט און ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר דעם ייִדישן לייענער. דאַן האָט ער אַליין גענומען איבערזעצן די ביבל. ווי מיר האָבן שוין אויבן אָפּגעמערקט, האָט ער באַהערשט גלענצנדיק דײַטש. מיט גרויס פלײַס און ענערגיע האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט, אָפּגעדרוקט פריִער אַ מין פּראָבע, וועלכע איז באַגעגנט געוואָרן, פון איין זײַט, מיצאַד די דאָגמאַטישע ראַבאָנים, זייער פײַנטלעך, אָבער פון דער אַנדערער זײַט, — מיצאַד זײַנע אָנ־הענגער, די צאָל פון וועלכע ס'פלעגט ווערן אַלץ גרעסער, — מיט אומגעהייערן אינטערעס. אַזאַ רעאַקציע אויף זײַן אַרבעט האָט אים באַגײַסטערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די איבערזע־צונג וועט זײַן נוצלעך ניט נאָר זײַנע קינדער, נאָר דעם גאַנצן פאָלק, פאַר וועלכן זי וועט ווערן „דער ערשטער טראָט צו דער קולטור". ער האָט באַשלאָסן צוציִען צו דער איבערזעצונג זײַנע נאָענטע טאַלמידים און פרײַנט, און אײַנגיכן איז שוין אַרויס פון דרוק די איבערזעצונג פון אַלע פינף כומאָשים און פון נאָך אייניקע טיילן פונעם טאַנאַך — טילים, קויהעלעס, שיר־האַשירים. מאַקס עריק האָט ריכטיק באַמערקט, אַז „דער „בעיער" איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג, דאָס ווערק פון אַ גאַנצן מאַסקילישן דאָר"[1], אָבער מע דאַרף נאָכאַמאָל אונטערשטרײַכן, אַז דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר אירער איז געווען מוישע מענדעלסאָן, ער האָט פאַרפאַסט דעם פּלאַן און דעם פּראָספּעקט פון דער גאַנצער איבערזעצונג און פון דעם „בעיער" צו איר, וועלכע זײַנען פּולקאָם געווען פאַרווירקלעכט נאָך זײַן טויט — אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, אין די יאָרן, ווען די האַסקאָלע־באַוועגונג האָט זיך ברייט פאַרשפּרייט אין די מיזרעך־אייראָפּעיִשע לענדער — פּוילן, גאַליציע, רוסלאַנד. אין 1853 איז אין ווילנע פאַרענ־דיקט געווען די פולע אויסגאַבע פונעם „בעיער" אין 17 בענדער, וועלכע ס'האָבן אַרויסגע־לאָזט די באַקאַנטע מאַסקילים אווראָם־בער לעבענזאָן און ייִצכאָק־אײַזיק בען יאַנקעוו.

מענדעלסאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז די איבערזעצונג קאָן ברענגען ניט נאָר דערצו, אַז די ייִדן און אויך די דײַטשן וועלן טיפער באַגרײַפן דעם עמעסן טאַם פון דער ביבל, נאָר אַז אַדאַנק דעם, וואָס ייִדן וועלן באַהערשן די דײַטשישע שפּראַך, וועלן זיי באַקומען אַ מעגלעכקײַט צו פאַרנעמען זיך אויך מיט אַנדערע געגנשטאַנדן. פאַר זיי וועלן זיך עפענען נײַע וועגן און פּערספּעקטיוון. ער איז געווען גערעכט. עמעס, ניט ווייניק האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע יונגע־לײַט, וועלכע האָבן, שטודירנדיק די דאָזיקע איבערזעצונג, זיך אויסגעלערנט גאַנץ גוט דײַטש און דערנאָך אַוועקגעוואָרפן דעם כומעש מיט דער געמאָרע און זיך געווענדט צו דער וועלט־לעכער קולטור און צו וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אַזאַ אויסגאַנג האָט מענדעלסאָן ניט פאָרויס־געזען. ניט זעלטן טרעפן מיר זיך אין דער געשיכטע מיט ענלעכע פאַלן — די אָביעקטיווע אַנטוויקלונג האָט אירע דינים, וועלכע שטײַגן איבער די סוביעקטיווע פּלענער פון די אָדער יענע מענטשן.

מענדעלסאָנס קאָמענטאַרן צו דער ביבל זײַנען געווען אויספירן פון זײַן ראַציאָנאַליסטי־שער אויפקלערונג־פילאָסאָפיע, זיי האָבן פּאַקטיש אָפּגעלייקנט די טראַדיציאָנעלע פּיירושים, געגעבן אַ מעכטיקן קלאַפּ דעם טראַדיציאָנעלן לימעד — טוירע, געגרופן צום קאַמף פאַר רעפאָר־מירן און ראַציאָנאַליזירן די ייִדישע רעליגיע.

די ראַבאָנישע אָרטאָדאָקסיע האָט עס גלײַך פאַרשטאַנען און געמאָלדן אַן אָפענע מילכאָמע מענדעלסאָנען און זײַן אויפטו. אין פּויזן, ווילנע, פּראָג און אין אַנדערע ערטער האָט מען דעם

---

1 מ אַ ק ס ע ר י ק. עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע, ז. 79.

„בעיער" פּאַשעט פאַרבאָטן און מענדעלסאָנען האָט מען באַשולדיקט אין אַפּיקאָרסעס. אָבער אָפּהאַלטן די אופבּרויזנדיקע באַוועגונג, וועלכע איז איינגיכן אָנגערופן געוואָרן האַסקאָלע, איז געווען אומעגלעך. פון דײַטשלאַנד האָט זי זיך אַריבערגעוואָרפן אין די שכיינעסדיקע לענדער, ווו עס האָבן געוווינט ייִדן, — אין פּוילן, גאַליציע, ליטע, רוסלאַנד. אָט וואָס עס שרײַבט א. גאָטלאָבער אין זײַנע זיכרוינעס: „די ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרויסע גאַליצישע שטעט, זײַנען געווען די ערשטע, וואָס אויף זיי האָט אָפּגעשײַנט די ליכט פון דער כאָכמע פון מענדעלסאָנען און זײַנע טאַלמידים. צוליב זייערע מיסכער־איניאָנים פלעגן זיי אַרומפאָרן אין פאַרשיידענע רוסישע שטעט און ברענגען מיט זיך פאַריינס די געווירצן פון זייער אויפקלערונג און וויסן. די יוגנט האָט פאַרזוכט, און עס איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט בראָד, א שטאָט פון געלערנטע און מאַסקילים, וועלכע פלעגן דאָסראָוו האָבן געשעפטן מיט רוסלאַנד"[1]. א. גאָטלאָבער דערציילט ווײַטער, אַז די גאַליצישע מאַסקילים האָבן געהאַט א גרויסע האַשפּאָע אויף דער אַנטוויקלונג פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין ליטע און רוסלאַנד. אַליין גאָטלאָבער, וועלכער איז געווען איינער פון די גײַסטיקע לערער פונעם יונגן מענדעלע מויכער־ספאָרים, האָט דאָך א געוויסע צײַט געלעבט אין גאַליציע. די מאַסקילים אין רוסלאַנד פלעגט מען רופן ניט אַנדערש, ווי בערלינער אָדער בראָדער. וועגן דער באַדײַטונג פון דער קולטור־באַוועגונג, וועלכע ס'האָט אָנגעהויבן מ. מענדעלסאָן, זאָגט איידעס אויך מאָריס ווינטשעווסקי. ער האָט אָנערקענט, אַז דער „בעיער" איז פאַר אים געוואָרן יענע בריק, וואָס האָט אים געפירט צו לודוויק בערנע און הענריך היינע. אַזוי ציט זיך דער פאָדעם פון מוישע מענדעלסאָנען ניט נאָר צו דעם זיידן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך צו אונדזער גרעסטן רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישן דיכטער.

רעדנדיק וועגן דער באַדײַטונג פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, קאָן מען ניט אויסמײַדן די פראַגע וועגן מענדעלסאָנס באַציִונג צו ייִדיש, צו דער ייִדישער שפּראַך. ניט איין מאָל האָט מען אים אינקרימינירט, אַז ער איז דער שולדיקער פון דער אַסימיליאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט בא די ייִדן אין דײַטשלאַנד, אָנהייבנדיק פונעם סאָף פון 18־טן יאָרהונדערט, אַז ער איז דער שולדיקער פון אָפּזאָגן זיך פון ייִדישן אייגנאַרט און איבערהויפּט פון דער ייִדישער שפּראַך. זאַלמען רייזען האָט מיט גרויס פּאַטאָס געשריבן אין דעם אויבנדערמאָנטן בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", אַז די בערלינער האַסקאָלע, און אין דער ערשטער ריי איר פאָטער מוישע מענדעלסאָן, האָבן געבראַכט דאָס ייִדנטום אין דײַטשלאַנד צו א נאַציאָנאַלן כורבן און צו פולשטענדיקער אַסימיליאַציע.

דאָס איז אָבער איבערגעטריבן. מ. מענדעלסאָן האָט לאַכלוטן ניט אָפּגעלייקנט דעם ייִדישן אייגנאַרטיקן שטייגער, די ייִדישע קולטור און די ייִדישע שפּראַך. אים האָט ניט באַפרידיקט דער מאַצעוו פון דעם דעמלטיקן מינדלעכן און שריפטלעכן ייִדיש אין זײַן געברויך. אַלס א ראיע קעגן מענדעלסאָנען אין דעם פראַט ברענגט מען געוויינלעך דעם איניען וועגן דער ייִדישער שוווּע אין פּרייסן. אין 1782 האָט א פאָרשטייער פון דער פּרײַסישער רעגירונג זיך געווענדט צו מ. מענדעלסאָנען מיט א באַקאָשע, ער זאָל פאַרפאַסן א פּראָיעקט פון א שוווּע, וועלכע די ייִדן זאָלן געבן אין די פאַלן, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט דער מאַכט. מענדעלסאָן האָט די שוווּע אָנגעשריבן ניט אין ייִדיש, ווי אייניקע האָבן אים גערעכנט, נאָר אין א קלאַסישן דײַטש. אָבער מע קאָן עס דערקלערן מיט דעם, וואָס די שוווּע איז געווען באַשטימט פאַר ייִדן, וועלכע האָבן זי געדאַרפט געבן פאַר דער פּרײַסישער מאַכט, און קעדיי אויסמײַדן מיספאַרשטייענישן, איז געווען באַקוועמער זי צו געבן אין דײַטש.

מענדעלסאָנס ווירקלעכע שטעלונג צו ייִדיש אַנטפּלעקט זיך בוילעט אין דעם, — ווי עס איז פאַרהעלטנישמעסיק ניט לאַנג צוריק באַוווּסט געוואָרן, — אַז ער אַליין פלעגט ניט זעלטן ווענדן זיך צו ייִדיש און שרײַבן אויף ייִדיש. און דאָ איז קעדיי צו דערציילן וועגן דער פולער אויסגאַבע פון זײַנע ווערק.

גרייטנדיק זיך אין 1929 צו אָפּמערקן מענדעלסאָנס צווייהונדערטיאָריקן געבורטסטאָג, איז מען צוגעטראָטן אַרויסצולאָזן א נײַע אויסגאַבע (די ערשטע איז אַרויס מיט גרויסע בלויזן אין 1843 — 1845) — א פולע יויוול־אויסגאַבע פון אַלע זײַנע ווערק. אין משך פון עטלעכע יאָר, אָנהייבנדיק פונעם 1929, זײַנען אין א שטוטגאַרטער פאַרלאַג אַרויס פינף בענדער פון דער אויסגאַבע, אָבער ווען די היטלערישע פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין דײַטשלאַנד, איז די אויסגאַבע געוואָרן אָפּגעשטעלט, און זי איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין העכער פערציק יאָר אַרום. אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן האָט דער זעלבער שטוטגאַרטער פאַרלאַג פון פרידריך פראָמאַן אַרויסגעלאָזט די פריִער אַרויסגעגעבענע בענדער און א ריי נײַע. האַלטנדיק

[1] זע א. פ ר י ד ק י ן. א. גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, ווילנע, 1925, ז. 84.

זיך באַ דעם דעמלט צונויפגעשטעלטן פּלאַן, וועט, דאַכט זיך, די גאַנצע צוואַנציקבענדיקע אויסגאַבע פאַרענדיקט ווערן אינעם איצטיקן יוביל־יאָר אָדער אַ ביסל שפּעטער.

ס'איז אַ פּראַקטיקע און אַן עכט וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע. זי האָט געפאָדערט אַ קאָלאָסאַלע צוגרייטונגס־אַרבעט. אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם לויפנדיקן יאָרהונדערט זײַנען אין דעם מישפּאָכע־אַרכיוו פון מענדעלסאָנס יאָרשים אַנטדעקט געוואָרן דרײַ קאָלעקציעס פון מוישע מענדעלסאָנס בריוו, אָנגעשריבענע איבערהויפּט אין ייִדיש און טיילווײַז אין העברעיִש (די פריִערדיקע יאָרשים האָבן זיי פאַרבאַהאַלטן און קיינעם ניט באַוויזן). אָט די בריוו, צוגעגרייט צום דרוק און קאָמענטירט פון כאַיִם באַראָדיאַנסקי, זײַנען פאַרעפנטלעכט אינעם 19־טן באַנד פון דער יוביל־אויסגאַבע, און זיי גיבן אַ מעגלעכקײַט גאָר אַנדערש צו באַלײַכטן מענדעלסאָנס באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך, דה. צו דער שפּראַך פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

אין דעם דאָזיקן באַנד זײַנען אַרײַן באַ דרײַ הונדערט בריוו, אַ גרויסער טייל פון זיי זײַנען געשריבן צו מענדעלסאָנס קאַלע פראָמעט גוגענהיים אין האַמבורג, צו זײַנע שווער און שוויגער, די איבעריקע — שפּעטערע — צו זײַן פרויס אַ קאָרעוו — יויסעף שמאַלקאַלדלען און זײַן שוועסטערקינד — אַ. הערץ און צו אַנדערע אַדרעסאַטן. אַזויאַרום, האָט מענדעלסאָן געשריבן ייִדיש קימאַט דאָס גאַנצע באַוווּסטזיניקע לעבן. דער רעדאַקטאָר פונעם באַנד כ. באַראָדיאַנסקי, אַנאַליזירנדיק די בריוו, לייקנט אָפּ די פאַרשפּרייטע מיינונג וועגן מענדעלסאָנס ייִדיש, ווי דײַטש מיט ייִדישע אויסיִעס, אויסגעמישט מיט העברעיִשע ווערטער און ציטאַטן. ער שרײַבט: „ס'איז אַן אייגנאַרטיקער געמיש פון פאָלקסטימלעכן העברעיִש מיט פאַרייִדישטן דײַטש און פאַרדײַטשטן פראַנצויזיש. עס איז ניט קיין צופעליקער מישמאַש פון מעכאַנישער צונויפלעכטונג פון שפּראַך און דיִאַלעקטן — אַזאַ געמיש איז טיפּיש פאַר זײַן צײַט אין דער בערלינער ייִדישער סוויווע. דאָס ייִדיש־שרײַבן איז באַ מענדעלסאָנען, ווי באַ אַלע ייִדן פון זײַן צײַט, ניט נאָר אַ קסאַוו־ייִדיש, נאָר אַ שפּראַך־ייִדיש, אַן עמעסע אָפּשפּיגלונג פונעם לעבעדיקן ריידן, און עס האָט לאַכלוטן ניט די מעליצעדיקײַט פון די ערשטע ייִדישע מאַסקילים"[1].

ניט צופעליק האָט זיך מ. מענדעלסאָן געווענדט צו ייִדיש, ווען ער האָט געשריבן בריוו צו זײַן קאַלע, אין וועלכער ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט. מיסטאָמע האָט ער געהאַלטן, אַז אָף ייִדיש קאָן מען אַמבעסטן איבערגעבן אינטימע געפילן, איבערלעבונגען. די בריוו עפענען אַן אַנדער, פריִער אומבאַוווּסטע זײַט פון זײַן נאַטור — די אינערלעכע וועלט. דאָס זײַנען דאָסראָוו לירישע, אַ ביסל סענטימענטאַלע בריוו, אָנגעשריבענע אין גײַסט פון יענער צײַט, נאָר אויך אין זיי פילט זיך שטאַרק דאָס ראַציאָנאַליסטישע אַרט דענקען פונעם מעכאַבער.

צו מ. מענדעלסאָנען פלעגן זיך אָפט ווענדן ייִדן פון פאַרשיידענע ערטער, איבערהויפּט פון דײַטשלאַנד און פון די שכייניסדיקע לענדער — ליטע, פּוילן — מיט באַקאָשעס, ער זאָל אויסטײַטשן די אָדער יענע געזעצן, דינים, קלאָלים. און ער פלעגט געניוי ענטפערן, אַמאָל מיט אַ שמייכל, מיט אַ שפּריכוואָרט, אַמאָל מיט אַ פּאָסעק אין העברעיִש.

אין אַ ריי בריוו קלאָגט ער זיך, אַז אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע, מיט קונסט מוז ער טראַכטן וועגן פּאַרנאָסע, וועגן דעם האַנדל מיט זײַד און ענלעכע מיסכער־איניאָנים, מיט פירן די בוכהאַלטערישע ביכער. ער זאָגט אַרויס זײַנע געדאַנקען וועגן דעם מאַצעוו פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד, וועגן זײַן אייגענעם מאַצעוו, אַז אים און זײַן מישפּאָכע פלעגט מען אויך פאַרפאָלגן, אַז ער איז געצוווּנגען פאַרשפּאַרן זיך אין זײַן וווינונג באַ דער זײַד־פאַבריק און שטילערהייט איבערלעבן די קלאָגענישן פון די קינדער וועגן דעם, אַז מע זידלט זיי בלויז פאַר דעם, וואָס זיי זײַנען ייִדן.

אַזויאַרום, דעקן פאַר אונדז אויף די צום ערשטן מאָל פּובליקירטע מענדעלסאָנס בריוו די געפילן און מאַכשאָוועס פונעם גרויסן דענקער איבער פאַרשיידענע לעבנס־פראַגן. די ייִדישע בריוו פון מ. מענדעלסאָנען זײַנען אַ וויכטיקער צוגאָב צו זײַנע ווערק, זיי באַווײַזן, אַז מענדעלסאָן האָט ניט נאָר ניט אָפּגעלייקנט די ייִדישע שפּראַך, נאָר, פאַרקערט, גאַנץ ברייט זי אויסגענוצט אין טאָגטעגלעכן לעבן.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען צוויי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערטער, זינט ס'האָט געלעבט און געשאַפן מוישע מענדעלסאָן. ניט ווייניק פון זײַן פילאָסאָפישער יערושע געהערט איצט דעם אָוואַר, אָבער אויך הײַנט דערמאָנען מיר מיט גרויס קאָוועד זײַן נאָמען.

---

[1] כ. באַראָדיאַנסקי. מוישע מענדעלסאָן און זײַנע ייִדישע בריוו. היסטאָרישע שריפטן פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואַרשע, 1929, ז. 317.

ארן ווערגעליס

אין פּופּצן יאָר אַרום

19. די שטימונג אין לאָס־אַנדזשעלעס איז אַ פּראָסאָוועטישע[1]

ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן ווי אַרויסכאַפּן זיך אָן אַ פּראָגראַם, גלאַט אַזוי זיך, אין גאַס, טאַקע דאָ, אין דער דריטער שטאָט פון אַמעריקע, לויט איר גרייס, זיך דערפילן אַלס איינער פון די אָרטיקע איינוווינער, אַ קוק טאָן באַלעבאַטיש פון די באַרג־הויכקייטן אַף דער פּאַנאָראַמע פון דער סאַמע האָריזאָנטאַלער אַמעריקאַנער שטאָט, ווי מע פלעגט זי רופן נאָך גאָר ניט לאַנג, מיט פופצן יאָר צוריק, אָבער היינט איז זי שוין באַרייכערט מיט אַ ווערטיקאַלן סילועט אינעם געשעפטלעכן צענטער, — און פון דער הייך דערזען באַשיימפּערלעך, אַז די שטאָט האָט ניט בלויז זיך אופגעהויבן, קיין איינהאָרע, ביזן צוויי און זעכציקסטן שטאָק פון אָט יענעם שוואַרץ־אָפּשיינענדיקן טורעם־געביי, נאָר זי זעצט אויך פאָר צו צעשפּאַרן זיך אין דער ברייט, געגליכן צו אַ גיגאַנטישן שטיק טייג אונטער דער קאַטשעלקע פון אַ בעקערן; זיך אַריינזעצן שפּעטער אין אַ באַצאָלטן ניט־היימישן אויטאָמאָביל, און אין דעם אומאופהערלעכן שטראָם פון, דוכט זיך, אַלע 5.069.198 אויטאָס, וועלכע לאָס־אַנדזשעלעס, צוזאַמען מיט די אַרומיקע שטעטלעך, פאַרמאָגט לויט דער סטאַטיסטיק פון היינטיקן יאַנוואַר, זיך אוועקשלעפּן מיט דער פּאַמעלעכקייט פון צען־פופצן קילאָמעטער פאַר אַ שאָ איבערן בולוואַר פון די שקיעס, וועלכער האָט אַ לענג פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער און שפּאַרט זיך אָן אין סאַמע אָקעאַן.

איר וועט פרעגן, פאַרוואָס איך קלייַב אויס פאַר זיך, פון כּיעס־וועגן, גראָד דעם בולוואַר פון זון־פאַרגאַנגן, וועל איך ענטפערן: דערפאַר, ווייַל אָט דער בולוואַר פון די שקיעס — דאָס איז לאָס־אַנדזשעלעס, און לאָס־אַנדזשעלעס איז דער בולוואַר פון די שקיעס. פּרוּווט אַליין דורכמאַכן דעם דאָזיקן וועג, וועט איר זען, סאַראַ פאַרגעניגן עס איז אָנהייבן די רייַזע אין באַריאָ, דעם שפּאַניש רעדנדיקן מיזרעך־ראַיאָן פון דער שטאָט, ווו די גאַסן זייַנען שטיל־שטילע, נאָר פולע מיט באַנדעס יונגעלייַט, וועלכע רופן זיך „טשאָלאָס" (איר קאָנט פונקט אָנטרעפן אַף אַ געשלעג צווישן צוויי אַזעלכע באַנדעס, דאַן וועט איר פאַרשטיין, וואָס עס באַטייַט, אַז בלוט גיסט זיך אין די גאַסן); דורכפאָרן אַ פּאָר קוואַרטאַלן אין באָיל הייטס, פאַרקערעוועץ צו אַ גאַס, וואָס ליגט אַפן שיפּוּי פון עפּעס אַ בערגל (די שטאָט אינגאַנצן איז צעשפּרייט איבער אַ נידער־אָרט) און מיטאַמאָל דערזען פונדערווייַטן די לעגענדאַרע שיינקייַטן פון האָליוווּד, פריִער פאַר אַלץ — דעם טאָוול אַף מאַונט־לי, וועלכער מעלדעט, אַז דאָ הייבט זיך אָן האָליוווּד. דאָס רעקלאַמע־טעוועלע איז הויך, ווי אַ פיר־עטאַזשיקער מויער, און ווערט באַלויכטן פון עטלעכע טויזנט לעמפּעלעך. ס'וועט קיין סאַך צייַט ניט נעמען, און איר וועט זיך איבערצייַגן, אַז האָליוווּד, דאָס „לאַנד פון כאַלוימעס", בלישטשעט מערער פון דרויסן, איידער אינווייניק. פאַרשטייט זיך, נאַרקאָמאַנען און פּראָסטיטוטקעס זייַנען נאָך קיין באַווייַז ניט פון „אויסשליסלעכקייַט" אין אַמעריקע. אָבער אָט די מאַכנעס פאַרלוירענע יונגעלייַט, אַרייַנגעצויגענע און אַרייַנגעזויגענע אינעם זומפּ פון איליוזאָרישן רום און רייַכקייַט, דאָס עקסטראַוואַגאַנטע פירעכץ, וואָס קומט פון אויסגעשעפּטקייַט און היסטעריִע, די אינדוסטריע פון זינלאָזער פאַרווייַלונג, די

[1] פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 9—6, 1979.

שלימאַזלדיקע סטאַטיסטן און מוזיקאַנטן (אַף יעדן „שטערן" — הונדערטער אַרומבלאָנדזנדיקע איבערן שקיִע־בולוואַר שלימאַזאָלים מיט זייערע גיטאַרעס — פאַרצווייפלטע „שפּילער", „זינגער", „פּראָפעסער", וועלכע אָרדענען זיך סאָפּקאָלסאָף אײַן אין סערוויס, אָדער קערן זיך אום צו זייערע היים־ערטער, אָפּט גרייטע אַף דעם זעלבסטמאָרד־פינאַל), — אָט דאָס אַלץ וואַרפט אַף האָליוווּד אַ גאַנץ באַזונדערע שײַן.

און אויב מיר זײַנען שוין מיט אײַך אין דעם בולוואַר פון זון־פאַרגאַנגן (ווו ס'פאַרגייען אויך, ווי מיר זעען, ניט אויפגעגאַנגענע „שטערן"), דאַרפן מיר זיך ניט אָפּשטעלן אינמיטן וועג, ווײַל אין האָליוווּד ענדיקט זיך ניט דער בולוואַר, און ס'וועט זײַן ניט יוישערדיק אַרומגיין מיט אַ זײַט דעם לוקסוס־קוואַרטאַל ביווערלי־הילז, וועלכער ליגט אַף מײַרעוו פון האָליוווּד און איז ניט קיין קלענערער מעיר־כעס — שוין מיט דעם אַליין, וואָס איינע פון זײַנע גאַסן, ראָדעאָ־דראַיוו, איז דער סאַמע טײַערסטער האַנדלס־צענטער אין דער וועלט. דער באַצאָלטער ניט היימישער אויטאָמאָביל וועט זיך דאָ מיט שוועריקײַטן דורכשטופּן צווישן די „מערסעדעסן" און „ראָלס־ראָיסן", באַווײַזנדיק דעם אויג פיל אָפּגעזונדערטע פּאַלאַצן, אַרום וועלכע, אַף די ראַכוועסן פון בײַשטוביקע לאָנקעס, מיִען זיך מומחים־גערטנער, אָפּטער פון אַלץ יאַפּאַנעזער.

אַ ביסל ווײַטער וועלן מיר מיטן שקיִע־בולוואַר זיך פאַרנעמען אַף צאָפן און, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגליטשן זיך פון די הויכקײַטן אין דער נידער, צו די קוואַרטאַלן פון סטודענטן. איך וואָלט דאָ גערן פאַרבראַכט אַ ביסל מיט די שטודירנדיקע יונגעלײַט, נאָר אַף וויפל דאָס אַרויסכאַפּן זיך אין גאַס אָן אַ פּראָגראַם קאָן אַרויסרופן זאָרג באַ די ליבע באַלעבאַטים פונעם הויז, ווו איך שטיי אײַן, איז די בעסטע זאַך זיך אומקערן „אַהיים".

מײַן היים — די שטוב פון אַ מעכײַעדיקן פאָלקס־מענטש, אַ געוועזענעם פאַרבער, אַ געזעלשאַפטלעכן טוער מיט קולטור און וויסן. מע רופט אים אווראָם גאַלינסקי. ער איז אַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון דער רעשטאָוואַניע, און דאָס האָט אָפן גאַנצן לעבן שוין צעבראָכן זײַנע ביינער, אָבער אין גײַסט איז ער דער הייפּעך פון צעבראָכנקײַט. אַ רויִקער — אַפּילע, ווי אייניקע מיינען, „צופיל טרוקן", אַ קאָנסעקווענט־ערלעכער אין דער באַציִונג צו מענטשן — אַפּילע, ווי אייניקע מיינען, „צופיל שטרענג", אָן איבערגעגעבענער דער זאַך אָן וואַקלענישן און גריבלענישן — אַפּילע, ווי אייניקע מיינען, „צופיל" און „פּעדאַנטיש". באַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט מען אים גערופן, לויטן נאָמען פון אַ פּאָפּולערן בוך, „נאַסטאָיאַשטשי טשעלאָוועק" — „דער עכטער מענטש". אַ פרוי האָט ער זיך גענומען אַזאַ, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. גיטע איז סײַ „אווראָמס כאַווערטע", אַ מיטקעמפערן (זי האָט איין מאָל עפנטלעך דערלאַנגט פעטש אַ צעיושעטער אַנטיסאָוועטיסטקע), סײַ „אַ רעפוּע פאַר אווראָמען" מיט איר פריילעכקײַט, פּאַשטעס, אָפענער קעמפערישקײַט.

אויב צו דעם דאָזיקן פּרעכטיקן פּאָרפּאָלק צוגעבן אַלעקס קאָלקינען, זײַנען פאַר מיר אַלע דרײַ אינײינעם דער בעסטער „מאַטעריאַל" אַף צו שילדערן די הײַנטיקע ייִדישע פּראָגרעסיווע אַמעריקע. קאָלקין האָט גענומען אַף זיך די שווערע אַרבעט צו באַגלייטן מיך אין דער רײַזע איבערן לאַנד, און דעריבער האָב איך איצט, אומקערנדיק זיך פונעם שקיִע־בולוואַר, אַ נײַעם פאַרגעניגן: זיצן אַ ביסל מידלעך אין אַ געמיטלעכן צימער און הערן דורך דער אָפענער טיר, ווי אין צווייטן צימער שמועסן צווישן זיך אווראָם גאַלינסקי און אַלעקס קאָלקין און ווי עס שליסט זיך אָן צו זייער שמועס גיטע גאַלינסקע, וועלכע פּאָרעט זיך אין קיך, ביישכיינעס מיט יענעם צווייטן צימער.

זיי רעדן וועגן דער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אינעם ייִדישן „יאַבלאָן־צענטער", אַף וועלכער כ'האָב דערציילט וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. אין זאַל איז געזעסן, געשטאַנען, זיך געשטופּט אין די דורכגענג „גאַנץ לאָס־אַנדזשעלעס". הער איך זיך צו, וויִאַזוי דאָ אין שטוב פירט מען אונטער אַ סאַכאַקל.

אווראָם גאַלינסקי: די סקעפּטיקער דרייען זיך איצט אָפן קאָרעק. זעט איר, טײַנען זיי, דאָס, וואָס מע איז געקומען הערן ווערגעליסן, הייסט נאָך ניט, אַז מע איז מאַסקים מיט אים... נו, יאָ — סקעפּטיקער בלײַבן סקעפּטיקער...

אַלעקס קאָלקין: מע דאַרף קוקן אָפן איניען ברייטער. אין דער ייִדישער סוויווע, פּונקט ווי אינעם אַמעריקאַנער פאָלק ביכלאַל, גייט אַ פאַרביטערטער פאַרמעסט צווישן צוויי טענדענצן. ווען דער פּראָגרעסיווער קויעך נעמט די אויבערהאַנט, קומען צוהילף דעם רעאַקציאָנערן קויעך פאַרשיידענע ניט גלייבער און האַלבע נעוויִים...

גיטע גאַלינסקע (פון דער קיך): אַ האַלבער נאָווי איז אַ גאַנצער נאַר!

אווראָם גאַלינסקי: די עטלעכע אַמאָל־געוועזענע, וואָס זײַנען געכאַפּט אַף נאַציאָנאַליזם, דרייען זיך איצט אַרויס פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט...

אַלעקס קאָלקין: זיי זײַנען דורכגעפאַלן. דעריבער שאָקלען זיי זיך אָפּ פונעם סקאַנדאַליסט, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען אָפן מיטינג און מע האָט געמוזט אים אײַנשטילן...

גיטע גאַלינסקע (פון דער קיך): פאַראַן א ווערטל, אז ווען ניט די לוקניקער ייִדן, וואָלטן די שקאָצים קיין שטיינער ניט געוואָרפן!

וועגן איינעם אַן „אמאָל־געווועזענעם", פון די ליטעראַטן, וועלכער איז ניט געקומען אף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אויס מוירע, אַז געוויסע ניו־יאָרקער אויסגאַבעס וועלן אים דערפאַר ניט דרוקן:

אלעקס קאַלקין: איַי, לאָזט אים אָפּ... ניט אין אַזעלכע גייט שוין איצט...

גיטע גאַלינסקע: ניפטער פּיפטער, אבי ער לעבט און האָט פּאַרנאָסע!

בעשאַסמייַסע קומען אַרייַן געסט — אַקטיוויסטן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, אָנטיילנעמער פון דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג אין יאַבלאָנאָוו־צענטער. אָט איז אַליין דער פאָרזיצער פונעם מיטינג — סעם אַראַנאָף, אַן אָנגעזעענער קלאַל־טוער אין לאָס־אַנדזשעלעס. אין די ווייַטע דרייַסיקער יאָרן איז ער געווען צווישן די אַמעריקאַנער ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין סאָוועטנפאַרבאַנד אף די בויוּנגען פונעם ערשטן פינפיאָר. איצט איז ער טעטיק אין דער פרייַנטשאַפט־באַוועגונג מיט פססר, אין די ייִדישע פּראָגרעסיווע קלובן. ניט לאַנג צוריק האָט כאַווער סעם באַזוכט ביראָבידזשאַן, און וועגן דער רייַזע האָט ער אָנגעשריבן זייער א גוטע בראָשור. ער גיט מיר איבער א בריוועלע פונעם דיריגענט פון דעם ייִדישן פאָלקס־כאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס וואַלדעמאַן הילעלע — ניט קיין ייִד, — וועלכער בעט, איך זאָל צושיקן פאַר דעם כאָר די לידער (מיט נאָטן), וועלכע עס פאַרעפנטלעכט „סאָוועטיש היימלאַנד".

וואַלדעמאַן הילעלע האָט אפן מיטינג אין יאַבלאָנאָוו־צענטער געהאַלטן אַן אָריגינעלע רעדע. בעשאַס דער אוילעם האָט אייַנשטימיק מיר געגעבן עטלעכע מינוט אף איבערכאַפּן דעם אָטעם און דערבייַ דורכקוקן דעם באַרג צעטעלעך, וואָס איז אויסגעוואַקסן אפן פּרעזידיום־טיש, איז ער, וואַלדעמאַן הילעלע, דער אַלטער מוזיקאַנט, צוגעגאַנגען צום אינסטרומענט און אויסגעשפּילט עטלעכע פּאָפּולערע ייִדישע קאַמפּס־מעלאָדיעס...

עמעצער פון די אַרייַנגעקומענע זאָגט וועגן דער שטימונג אין שטאָט:

— די שטימונג איז א פּראָסאָוועטישע.

20. אידיט בעק. מאַקס גיטלין

אמעריקע איז צעטיילט אף שטאַטן. איר מאַפּע איז צעקעסטלט אף אַכט און פערציק קעסטעלעך, דאָס נייַן און פערציקסטע איז אַליאַסקע, אף יענער זייַט קאַנאַדע, און דער פופציקסטער שטאַט זייַנען די האַוואַיער אינדזלען, וועלכע האָבן „מיטן אייגענעם ווילן" צוגעשניטן זייער אָקעאַן צום טייַך פּאָטאָמאַק. די ליניעס אף דער מאַפּע זייַנען גראַדע, מע זעט, אז די האַנט, וואָס האָט זיי געצייכנט, איז נאָכגעגאַן נאָך א ווירע און ניט נאָך די ערד־קרומקייַטן. אַזוי צייכענען אָן קליינע מיידעלעך מיט קרייַד אפן אַספאַלט, אָדער מיט א שפּענדעלע אף דער ערד, זייערע „קלאַסן" אף צו שפּילן זיך אין זיי — אַריבערשפּרינגען אף איין פוס פון „קלאַס" צו „קלאַס".

אַגעוו, אויב איר ווילט, קאָן מען פאָרזעצן ווייַטער צו פירן דעם פאַרגלייַך — דערמאָנען, לעמאָשל, אַז דאָס אַריבערשפּרינגען פון איין קלאַס אין א צווייטן איז פאַר פיל בירגער פון אמעריקע ניט קיין שפּיל, נאַר אָפט דער זין פונעם לעבן. באַזונדערס בוילעט איז עס, דוכט מיר, צו זען אין דער „ייִדישער אמעריקע". וווּהין זייַנט איר אַהינגעקומען, ייִדן — אַרבעטער פון די שוויץ־שאַפּן? ווּ ביסטו, עדעלשטאַטס, באָוושאָווערס, ווינטשעווסקיס, רייזענס, אָלגינס ייִדישער פּראָלעטאַריער? מע האָט זיך אַרופּגעאַרבעט? אָבער וואָס הייסט אַרוף־געאַרבעט? צום קליינבירגערלעכן און מיטל־בורזשואַזן שיכט? אף איין פוס — פון קלאַס צו קלאַס... זיך אָפּגעזאָגט פון קלאַסנקאַמף, אַריבערגעפּעקלט זיך אף דער וואַרעמער זייַט, צום קלאַס־שעקענעגעד...

יאָ, אַזאַ איז, צום באַדויערן, דער עמעס וועגן דעם הייַנטיקן מאַצעוו פון א געוויסן טייל פונעם עמיגראַנטישן דאָר. מע דאַרף און מע מוז זאָגן דעם עמעס! איך ווייס, אז די דאָזיקע ווערטער מייַנע וועלן אַרויסרופן א היסטעריקע בא די אויסוווּרפן — די רענעגאַטן. דאָס האָט אָבער קיין שום ווערט ניט. ס'איז קלאָר, אז מיטן נאָמען פּראָלעטאַריער אף פּענסיע דעקן זיך צו געוועזענע פּראָלעטאַריער — איצטיקע קליינבירגער. א פּראָלעטאַריער, ווערנדיק אַלט אין יאָרן, בלייַבט א זון פון זייַן קלאַס. פּראָלעטאַריער גייען ניט אַוועק אף פּענסיע פון זייער אַרט לעבן און פון זייער אַרט דענקען. די, וואָס מיינען און טוען פאַרקערט, זייַנען ניט קיין אידייִשע פּענסיאָנערן, נאָר אידייִשע איבערלויפער.

קורץ, אמעריקע איז צעטיילט אף שטאַטן. יעדער שטאַט האָט זייַן הויפּטשטאָט. אין יעדער הויפּטשטאָט איז פאַראַן א קאַפּיטאָלי.

אין סאַקראַמענטאָ, דער הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע, זייַנען אפן קאַפּיטאָלי אויסגעקריצט די ווערטער: „ברינג מי מען טו מעטש מאַי מאַונטיינס" — ברענג מיר מענטשן, גלייַכן צו מייַנע בערג. אָט אין וואָס פאַר א בילדעריש־דערהויבענעם נוסעך עס האָט גערעדט די גאָלדענע קאַליפאָרניע אין איר ראָמאַנטישן באַזעצונגס־פּעריאָד! מענטשן, וואָס זייַנען געגליכן צו בערג... א ליאַדע האַנט קאָן זיי ניט אָפּרוקן פון זייער אָרט, אַן אַנגעלאָפּענער ווינט, ווי שטאַרק ער זאָל ניט זייַן, איז ניט בעקויעך איבערקערן זיי אף דער אַנדערער זייַט, עס קלעפּט זיך צו זיי ניט קיין בלאָטע און קיין

שטויב. בערג! מענטשן, וואָס זײַנען געגליכן צו בערג...

די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין געטראָפן אין לאָס־אַנדזשעלעס, זײַנען גרויסמאסשטאביק און באַשטענדיק, ווי די קאַליפאָרניער בערג. אַזעלכע זײַנען אויך מײַנע נײַע באַקאַנטע — מאַקס גיטלין און אידיט בעק.

אין מאָסקווע פלעג איך אָפט לייענען בריוו, וואָס אַ קאַליפאָרניער טוישעוו שיקט רעגולער אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מאַקס גיטלין — איז געווען דער אונטערשריפט. און אין יעדן בריוו איז פאַראַן אונטער דער כסימע אַ צושריפט: „איך זע שלעכט, דעריבער דיקטיר איך מײַן פרײַנט מ. קאַרעליצן, און ער שרײַבט מיט זײַן האַנט..." די בריוו זײַנען פּאַקטיש פּאָלעמישע אַרטיקלען, אָנגעשריבענע לויט אַלע קלאָלים פונעם זשאַנער — אין אַ געפּרעסטן סטיל, מיט „טעזיס" און „אַנטיטעזיס", מיט „לאָמיר זען, וואָס זיי זאָגן" און „מיר ברענגען אונדזערע דערווידערונגען און אַרגומענטן". גיטלינס בריוו־אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אין דער צײַטונג פון די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן „דער וועג". דאָס זײַנען ווירדיקע און דרייסטע אַרויסטרעטונגען פון אַ לייענער קעגן דעם הײַנטצײַטיקן רעוויזיאָניזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ייִדישע פּרעסע. באַזונדערס שנעל רעאַגירט גיטלין אָף די אַנטיסאָוועטישע קונצן פון די ניו־יאָרקער „געוועזענע". ווען אַ צײַטונג מיט אַזאַ אָנפאַל קומט אָן קיין מאָסקווע, זוכן מיר שוין אין פּאָסט־קעסטל גיטלינס אַ בריוו. דאָס וואָלט ניט אַרויסגערופן בײַ קיינעם קיין כידעש — די פרײַנטשאַפט צום סאָוועטנפאַרבאַנד איז בײַ די אַמעריקאַנער ייִדישע פאָלקסמאַסן אַ טראַדיציע, — ווען עס זאָלן אין דער לעצטער צײַט זיך ניט מערן אויך בײַשפּילן פון פּאָליטישער קליינמוטיקייט אין די אַמאָל פּראָגרעסיווע קרײַזן.

וועגן די קליינמוטיקע האָט טרעפלעך געשריבן סעם ליפּצין: „איך קען אַ מענטשן, וואָס דער יאָ איז בײַ אים קיין יאָ ניט און דער ניין קיין ניין ניט. דער יאָ און דער ניין איז בײַ אים איין מיין... ער שאָקלט אַלעמאָל מיטן קאָפּ אין דער לענג און אין דער ברייט. נו, גיי טרעף, וואָס דאָס מיינט! איך קען, ווידער, אַ צווייטן מענטשן, בײַ וועמען דער יאָ איז אַ ניין, און דער ניין איז אַ יאָ"... אָפּן פּאָליטישן לאָשן הייסט עס: מע איז פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד צווישן פיר אויגן, נאָר מע נעמט דרייען מיטן צונג און זיך אַרומקוקן, צי עמעצער וועט עס ניט דערהערן, ווען מע דאַרף מעלדן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט...

מײַנע נײַע באַקאַנטע אין לאָס־אַנדזשעלעס — מאַקס גיטלין און אידיט בעק — זײַנען מענטשן מיט אַ גרינטלעכער, ווײַטזיכטיקער, כּאָלילע ניט אייגננוציקער, וועלט־אויפפאַסונג. זיי זײַנען פאָלקס־מענטשן מיט אַ לויטערן סייכל, און מיר איז גוט מיט זיי. איך — אַ סאָוועטישער בירגער, און זיי — אַמעריקאַנער בירגער, האָבן מיר וועגן וואָס זיך דורכצורעדן. זיי שטעלן מיר ניט קיין באַדינג: דער סאָוועטנפאַרבאַנד וועט פאַרדינען אונדזער באַגיטיקונג, אויב ער וועט טאָן אַזוי און אַזוי... זיי גלייבן אין די יעסוידעס. זיי זײַנען באַשיידן אין זייערע רעקאָמענדאַציעס.

אידיט בעק איז טאַקע יענע אומקאָמפּראָמיסלעכע פרוי, וועמענס פּראָטעסט קעגן דער פאַרענדערטקייט פון דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון די „געוועזענע" מע האָט מיר באַוויזן אין ניו־יאָרק אָף דער באַגעגעניש מיט די פּראָגרעסיווע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער. איצט, ווען איך בין געקומען צוגאַסט צו איר אַהיים, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיר ביידע האָבן אין מאָסקווע „אַן אַלגעמיינעם באַקאַנטן" — דעם לעגענדאַרן אין די דרײַסיקער יאָרן אַמעריקאַנער פּיאָנער האַרי אײַזמאַן (מענטשן פון די דרײַסיקער, דערמאָנט זיך: אין פיל שטעט פון דער וועלט, און אומעטום אין ראַטנפאַרבאַנד, קומען פאָר מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע פאָדערן, מע זאָל אין אַמעריקע באַפרײַען פון דער טורמע דאָס קעמפערישע ייִנגל, דעם יונגן פּיאָנער האַרי, און די רויטע האַלדזטיכלעך פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט באַגעגענען אים אָפן רויטן פּלאַץ, ווען ער איז אַרויס אָף דער פרײַ און אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד...).

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אידיט בעק איז האַרי אײַזמאַנס שוועסטער... אַצינד, באַם אָנשרײַבן די דאָזיקע ווערטער, האָט פאַרקלעמט בײַ מיר דאָס האַרץ: ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון אַמעריקע, איז געקומען צו מיר האַרי אײַזמאַן, און כ'האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זײַן שוועסטער; אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, און אידיט איז געקומען צו פליִען קיין מאָסקווע אָף זײַן לעוויַע. איר לעצט וואָרט באַם קייווער האָבן פאַרעפנטלעכט די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" און „סאָוועטיש היימלאַנד". זי האָט זיך דערמאָנט אין די ווײַט פאַרגאַנגענע יאָרן: „אין אַ קאַלטער נעפּלדיקער נאַכט איז די גאַנצע מישפּאָכע און הונדערטער פרײַנט געקומען אין ניו־יאָרקער פּאָרט דיך באַגלייטן. מיר האָבן מיט טרערן אין די אויגן געקוקט, ווי די שיף פירט דיך אוועק אין אַן אומבאַקאַנט לעבן. מיר האָבן געשריגן, געזונגען, געוויינט, און דו האָסט אונדז אויך עפּעס געזונגען, ביז מיר האָבן פאַרלוירן פון אויג איינע די אַנדערע.

דער ראַטנפאַרבאַנד, די סאָוועטישע פּיאָנערן האָבן דיך וואַרעם אויפגענומען, געגעבן דיר אַ וווינונג, בילדונג, אַ שוץ. דאָ האָסטו געפונען דײַן גליק — אַ פרוי, אַ טאָכטער, אייניקלעך. און אָף שטענדיק ביסטו פאַרבליבן אין די פּיאָנערן־רייען. דו האָסט געענטפערט אָף צוטרוי מיט צוטרוי, אָף ליבע מיט ליבע.

ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אָף דײַן נײַער היים, ביסטו אַוועק זי פאַרטיידיקן. דו האָסט ניט אַרויסגעלאָזט די ביקס פון האַנט, ביז עס האָט ניט געשלאָגן די שאָ פון ניצאָכן.

דו האָסט געהאַט נאָך איין געווער — דאָס

פלאַמיקע וואָרט פון אַ קאָמוניסט, זשורנאַליסט, געזעלשאַפטלעכן טוער.

זייער גיך, צו פרי ביסטו אוועק פון אונדז״...

אידיט בעק איז אַן ענגלישע דיכטערין. ווען איך בין געקומען אין איר לאָס־אַנדזשעלעסער היים, האָט זי מיר אונטערגעטראָגן אַ לידער־זאַמלונג, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק אַרויסגעלאָזט. דאָרט איז פאַראַן אַ ליד „ייִדיש״ און אין דער ליד — אַזעלכע שורעס:

ייִדיש... סײַ לײַכט צו דערקלערן, סײַ שווער
צו פאַרשטיין,
אַ קאָנגלאָמעראַט פון לעשוינעס.
די ווערטלעך — מיט שמייכלען, נאָר ערנסט
דער מיין...

אַ גוטן אָוונט האָב איך פאַרבראַכט אין דער פּרעכטיקער היים פון אידיט בעק. צוזאַמען מיט מיר און מיט אַלעקס קאַלקינען זײַנען דאָרט געווען נאָך זעכציק מענטשן. אַ גאַנצער „מיטינג״, ווי מע האָט ליב צו זאָגן אין אַמעריקע.

בײַ מאַקס גיטלינען, וועמען מיר האָבן באַזוכט אין אַ פּאָר טעג אַרום, זײַנען בײַגעווען די סאַמע נאָענטע מענטשן: זײַן זון הערבערט, לייזער־מוישע קאַרעליץ מיט דער פרוי, די גאַלינסקיס און אַנדערע. מיר האָבן אינעם הענקאָק־האָטעל געטרונקען אַ לעכאַיִם לעקאָוועד גיטלינס געבורטסטאָג. אין מעשעך פון די פּאָר שאָ, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט, זײַנען דערציילט געוואָרן אַזויפיל טשיקאַווע קאַליפאָרניער סוזשעטן, אַז כ׳האָב ניט באַוויזן זיי צו פאַרצייכענען. אָט האָב איך, אַשטייגער, ניט געוווּסט, אַז דער אַרטיסט, וואָס האָט געשפּילט אין נײַנצן קינאָ־פילמען די ראָל פון טאַרזאַן — דזשאָני ווייסמיולער — איז פריִער געווען אַ פּראָפעסיִאָנעלער ספּאָרטסמען, און בײַס די אָלימפּישע שפּילן פון די יאָרן 1924 און 1928 האָט ער געוווּנען מעדאַלן אין די שווים־באַסיינען. אָף די עלטערע יאָרן איז אים אַרײַן אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ, און ער וויל בעשום־אויפן ניט ווערן אויס טאַרזאַן — ווידער ווייסמיולער. לאָס־אַנדזשעלעס לײַדט פון אים איצט, ווײַל ער האָט אַ טעווע צו שרײַען אויך איצט מיט זײַנע באַרימטע טאַרזאַנישע קוילעס, און דערמיט שרעקט ער קינד־און־קייט. אָף אָט דעם סמאַך האָט דער לאָס־אַנדזשעלעסער געריכט אַרויסגעטראָגן אַ פּסאַק־דין, אַז דזשאָני ווייסמיולער איז גערירט פון די געדאַנקען, און אַלס אַפּעקון איז צו אים צוגעשטעלט געוואָרן זײַן זעקסטע פרוי — מאַריע ווייסמיולער.

ווי געפעלט אײַך די מײַסע?

איינער פון גיטלינס געסט האָט מיר דערלאַנגט אַ אויסשניט פונעם ניו־יאָרקער „אַלגעמיינעם זשורנאַל״, וווּ ס׳איז אָנגעדרוקט אַזאַ קאַליפאָרניער מודעאַ:

חברה קדישא
אָרטאָדאָקס טשאַפּעל
7832 סאַנטאַ מאָניקאַ בולעוואַרד
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. טעל. 653—8886

אַלע לוויות דורכגעפירט דורך אידן שומרי תורה ומצוות, אַ מקווה אויפ׳ן פּלאַץ. כבוד המת שטרענג אָפּגעהיט. ספּעציאַליסטן אין טראַנספּאָרטירען נפטרים קיין ישראל. — פּרײַזן מעסיגע.

בײַ אונדז אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ ספּעציעלע הומאָריסטישע אויסגאַבע — זי הייסט „קראָקאָדיל״, — אין וועלכער אַזעלכע מינים מאַטעריאַלן, ווי די דאָזיקע מודעאַ, ווערן געוויינלעך פאַרעפנטלעכט. אין אַמעריקע אָבער מאַכט מען פון גאָרנישט ניט קיין געלעכטער. מע מאַכט געלט אין אַמעריקע. און אויב מע קאָן מאַכן אַ ביסל געלט פון טראַנספּאָרטירן מייסים קיין ערעץ־ייִסראָעל (פּרײַזן מעסיגע!), איז פאַרוואָס טאַקע ניט?

21. ווער איז שולדיק?

און אויב מע רעדט שוין פון הומאָר, האָב איך געפונען אַן אויצער פון דעם מין אין אַ נאָטיץ, וואָס עס האָט אָפּגעדרוקט אַ ייִדישער שרײַבער פון לאָס־אַנדזשעלעס — י. אַ. ראַנטש. דער כאַשעוווער אוטאָר דערציילט זײַנע לייענער, אַז אין אָט דער שטאָט זײַנען פאַראַן זעקס קלובן פון דער פרויען־באַוועגונג אָפן נאָמען פון עמאַ לאַזאַרוס.

איידער מיר קומען צום אייגן גופע, דאַרף מען אויפקלערן, וואָס אַזוינס עס איז אַ ייִדישער קלוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ווי באַוווּסט, איז אַ קלוב אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אַ געבײַדע, אַזאַ פּאַלאַץ, אַן אָרט, וווּ ס׳קלײַבן זיך צונויף מענטשן, קעדיי צו זען אַ ספּעקטאַקל, אַ קאָנצערט, אַ קינאָ־פילם, לייענען אַ צײַטונג, שפּילן אין ביליאַרד, אין שאַכמאַטן; די יוגנט — טאַנצט, די ליבהאָבער פון פּאָליטיק — הערן אויס אַ לעקציע, פּאָלעמיזירן, קריטיקירן... אין אַ קלוב זײַנען פאַראַן קרײַזלעך: פון זינגען, פון שטעלן דראַמעס, פון באַלעט, פון מוזיק, פון פאָטאָ־קונסט, פון מאָלן, פון נייען און אויסנייען... אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער רעוואָלוציע זײַנען בײַ אונדז געווען נאַציאָנאַלע קלובן, איצט זײַנען די סאָוועטישע מענטשן אַזוי געייניקט, אַז בירגער פון אַלע נאַציעס אינעם זאַוואָד, אין קאָלווירט פאַרברענגען אין דעם קלוב צוזאַמען. אויב מע פירט דורך אין צושויער־זאַל אַן אָוונט, לעמאָשל, וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, און מע רעכנט פון פריִער אויס, אַז די אָנטיילנעמער וועלן געהערן צו פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, און, נאַטירלעך, אַז דער אָוונט וועט געפירט ווערן אָף אונדזער פאַרמיטלונגס־שפּראַך, אָף רוסיש — דאַן איז דער קלוב היינט „אַלסאָוועטישער״. אויב אָבער עס נעמט זיך צונויף בלויז אַ ייִדישער עולעם, און וועגן שאָלעם־אַלייכעמען גייט אַ רייד אָף ייִדיש, — דאַן איז דער קלוב אין מעשעך פון

הײַנטיקן אָוונט „א ייִדישער". אַף דער פּראַגע — וויפל ייִדישע קלובן (אָדער אוקראַיִנישע, קאַזאַכישע, מאָלדאַווישע קלובן) זײַנען פאַראַן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט אײַך יעדערער ענטפערן, אַז בא אונדז זײַנען אַלע קלובן אָפן פאַר ייִדן און זײַנען טאָמיד גרייט דורכצופירן קולטור־אונטערנעמונגען אַף ייִדיש, אויב זיי וועלן פון פריִער פאַרפּלאַנירט ווערן (דאָס זעלבע — אַף אַנדערע שפּראַכן). דאָס איז דער סאָציאַליסטישער צוגאַנג, אָן אַבסאָליוט נײַער פאַר מענטשן פון א קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. דערפאַר אָבער זעט אויס אונדז, סאָוועטישע מענטשן, מאָדנע, ווען מע זאָגט, אַז אין לאָס־אַנדזשעלעס זײַנען פאַראַן זעקס ייִדישע פרויען־קלובן, און קיין קלוב־געבײַדעס, קיין פּאַלאַצן פון קולטור האָבן זיי ניט; דאָס זײַנען פּאַשעט גערעדט, גרופּעס פרויען, וועלכע קלײַבן זיך צונויף אין די היימען, אָדער דינגען אָפּ פאַרן אייגענעם געלט א לאָקאַל...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן, ווען איך זאָג, אַז כ'האָב געפונען א אויצער פון הומאָר בא י. א. ראַנטשן אין זײַן נאָטיץ. ראַנטש באַשרײַבט, ערשטנס, מיט וואָס די פרויען־קלובן פאַרנעמען זיך. שרײַבט ער: „...מע גיט אָפּ בא יעדן מיטינג א באריכט וועגן געזונט־צושטאַנד פון דער און יענער פרוי"... און, צווייטנס, טיילט מיט דער אווטאָר: „לעצטנס האָבן די פרויען־קלובן אָנגעהויבן אַרײַננעמען אַלס מיטגלידער מענער..."

מע קאָן אָט אַזוי זיך פאָרשטעלן, לויט ראַנטשן, א „מיטינג" אין א פרויען־קלוב: די פאָרזיצערין — דאָס מאָל א מאַנצבל — לייענט פאָר די אָרדנטלעכע מעדיצינישע סוואָדקע. דאָס געזונט בא די מיטגלידערנס פון אונדזער פרויען־קלוב, — זאָגט ער, — איז, גאָט צו דאַנקען, הײַנט בעסער... בא דער כאַווערטע מוישע גרינשפּאַן איז שוין דורכגעגאַנגען דאָס פאַרקילעכץ..."

אָן שום שפּאַס שמועס איך זיך דורך וועגן דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט מײַן אַלטן פרײַנט אין אָט דער שטאָט אווראָם מײַמודעס, וועלכער איז מיט פופצן יאָר צוריק, בײַס מײַן ערשטן באַזוך, געווען דער גאַסט־אויפנעמער אַלס פאָרשטייער פון דער דעמלט פּראָגרעסיווער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין לאָס־אַנדזשעלעס, און איצט פירט ער מיך איבער די גאַסן פון דער שטאָט, אַזוי צו זאָגן, „גאַנץ פּריוואַט".

אין לאָס־אַנדזשעלעס, נאָך מער, איידער אין ניו־יאָרק, זעט מען דעם כורבן פונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע. דער יישעוו וואַקסט דאָ, ווי אַף הייוון. ס'איז א ראָמאַנטישע געשיכטע, וויאַזוי פון איינעם א ייִדן, וועלכער האָט זיך באַזעצט אינעם דערפל לאָס־אַנדזשעלעס אין 1842 יאָר, מיט הונדערט זיבן און דרײַסיק יאָרעלעך צוריק, איז פאַוואָלינקע, צו הײַנטיקן טאָג, געוואָרן 600.000 ייִדן. און די דאָזיקע זעקס הונדערט טויזנט ייִדן, צונויפגענומענע אין איין שטאָט, האָבן ניט קיין איין, וועלכעס־ניט־איז, טעאַטערל, קיין איין, זאָל זײַן א פערטל־בלעטלדיק, צײַטונגל. מע טרייסט זיך מיט די ציִאָניסטישע געשרייען, אַז מע דאַרף ניט האָבן קיין טעגלעכע ייִדישע צײַטונג אין בירָאָבידזשאַן, ווײַל צוליב וואָס אַזאַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז ביכלאַל לעבן אין בירָאָבידזשאַן ווייניקער פון צוואַנציק טויזנט ייִדן; און מע דאַרף ניט האָבן אין בירָאָבידזשאַן פאַר אַזוי ווייניק ייִדן אויך דעם סאָלידן ייִדישן דראַמאַטישן פאָלקס־טעאַטער, און מע דאַרף ניט שאַפן פאַר אַזאַ קליינער צאָל ייִדישע נעפּאַשעס א נײַעם גרויסן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער. פאַרוואָס? ווײַל דאָס געבן פאַר ווייניק ייִדן גרויסע קולטור־מעגלעכקייטן איז — קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע... די פאַרדאַרבער ווייסן אַף זיכער, אַז „בא די סאָוועטן" איז שלעכט, ווען ס'איז ניטאָ, און שלעכט, ווען ס'איז דאָ; שלעכט, ווען ס'איז ווייניק, און שלעכט, ווען ס'איז א סאַך...

לאָמיר אַף א רגע דערלאָזן, אַז דורך עפּעס א נעס האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די פּישטשערײַ, וואָס פלעדערמײַז שיקן אָפּ פון זייערע אין פינצטערניש געהאַלטענע כורוועס צו די פייגל אין די ליכטיקע דרויסן־ערטער. דאַן וואָלטן מיר פעסטגעשטעלט, אַז אין די אויגן פון די פלעדערמײַז זעט אויס דאָס לעבן פון די פייגל אין דער ליכטיקייט טאָמיד אומהיימלעך — סײַ ווען די נעסטן האַלט מען ערשט אין בויען, סײַ ווען דאָ און דאָרט זעט מען שוין א נעסט...

יאַנקעוו גלאַטשטיין האָט ניט לאַנג פאַר זײַן טויט געשריבן, אַז „מיט דרײַסיק יאָר צוריק" — דאָס הייסט הארט פאַר דער צווייטער וועלטמילכאָמע — „האָט קאַליפאָרניִע געהאַט א הונדערט פופציק טויזנט ייִדן, און זי האָט זיך דאַן באַרימט מיט א ייִדישער צײַטונג און מיט וואָכנבלעטער פאַר ייִדן, מיט אינסטיטוציעס, אין וועלכע עס האָט געלעבט די ייִדישע שפּראַך"; „מיט צוואַנציק יאָר צוריק" — דאָס הייסט אין די לעצטע פערציקער און אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן — „האָט שוין אין קאַליפאָרניִע, איבערהויפּט אין לאָס־אַנדזשעלעס, געלעבט א האַלבער מיליאָן ייִדן, אָבער עס זײַנען שוין ניט געווען קיין ייִדישע צײַטונגען. די איינציקע וואָכנבלאַט אַף ענגליש האָט נאָר געהאַט א זײַט אַף ייִדיש, ווי א זייכער לעכורבן" — אַזוי האָט מיט פאַרביטערונג געענדיקט זײַן איבערזיכט דער באַרימטער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער. אויך דער ייִנגערער דאָר געדענקט, אַז נאָך דער „לאָס־אַנדזשעלעסער טעגלעכער צײַטונג", וועלכע איז, אַלס „די איינציקע טעגלעכע ייִדישע צײַטונג אָפן פּאַסיפישן ברעג", דערשינען אין 1921 און דערנאָך א געוויסע צײַט אַלס א וואָכנבלאַט, — נאָך איר איז אין 1934 געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס „די טעגלעכע פּרעסע", וועלכע איז שפּעטער מעגולגל געוואָרן אין דער וואָכנבלאַט „די ייִדישע פּרעסע". בא הײַנטיקן טאָג וואָלט מען געקאָנט פון די ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס (ווי געזאָגט,

600.000) צונויפשטעלן אַ גרויסע שטאָט, לויט דער באַפעלקערונג אַ פיל גרעסערע, איידער טעל־אוויוו, אין וועלכער עס וווינען עטוואָס מער פון 400.000 מענטשן, און אין דער דאָזיקער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס איז שוין אַפילע ניטאָ קיין וואָכנבלאַט אַף ענגליש מיט אַ זײַטל אַף ייִדיש, „ווי אַ זייכער לעכורבן”.

אויב ריידן אָפענע רייד, איז הײַנט אין לאָס־אַנדזשעלעס שוין גאָרנישט ניטאָ אַזוינס, וועגן וואָס מע זאָל קאָנען אורטיילן ווי וועגן ייִדישער קולטור אין איר וווּקס און אַנטוויקלונג. דער דאָזיקער טרויעריקער מאַצעוו איז געגרייט געוואָרן פונלאַנג. מיט פופצן יאָר צוריק, ווען איך האָב באַזוכט לאָס־אַנדזשעלעס צום ערשטן מאָל, האָט די איצט פאַרשטאָרבענע גרויסע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוערן גינע מעדעם מיר געשענקט אַ זאַמלונג מיטן נאָמען „קאַליפאָרנ־יער שריפטן”. עטלעכע ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן פון לאָס־אַנדזשעלעס האָבן געשריבן אין דער הקדמה, אַז זיי „מאַכן אַ פּראָבע אַרויסצוגעבן אַ שריפט, אין וועלכער, אויסער לידער, דערציילונגען, עסייען, זאָל זיך אויך אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די ייִדן אין שטאָט”... זיי האָפן צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע. דאָס איז אָבער ניט געשען, און איצט בלעטער איך די „קאַליפאָרניער שריפטן” און לייען ספּעציעל די ערטער, וואָס גינע מעדעם האָט דעמלט אָפּגעצייכנט מיט אַ רויטן בלײַער צוליב מיר — קעדיי סע זאָל מיר גרינגער זײַן אַרײַנדרינגען אין די פּראָבלעמען פונעם קאַליפאָרניער ייִשעוו. אין דער פּולער מאָס אַקטועל זעט מיר הײַנט אויס אַזאַ אַרויסזאָגונג פון יאַנקעוו אַשפּיז אין זײַן אַרטיקל „ייִדיש לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס נעכטן און הײַנט”:

„אַ ברויזנדיקע טעטיקײַט קומט פאָר אין דעם ייִדישן ייִשעוו פון לאָס־אַנדזשעלעס אין דער צײַט, ווען ס'ווערן געפירט די קאַמפּאַניעס פון דער היסטאַדרוט (פּראָפאַריין־צענטער אין ייִסראָעל — א. וו.), פון יונײַטעד דזשויש אַפּיל און פון דעם יונײַטעד דזשויש וועלפעיר פאָנד (קערפערשאַפטן אַף צו זאַמלען געלט פאַר ייִסראָעל — א. וו.). אַרום אָט די קאַמפּאַניעס ווערט דער ייִדישער ייִשעוו מאָביליזירט און אָרגאַניזירט דורך דער ייִדיש־ענגלישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, דורך באַנקעטן און קאָנצערטן, בײַ וועלכע ס'טרעטן אַרויס פּראָמינענטע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע ווערן אימפּאָרטירט פון ניו־יאָרק און פון אויסער אַמעריקע. געסט פון ייִסראָעל בײַ אַזעלכע אונטערנעמונגען זײַנען אָפטע דערשײַנונג. אָט די ביז גאָר דערפאָלגרײַכע קאַמפּאַניעס צו שאַפן מיליאָנען דאָלאַרן זײַנען דער שטאַרקסטער באַווײַז, אַז ס'איז דאָ אַ גוט אָרגאַניזירטער אַפּאַראַט, וואָס פּלאַנירט, קלערט אויף, באַוועגט און באַווירקט די ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס זיך אָפּרופן אַף אַקציעס... דער זעלבער אַפּאַראַט, וועלכער פירט אָן מיט אַלערליי „דרײַוווס”, איז פאַרדריסלעך נאָכלעסיק, ווען ס'קומט צו מאָביליזירן דעם ייִדישן ייִשעוו אין מאָמענטן פון ברויזנדיקע וועלט־ און לאַנדפּאַסירונגען, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום ווײַזן פונעם ייִדישן לעבן... דער אַפּאַראַט, וועלכער קאָאָרדינירט ייִדישע אַקציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס, דאַרף מען פאַרצייכענען, איז אָפן געביט פון מאָביליזירן דעם ייִדישן ייִשעוו קעגן די געפאַרן, וואָס קלאַפּן אין אונדזערע טירן, געבליבן באַוועגלאָז”...

דער גוט אָרגאַניזירטער אַפּאַראַט, וועגן וועלכן עס רעדט מיט אַזאַ אײַנגעהאַלטענער אופגעבראַכטקײַט יאַנקעוו אַשפּיז, — דאָס איז דער ציִעניסטישער אַפּאַראַט. אַשפּיזס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1961 יאָר. זינט דאַן האָט דער גוט אָרגאַניזירטער ציִעניסטישער אַפּאַראַט אין גאַנץ אַמעריקע זיך דערשלאָגן, מיט דער הילף פון דער אָפיציעלער מאַכט אין לאַנד, פון די קאָנגרעס־לאָביסטן, פון די דירי־זשאָרן פונעם קאַלטן קריג, צו אַן אומגלייבלעכן, אָבער רעאַל־עקזיסטירנדיקן פענאָמען: דער גרעסטער ייִדישער ייִשעוו אין דער וועלט, וועלכער פאַרמאָגט זעקס מיליאָן נעפאַשעס און איז אין מעשעך פון פיל יאָרצענדליקער געפערעמט געוואָרן אַלס אייגנאַרטיקער, סאָציאַל־אומרויִקער, קולטור־שעפערישער ייִשעוו, איז אין רעזולטאַט פון אומפאַרשעמטן נאַציאָנאַלן שאַנטאַזש און פון פּאָליטישע שווינדלערײַען, וועלכע ווערן באַגלייט פון דעם פּאַראַט מיצאַד די אַמאָליקע „פּראָגרעסיווע”, פאַרוואַנדלט געוואָרן (לאָמיר גלייבן — בלויז אַף אַ געוויסער צײַט) — אין גרונט, פאַרשטייט זיך — אין אַ מין פּעריפעריִע פאַר די אַקציעס פונעם ייִסראָעלדיקן ציִעניזם, אין אַ מעלק־קו פון געלטער פאַר דעם זעלבן ייִסראָעלדיקן ציִעניזם, און אין דער זעלבער צײַט איז אין אָט דעם גרויסן ייִשעוו גופע, אינווייניק אין אים, דערשטיקט און פאַרניכטעט געוואָרן די סאָציאַל־יוירנדיקע פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אָפּגעשטעלט געוואָרן די קולטור־ און ליטעראַטור־אַנטוויקלונג.

פון אָט דעם טרויעריקן בילד דרינגט שוין בעמיילע אַרויס דער ענטפער אַף דער פראַגע, ווער ס'איז שולדיק אינעם טרוקענעם כורבן.

איך שמועס זיך דורך וועגן דעם מיט מײַן אַלטן פרײַנט אַוורהאָם מײַמודעס.

מײַמודעסעס פּאָזיציע איז קאָמפּליצירט. ער זוכט נאָך אַלץ דעם אויסוועג. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט געפינען. אונדזער איצטיקע באַגעגעניש איז ניט אַף צו פירן פּאָלעמיק, נאָר אַף זײַן אַ ביסל צוזאַמען. אָפּגעגעסן מיטיק אין אַ געמיטלעכן רעסטאָראַן, שלעפּן מיר זיך אַרום איבער דער גאַס, גייען פאַרבײַ אַ טעמפּל פון די רעפאָרם־ראַבאָים און פאַרווײַלן זיך מיט אַ כאָכמע, אָקאָרשט גענומען פון דעם פּאָלקס מויל. אַזעלכע ראַבאָים־טעמפּלען זײַנען, געוויינלעך, דאָס זעלבע, ווי קלובן פאַרן העכערן מיטלשטאַנד, פאַר די אָלרײַטניקעס (הייסט עס, אַז קלובן — געבײַדעס, וווּ מע קומט זיך צונויף, זײַנען יאָ פאַראַן, אָבער ניט פאַר אַמכאָ און

ניט פאַר די עמא לאַזאַרוס־פּרויען, ניט פאַר זיי...). קעדיי ווערן אַ מיטגליד פון אַ קאָנגרעגאַציע, טראָגט דער אָלרײַטניק אַרײַן עטלעכע הונדערט דאָלער. ווי געוויינלעך, קומט אַ ייִד אין שול (פאַרן טעמפּל טויג ניט דאָס וואָרט סינאַגאָגע) אַ פּאָר מאָל אין יאָר, בייס די יאָמטויווים. באַם אַרײַנגאַנג קויפט מען אַ בילעט. אָבער וואָס טוט אַן אָרעמאַן, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן? טראַכט ער צו אַ טערעץ, אַז ער וועט אַרײַן בלויז אויף איין מינוטקעלע, ער דאַרף דאָ פּאָשעט געפינען אַזאַ און אַזאַ ייִדן, וועמען ער וויל עפּעס איבערגעבן... נו, לאָזט מען דעם אָרעמאַן אַרײַן אין טעמפּל, נאָר מע וואָרנט אים, אַז אָן געצאָלטס זאָל ער ניט וואַגן זיך שטעלן דאַווענען...

מײַמודעס פירט מיך אַרײַן אין „ייִדישן פּענטאַגאָן”, ווי מע רופט אין שטאָט דעם היגן דאָקומענטאַציע־צענטער — אַ ריין ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אינסטיטוציע. אויפן ערשטן שטאָק וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַ בילדער־אויסשטעלונג, און כ'טו מאַמעש אַ צאַפּל פון אומדערוואַרטקייט: דאָס זײַנען דאָך טאַנכום קאַפּלאַנס רעפּראָדוקציעס! די באַיאָרטע פרוי, וועלכע פאַרוואַלטעט מיטן וועסטיביול, שעפּטשעט גאַנץ געהיים, ניט ווייסנדיק, ווער איך בין: „די בילדער פון אָט דעם ייִדישן מאָלער זײַנען אומלעגאַל אַרויסגעפירט געוואָרן פון רוסלאַנד”... מײַמודעס מאַכט ווייכער מײַן האַרץ: „וואָס אַרט אײַך, זאָל זי פּלאַפּלען... אַנומלטן האָט איינער אַן אַרטיקער ייִד איר אַ זאָג געטאָן: די רעפּראָדוקציעס, טאַקע פּונקט די זעלבע, וואָס בײַ אײַך, האָב איך לעגאַל געקויפט אין לעניגראַד”...

עס קומט אויפן זיכּאָרן אַ דערמאָנונג פון מײַנע קינדער־יאָרן, און איך גיב זי איבער מײַמודעסן. איך האָב געהאַט אַ מומע, אַרום וועלכער ס'פלעגט שטענדיק אַרומפּאַדיען עפּעס אַ שכײַנע אירע — ברײַנע האָט זי געהייסן. די מומע איז געווען אַ קלוגע ייִדענע, האָב איך געהערט, ווי זי זאָגט:

— ווען ברײַנעס אייגענע הינער הערן אויף צו לייגן אייער און זי מוז שטילערהייט אַרונטערלאָזן די האַנט אונטער מײַנער אַ הון, דאַן זאָגט זי ניט „איך האָב בײַ דיר געגאַנוועט”, נאָר „דײַן הון האָט זיך פאַרקליבן מיט אירע אייער צו מיר אין שטעלכל אַרײַן”...

פאַרזעצונג קומט

אוראַן גוראַלניק

די וויכטיקסטע פון אַלע מינים קונסט

י ליטעראַטור איז, ווי באַוווּסט, די מוטער פון אַלע מינים קונסט, אַפילו פון די סאַמע נײַסטע, ווי, אַשטייגער, פון טעלעוויזיע. קעגן דעם וועט קיינער ניט שטרײַטן. די אידייען און געשטאַלטן פון דער ליטעראַטור באַפרוכפּערן די גאַנצע קינסטלערישע קולטור פון דער מענטשהײַט — די מוזיק, מאָלערײַ, כאָרעאָגראַפיע אאַז״וו. די באַהויפּטונגען פון אייניקע אויסלענדישע סאָציאָלאָגן (אַשטייגער, פונעם קאַנאַדער סאָציאָלאָג מאַקלוען), אַז גוטענבערגס גאַלאַקטיק (דאָס דרוקן ביכער) וועט מוזן אָפּטרעטן איר אָרט פאַר דער עלעקטראָנישער גאַלאַקטיק, פּאָשעטער גערעדט, אַז ניט ווײַט איז די צײַט, ווען די מענטשן וועלן זיך אײַנגאַנצן אָפּזאָגן פונעם געדרוקטן וואָרט, זײַנען מיט גאָרנישט ניט באַשטעטיקט געוואָרן. מע מוז אָבער מודה זײַן, אַז די ראַדיאָ, קינאָ, מוזיק־פּלאַטן, טעלעוויזיע פאַרנעמען איצט אַן איבערוועגנדיק אָרט אין דער קולטור. זייער ספּעציפיש געוויכט וואַקסט, דערמיט מוז מען זיך רעכענען.

וו. אי. לענין האָט מיט זײַן געניאַלער פאָרויסזעונג אָנגעוויזן אויף די ריזיקע פּאָטענציעלע מעגלעכקײַטן פונעם קינעמאַטאָגראַף, אויף די גרויסע פּערספּעקטיוון פון זײַן אַנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. „פון אַלע מינים קונסט איז פאַר אונדז דער וויכטיקסטער — קינאָ״. די דאָזיקע ווערטער האָט לענין געזאָגט אין יענע יאָרן, ווען קינאָ — דאָס ייִנגסטע קינד אין דער קונסט־מישפּאָכע — האָט פאַקטיש געשטעלט די ערשטע ציטעריקע טריט. דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען רוסלאַנד האָט ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע קינאָ־אַפּאַראַטור, קיין אייגענעם פּאָטאָ־מאַטעריאַל, די פילמען פלעגט מען מוזן גרייטן אויף אַ האַלב־קוסטאַרן אופן, עס איז נאָך ניט געווען די דערפאַרונג, וועלכע איז נייטיק אויף צו שאַפן נײַע לויטן גײַסט קינאָ־בילדער, ס׳זײַנען אויך ניט געווען קיין קאַדרען קינאָ־טוער.

זעכציק יאָר זײַנען אַוועק פון דער צײַט, ווען וו. אי. לענין האָט אונטערגעשריבן דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די קינאָ־פּראָדוקציע. דער פאַרלאָפענער פּעריאָד האָט דערוויזן, ווי ריכטיק און געניאַל עס איז געווען לענינס פאָרויסזאָגונג. די סאָוועטישע עקראַן־קונסט איז הײַנט איינער פון די וויכטיקסטע געביטן פון דער קינסטלערישער קולטור אין דער געזעלשאַפט פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם. די סאָוועטישע אינדוסטריע באַזאָרגט די מײַסטערס פון קינאָ מיט אַן ערשטקלאַסישער אויסשטאַטונג. די קינאָ־טוער האָבן באַקומען אין זייערע הענט אַזעלכע מעכטיקע מיטלען פון קינסטלערישער אויסדריקלעכקײַט, ווי קלאַנג, קאָליר, עקראַנען פון ברייטע פאָרמאַטן. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געשאַפן געוואָרן אַ ריזיקע קינאָ־נעץ, וועלכע כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, ביז די ווײַטסטע ווינקלען, און ציילט אַרום 100 טויזנט קינאָ־אינסטאַליאַציעס. די קינאָ־סעאַנסן ווערן באַזוכט מיצאַד מיליאַרדן מענטשן.

אַן אַנדערע איז איצט די ראָליע, וואָס קינאָ שפּילט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַמאָל, ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, פלעגט דער פאָלקס־מענטש זייער זעלטן גיין אין קינאָ, און אַז ער פלעגט שוין יאָ גיין, האָט ער געזוכט סענסאַציאָנעלע בילדער, וועלכע זאָלן אים פאַרווײַלן. הײַנט גייען אין קינאָ מיליאָנען מענטשן. דער קינעמאַטאָגראַף האָט אויף זיי אַן עמאָציאָנעלע ווירקונג, ער פּראָפּאַגאַנדירט די פּראָגרעסיטענע אידייען פון אונדזער צײַט, נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גײַסטיקער דערציִונג און בילדונג פון די מאַסן.

פאַר די לעצטע זעכציק יאָר האָט די סאָוועטישע קינאָ געשאַפן טויזנטער ווערק, ווו איר וועט ניט געפינען דעם שטאָף, מיט וועלכן ס׳איז רײַך די קאַפּיטאַליסטישע קינאָ — אַכזאָריעס, געוואַלט, מאָראַלישע צעלאָזנקײַט, ראַסן־האַס, נאַציאָנאַלע פאָרורטיילן. דעם סאָוועטישן קינעמאַטאָגראַף איז פון ערשטן טאָג אָן פרעמד מילכאָמע־פּראָפּאַגאַנדע, ער האָט שטענדיק געפּריידיקט, אַז קאָנפליקטן צווישן לענדער דאַרפן געלייזט ווערן נאָר מיט פרידלעכע מיטלען.

יעדע שאַפונג, ניט אויסגעשלאָסן, פאַרשטייט זיך, די קינאָ־שאַפונג, איז אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס. די רעזולטאַטן זײַנען אָפּהענגיק פון אַ סאַך אומשטענדן, אָביעקטיווע און סוביעקטיווע. עס איז קיין כידעש ניט, וואָס באַגלײַך מיט קינאָ־בילדער פון אַ הויכן קלאַס, וועלכע לאָזן איבער אַ טיפן שפּור אין זיקאָרן, זײַנען

פאראן אויך שוואכע, אומבאהאָלפענע. דאָס זײַ־
נען אָבער צופעליקע „בײַ־הויצאָעס פון דער
פּראָדוקציע". די בעסטע ווערק פון דער עק־
ראן־קונסט באַגײַסטערן די מענטשן צו העלדנ־
טאטן, צו ארבעט לעשעם דער ליכטיקער צו־
קונפט.

דעם עמעס געזאָגט, איז שווער צו באשליסן,
פון וואָס אָנהייבן א שמועס וועגן דער סאָוועט־
טישער עקראן־קונסט. מע קאָן ריידן אין דער
ערשטער ריי וועגן ס. אייזענשטיינס וועלט־
בארימטן פילם „די פּאנצערשיף פּאָטיאָמקין",
וואָס די קינאָ־קריטיקער פון דער וועלט האָבן
אים דערקלערט אלס איינעם פון די בעסטע
צען פילמען, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן
אין אלע יאָרן, זינט עס עקזיסטירט די קינאָ־
קונסט. אויך פון דעם זעלבן אייזענשטיינס גע־
ניִאלע היסטאָרישע בילדער „אלעקסאנדער
נעווסקי" און „יאָהאן דער גרויזאמער" קאָן מען
אָנהייבן דעם שמועס, פון מיכאַיִל ראָמס דילאָ־
גיע „לענין אין אָקטיאבער", „לענין אין 1918",
אָדער פון סערגיי יוטקעוויטשעס קינאָ־לעני־
ניִאנע („דער מענטש מיט דער ביקס", „דער־
ציילונגען וועגן לענינען", „לענין אין פּוילן").

אלפאָלקישע אנערקענונג און ליבע האָבן
פארדינט אלעקסאנדער דאָווזשענקאָס פילמען
וועגן די לעגענדארע העלדן פונעם בירגערקריג.
א קלאסיש ווערק איז דער פילם „טשאפּײַעוו",
וועלכן ס'האָבן געשאפן די ברידער וואסיליעוו.
קינאָ־קלאסיק זײַנען געוואָרן א סאך פילמען
פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע
און פון דער נאָכמילכאָמע־צײַט. לאָמיר אָנרופן
סערגיי באָנדארטשוקס איבערראשנדיקן קינאָ־
ווערק „דער גוירל פון א מענטשן" לויט שאָ־
לאָכאָווס דערציילונג, דעם פילם פון צוואנציק
סעריעס „די גרויסע פּאָטערלענדישע" (אין די
פאריייניקטע שטאטן איז ער דעמאָנסטרירט גע־
וואָרן אונטערן נאָמען „די אומבאקאנטע מיל־
כאָמע"), דאָס קאָלעקטיווע ווערק פון א גרויסן
קאָלעקטיוו מײַסטערס פון דאָקומענטאלן קינאָ
בעראָש מיטן פאָלקס־ארטיסט פון פססר ראָמאן
קארמען.

און צי קאָן מען פארגעסן דאָס העראָיִשע
געשטאלט פון יולי רײַזמאנס „קאָמוניסט"—
דאָס פארקערפּערטע געשטאלט פון א מיט־
גליד פון דער לענינישער פּארטיי, וועלכער איז
געוואָרן שוין א קלאל־נאָמען, א מוסטער, צו
וועמען עס גלײַכט זיך הײַנט די סאָוועטישע
יוגנט.

אונדזער קינאָ־קונסט האָט שטענדיק ארויס־
געוויזן א שטארקן אינטערעס צו דער פארגאנ־
גענהײַט, צו דער געשיכטע פונעם פאָלק, צו
דער רעוואָליוציִאָנערער באפרײַונגס־באוועגונג
און צו אירע העלדן. שוין פערציק יאָר, ווי עס
פארשווינדט ניט פון די סאָוועטישע קינאָ־עק־
ראנען דער פילם „פּיאָטער דער ערשטער".
(רעזשיסער וולאדימיר פּעטראָוו, סצענארי פון
אלעקסיי טאָלסטאָי). דאָס איז א ווערק וועגן
דעם וויכטיקסטן עטאפּ אינעם אופקום פון דער
רוסישער נאציִאָנאלער מעלוכישקײַט. עס לעבן

ביז איצט אויך אנדערע היסטאָרישע קינאָ־לענ־
טעס אף היסטאָרישע טעמעס און ס'ווערן גע־
שאפן נײַע. אינעם יובילײַ־יאָר, אשטייגער, ווען
עס איז געפּײַערט געוואָרן דער 60־טער יאָר־
טאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, איז אף
די עקראנען דעמאָנסטרירט געוואָרן די עפּאָפּיי
פון צוויי סעריעס, געווידמעט דער פּויערים־
מילכאָמע אין רוסלאנד אין XVIII יאָרהונ־
דערט — „פּוגאטשאָוו".

מע דארף אָבער זאָגן, אז די סאָוועטישע קי־
נאָ־קונסט האָט אף אלע עטאפּן פון איר אנט־
וויקלונג זיך אויסגעטיילט מיט איר ענגסטער
פארבינדונג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט, זי
שטעלט אוועק פארן צושויער די אקטועלסטע
סאָציִאל־פּאָליטישע און מאָראלישע פּראָבלע־
מען. צי ניט דאָס איז די סיבע, וואָס א. סאל־
טיקאָווס פילם „דער פּאָרזיצער"— אן אויס־
ערסט דרייסטע און אופריכטיקע, פּסיכאָלאָגיש
פּינקטלעכע טיפע דערציילונג וועגן דעם דרא־
מאטיזם פון די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן,
וועגן די בעמעס גיגאנטישע אָנשטרענגונגען
פון די האָרעפּאשניקעס אין דאָרף באם אופ־
שטעלן די לאנדווירטשאפט, וועגן דער זייער
שווערער און קאָמפּליצירטער איבערבויונג פון
די מענטשלעכע כאראקטערן, האָט באקומען
אזא ברייטן רעזאָנאנס? לאנג וועלן די צושויער
פארגעדענקען דאָס געשטאלט פונעם קאָלווירט־
פּאָרזיצער טרובניקאָוו — דעם נעכטיקן פראָנט־
מענטש, אן אינוואליד, וואָס האָט גענומען אף
זיך אזא ריזיקע לאסט און א גוואלדיקע פא־
ראנטוואָרטלעכקײַט פארן גוירל פון הונדער־
טער מענטשן, וועלכע זײַנען טאקע ארויס אלס
זיגער פון דעם שווערן געראנגל מיט די שווע־
ריקײַטן. דאָס זעלבע אָדער קימאט דאָס זעלבע
קאָן מען זאָגן וועגן פיל אנדערע קינאָ־ווערק,
וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן אף די הייסע
שפּורן פון דער הײַנטצײַטיקײַט און וועלכע
אנאליזירן ברייט און טיף די קאָמפּליצירטסטע
פראגן פונעם סאָציִאלן לעבן. אזעלכע זײַנען,
באזונדערס, יו. רײַזמאנס פילם „דער מענטש
פון אונדזער צײַט"— וועגן דעם סטיל פון דער
אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע, ס. געראסי־
מאָווס „בא דער אָזערע"— וועגן די פּראָבלע־
מען פון אָפּהיטן די ארומיקע נאטור, א. געל־
מאנס „א פּרעמיע"— וועגן די קוואליטאטיוו
נײַע פארהעלטענישן אין דער ארבעטער־סוויר־
ווע.

וועלכע גרויסע סאָציִאלע אָדער פּאָליטישע
פּראָבלעמען דער סאָוועטישער קינעמאטאָגראף
זאָל ניט האָבן געשטעלט, שטייט שטענדיק אין
צענטער פון זײַן אופמערקזאמקײַט דער מענטש,
זײַנע אינטערעסן, זאָרגן, האָפענונגען און באַ־
גערן. מאקסים גאָרקי האָט בעשײַטע אָנגערופן
די ליטעראטור מיטן נאָמען „מענטשנקענטע־
ניש". דער סאָוועטישער קינעמאטאָגראף האָט
רעכט צו פּרעטענדירן אף אָט דעם בעקאָוועד־
דיקן, אָבער זייער פאראנטוואָרטלעכן טיטל.

מע קאָן א סאך דערציילן וועגן די ווערק פון
דער רוסישער קלאסישער און סאָוועטישער ליי־

פון דער סאָוועטישער ייִדישער ביכער־גראַפיק

מיר ברענגען דאָ אייניקע איליוסטראַציעס פונעם קינסטלער וואַלערי לאַקשין צו די ווערק פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער דער ניסטער, וועלכע זײַנען פאַר די לעצטע יאָרן דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״.

שאַרבלאַט צום ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער״

שמוץ־טיטול און הילע צו דער זאמלונג
„ווידערוווקס”



דער טאָגבוך פֿון האַרץ

נאָכן געוויטער

אילוסטראַציעס צו די דערציילונגען „דער טאָגבוך פֿון האַרץ" און „נאָכן געוויטער"

שמוץ־טיטול צו דער צווייטער טייל פונעם ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער", איניציאַלן צו די קאַפּיטלען פונעם ווערק.



צווייטער טייל



טעראַטור, וועלכע זײַנען טאַלאַנטפול איבער־
געלייגנט געוואָרן „מיט די אויגן פון קינאָ“.
איינציקע קינאָ־טוער אין מײַרעוו שעמען זיך
ניט צו איבערניצעווען לויט זייער אײַנזען די
גרויסע ווערק פון דער ליטעראַטור, טראַכטנ־
דיק בלויז וועגן דעם קאָמערציעלן ציל, וועגן
דער קאַסע. פאַר די סאָוועטישע קינאָ־מײַס־
טערס איז לאַכלוטן פרעמד אַזאַ מעטאָד. ווען
זיי פירן אַריבער אַף דער שפּראַך פון קינאָ די
אידייען און געשטאַלטן פון דער ליטעראַטור,
באַמיִען זיי זיך צו באַווײַזן די גאַנצע גײַסטי־
קע אשירעס, דעם גאַנצן לעבנס־אינהאַלט פון
די ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע די
שרײַבער־רעאַליסטן האָבן אין פולן זין פון
וואָרט אָנגעשריבן מיטן „בלוט פון זייערע
הערצער“.

איך וועל אָנרופן בלויז עטלעכע פילמען,
וואָס זײַנען עקראַניזירט פון ליטעראַרישע
ווערק און זײַנען באַקאַנט אין דער גאַנצער
וועלט: לעוו קולידזשאַנאָווס „פאַרברעכן און
שטראָף“, סערגיי באָנדאַרטשוקס „מילכאָמע און
פרידן“, מיכאַיל שווייצערס „וואָסקרעסעניִע“,
די עקראַניזאַציעס פון גאָרקיס אויטאָביִאָגראַ־
פישער טרילאָגיע „קינדער־יאָרן“, „אין צווישן
מענטשן“ און „מײַנע אוניווערסיטעטן“, פון שאָ־
לאָכאָווס „דער שטילער דאָן“, פאַדייעווס „די
יונגע גוואַרדיע“.

די סאָוועטישע קינאָ איז סאָציאַליסטיש לויטן
אינהאַלט, אינטערנאַציאָנאַל לויטן טאָך און נאַ־
ציאָנאַל לויט דער פאָרם, די סאָוועטישע קינאָ
ווערט געשאַפן דורך דעם גרויסן קאָלעקטיוו
עקראַן־מײַסטערס, וועלכע אַרבעטן אין אַלע
הויפּטשטעט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.
זייערע בעסטע ווערק גייען מיט גרויס דער־
פאָלג אַף די עקראַנען פונעם גאַנצן לאַנד.

צו די גלענצנדיקע ווערק אינעם זשאַנער פון
פּאָליטישן פילם געהערן די קינאָ־בילדער „ווי
געשמאַק עס איז דאָס וואָרט פרײַהײַט!“ און
„קענטאַווערן“ (וועגן די דראַמאַטישע געשעע־
נישן אַפן דאָרעם־אַמעריקאַנער קאָנטינענט).
דער אויטאָר פון אָט די ווערק, דער טאַלאַנט־
פולער ליטווישער קינעמאַטאָגראַפיסט וו. זשאַ־
לאַקיאַוויטשוס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק
באַרימט געוואָרן אַדאַנק דעם קאָנפליקט־פילם
„קיינער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן“.

פול מיט לעבן זײַנען די קאָמישע פילמען פון
די גרוזינישע עקראַן־קינסטלער. פּאָעטיש, ראָ־
מאַנטיש דערהויבן זײַנען די קינאָ־דערציילונ־
גען פונעם מאָלדאַוואַנער עמיל לאָטיאַנו („דער
טאַבאָר גייט אַוועק אין הימל“, „מײַן צערטלע־
כע צוגעלאָזטע כײַע“).

אין דער קינאָ־פּראָדוקציע פון אונדזער לאַנד
פאַרנעמען אַ היפּש אָרט די פילמען אַף ייִדישער
טעמאַטיק. אָט ליגט פאַר אונדז אַן אויספאָר־
שונג פונעם איצט פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר
שימען גינזבורג „די קינעמאַטאָגראַפיע אינעם
פאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד“, אויך אַן איי־
בערזיכט אינעם „איקוף־אַלמאַנאַך פאַרן 1961
צו דער געשיכטע פונעם ייִדישן פילם“. פון
דער אויספאָרשונג דערוויסן מיר זיך, אַז פון
1907 ביז 1917 זײַנען אין רוסלאַנד באַוויזן גע־
וואָרן אַפן עקראַן אַרום 70 קינאָ־בילדער, פון
זיי העכער 30 אַף דער טעמאַטיק פון דער ייִדי־
שער ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז די איי־
דייִש־קינסטלערישע קוואַליטעט פון דער מער־
הײַט פון אָט די פילמען איז געווען אַ גאַנץ
נידעריקע. די קינאָ־ווערק פון יענער צײַט האָבן
זיך נאָך געפונען אין „קינדער־עלטער“.
ווענדנדיק זיך צו די ווערק פון די גרויסע ייִדי־
שע שרײַבער (פּרעץ, שאָלעם־אַליכעם, אַש
און אַנד.) האָבן די אויטאָרן פון די סצענאַריס,
ווי עס איז צו זען, פאַרייִנפאַכט דעם אינהאַלט.
וועגן דער פאָרם, סטיליסטיק, פּאָעטיק איז שוין
איבעריק צו ריידן: דער שטומער עקראַן איז
אין יענעם עטאַפּ געווען אינגאַנצן נאָך אומבאַ־
האָלפן אין דעם פּראַט. עס איז אָבער ביז גאָר
אינטערעסאַנט אָפּצומערקן די גרויסע צאָל עק־
ראַניזאַציעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז איי־
נער פון די ערשטע פילמען אַף ייִדישער טע־
מאַטיק געווען דער אַגיטאַציע־פילם „כאַווער
אַבראַם“ (1919). דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען
אין לאַנד איז געגאַנגען דער בירגערקריג, די
ווײַסבאַנדיטן האָבן געמאַכט ייִדן־פּאָגראָמען,
פאַרשפּרייט אין אַ היפּשן מאַסשטאַב דעם אַנ־
טיסעמיטיזם. דער פילם „כאַווער אַבראַם“ איז
געווען געווידמעט דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמי־
טיזם, געשטעלט אים האָט דער יונגער קאָמ־
פּאָניסט אַלעקסאַנדער ראַזומני (ער איז, אַגעוו,
געווען דער ערשטער עקראַניזירער פון גאָר־
קיס „די מוטער“).

אין די צוואַנציקער יאָרן זײַנען געשאַפן גע־
וואָרן פילמען לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־
אַלייכעמס ווערק, צווישן זיי „דער מאַבל“
(1925, רעזשיסער א. איוואַנאָוו), „בלאָנדזשנ־
דע שטערן“ (1927, סצענאַרי פון איסאַק באַ־
בעל, רעזשיסער ג. גריטשער־טשעריקאָווער),
„אַ געלעכטער דורך טרערן“ (1929, לויט שאָ־
לעם־אַלייכעמס ווערק „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“
(רעזשיסער ג. גריטשער־טשעריקאָווער). אין
יענער צײַט איז באַוויזן געוואָרן אַפן עקראַן
דער באַרימטער ייִדישער פילם „ייִדישע גליקן“
(לויט שאָלעם־אַלייכעמס „מענאַכעם־מענדל“),
רעזשיסער — א. גראַנאָווסקי, קינסטלער נ. אַלט־
מאַן, די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט שלוימע מי־
כאָעלס. אין 1927 איז עקראַניזירט געוואָרן
איסאַק באַבעלס דערציילונג „בעניע קריק“.

אַ צווייט לעבן (אַפן קינאָ־עקראַן) האָט באַ־
קומען מאַקסים גאָרקיס דערציילונג „קאַין און
אַרטיאָם“ — אַ ראָמאַנטיש־פּסיכאָלאָגישע גע־
שיכטע וועגן דער פרײַנטשאַפט, וואָס איז אויפ־
געקומען צווישן צוויי פּאַשעטע מענטשן — אַ
רוס און אַ ייִד, וועלכע האָבן אינעם פאַררע־
וואָלוציאָנערן רוסלאַנד זיך געפונען צווישן די
אונטערוועלט־מענטשן, אַפן דעק פון דער גע־
זעלשאַפט. רעזשיסער פונעם פילם איז געווען
פּאַוועל פּעטראָוו־ביטאָוו. אויספילער — דער
גרויסער רוסישער אַקטיאָר ניקאָלײַ סימאָנאָוו

און דער זייער טאַלאַנטפֿולער ע. גאַל. אָט וואָס עס האָט געשריבן וועגן דעם פֿילם דער ערשטער פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר בילדונג אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי: „מע קאָן ניט געפֿינען גענוג לויב־ווערטער, קעדיי אָפּשאַצן די כיינעוודיקע וואָרהאַפֿטיקייט פֿון זייער שפּיל באַ די קאָלאָסאַלע טעכנישע שוועריקייטן פֿון יעדער איינער פֿון אָט די ראָלן". א. לונאַטשאַרסקי האָט אָנגערופֿן דעם פֿילם „איינער פֿון די שעדעווּרען פֿון אונדזער קינאָ־קונסט". אין 1932 האָט דער פֿראַנצויזישער רעזשיסער א. האַנס געמאַכט דאָס בילד „קאַיִן און אַרטיאָם" פֿאַר א קלאַנגען־פֿילם.

אין 1936 האָט דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון דער ווײַסרוסישער ססר וולאַדימיר קאָרש־סאַבלין געשאַפֿן דעם פֿילם „די גליק־זוכער", געווידמעט די בויער פֿונעם נײַעם לעבן אין ביראָבידזשאַן. הויך קינסטלעריש, מיט יִדישן הומאָר האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל בינִיאָמין זוסקין. צווישן די אַקטיאָרן פֿונעם פֿילם איז געווען די גרויסע שוישפּילערן פֿונעם רוסישן טעאַטער בליומענטאַל־טאַמאַרינא.

אין 1938 איז אַרויס אויף די סאָוועטישע עקראַנען דער אַנטיפֿאַשיסטישער פֿילם „פּראָפֿעסאָר מאַמלאָק" (לויט דער פּיעסע פֿונעם דײַטשישן שרײַבער־עמיגראַנט פֿרידריך וואָלף, רעזשיסער הערבערט ראַפּאָפּאָרט), די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט אַלעקסאַנדער גראַנאַך. צווישן די שוישפּילער איז געווען שלוימע מיכאָעלס.

מיט גרויס דערפֿאָלג איז דעמלט געגאַנגען דער פֿילם פֿון גריגאָרי ראָשאַל „די מישפּאָכע אָפּענהיים" (לויט ל. פֿויכטוואַנגערס ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען).

רײדנדיק וועגן די דערפֿאָלגן פֿון קינאָ פֿאַר דער לעצטער צײַט, דאַרף מען דערמאָנען די פּרעכטיקע עקראַניזירונג פֿון א. טשעכאָווס דערציילונג „סטעפּ" (1978, רעזשיסער ס. באָנדאַרטשוק). מיט גרויס פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער סאָציִאַלער פּסיכאָלאָגיע פֿון די העלדן און מיט אופֿריכטיקער סימפּאַטיע זײַנען אויפֿן עקראַן פֿון ברייטן פֿאָרמאַט באַוויזן די געשטאַלטן פֿונעם יִדישן קרעטשמער (די דאָזיקע ראָל פּילט אויס דער אָנגעזעענער שוישפּילער, פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿססר אינאָקענטי סמאָקטונאָווסקי) און זײַן ברודער (פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון רספֿסר איגאָר קוואַשאַ).

דער זעכציקיאָריקער יובילײ פֿון דער סאָוועטישער קינעמאַטאָגראַפֿיע איז א גרויסער אַלפֿאָלקישער יאָמטעוו. אָט דער וויכטיקער מין קונסט איז באַ אונדז בעעמעס געוואָרן דאָס אייגנס פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער. דעם סאָוועטישן קינעמאַטאָגראַף שטייען פֿאָר ברייטע פּערספּעקטיוון פֿון אידייִש־שעפֿערישער אַנטוויקלונג.

מיר ענטפערן אף פראגעס
פון אונדזערע לייענער

ל. מעדוועדקאָ

וועגן דער ראָליע פון דער מיליטער־קליקע אין ייִסראָעל

אז מע לייענט אין דער פרעסע וועגן די אומופהערלעכע קאָנפליקטן צווישן ייִסראָעל און די אראַבער, וועגן דער אָנגעשטרענגטער לאגע אפּן נאָענטן מיזרעך, וועגן די נאָכאנאנדיקע פּראָוואָקאציעס פונעם ייִסראָעל־מיליטער אין ליבאַן, קומט בעמיילע אוף די פראגע: ווער שטייט באם מע־לוכע־רודער אין ייִסראָעל — א בירגערלעכע רעגירונג, צי א מיליטערישע?

מ. שטיינמאַן, אולאַן־אודע

אן איבערצײַגנדיקן ענטפער אף דער דאָזיקער פראגע קאָן מען געפינען אינעם בוך פון אמאָס פּערלמוטער „די ראָליע פון די מיליטערלײַט אינעם פּאָליטישן לעבן פון ייִסראָעל. 1967—1977”, דערשי־נען אין לאָנדאָן אין 1978. די זעלבע פראגע ווערט באהאנדלט אין א צווייט בוך פון דעם דאָזיקן אוו־טאָר, וואָס איז אויך ארויס אין לאָנדאָן (1969): „מי־ליטערלײַט און פּאָליטיקער אין ייִסראָעל. 1948—1967”. מע קאָן אָנרופן נאָך ביכער, וועלכע באהאנד־לען די זעלבע טעמע, אשטייגער ע. סאלפּעטער און א. עליצור „ווער רעגירט אין ייִסראָעל?” (דערשי־נען אין ניו־יאָרק אין 1973).

דער אײַנפלוס פון די מיליטערלײַט אין ייִסראָעל לאָזט זיך פילן אין אלע לעבנס־ספערן, נאָר אין דער ערשטער ריי אינעם וואקסנדיקן פּראָצעס פון מילי־טאריזאציע. דאָס קאָן מען דערווײַזן מיט פיל פאקטן. העכער 40% פונעם מעלוכע־בודזשעט אָדער 30% פונעם נאציאָנאלן ברוטאָ־פּראָדוקט ווערט אלע יאָר אויסגעגעבן אף די קריגס־הויצאָעס. ייִסראָעל פאר־נעמט איינס פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט אין פּראט פון די הויצאָעס, וועלכע פאלן אף יעדן מענטשן פון דער באפעלקערונג אף אויסהאלטן די ארמיי. פרידנס־צײַט געפינען זיך אין דער ארמיי 10% פון דער ארבעטספייִקער באפעלקערונג, מיל־כאָמע־צײַט ביז 40%. ייִסראָעל שלאָגט שוין א סאך יאָרן פאקטיש דעם רעקאָרד לויט דער גרייס פון די שטײַערן, לויטן וווּקס פונעם יאקרעס און לויט די אינפליאציע־טעמפּן.

דאָס שוץ־מיניסטעריום פון ייִסראָעל איז פולער באלעבאָס אין דער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק פון לאנד. דאָס דאָזיקע מיניסטעריום האלט אין זײַנע הענט ניט בלויז די אָנפירונג מיט די באוואָפנטע קרעפטן, נאָר אויך מיט די וויכטיקסטע געביטן פון דער עקאָנאָמיק, אין דער ערשטער ריי פון דער קריגס־אינדוסטריע, מיט די וויסנשאפטלעכע פאָר־שונגען, עס קאָנטראָלירט א היפּשן טייל פונעם אויסערן־ און אינערן־האנדל, קויפט אײַן געווער און אנדערע מאטעריאלן אף באוואָפענען די ארמיי. דאָס שוץ־מיניסטעריום געוועלטיקט אף אלע אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן בײַם דער יון־מילכאָמע פון 1967, — טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אין פיר מאָל גרעסער פון גאנץ ייִסראָעל. די פּרעסע רופט אָפט אָן דאָס דאָזיקע מיניסטעריום „דער גרעסטער ארבעטסגעבער”, ווײַל פון אים איז דירעקט אָדער אומדירעקט אָפּהענגיק די באשעפ־טיקטקײַט פונעם גרעסטן טייל פון דער ארבעטס־פייִקער באפעלקערונג.

די ארמיי איז אויך דער הויפּט־ליפעראנט פון אָנ־פירנדיקע קאדרען פארן רעגירונגס־איסטעבליש־מענט. כאָטש קאדראָווע מיליטערלײַט קאָנען ניט פארנעמען קיין וויכטיקע פּאָסטנס אינעם מעלוכע־אפּאראט און אויסגעוויילט ווערן אין דער קנעסעט, זײַנען אָבער טראדיציאָנעל א סאך מיניסטאָרן און קנעסעט־דעפּוטאטן, מעלוכע־באאמטע און מענעד־זשערס גענעראלן און אָפיצערן אין דעמיסיע, וועלכע האלטן אונטער ענגע פארבינדונגען מיט דער ארמיי. אין דער קאָאליציע־רעגירונג, ווו פּרעמיער איז גע־ווען די ניט לאנג צוריק פארשטאָרבענע גאָלדע מעיִר, נאָך איר דער גענעראל ראבין, זײַנען אזעלכע מיניסטאָרן געווען זעקס (ראבין, דאיאן, אלאָן, באר־לעוו, יאריוו, קארמעל). אין בעגינס רעגירונג פאר־נעמען צענטראלע פּאָסטנס די גענעראלן אין דעמי־סיע — יאדין, ווייצמאן, דאיאן, שאראָן.

אף די אָנפירנדיקע פּאָסטנס אינעם שוץ־מיניסטע־ריום, וועלכע עס דארפן פארנעמען ציווילע מענטשן, שטייען די גענעראלן אין דעמיסיע טאל, הארקאווי, צור, לאסקאָוו. אָנפירער פון פארשיידענע מעלוכע־אמטן זײַנען די גענעראלן רעמעס, זארעא, יאָפע. דער געוועזענער שעף פון דער קריגס־אויסשפירונג גענעראל הערצאָג איז שטענדיקער פאָרשטייער פון

ייִסראָעל אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס. „בעראָש פון קימאַט אַלע אוניווערסיטעטן, העכסטע לערן־אַנשטאַלטן און אויספאָרשונגס־צענטרען, — שרײַבט דער פּאָליטאָלאָג מ. בערנסאָן, — שטייען דעמיסיאָנירטע גענעראַלן אָדער עלטערע אָפיצערן. מיט די גרעסטע פינאַנץ־ אָדער אינדוסטריע־קאָמפּאַניעס פאַרוואַלטן גענעראַלן אין דעמיסיע: אַמיט און האָוויש פירן אָן מיטן קאָמבינאַט „הינער"; צור — מיט דער פינאַנץ־פירמע „קלאַל"; טאַלקאָווסקי איז אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער באַנק־גרופּע „דיסקאָונט"; צאַמיר פירט אָן מיט דער בוי־פירמע „סאָלעל באָנעך"; דער פאַרשטאָרבענער עלאַזאַר איז בעשײַטע אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אַוויִאַציע־קאָמפּאַניע „על־אַל"; דער אַדמיראַל לימאָן איז אַ פאָרשטייער פון ע. ראָטשילדס גרופּע אין ייִסראָעל אאַוו.".

און דאָך פּרוּווט דער אַווטאָר פונעם רעצענזירטן בוך, טראָץ די פאַקטן, פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז אין ייִסראָעל גייט קלוימערשט אַ פּראָצעס פון באַזײַטיקן די מיליטער־טוער און פאַרבײַטן זיי מיט ציווילע. ער באַהויפּט, אַז עס קומען קלוימערשט פאָר ענדערונגען, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז עס האָבן „אָנגעהויבן פּרעוואַלירן די פּאָליטישע ציווילע מאַכט־אָרגאַנען און סטרוקטורן" (ז. IX). אינדערעמעסן אָבער, אויב מ׳זאָל זיך ניט אָפּשטעלן אויף אייניקע פּערסאָנעלע ענדערונגען, ווערט דער רעאַלער אײַנפלוס פון די מיליטערלײַט, פון די מיליטאַריסטישע קרײַזן ניט קלענער, נאָר, פאַרקערט, ער וואַקסט אויך ווײַטער.

די אומשטענדן פונעם מילכאָמע־אויסברוך אין 1967 זײַנען אויך אין בוך פאַרקריפּלט. אינעם קאַפּיטל „די זעקסטאָגיקע מילכאָמע" כאַזערט פּערלמוטער איבער די אויסגעדראָשענע ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די דאָזיקע מילכאָמע איז קלוימערשט אָנגעבונדן געוואָרן ייִסראָעל. עס זאָגט אָבער פּיל פּערלמוטערס אַנערקענונג, אַז ערעוו דער מילכאָמע איז דער פּאָליטישער קורס פון טעל־אָוויוו באַשטימט געוואָרן „דורך דער מיליטערישער אָנפירונג און פּאָליטישער עליטע" (ז. 42).

דעם אַווטאָרס טעזיס, אַז דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמען די „ציווילע סטרוקטורן", ווערט אָפּגעלייקנט דורך דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס ווערט געגעבן אינעם בוך דער פּאָליטישער ראָליע פונעם אָפיצערישן קאָרפּוס פון די באַוואָפנטע קרעפטן אין ייִסראָעל. ער שרײַבט אַליין, אַז אינמיטן די 60־ער יאָרן איז אויפגעקומען אַ „נײַער דאָר" אָפיצערן, וועלכע פירן אָן אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקײַט.

באַם גאַנצן פאַרלאַנג פונעם אַווטאָר צו פאַרמאַסקירן דעם טאָך פון דער פראַגע מיט פּסעוודאָווויסנשאַפטלעכע „סטרוקטוראַליסטישע" איבונגען, איז ער אָפּט געצוווּנגען צו ברענגען פאַקטן, וועלכע באַווײַזן דיווירקלעכע ראָליע, וואָס די מיליטערישע קליקע שפּילט אינעם אויסאַרבעטן און פאַרווירקלעכן דעם אַגרעסיוון קורס, אינעם מיליטאַריזירן דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן פון לאַנד. אָט דער פאַקטישער מאַטעריאַל באַווײַזט, קעגן דעם אַווטאָרס ווילן, די מעמשאָלע פונעם קריגס־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס און זײַן ווירקלעכע ראָליע אין ייִסראָעל.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

טרײַהײַט דער פּאַן

דער דאָזיקער מענטש געהערט צום ערשטן דאָר אויסלענדישע פרײַנט פונעם סאָוועטנלאַנד, צו די געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן באַגריסט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַלס די האָפענונג פון דער מענטשהײַט, און די דאָזיקע איבערצײַגונג האָבן זיי דורכגעטראָגן דורך אַלע שטורעמס און ניסיוינעס, אומדערמידלעך דערציִענדיק אין די הערצער פון אַלץ נײַע און נײַע דורות פון זייערע לאַנדסלײַט דאָס געפיל פון פרײַנטשאַפט צום היימלאַנד פונעם סאָציִאַליזם.

מיט ענדריו ראָטשטייינען איז מיר באַשערט געווען צו באַקאַנען זיך אינעם הויז A 37 אויף דער לאָנדאָנער גאַס קלערקענוועל גרין, אין יענעם ענגן צימערל מיט אַ קרומען דאַך־באַלקן, ווו דער פאָטער פון אָט דעם מענטשן האָט אינעם אָנהייב פונעם יאָרהונדערט געהאָלפן לענינען גרייטן דעם אַרויסלאָז פון דער צײַטונג „איסקראַ".

אַן אַלטמאָדיש צווייִשטאָקיק הויז, ווו אינעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון דעם גרינדער פון דער סאָוועטן־מעלוכע איז געעפנט געוואָרן אַ לענינישער מעמאָריאַל־טאָוול, און די אויסלענדישע געסט קומען אַהער, ווי אין אַ מוזיי. אין דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָס דאָזיקע הויז ברייט באַקאַנט אויך ווי אַ ביבליאָטעק פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אַ גרויסע ראָליע אינעם שאַפן די ביבליאָטעק און אין איר פרוכטבאַרער טעטיקײַט (טראָץ די אָן אַ שיר שוועריקײַטן) האָט געשפּילט ענדריו ראָטשטיין.

אַקוראַט מיט 50 יאָר צוריק, ווען די וועלט פונעם קאַפּיטאַליזם איז אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אינעם טהאָם פונעם קריזיס פון 1929, האָבן די בריטישע אַרבעטער ניט געקאָנט אָפּרײַסן זיך פון דער בראָשור „דער טריומף פונעם סאָציִאַליזם אין רוסלאַנד. אַ דערציילונג וועגן דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן פון דער סאָציִאַליסטישער בויונג אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד". דער אויטאָר פון דער בראָשור — אין יענער צײַט איינער פון די ייִנגסטע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון גרויסבריטאַניע (אַ דעלעגאַט פון איר גרינדונגס־צוזאַמענפאָר) — ענדריו ראָטשטיין האָט דורכגעמאַכט אַ דרײַכאָדאָשימדיקע רײַזע איבער די ייִשובים פון די סאָוועטישע באַרג־אַרבעטער, און דאָס האָט אים באַגײַסטערט צו נעמען זיך פאַר דער פּען.

— די צוויי קורצע ווערטער: „פינפיאָר" און „קריזיס" זײַנען געווען דעמלט פאַר די ענגלישע האָרעפּאַשניקעס אַ לעבעדיקער קאָנטראַסט צווישן די צוויי וועלטן: דער וועלט פון סאָציִאַליזם און דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם, — דערמאָנט זיך ענדריו ראָטשטיין. — ווען דו קוקסט זיך אום אויף די פינף פאַרגאַנגענע פון יענער צײַט יאָרצענדליקער און זעסט באַשײַמפּערלעך, ווי די פלוידערײַ וועגן דעם „גיכן קראַך פון די סאָוועטן" אָדער וועגן דער „סאָוועטישער געפאַר" איז ענלעך אויף די הײַנטצײַטיקע אויסטראַכטענישן אין דער פּרעסע און אין עפיר, טראַכסטו וועגן דעם, אַז די פאַרבלענדעניש, וואָס קומט פון סינע, געבוירט אַ געפערלעכע קורצזיכטיקײַט.

אין דער באַציִונג פון די בריטישע רעגירנדיקע קרײַזן צום פּראָצעס פון דער רעוואָלוציִאָנערער באַנײַונג פון דער וועלט איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער שטענדיקער שטריך: דאָס אַקשאָנעסדיקע ניט וועלן הערן דעם עמעס וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר, דער פאַרלאַנג צו גלייבן בלויז אין דעם, אין וואָס עס ווילט זיך גלייבן. טאַקע אָט די פּאָליטישע קורצזיכטיקײַט האָט געבראַכט צום קראַך פון דער אַנטי־סאָוועטישער אינטערווענץ, — באַמערקט ענדריו ראָטשטיין. — טאַקע די זעלבע קורצזיכטיקײַט שטערט איצט גרויסבריטאַניע צו פאַרייניקן זיך מיט די מאַגיסטראַל־טענדענצן פונעם הײַנטיקן צווישנפעלקערלעכן לעבן.

אַ קאָפּ גראָווע האָר, ניט לויט דער עלטער יונגע אויגן. פאַר די יאָרן אַרבעט אין לאָנדאָן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פּראַוודאַ" איז מיר אַ סאַך מאָל אויסגעקומען צו ווענדן זיך צו ענדריו ראָטשטייינען נאָך אַן אייצע און הילף. און באַגעגענענדיק זיך מיט אָט דעם אויסגעצייכנטן מענטשן, האָב איך יעדעס מאָל זיך געכידעשט, ווי אַקטיוו און גײַסטיק יונג ער איז, ווי ער קען פּינקטלעך אָפּשאַצן פאַרשיידענע געשעענישן אינעם אַרבעטער־לעבן.

די סאָוועטישע קאָמוניסטן ווייסן און שעצן ענדריו ראָטשטייינען אַלס אַ מענטשן, וועלכער איז מיט לײַב און לעבן טרײַ דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציִאָנאַליזם. אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן שענקט ער זײַן ענערגיע און דערפאַרונג דער קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש און מיטאַרבעט פון אונדזערע לענדער אַלס פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון ענגליש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט.

פאַראַיאָרן, ווען ע. ראָטשטיין איז אַלט געוואָרן 80 יאָר, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין נאָמען פון די סאָוועטישע קאָמוניסטן באַגריסט אים אַלס „אומדערמידלעכן קעמפער פאַר די לעבנס־אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס פון גרויסבריטאַניע און פונעם גאַנצן אַרבעטס־פאָלק פונעם לאַנד, אַלס קאָנסעקווענטן מאַרקסיסט־לענינעץ, וואָס שענקט אַלע זײַנע קויכעס און קענטענישן דער פאַרשפּרייטונג פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, אַלס טרײַען פרײַנט פונעם סאָוועטישן פאָלק, אַלס מענטשן, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסן צושטײַער אינעם אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן די פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון גרויסבריטאַניע און פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד".

וועגן דעם לעבן פון ענדריו ראָטשטייינען קאָן מען אָנשרײַבן אַ פאַרכאַפּנדיק בוך. אַזאַ בוך וואָלט באַוויזן די קראַפט פון דער באַוועגונג פון סאָלידאַריטעט מיטן אָקטיאַבער־היימלאַנד, פון דער באַוועגונג, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן שפּור אינעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון בריטאַניע, מיטגעהאָלפן דער קאָנסאָלידאַציע פון די לינקע קרעפטן און באַזונדערס דעם געבורט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

וו. אָווטשיניקאָוו („פּראַוודאַ")

צווישן די פּרעכטיקע אופּ־טוען, מיט וועלכע עס שטאָל־צירט מיט רעכט דאָס סאָוו־עטישע פּאָלק, פאַרנעמט אָן אַנ־געזען אָרט די הערויִשע צעלינא־עפּאָפּיי. האָבן די אַרבעטנדיקע פון אונדזער לאַנד אָפּגעמערקט אַ פערטל יאָרהונדערט, זינט עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס באַהערשן די צעלינא.



די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע האָט ניט צו זיך קיין גלײַכן אין דער וועלט־פּראַקטיק לויט אירע מאַסשטאַבן, איז געגאַנ־גען אַף די אומענדלעכע ראַכ־וועסן פון קאַזאַכסטאַן, סיביר, אוראַל, אינעם וואָלגע־ראַיאָן און אין אַנדערע לאַנד־געביטן. פאַר אַ קורצן טערמין זײַ־נען אופגעהויבן געוואָרן באַ 42 מיליאָן העקטאַר אַקער־ערד, פון זיי 25 מיליאָן העק־טאַר אין קאַזאַכסטאַן. עס זײַ־נען אויסגעוואַקסן טויזנטער נײַע ווירטשאַפטן, ס'האָבן אָנ־געהויבן פונקציאָנירן אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען, וויסנשאַפטלעך ־ פאָרשערישע צענטערן, הויכשולן.

הונדערטער טויזנטער זין און טעכטער פון אונדזער היימלאַנד זײַנען פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן געקומען אין די אוראַלטע סטעפּעס, קעדיי צו פאַרוואַנדלען זיי אין פּרוכטבאַרע פעלדער, בלײַענדיקע סעדער.

די צעלינא איז געוואָרן א זיכערער פּראָדוצירער פון ברויט אַפן מיזרעך פונעם לאַנד. דאָס האָט געשאַפן באַדינגונגען צו באַקומען אין מאַסשטאַב פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד גאַראַנטירטע גערעטענישן. „הייבט זיך אוף אף אַן אַעראָפּלאַן איבער די סטעפּ־ראַכוועסן, — שרײַבט אינעם בוך „צעלינא" ל. אי. ברעזשנעוו. — איר וועט דערזען ניט בלויז טוווע־פעלדער, נאָר אויך סטעזשקעס אַספּאַלטירטע וועגן, ייִשוּווים, אײַזנבאַן־וועגן, ליניעס פון עלעקטראָ־טראַנסליאַציעס, קאָרפּוסן פון עלעוואַטאָרן, גרויסע זאַוואָדן, פאַבריקן, שטעט. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן צום לעבן אינעם געוועזענעם קאַנט פון קאָוויל־גראָזן די מעכטיקע צעלינא־טוווע".

אין די יאָרן 1974—1978 האָבן די הויפּט־ראַיאָנען פון דער אופגעאַקערטער צעלינא געגעבן דורכשניטלעך 67,9 מיליאָן טאָן טוווע א יאָר. איצט גיט די צעלינא מער פון א דריטלטײלעך ברויט, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט אין לאַנד. פאַר א פערטל יאָרהונדערט האָבן די ערדאַרבעטער־צעליניקעס אַראָפּגענומען פון די פעלדער קימאַט 1,5 מיליאַרד טאָן טוווע.

ס'איז אופגעקומען א נײַער מענטש — דער צעליניק, וועלכער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם רומפולן דאָר מײַסטערס פון פעלדער און פערמעס.

פעטער, מע קען אײַך...

דער רענעגאַט פ. נאָוויק און זײַנע לײַט, וואָס אָרודעווען אין דער רעדאַקציע פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט", האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביז סיסטעמאַטישע אַנטיסאָוועטישע פאַלסיפיקאַציעס. לעצטנס האָט זיי צוגעדינט א צופאַל, וואָס טרעפט אין יעדער פּעריאָדישער אויסגאַבע — אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אין יאַנוואַר — מאַרט ד. י. צוגעשטעלט געוואָרן די לייענער אין פּשא מיט א היפּשער פאַרשפּעטיקונג. נאָוויק איז אַרויסגעקומען, אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען „א. רעפּאָרטער", מיט א סענסאַציאָנעלן מײַמער אין סטיל פון דער בולוואַר־פּרעסע: די דרײַ נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען, הייסט עס, ספּעציעל פאַרהאַלטן געוואָרן מיצאַד דער רעדאַקציע, וועלכע האָט ניט געוואָלט, זיי זאָלן אָנקומען קיין אַמעריקע אין דער צײַט, ווען דאָרט געפינט זיך צוגאַסט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל. פאַרוואָס? ווײַל אין נומ. 2 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר זײַנען פאַרעפנטלעכט בריוו אין רעדאַקציע פונעם ווירקלעכן מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר מ. קאַראַסטאָווצעוו און פון דעם גוואַרדיע־פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע ג. יעליסאַוועטסקי, אין וועלכע די איצטיקע אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" ווערן געכאַפּט בא דער האַנט בײַס זיי פאַרנעמען זיך מיט שמוציקע אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס. די דאָזיקע פּובליקאַציעס אינעם זשורנאַל — שטעלט אײַך פאָר! — האָבן, לויט נאָוויקס מוטנער לאָגיק, געשאַפן פאַרן גאַסט, וואָס איז געקומען פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין אַמעריקע, די טראַגישסטע פּראָבלעם: „דעם 28־טן איז ער אָפּגעטראָטן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אויסגאַבע „דזשויש אַפערס" אין ניו־יאָרק, דערנאָך אין לאָס־אַנדזשעלעס, טשיקאַגאָ, מאַיאַמי — און איז גאָר גיך, אינמיטן פעברואַר, אָפּגעפאָרן צוריק אַהיים... ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער אײַלעניש (? — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד") אָפּצופאָרן צוריק קיין מאָסקווע איז געלעגן א וויכטיקע סיבה. שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר א קאָנפוזיע עס וואָלט זיך באַקומען, ווען דער פעברואַר־נומער „ס. ה." פאַלט אַרײַן אין אַמעריקע טאַקע אין פעברואַר!"

קיין שמעק הומאָר ניט פאַרבליבן בא נאָוויקן...

ווײַטער שרײַבט ער:

„עס איז בעפּיירעש נייטיק געווען פאַרן רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אַז דער נומער 2 זאָל פאַרשפּעטיקן. און וואָס איז מיקויעך דעם נומ. 1? פאַרמאָגט ער דען ניט אַן אַנטי־ציִעניסטישן און אַנטי־בונדיסטישן אַרטיקל פון דעם „עקספּערט" ל. דאַדיאַני, באַגלייט מיט פופצן (15) בילדער, ווי מע פּײַניקט אַראַבער אין ייִסראַעל, מע שלאָגט דערוואַקסענע אַראַבער, מע הערט ניט אויף צו מײַמעסן אַראַבישע פרויען און קינדער? און וואָס איז מיקויעך דעם נומ. 3, וועלכער האָט צוויי זײַטן וועגן איינשטיינען, און עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט איינשטיינס באַציִונג צו ייִסראַעל?"

מע וואָלט געקאָנט אָפּקומען מיט א שמייכל: באַם נײַנציקיאָריקן עלטער טרעפט מיט א מענטשן, אַז ער טוט אָן אָף זיך א קאָלפּעק פון א באַוווּסטן פּערסאָנאַזש — דאָס מאָל פון א שערלאָק כאָלמס באַם ציִעניזם... די זאַך ווערט אָבער ערנסטער, ווען די „מאָרגן־פרײַהײַט" מיט אָט אַזעלכע אייוועראָבאָטלדיקע פּרעטענזיעס צום סאָוועטישן ייִדישן ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאַל קומט אָן צום לייענער, וועלכער גלייבט נאָך אַלץ, אַז צום שענדלעכן מעשוגאַס פון די נאָוויקס און סולערס וועט ווען־עס־איז קומען א סאָף...

מיר האָבן שוין ניט איין מאָל געשריבן, אַז מיר גלייבן אין די געזונטע קויכעס פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין אַמעריקע, וועלכע וועלן לאַנג ניט דולדן די נאָוויק־קליקע. ס'איז נייטיק, אַז יעדע פּראָוואָקאַציע זאָל ווערן דעמאַסקירט. וואָס איז שײַעך דער אויבנדערמאָנטער בולוואַר־סענסאַציע מיטן בעקיוונדיקן פאַרהאַלטן מיצאַד דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דרײַ נומערן פונעם זשורנאַל, — וועלן מיר דאָ מיט דער גאַנצער אָפּנהערציקײַט אַרויסטראָגן אין דער

עפנטלעכקייט א געשעפטלעכן בריוו־אויסטויש, וועלכער איז בא נאָרמאַלע באַדינגונגען אָנגעהעריק בלויז צום אינערלעכן לעבן פון דער רעדאַקציע.

אדעראבע, זאָלן די לייענער אין אמעריקע זיך באַקאַנען מיט אָט די צוויי דאָקומענטן.

СОВЕТСКАЯ РОДИНА | סאָוועטיש היימלאַנד

ОРГАН СОЮЗА ПИСАТЕЛЕЙ СССР
МОСКВА, ЦЕНТР, УЛ. ШИРОВА, 17

ГЛАВНЫЙ РЕДАКТОР 19 июня 1979 Год

И.О.ГЕНЕРАЛЬНОГО ДИРЕКТОРА В/О "МЕЖДУНАРОДНАЯ КНИГА"
тов. Н.Е.ГОРДЕЕВУ

Уважаемый Николай Емельянович!

Редакция журнала "Советиш геймланд" получила из США письма читателей, в которых сообщается о несвоевременной доставке январьского, февральского и мартовского номеров журнала.

Зная, с какой чёткостью В/О "Международная книга" всегда обеспечивает доставку журнала "Советиш геймланд" в зарубежные страны, мы уверены, что Вами уже приняты соответствующие меры и что мы сможем сообщить читателям об этом.

С уважением

Главный редактор журнала
"Советиш геймланд"
(А.Вергелис)

ВСЕСОЮЗНОЕ ОБЪЕДИНЕНИЕ
МЕЖДУНАРОДНАЯ КНИГА

Основано в 1923 г.

Москва, Г-200, 121200. Телеграфный адрес: Межкнига—Москва. Телефон: 244-10-22

25 июня 1979г. № 308-3
на №

ГЛАВНОМУ РЕДАКТОРУ ЖУРНАЛА
"СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД"
тов. ВЕРГЕЛИСУ А.А.

Уважаемый Арон Алтерович!

В ответ на Ваш запрос от 19 июня 1979г. сообщаем, что первые три номера журнала "СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД" за 1979г., к сожалению, были отправлены подписчикам США наземной почтой вместо авиа, как требовал установленный порядок.

Ошибка произошла по вине поставщика Объединения "СОЮЗПЕЧАТЬ" о чем была в марте месяце информирована фирма "ФОР КОНТИНЕНТ", принимающая подписку на Ваш журнал в США.

Начиная с апрельского номера журнал снова отправляется американским читателям воздушным путем без дополнительной платы за авиадоставку.

Мы будем Вам благодарны, если сочтете возможным передать наши извинения читателям "СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД" в США.

С уважением

И.О. Генерального директора
В/О "Международная книга"
Н. Гордеев

מיר ברענגען די איבערזעצונג אף ייִדיש פון די צוויי בריוו:

„דעם פ. א. פונעם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער אַלפאַרבאַנדישער פאַריייניקונג „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ“

כאַוו. נ. יע. גאַרדייעוון

כאַשעווער ניקאָלײַ יעמעליאַנאָוויטש!

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט באַקומען פון פשא בריוו פון לייענער, אין וועלכע עס ווערט מיטגעטיילט וועגן דעם, אַז די זשורנאַל־נומערן פאַר יאַנואַר, פעברואַר און מאַרט זײַנען צו זיי אָנגעקומען ניט צו דער צײַט.

וויסנדיק, מיט וואָס פאַר א פּינקטלעכקייט די אַלפאַרבאַנדישע פאַריייניקונג „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ“ באַוואָרנט שטענדיק דאָס צושיקן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ קיין אויסלאַנד, זײַנען מיר זיכער, אַז איר האָט שוין אָנגענומען די געהעריקע מיטלען און מיר וועלן קענען מיטיילן וועגן דעם די לייענער.

מיט אַפּשיי

הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“

א. ווערגעליס

„דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“

כאַוו. ווערגעליס א. א.

כאַשעווער אַראָן אַלטעראָוויטש!

ענטפערנדיק אף אײַער אָנפראַגע פונעם 19 יוני 1979, טיילן מיר מיט, אַז די ערשטע דרײַ נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן 1979 זײַנען, צום באַדויערן, צוגעשיקט געוואָרן די אַבאָנענטן פון פשא מיט דער יאַבאַשע־ און יאַם־פּאָטשט אַנשטאָט אַוויאַ, ווי עס פאָדערט די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג.

דער פעלער האָט זיך באַקומען איבער דער שולד פונעם באַשטעלער — דער פאַריייניקונג „סאָיוזפּעטשאַט“, וועגן וואָס עס איז אין מאַרט כוידעש אינפאָרמירט געוואָרן די פירמע „פאָר קאָנטינענט“, וועלכע נעמט אָן די אַבאָנירונג אף אײַער זשורנאַל אין פשא.

אָנהייבנדיק פונעם אַפּרעל־נומער, ווערט דער זשורנאַל ווידער אָפּגעשיקט די אַמעריקאַנער לייענער מיט דער לופט־פּאָטשט אָן א צוגאָבלעכן אָפּצאָל פאַר איבערשיקן דורך אַוויאַ.

מיר וועלן אײַך זײַן דאַנקבאַר, אויב איר וועט געפינען פאַר מעגלעך איבערצוגעבן אונדזערע אַנטשולדיקונגען די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין פשא.

מיט אַפּשיי

פ.א. פונעם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער אַלפאַרבאַנדישער פאַריייניקונג „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ“

נ. גאַרדייעוו“

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפרייטער פון סאָוועטיש היימלאַנד

ווער לייענט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“? אף דער דאָזיקער פראַגע קאָנען מיר ענטפערן: מענטשן פון פאַרשיי־דענעם עלטער — יונגעלײַט, זקיינים, קינדער. מיר פאַרעפנטלעכן הײַנט עט־לעכע בריוו, וואָס באַשטעטיקן עס.

א זעלטענער אינטערוויו

דער ראָסטאָווער טוישעוו יאַנקעוו פּרילוצקי איז געוואָרן א בען מייע. זײַן פרוי ווערע ווענִיאַמינאָוו־נא איז אַלט נײַנציק יאָר. ביידע לייענען זיי „סאָ־וועטיש היימלאַנד“ אין משך פון אַלע יאָרן, וואָס ער דערשײַנט.

א שטאַלטנער און רירעוודיקער, מיט פרײלעכע לעבעדיקע אויגן, האָט יאַנקעוו פּרילוצקי מיך באַ־געגנט מיט א האַרציקן שאָלעם־אַלייכעם. זײַן דאַרע האַנט, נאָך אַלץ מיט סימאָנים פון מאָזאָליעס, האָט געצײַגט, אַז די שלאָסער־פּראָפעסיע איז ביכלאַל ניט קיין לײַכטע.

— ביז הונדערט און צוואַנציק, רעב יאַנקעוו!

— גאָם אַטעם, כ'האָב ניט קעגן, — זאָגט דער יובילִיאַר און גיט צו: — איך געדענק, אַז אין טויזנט נײַן הונדערט ערשטן יאָר, ווען איך האָב זיך גע־שטעלט צום פּריזיוו, האָבן אַלע דאָקטוירים אין איין קאָל געמאָלדן, אַז דערווײַל טויג איך נאָך, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט ניט, ווײַל איך בין א שמאָלברוסטי־קער. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעכאַזערט אין טויזנט נײַן הונדערט צווייטן יאָר. דעם טאַטן מײַ־נעם האָט מען געזאָגט פּראָסט: „אָן או וואָס ניע זשילעץ“, דאָס הייסט, אַז איך טויג אף קאַפּאָרעס. זעט איר דאָך: איך לעב אַדההײַעם. הײַנט גיי זײַ א כאָכעם און טרעף, וועמענס מאָרגן ס'איז. ווי׳אַזוי האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אָפּנאַרן דעם מאַלעכהאַ־מאָוועס? ריישיס, האָט דאָס לעבן מיך ניט געבאַלעַ־וועט און ניט געשאָנעוועט. אַלע יאָרן בין איך גע־ווען א שלאָסער. בלויז צו זיבעציק בין איך אַוועק אף פּענסיע. דאָס איז, ווײַזט אויס, דאָס גלאַוונע. געלעבט האָב איך באַשיידן און ניט איבערגעכאַפּט די מאָס אין עסן. שמייכלט ניט. דאָס איז זייער וואַזשנע. מײַן לעבן באַשטעטיקט עס.

— רעב יאַנקעוו, וואָס ווינטשט איר דעם זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“?

— ער זאָל האָבן א סאַך לייענער. ער זאָל ניט ווערן ערגער און זאָל אונדז אַזוי ווי ביז איצט פאַר־שאַפן פאַרגעניגן. זאָל זײַן פרידן אף דער ערד.

דעם אינטערוויו האָט אָפּגענומען הערשל באַראַז (ראָסטאָוו)



וועגן זיך און וועגן מײַנע כאַווײרים

דרײַ יאָר פון מײַנע דרײַ און צוואַנציק פרייט מיך שוין דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“. זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, די שאַרפע פּובלי־ציסטישע אַרויסטרעטונגען, די פילצאָליקע רובריקעס און מיטיילונגען פאַרשאַפן מיר פיל פאַרגעניגן, באַ־רײַכערן מיך. דער זשורנאַל העלפט מיר אויספורע־מען מײַן וועלט־אָנשויונג, ווערן א בויער פון דער קאָמוניסטישער צוקונפט.

הײַנטיקס יאָר האָב איך פאַרענדיקט דעם פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט, פאַרטיידיקט מיט דערפאָלג א דיפּלאָם־אַרבעט וועגן די מעכאַנישע אייגנשאַפטן פון פּאָלימערן. איך גיי אַרײַן אין דער גרויסער אַרבעטס־וועלט, א גרייטער אָפּצוגעבן אַלע מײַנע קויכעס אונדזער פאָטערלאַנד, און איך האָף, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועט מיך באַגלייטן אין משך פון מײַן גאַנצן לעבן.

באַ אונדז אין לענינגראַד בין איך ניט דער איינ־ציקער לייענער פונעם זשורנאַל. איך קאָן אָנרופן א סאַך מענטשן, וועלכע אַבאָנירן זיך אף אים, און ניט נאָר עלטערע, אַזעלכע ווי די זיבעציקיאָריקע מ. לעווין, ד. נודעלמאַן, מ. גרינשטיין, ג. גאַפּאָנענ־קאָ. צווישן די לייענער זײַנען פאַראַן ניט ווייניק יונגעלײַט. איך פאַרזענלעך ווייס, אַז „סאָוועטיש

הײמלאַנד" האָט פֿאַרינטערעסירט צװײ נײַנצניאָריקע מײדלעך — ג. פֿילדעס און ס. גורעװיטש, זײ האָבן זיך אבאָנירט אַפן זשורנאַל. דאָס גאַנצע 1979 באַקומען „סאָװעטיש הײמלאַנד" מ. ראַגאָװסקע, װעלכע איז אַלט 21 יאָר, אי. מאַלינסקע — 23 יאָר, ס. טשודנאָװסקי — 24.

מע האָט געדאַרפֿט זען, װאָס פֿאַר אַ סימכע ס'איז געװען בא דער באַגײַסטערטער גאַלינע פֿילדעס, װען זי האָט צום ערשטן מאָל איבערגעלײענט זעלבשטענדיק אַף ייִדיש „שאָלעם־אַלײכעם", און דערנאָך, האַגאַם פֿאַמעלעך, מיט האַפּסאָקעס, אָבער אַ גאַנץ זײַטל נאָכאַנאַנד אינעם זשורנאַל.

פֿונדעסטװעגן קלער איך, אַז מע דאַרף ברײטער רעקלאַמירן אונדזער זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד". װען מע זאָל דאָס טאָן מיט מער ברען, װאָלט זיך די צאָל לײענער אַף אַ סאַך פֿאַרגרעסערט. איך בין איבערצײַגט אין דעם.

אַ דאַנק אײַך, װאָס איר האָט באַפֿרידיקט די באַקאָשע פֿון אַ גרופּע מײַנע לענינגראַדער כאַװײרים און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ. ריבאַקאָװס ראָמאַן „שװערער זאַמד".

אַלע מײַנע כאַװײרים, באַשטענדיקע לײענער, װעלן אומבאַדינגט אױסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד" אױך אַפן 1980 יאָר.

מוישע דײַטש, לענינגראַד

איך לערן זיך אין זעקסטן קלאַס

גוט מאָרגן, געטרײַע רעדאַקציע!

איך לערן זיך אין זעקסטן קלאַס אין אַ רוסישער שול. מיר, אין דער הײם, באַקומען דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד".

בא אונדז אין דער פֿאַמיליע לײענט און שרײַבט גוט די באָבע. זי האָט מיך אױסגעלערנט שרײַבן און לײענען ייִדיש. דערװײַל איז מיר שװער צו מאַכן די פֿראַזע.

דאָס בריװל שרײַב איך אַלײן, נאָר עס דיקטעװעט מיר די באָבע.

איך בעט אײַך זײער, גיט מיר אַן ענטפֿער אַפן בריװ.

אַלדאָס גוטס אײַך!

זײַט געזונט!

אײַער לײענער פֿונעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד".

שײנקמאַן סעניאַ, האָמעל

העמשעך

(הומאָרעסקע)

װען דער זײדע מאָיסײ אַרקאַדיעװיטש פּאָקערמאַן האָט אָנגעהױבן לײענען דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד", איז נאָך זײַן אײניקל עלעקל אַף דער װעלט ניט געװען.

אין אײנעם אַ מײַ־פֿרימאָרגן איז מאָיסײ אַרקאַדיעװיטש געשטאַנען אַפן פּעראָן פֿונעם יאַראָסלאַװער װאָקזאַל אין מאָסקװע, געװאַרט אַפן צוג. לעבן זײַנע פֿיס איז געלעגן אַן איבערגעבונדן קעסטל מיט מאַראַנצן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אַפן זײגער. סע איז נאָך געבליבן װאַרטן אַ היפּש ביסל צײַט, האָט ער צעעפֿנט אַ פֿרישן נומער „סאָװעטיש הײמלאַנד".



צו פּאָקערמאַנען איז צוגעגאַנגען אַ מאַנצבל אין די זעלבע יאָרן. ער האָט אױך געהאַט בא זיך אַן איבערגעבונדן פּעקל.

— איר לײענט אַ ייִדישן זשורנאַל? — האָט ער אַרײַנגעקוקט אין „סאָװעטיש הײמלאַנד". — דאָס נעמט איר אים מיט זיך אין װעג אַרײַן?

— נײן, איך פֿאָר ניט.

— איך פֿאָר אױך ניט, — האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אָפּגערופֿן. — איך דאַרף נאָר איבערגעבן מיטן קאָנדוקטאָר אַ פּעקל לימענעס דער טאָכטער קײן כאַבאַראָװסק.

— קײן כאַבאַראָװסק? בא מיר איז דאָרט אַ זון, שיק איך אים אױך מאַראַנצן מיטן פּראָװאָדניק.

— אױב אַזױ, — דער אומבאַקאַנטער האָט אױסגעשטרעקט זײַן האַנט צו פּאָקערמאַנען, — איז נאָט אײַך מײַן ברײטן שאָלעם־אַלײכעם! מיך רופֿט מען באָריס סאָלאָמאָנאָװיטש שענקמאַן.

פּאָקערמאַן איז אַ בױ־אינזשעניער. די פֿרױ זײַנע אַנע איסאַקאָװנאַ — אַ קינדער־דאָקטאָר. פֿאַראַן בא זײ צװײ זין. אײנער, אַן אינזשעניער־אַװיאַטאָר, אַרבעט אין כאַבאַראָװסק. דער צװײטער פֿאַרענדיקט דעם בױ־אינסטיטוט. בײדע נאָך ניט קײן כאַסענע געהאַטע.

שענקמאַן אַרבעט אין אַ שוך־פֿאַבריק. זײַן פֿרױ אַנע נאַטאַנאָװנאַ איז אַ דאַמסקע צושנײַדערן אין אַן אַטעליע. פֿאַראַן בא זײ אײן טאָכטער. זי האָט פֿאַרענדיקט אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אַרבעט אין כאַבאַראָװסק — נאָך אַ מײדל.

װען דער צוג איז צוגעפֿאָרן צום װאָקזאַל, האָבן די טאַטעס דערלאַנגט זײערע פּעקלעך דעם װאַגאָן־קאָנדוקטאָר און געבעטן, ער זאָל זײ איבערגעבן אין כאַבאַראָװסק די צװײ יונגע מענטשן.

פֿון װאָקזאַל זײַנען שױן די עלטערן געגאַנגען צוזאַמען, און יעדערער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, װי אַזױ עס װעלן זיך באַגעגענען די קינדער באַם צוג אין כאַבאַראָװסק. דאָ אין מאָסקװע, לעבן יאַראָסלאַװער װאָקזאַל, איז מען געפֿעלן געװאָרן אײנער דעם צװײטן. מע האָט שױן אַפֿילע געקלערט װעגן מעכוטאָנעשאַפֿט.

— אין מאלאכאָווקע האָב איך א דאטשע פון פיר צימערן. באַלעבאטעווע סײַ זומער, סײַ ווינטער, — האָט פּאָקערמאַן זיך ארויסגערעדט מיט א געפיל פון האָפענונג, אז זײַן זון וועט געפעלן ווערן שענקמאנס טאָכטער.

— אין מאָסקווע, אין סאמע צענטער האָב איך א צוויי־צימערדיקע קווארטיר, אין די קייסערצײַטן האָט דאָרט געוווינט א גוויר, א סויכער פון דער גילדיע. אָרט וועט קלעקן פאר געלעגערס, אפילע ווען ס׳וועט אלע יאָרן זיך קינדלען, — האָט קונדייסיש א מאך געטאָן שענקמאן.

— גיט מיר דעם זשורנאל, — האָט שענקמאן זיך געווענדט צו פּאָקערמאנען, — איך וועל אים באווײַזן מײַן פרוי, כאנען, זאָל זי אויך א קוק טאָן אף אונדזער „שאדכן”. איך מיין מיט דעם זאָגן, אז אויב כ׳וועל עפּעס נעמען בא אײַך, וועל איך דארפן עס אומקערן, און אָט אזוי־אָ הייבט מען אָן זיך באגעגענען.

פּאָקערמאן האָט אָנגעקנייטשט זײַן נאָז...

— איר פארשטייט, בא מיר איז אזא טעווע: כאַפּ איך נאָר ארײַן דעם „סאָוועטיש היימלאנד” אין מײַנע הענט, לאָז איך אים ניט ארויס, ביז איך דערקלײַב זיך ניט צום סאָף. און מײַן פרוי קאָן זיך שוין ניט דערווארטן, איך זאָל איר עפּעס דורכלייענען...

— עפּשער איז דער זשורנאל אונדזער מאזלדיקער שטערן?!

— איר ווייסט וואָס? קומט צו פאָרן מיט אײַער כאנען קיין מאלאכאָווקע, און פארכאַפּט טאקע מיט זיך א בילד פון אײַער טאָכטער.

איז ווי זאָגט מען: „די צײַט גייט זיך, און די ערד דרייט זיך”.

אין אכט טעג ארום האָבן די טאטע־מאמעס באַקומען בריוועלעך פון זייערע קינדער מיט אלצייגע ווערטער: „מיר פאָרן אין אורלויב”...

ווען דאָס אייניקל עלעקל איז אלט געוואָרן דרײַ יאָר, האָט ער געפרעגט באם זיידן:

— דו לייענסט פאר דער באָבען? און זי הערט?

איינמאָל האָט איינע פון די צוויי באָבעס, כאנע, געזאָגט עלעקלען:

— הער זיך צו, סע איז שוין שווער דעם זיידן צו לייענען פאר דער באָבען, אפילע אין ברילן. עפּשער וועסטו זיך אויסלערנען אים צו פארבײַטן.

די באָבע כאנע האָט פארן זשורנאל אופגעבייט א זײַדן זעקעלע.

איצט, ווען דער צוועלפיאָריקער עלעקל לייענט איר דעם „סאָוועטיש היימלאנד”, דערמאָנט עס איר די גליקלעכע צײַטן, בעשאס איר מאן מאָיסיי האָט נאָך געלעבט.

אלץ האָט זײַן העמשעך.

רוּווען פּאָסטילניקאָוו, מאלאכאָווקע

ט י ק ו ן ־ ט אָ ע ס

איבער א טעכנישן פעלער זײַנען אין דער רובריק „מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור” („סאָוועטיש היימלאנד”, נומער 8 פון 1979) ניט ריכטיק אָנגעוויזן די לעבנסדאטעס פון שלוימע מיכאָעלסן. עס דארף זײַן: 1890—1948.

וויצן פון שרײַבער

נאָך א בראָכע קומט די סודע

ווען מענדעלע מוכר־ספרים איז געווען אין ווילנע, איז ער אַרײַן אין א ביכער־קראָם און גענומען באקוקן אלטע ספרים־אנטיקן. דערזען דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט דער פארקויפער זיך אופגעשטעלט מיט גרויס דרעכערעץ און געמאכט א בראָכע. מענדעלע, וואָס איז געווען בעטעווע א באשיידענער מענטש, האָט געזאָגט צו זײַן באַגלייטער:

— גיכער, גיכער, לאָמיר פונדאנען אנטלויפן! דער ייִד האָט נאָרוואָס געמאכט א בראָכע, וועט ער מיך טייקעף אופעסן!

מאסקים

ווען ס'איז געשטאָרבן איינער א קלאל־טוער, האָט מארק טווען באמערקט:

— איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אָף דער לעווײַע, נאָר שריפטלעך האָב איך געלאָזט וויסן, אז כ'בין אײַנשטימיק מיט איר.

שפּאָרזאמקײַט

מע האָט געפרעגט דעם ייִדישן שרײַבער מייער דיק:

— ווי פאלט עס אײַן די ייִדן אין מידבאָר אינמיטנדערינען צו מאכן א גאָלדענעם קאלב?

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, — האָט געענטפערט דער שרײַבער, — זיי זאָלן מאכן א גאָלדענעם אָקס? ס'איז דאָך אָן אוויירע דאָס גאָלד!

גאנץ אײַנפאך

מע האָט געפרעגט בא בערנארד שאָו:

— וויאזוי שאפט איר אײַערע וויצן?

— גאנץ אײַנפאך, — האָט בערנארד שאָו געענטפערט, — איך זעץ זיך אוועק באם שרײַבטיש און הייב אָן לאכן, און דערנאָך באשרײַב איך, פון וואָס איך האָב געלאכט.

*

א גוטע אייצע

א יונגער דיכטער האָט פאָרגעלייענט זײַנע א ליד פאר העינריך היינע, האָט אים היינע געזאָגט:

— יונגערמאַן, אזא ליד וועט איר קאָנען שרײַבן, ווען איר וועט שוין זײַן בארימט. ביז דאן מוזט איר שרײַבן גוטע לידער.

א שאָד

וואָלטערס סאָנים האָבן אין פּאַריזש פארשפּרייט קלאנגען, אז ער איז ניט דער אווטאָר פון איינער פון זײַנע טראגעדיעס.

— איך וואָלט געווען דערפון זייער צופרידן, — האָט וואָלטער געזאָגט, ווען ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט.

— פארוואָס? — האָט אים געפרעגט זײַנער א פרײַנט.

— ווײַל מיר וואָלטן געהאט אכוץ וואָלטערן נאָך איין ערלעכן שרײַבער, — האָט וואָלטער געענטפערט.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

מאץ, דאָוויד (1902—?).

—פעדאגאָג, פובליציסט. געבוירן געוואָרן אין מינסק אין אן ארבעטער־מישפּאָכע. פארענדיקט א פעדאגאָגישן טעכניקום. זינט 1922 אקטיוו זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון דער ייִדישער קאָמיסאַרישער סעקציע אין ווײַסרוסלאַנד, געווען א לערער אין ייִדישע דערציִונגס־אנשטאלטן אין מינסק. א געוויסע צײַט געלעבט אויך אין מאָסקווע, כארקאָוו, קיִעוו. די ערשטע ווערק געדרוקט אין קיִעווער כוידעש־זשורנאל פאר קינדער „פרייד" (1922—1923), אין וועלכן ער איז געווען איינער פון די רעדאקטאָרן. צוזאמען מיט נ. ווײַנהויז רעדאגירט אין די יאָרן 1926—1927 די וועכנטלעכע צײַטונג „דער יונגער פּיִאָנער" (מינסק). אין די יאָרן 1931—1933 — א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם פעדאגאָגישן כוידעש־זשורנאל „ראַטנבילדונג" (כארקאָוו), ווי אויך רעדאקטאָר פון דער מינסקער צײַטונג „פּיִאָנער־וועקער" (1926—1928). געדרוקט ארטיקלען איבער דערציִונגס־פראגן אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אָקטיאבער" און אין די זשורנאלן „יונגוואלד", „פּיִאָנער", „שטערן", „אפן שפראכפראָנט", „די רויטע וועלט".

ווערק: דער יונגער ארבעטער, כרעסטאָמאטיע פאר דער 2־טער און 3־טער גרופּע פון אָונט־שולן, מינסק, 1927.

מארגאָלין, מיריאם (דאטעס אומבאוווסט)

— פעדאגאָג, דיכטערן, פראָזאִיקער. געבוירן אין מינסק. אין די יאָרן 1922—1924 געארבעט אין דער אָפּטיילונג פון פאָרשול־בילדונג אין דער ייִדישער סעקציע באם קאָמיסאריאט פון פאָלקס־בילדונג. שפּעטער געווען א לערערן אין מינסק, האָמעל און אנדערע שטעט פון ווײַסרוסלאנד. געדרוקט לידער, דערציילונגען און פעדאגאָגישע ארטיקלען אין דער מינסקער צײַטונג „אָקטיאבער" און אין אנדערע אויסגאבעס, ווי אויך איבערזעצונגען פון רוסיש, ווײַסרוסיש, אוקראִיניש.

ווערק: מײַסעלעך פאר קלייניקע קינדערלעך (שארבלאט און איליוסטראציעס פון י. ב. רײַבאק), פּעטראָגראד, 1922; „זײַ גרייט", ארבעט־בוך פארן 4־טן לערניאָר (צוזאמען מיט שלוימע־איטשע און יוסעף ראווין), מאָסקווע—כארקאָוו—מינסק, 1930 (אין דעם דאָזיקן לערנבוך אָנגעשריבן די אָפּטיילן „די פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד" און „אף די רישטעוואניעס פון סאָציִאליסטישער בויונג").

ביבליִאָגראפיע: מ. ל. (מ. ליטוואקאָוו), צײַטונג „דער עמעס", מאָסקווע, 12 מארט 1923.

מארגאָליס, יעדידע (1885—1949)

— פראָזאִיקער, דיכטער. געבוירן אינעם דאָרף פוסטיקי, לעבן וואָלקאָוויסק, גראָדנער געגנט. זעלבשטענדיק שטודירט שפראכן, פילאָסאָפיע, געשיכטע, ליטעראטור. די ליטעראַרישע טעטיקײַט אָנגעהויבן אין 1904 מיט קריטישע און פובליציסטישע ארטיקלען אין אווראָם רייזענס יאָרבוך „פראָגרעס". פון 1904 ביז 1908 געלעבט אין אמעריקע, ווו ער האָט געארבעט אין א שאפּ און איינצײַטיק פארעפנטלעכט סקיצן, לידער און ארטיקלען אין דאָוויד פינסקיס וואָכנשריפט „דער ארבעטער", ווי אויך אין די אויסגאבעס „דאָס פאָלק", „ייִדישער קעמפער", „די צוקונפט", אינעם זאמלבוך „טרוימען אוןווירקלעכקײַט". געווען איינער פון די רעדאקטאָרן פונעם זאמלבוך „יוגנט", א מיטגרינדער פונעם הומאָריסטישן זשורנאל „דער קיביצער". אין 1908 זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד, געוווינט אין ווארשע, זיך געדרוקט אין פארשיידענע ליטעראַרישע אויסגאבעס און ארויסגעגעבן די ערשטע זאמלונגען פון דערציילונגען, וואָס זייער הויפּט־טעמאַטיק איז געווען דאָס לעבן אין די קליינע שטעטלעך פון טכום. אין די יאָרן 1920 — 1922 געווען א מיטארבעטער אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאט פאר נאציִאָנאלע איניִאָנים אין מאָסקווע. שפּעטער געארבעט אין דער צײַטונג „דער עמעס". געדרוקט דערציילונגען אין פארשיידענע סאָוועטישע אויסגאבעס, דערונטער אין דער צײַטונג „אייניקײַט".

ווערק: דערציילונגען, ווארשע, 1909; „פון דער הײַנטיקער וועלט", ווארשע, 1912; „שיר האיאָכיד", דראמע אין דרײַ אקטן, ווארשע, 1913; ווײַטע שײַן, פראגמענטן און פערזן, מאָסקווע, 1922; מילכאָמע־צײַט, סקיץ, דאָרט, 1922; נײַ־טהילים, געזאנגען, דאָרט, 1922; אמכאָ, א פאָלקס־דראמע אין 3 אקטן, דאָרט, 1923; צווישן פראָנטן, דערציילונגען, מאָסקווע—כארקאָוו—מינסק, 1930; אין סמאָליארניע, דערציילונג, מאָסקווע, 1936; פויערים, דערציילונגען, דאָרט, 1939; סאָכרים, דערציילונג, דאָרט, 1941.

ביבליִאָגראפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 2; ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאטער, ב. 2; ליטוואקאָוו, אין אומרו, מאָסקווע, 1926, זז. 103 — 104; ש. ניגער, ליטעראַרישע בלעטער, ווארשע, 29 אפּרעל 1927; א. רייזען, עפּיזאָדן פון מײַן לעבן, ב. 2, ווילנע, 1929; י. בראָנשטיין, אטאקע, מאָסקווע — כארקאָוו — מינסק,

1930; ד. איגנאַטאָוו, די צוקונפט, ניו־יאָרק, דעקאבער 1944; ב. מארק, צײַטונג „פאָלקס־שטימע", ווארשע, נומ. 40, 1947; נ. מײַזיל, דאָס יִידישע שאפן און דער יִידישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד, ניו־יאָרק, 1959.

מארגוליס, אָשער
(1976—1891)

— היסטאָריקער, פובליציסט. געבוירן אין ראָוונע, אוקראַינע. געענדיקט דעם היסטאָרישן פאקולטעט פונעם קיִעווער אוניווערסיטעט. געוועזן פארוואלטער פון דער היסטאָרישער סעקציע פון דעם אינסטיטוט פון יִידישער קולטור בא דער אוקראַינישער וויסנשאפטאקאדעמיע. פארעפנטלעכט אין די פעריאָדישע אויסגאבעס פיל ארטיקלען איבער יִידישער געשיכטע, ווי אויך וועגן פראגן פון ליטעראטור און אטעיִזם. פארן בוך „יִידישע פאָלקסמאסן אין קאמף קעגן זייערע אונטערדריקער" אייגנט מען אים צו אין 1940 דעם טיטל קאנדידאט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן. אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן געוווינט אין ריאזאן, געארבעט אינעם דאָרטיקן פעדאגאָגישן אינסטיטוט און פאָרגעזעצט די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע טעטיקײַט. אָ. מארגוליס האָט צוזאמען מיט מ. ווינערן רעדאגירט י. אקסענפעלדס ווערק „דאָס שטערנטיכל" און „נאָך צוויי האָזן". אינעם אלמאנאך „סאָוועטיש", אין די זשורנאלן „פאָרפאָסט" און „סאָוועטישע ליטעראטור" פארעפנטלעכט די ארטיקלען „צו דער מענדעלע־פאָרשונג", „אָנטייל פון די יִידישע מאסן אין די הונגער־אומרוען אין 1891", „איציק סאמסאָנקין, דער עמעס־זוכער". אין „סאָוועטיש היימלאנד" אָפּגעדרוקט ארבעטן וועגן שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און וועגן אימאַנועל האָרוימי.

ווערק: פונעם פארשאָלטענעם נעכטן, מאָסקווע, „דער עמעס", 1938; וויאַזוי לעבן יִידן אין סאָוועטנלאנד. דאָרט, 1940; געשיכטע פון יִידן אין רוסלאנד. עטיודן און דאָקומענטן, ערשטער באנד: 1772—1861. מאָסקווע, צענטרפארלאג, 1930; יִידישע פאָלקסמאסן אין קאמף קעגן זייערע אונטערדריקער. עטיודן. מאָסקווע, „דער עמעס", 1940.

ביבליאָגראפיע: א. אבטשוק, עטיודן און מאטעריאלן, ערשטער בוך, 1917 — 1927, כארקאָוו, 1934; א. בראכמאן, זשורנאל „שטערן", נומ. 7 — 8, 1940; י. ש. (י. שאצקי), יִוואָ־בלעטער, ב. 21, ניו־יאָרק, מײַ—יון, 1943; א. פאָמעראנץ, א רײַזע אין דער צוקונפט, ניו־יאָרק, 1944; ז. גרינבערג, צײַטונג „איינִיקײַט", 18 אפרעל 1946.

מארשאק, דאניִעל
(1937—1872)

— דיכטער, פראָזאַיקער, דראמאטורג. געבוירן אין טוקום, לעטלאנד. אין קאָוונע, ווו ער האָט געדינט אין דער ארמיי, זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. שפעטער זיך באזעצט אין מינסק, געארבעט אלס שוסטער און אייִנצײַטיק אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער און נאָוועלן אף דײַטש. אין טורמע, וווהין ער איז ארײַנגעפאלן פאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, גענומען שרײַבן אף יִידיש און אין 1905 דעביוטירט אין דער צײַטונג „פרײַנט" מיט דער דערציילונג „אהיים". פון דעמלט אָן פארעפנטלעכט ער א סאך דערציילונגען און לידער אף ארבעטער־טעמאטיק אין „פרײַנט", „יִידישע צײַטונג", „לעבן און וויסנשאפט", „וועקער" און אין אנדערע אויסגאבעס. אין 1915 אָפּגעדרוקט אין ווילנער זשורנאל „גרינינקע ביימעלעך" א קינדער־פיעסע „דאָס זיבעטל". פאָפולער זײַנען געוועזן זײַנע פאָעמעס „דער אויצער" און „דער וואָפנשמיד". אין 1921 דערשײַנט אין ווילנער קלעצקין־פארלאג זײַן בוך „דערציילונגען". ער שרײַבט אויך אָן א סאָף צו ש. אנ־סקיס דראמע „טאָג און נאכט". באזונדערס אקטיוו ווערט זײַן ליטערארישע טעטיקײַט אין די סאָוועטישע יאָרן. ער פארעפנטלעכט א ריי פיעסן, פראָזאַישע ווערק, זעצט איבער אף יִידיש וו. בלאנטשיס „מורזוך", ס. גריגאָריעווס „אמבא", ה. קאָבעטס „די הוטע", מיכאס לינקאָווס און דזמיטראָק ביאדוליס ווערק.

ווערק: דערציילונגען, ווילנע, 1921; טאמארע, פיעסע אין 3 אקטן, מינסק, 1928; אומזיסטער טומל, קאָמעדיע אין איין אקט, מינסק, 1930; גאָטס גייערקע, איינאקטער, מינסק, 1930; די פארשטויסענע, ראָמאן, מינסק, 1936.

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 2; ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פון יִידישן טעאטער, ב. 2; י. בראָנשטיין, זשורנאל „פראָליט", מארט—אפרעל, 1930; ב. אָרשאנסקי, די יִידישע ליטעראטור אין ווײַסרוסלאנד נאָך דער רעוואָליוציע, מאָסקווע, 1931.

מאָגיליאנסקי י. (דאטעס אומבאוווּסט)

— פעדאגאָג. געבוירן אין האָמעל, ווײַסרוסלאנד. געוועזן א לערער פון נאטורוויסנשאפט און כימיע אין מינסקער יִידישע שולן. געדרוקט ארטיקלען אין דער מינסקער צײַטונג „אָקטיאבער". אווטאָר פון לערנביכער איבער נאטורוויסנשאפט פאר יִידישע שולן.

ווערק: נאטורוויסנשאפט (צוזאמען מיט נ. לייבאָוויטש), ארבעטבוך פארן 5־טן לערניאָר. צווייטער טייל. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1931; אין קאמף פאר סאָציאַליסטישער גערעטעניש (צוזאמען מיט נ. לייבאָוויטש), לערנבוך אף נאטורוויסנשאפט פארן 5־טן לערניאָר. ערשטער טייל. מינסק, צענטרפארלאג, 1931.

ביבליאָגראפיע: נ. בערנשטיין, צײַטונג „אָקטיאבער", מינסק, נומ. 79־80, 1932; נ. רובינשטיין, דאָס יִידישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד אין 1932, מינסק, 1933.

מעלאמוד, באָרעך
(1937—1893)

— זשורנאליסט, פעדאגאָג. געבוירן אין א שטעטל לעבן ווילנע אין אן ארבעטער־מישפאָכע. זיך געלערנט אין א מאָסקווער הויכשול. געוועזן א פעדאגאָג אין אָדעסער פעדאגאָגישן טעכניקום. געדרוקט ארטיקלען אין די צײַטונגען „דער עמעס", „דער שטערן", אינעם זשורנאל „אפיקוירעס" און אין אנדערע אויסגאבעס. א געווויסע צײַט געוועזן רעדאקציע־מיטגליד און רעדאקטאָר פון „אָדעסער ארבעטער". ארויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך און בראָשורן איבער פראגן פון פעדאגאָגיק און אטעיִזם.

ווערק: אנטיקלעריקאלע ארבעט אין שול, דידאקטיק און מעטאָדיק, מינסק, 1930 (צווייטע אופלאגע — אין כארקאָוו, 1932).

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ОСНОВНОЙ КУРС

часть I

Методические указания в работе над «Основным курсом»

1. «Основной курс» рассчитан на лиц, **не владеющих** языком идиш.
2. **Назначение** 1 части «Основного курса» — усвоение словарного запаса и грамматических явлений, необходимых для **понимания читаемых текстов.**
3. Материал одного урока «Основного курса» рассчитан на постепенное и систематическое изучение на **ряде занятий** в течение месяца.
4. К текстам уроков прилагаются списки новых слов с переводом на русский язык. Слова расположены в **алфавитном** порядке, что даст вам возможность составить свой еврейско-русский словарик, который поможет вам в дальнейшем при чтении и других текстов. Словарную тетрадь надо тоже вести по принципу алфавитного расположения слов: каждой из нижеследующих 22 букв надо выделить по несколько страниц для записи слов, начинающихся с данной буквы. Последовательность буквенных рубрик в словарной тетради:

1—א; 2—אַ; 3—ב; 4—ג; 5—ד; 6—ה; 7—וו; 8—ז; 9—ט; 10—י; 11—כ; 12—ל; 13—מ;
14—נ; 15—ס; 16—ע; 17—פּ; 18—פ; 19—צ; 20—ק; 21—ר; 22—ש.

5. В соответствии с целевой установкой на обучение точному пониманию читаемого особое внимание уделяется **различительным признакам,** помогающим отличать друг от друга слова или грамматические явления, **сходные по форме,** но **различные по своему содержанию.**
7. Работу над усвоением учебного материала следует строить в соответствии с указаниями по каждому разделу и заданию.

לימעד זעקס

Тема: Журналы, газеты
Грамматика: 1) Повелительное наклонение
2) Настоящее время
Тексты: Беседа
Словарь: к теме «журналы».

Прочтите внимательно грамматические пояснения, которые помогут вам точнее понять содержание текстов данного урока.

§ 1. Форма глагола, отвечающая на вопрос «Что делать?», называется **неопределенной формой глагола,** например:

1 — смотреть; 2 — читать; 3 — писать 1 — זען; 2 — לייענען; 3 — שרײַבן

Неопределенная форма глагола в идише состоит из двух частей: а) **основы** глагола и б) **суффикса** [-н] или [-эн], например:

זע־ן לייענ־ען שרײַב־ן

Задание 1*. Выпишите основы следующих глаголов:

1—קומען 2—באקומען 3—ברענגען 4—דרוקן 5—אבאָנירן 6—דערשײַנען 7—פאַרעפנט־
לעכן 8—קויפן 9—לערנען 10—באשטיין

(перевод: 1 — приходить; 2 — получать; 3 — приносить, приводить; 4 — печатать; 5 — абонировать, выписывать (газеты, журналы и т. п.); 6 — появляться; 7 — опубликовать; 8 — покупать; 9 — а) учить, б) учиться; 10 — состоять (из...)

§ 2. Глагол в форме чистой основы означает приказ, совет или просьбу, обращенную к одному собеседнику, например:

— Читай журнал! — לייען דעם זשורנאַל!
— Читай статью! — לייען דאָס אַרטיקל!
— Изучай идиш! — לערן ייִדיש!

Задание 2*. Переведите на идиш: 1 — Приди! 2 — Получай журнал! 3 — Принеси журнал! 4 — Печатай статью! 5 — Выпиши журнал!

§ 2б. Основа глагола с окончанием [-т] означает приказ или просьбу, обращенную к собеседникам, например:

— Читайте статью! — לייענט דאָס אַרטיקל!
— Читайте рассказ! — לייענט די דערציילונג!
— Учитесь читать! — לערנט לייענען!

Задание 3*. Переведите на идиш: 1 — Принесите статью! 2 — Учите писать! 3 — Печатайте рассказ! 4 — Подпишитесь на журнал! 5 — Читайте журнал!

З а м е т ь т е! Повелительные формы это **одни только глаголы без каких-либо местоимений!**

§ 4. Формы **настоящего времени** образуются с помощью **личных местоимений** („я“; „ты“; „он“, „она“, „оно“; „мы“, „вы“, „они“) и соответствующих им **личных окончаний**, которые добавляются к основе глагола, например:

единственное число

אייִנצאָל

1. איך שרײַב און לייען ייִדיש
2. דו שרײַבסט און לייענסט ייִדיש
3. ער (דער טאַטע) שרײַבט און לייענט ייִדיש
זי (די מאַמע) שרײַבט און לייענט ייִדיש
עס (דאָס קינד) שרײַבט און לייענט ייִדיש

Множественное число

מערצאָל

1. מיר שרײַבן און לייענען ייִדיש
2. איר שרײַבט און לייענט ייִדיש
3. זיי (די קינדער) שרײַבן און לייענען ייִדיש

Схема спряжения глагола в настоящем времени

Множественное число		Единственное число		Лицо
Глагол	Местоимение	Глагол	Местоимение	
____ (ע)ן	מיר	____	איך	1-ое
____ ט	איר	____ סט	דו	2-ое
		____ ט	ער	3-е, муж. род
____ (ע)ן	זיי	____ ט	זי	3-е, жен. род
		____ ט	עס	3-е, сред. род

З а м е т ь т е! 1-ое лицо единственного числа = [„их“] + чистая основа без окончания!

Задание 4*. Вместо пропусков добавьте, где это надо, соответствующее окончание:

1. איך לייען... אַ דערציילונג. 2 — דו שרײַב... אַן אַרטיקל. 3 — ער קויפ... אַ זשורנאַל. 4 — מיר דרוק... אַ ראָמאַן. 5 — איר לערנ... שרײַבן. 6 — זיי שרײַב... ייִדיש. 7 — דער פּאָעט שרײַב... אַ פּאָעמע. 8 — די קינדער לייענ... די „פּיאָנערסקאַיאַ פּראַוודאַ“.

§ 4а. Заметьте! Окончания глагола **многозначны,** и только по одному глаголу нельзя узнать, каково точное значение данной формы.

[шрайбн] = 1 — писать; 2 — пишем; 3 — пишут.
[шрайбт] = 1 — пиши́те!; 2 — он, она, оно пишет; 3 — пи́шете.
[шрайб] = 1 — пиши́!; 2 — пишу́.

Различительные признаки:

Повелительные формы узнаются по **отсутствию** местоимения и по восклицательному знаку!

Формы настоящего времени — по **наличию** и **значению** личных местоимений:

Сравни:

1. — Читай! — читаю	1. לייען! — איך לייען.
2. — Читайте! — читает — читаете	2. לייענט! — ער לייענט. איר לייענט
3. — читать — читаем — читают	3. לייענען — מיר לייענען — זיי לייענען

Задание 5. Читайте **вслух** текст „Беседа" — [а шмуэс]. В случае затруднений обращайтесь к прилагаемой записи текста русскими буквами. Добейтесь беглого и правильного чтения.

[а шмуэс]	**א שמועס**
1. [— их зэ, ду лэ́йэнст а йи́дишн журна́л.	1. — איך זע, דו לייענסט א ייִדישן זשורנאַל.
2. [— ви hэ́йст эр? ву дэршáйнт эр?	2. — ווי הייסט ער? ווו דערשײַנט ער?
3. [— дос из «Сове́тиш hэ́ймланд», ан орган фун шра́йбер-фарба́нд фун ФССР]	3. — דאָס איז „סאָוועטיש היימלאַנד", אַן אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר
4. [— эр дэршáйнт ин Мо́сквэ...]	4. — ער דערשײַנט אין מאָסקווע.
5. [— ви офт дэршáйнт эр?]	5. — ווי אָפט דערשײַנט ער?
6. [— дос из а хо́йдэш журна́л, эр дэршáйнт едн хо́йдэш]	6. — דאָס איז א כוידעש־זשורנאַל, ער דערשײַנט יעדן כוידעש.
7. [— фун вэлхэ о́птэйлн баштэ́йт дэр журнал?]	7. — פון וועלכע אָפּטיילן באַשטייט דער זשורנאַל?
8. [— а нумер баштэ́йт гэвэ́йнлэх фун азэлхэ оптэйлн:]	8. — א נומער באַשטייט געוויינלעך פון אַזעלכע אָפּטיילן:
9. [— самэ о́нhэйб кумт про́зэ:]	9. — סאַמע אָנהייב קומט פּראָזע:
10. [— рома́нэн, дэрцэ́йлунгэн, фарцэ́йхенунгэн.]	10. — ראָמאַנען, דערציילונגען, פאַרצייכענונגען.
11. [— вайтэр кумт поэ́зие — лирик ун поэ́мэс.]	11. — ווײַטער קומט פּאָעזיע — ליריק און פּאָעמעס.
12. [— дэр о́птэйл «крити́к ун публици́сти́к» брэ́йнгт арти́клэн вэгн поли́тышэ ун социа́лэ пробле́мэн, арти́клэн вэгн кунст ун литэратур.]	12. — דער אָפּטייל „קריטיק און פּובליציסטיק" ברענגט אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַרטיקלען וועגן קונסט און ליטעראַטור.
13. [— дэр журна́л фарэ́фнтлэхт интэрэса́нтэ матэриа́лн вэгн дэм лэбн ба ундз ун ин о́йсланд.]	13. — דער זשורנאַל פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן בא אונדז און אין אויסלאַנד.
14. [— дэр журна́л друкт ойх вэрк фун о́йслэндишэ прогреси́вэ шрайбэр.]	14. — דער זשורנאַל דרוקט אויך ווערק פון אויסלענדישע פּראָגרעסיווע שרײַבער.
15. [— «Советиш hэймланд» друкт ойх лиму́дым фар ди́, вос лэрнэн йидиш.]	15. — „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט אויך לימודים „פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש".
16. [— зэйэр интэрэсант! ву кон мэн им бакумэн?]	16. — זייער אינטערעסאַנט! ווו קאָן מען אים באַקומען?
17. [— мэ кон койфн ин а кио́ск одэр ойсшрайбн дурх «Союзпечать».]	17. — מע קאָן קויפן אין א קיאָסק אָדער אויסשרײַבן דורך „סאָיוזפּעטשאַט".
18. [— нэйн, бэсэр ойсшрайбн аф а ганц йор.]	18. — ניין, בעסער אויסשרײַבן אַף א גאַנץ יאָר.
19. [— их кон дир ойсшрайбн, их бин а гезэ́лшафтлэхэр фаршпрэ́йтэр.]	19. — איך קאָן דיר אויסשרײַבן, איך בין א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער.
20. [— маским! шрайб о́йс! а шэ́йнэм да́нк!]	20. — מאַסקים! שרײַב אויס! א שיינעם דאַנק!

Задание 6. Прочтите внимательно раздел «Пояснения к тексту». Цифры обозначают номер предложения, в котором содержится данное явление.

Пояснения к тексту «Беседа»

3. «Орган Союза писателей СССР»	3. „אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פסס״ר"
7. «из каких отделов (рубрик)...» 11,	7. „פון וועלכן אָפּטייל..."
12. «лирика...; критика..»...	11, 12. „ליריק...; קריטיק..."
14. «произведения зарубежных прогрессивных писателей»	14. „ווערק פון... שרײַבער"
15. «для тех, кто изучает идиш» 16, 17. — «можно»	15. „פאר די, וואָס לערנען ייִדיש" 16, 17. „קאָן מען"..., „מע קאָן"
19. общественный уполномоченный по подписке на газеты и журналы.	19. „א געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער"

Задание 7. Используя нижеприведенный словарный список, переведите текст «Беседа» на русский язык. Сверьте затем свой перевод с ключом к заданию 7.

ווערטער צום טעקסט „א שמועס"

[а] — 1. заграница 2. выписать 3. и 4. нам, нас 5. такие 6. ему, его 7. в 8. другие 9. статья — статьи	א — 1. אויסלאנד 2. אויסשרײַבן 3. און 4. אונדז 5. אזעלכע 6. אים 7. אין 8. אנדערע 9. דאָס (אן) ארטיקל — די ארטיקלען
[о] — 1. или 2. начало 3. отдел — отделы 4. часто	אָ — 1. אָדער 2. דער (אן) אָנהייב 3. דער (אן) אָפּטייל — די אָפּטיילן 4. אָפּט
[б] — 1. у при 2. получать 3. состоять из 4. лучше 5. приводить, приносить	ב — 1. בא (ם) 2. באקומען 3. באשטיין 4. בעסער 5. ברענגען
[г] — 1. весь 2. обычно 3. общество	ג — 1. גאנץ 2. געוויינלעך 3. די (א) געזעלשאפט
[д] — 1. благодарность 2. через, посредством 3. тебе 4. рассказ 5. появляться (выходить о книге, журнале и т.п.) 6 печатать	ד — 1. דער (א) דאנק 2. דורכ 3. דיר 4. די (א) דערציילונג — די דערציילונגען 5. דערשײַנען 6. דרוקן
[h] — 1. называться, именоваться 2. родина	ה — 1. הייסן 2. דאָס (א) היימלאנד
[в] — 1. что 2. где 3. как 4. далеко (дальше) 5. о, об, по поводу 6. произведение	וו — 1. וואָס 2. ווּ 3. ווי 4. ווײַט (ווײַטער) 5. וועגן 6. דאָס (א) ווערק — די ווערק
[з] — 1. очень 2. смотреть, видеть	ז — 1. זייער 2. זען
[й] — 1. год — годы 2. каждый	י — 1. דאָס (א) יאָר — די יאָרן. 2. יעדער
[х] — 1. месяц, -ы (каждый месяц)	כ — 1. דער (א) כוידעש — די כאדאָשים (יעדן כוידעש)
[л] — 1. жизнь 2. читать 3 I. учить; II. учиться.	ל — 1. דאָס (א) לעבן 2. לייענען 3. לערנען
[м] — 1. согласен (Я с тобой согласен)	מ — 1. מאסקים (איך בין מאסקים מיט דיר)
[н] — 1. нет! 2. не 3. не только..., но и...	נ — 1. ניין! 2. ני(ש)ט 3. ניט בלויז... נאָר אויך...
[ф] — 1. союз 2. опубликовать 3. очерк, -и 4. I. из, от (еду из Москвы); II. указывает на принадлежность, передается родительным падежом (улицы Москвы).	פ — 1. דער (א) פארבאנד — די פארבאנדן. 2. פארעפנטלעכן 3. די (א) פארצייכענונג — די פארצייכענונגען 4. פון (איך קום פון מאָסקווע); (די גאסן פון מאָסקווע)
[к] — 1. покупать 2. прибыть, придти, следовать 3. искусство	ק — 1. קויפן 2. קומען 3. די קונסט — די קונסטן
[ш] — 1. красиво 2. беседа — беседы 3. писатель — писатели	ש — 1. שיין 2. דער (א) שמועס — די שמועסן 3. דער (א) שרײַבער — די שרײַבער

Задание 8. Разнесите слова по буквенным рубрикам вашей словарной тетради.

Задание 9. Выучите новые слова. Форма самопроверки: прикройте поочередно то русские, то еврейские списки слов и проверьте, запомнили ли вы их перевод.

Задание 10. Читайте вслух текст задания 5 по предложениям. Прочитав предложение, перепишите его в тетрадь.

Задание 11. Откройте «ключ к заданию 7» и упражняйтесь в обратном переводе на идиш. Сверьте свой перевод с еврейским текстом (см. задание 5).

Ключи к заданиям

к заданию 1:

1 — קומ־ 2 — באַקומ־ 3 — ברענג 4 — דרוק 5 — אַבאָניר־ 6 — דערשײַנ־ 7 — פֿאַר־עפֿנטלעכ־ 8 — קויפֿ־ 9 — לערנ־ 10 — באַשטײ־.

к заданию 2:

—קום! 2—באַקום דעם זשורנאַל! 3—ברענג דעם זשורנאַל! 4—דרוק דאָס אַרטיקל! 5—אַבאָניר דעם זשורנאַל!

к заданию 3:

1. ברענגט דאָס אַרטיקל! 2. לערנט שרײַבן! 3. דרוקט די דערציילונג! 4. אַבאָנירט דעם זשורנאַל! 5. לייענט דעם זשורנאַל!

к заданию 4:

1. איך לייען... 2. דו שרײַבסט... 3. ער קויפֿט... 4. מיר דרוקן... 5. איר לערנט... 6. זיי שרײַבן... 7. דער פּאָעט שרײַבט... 8. די קינדער לייענען...

к заданию 7:

Беседа. 1. — Вижу, ты читаешь еврейский журнал 2. Как он называется? Где он выходит? 3. — Это (журнал) «Советская родина», орган Союза писателей СССР 4. Он выходит (издается) в Москве 5. — Как часто он издается? 6 — Это ежемесячный журнал, он выходит каждый месяц. 7. — Из каких отделов состоит журнал? 8. — Номер состоит обычно из таких отделов: 9. В самом начале помещена (дословно: идет, приходит) проза: 10. романы, рассказы (повести), очерки. 11. Дальше следует (дословно: «приходит») поэзия — лирика и поэмы. 12. Отдел (раздел) «Критика и публицистика» публикует (дословно: приводит, приносит) статьи о политических и социальных проблемах, статьи об искусстве и литературе. 13. Журнал публикует интересные материалы о жизни у нас и за рубежом. 14. Журнал печатает также произведения зарубежных прогрессивных писателей. 15. «Советиш геймланд» печатает также уроки «для тех, кто изучает идиш». 16. — Очень интересно! Где можно его получить? 17. — Можно купить в киоске или выписать через «Союзпечать» 18. — Нет, лучше выписать на весь год. 19. — Могу тебе выписать, я общественный уполномоченный по распространению (газет) 20. — Согласен! Выпиши! Большое спасибо.

קאַנדידאַט פֿון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפֿטן, דאָצענט

שימען סאַנדלער

דער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו דריקט אויס טיפֿן מיטלײַד אונדזער מיטאַרבעטער דעם כאַווער כאַים אָסטראָווסקי אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּריצײַטיקן טויט פֿון זײַן פֿרוי מאַלקע.

רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד"

the local Jews. Here is the part of the conversation which had been underlined in red pencil on my page of the book:

"Tell me, Comrade Opatoshu, did you go to Odessa?"

"I did."

"And how is Odessa looking? It is as beautiful as it was before?"

"Odessa is beautiful."

"You hear that, Lyubochka? They say Odessa is still beautiful! You see, that's where we were born! We worked there until 1922. I was commissar in a printing house, then I got the idea of coming here to cart vegetables... Oh, Comrade Opatoshu! Odessa, Odessa... How can we get back there again? And is Pushkin Street beautiful?"

"Very beautiful."

"You hear, Lyubochka? But if someone says something bad about the Soviet Union, then I hope his tongue withers up..."

This scene was not written by Soviet communist Aron Vergelis, but by American bourgeois writer Josef Opatoshu.

Criticism and Bibliography

In this section, we are publishing a survey by Doctor of Philology Uran Guralnik of Moscow on the 60th anniversary of the Russian cinema. Discussing the development of film art in the Soviet Union, the writer also dwells on certain screen versions of Jewish literary works. "In the Twenties," he writes, "several films were based on themes from Sholem Aleichem, including "The Flood" (1925, director A. Ivanov), "Wandering Stars" (1927, script by I. Babel), "Laughter Through Tears" (1929, based on the book "Little Boy Motl"). There was also a film called "Jewish Happiness" based on Sholem Aleichem's "Menachem-Mendl". The director was A. Granovsky, the artist–N. Altman, and the leading part was played by S. Mikhoels. The screen version of Babel's "Benya Krik" (1927) was a success. At the beginning of the 30s, a film was made, called "Hirsh Lekkert", about the Jewish working-class revolutioner. A notable landmark in the history of the Soviet cinema was the film by People's Artist of the Byelorussian Republic, Vladimir Korsh-Sablin, "Seekers of Happiness" (1936), about the builders of the new life in Birobijan. One of the most important parts in the film was played with inimitable humour by V. Zuskin. Leading Russian theatre actress Blyumental-Tamarina also appeared in this production.

Under the heading "Replies to Readers' Questions", we are publishing an article by publicist L. Medvedko, "On the Role of the Military Clique in Israel".

The reader will find much of interest about Jewish social and cultural life in the Soviet Union and abroad in other regular features such as "Editorial Commentary", "From the Newspapers and Magazines", "Merry Rhymes", "Material for the Lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to Those Learning Yiddish".

Translated by Alex Miller

casual trading at the cross-roads. People are jostling about, some on business, some with nothing to do. Foul language. People here in general talk in a kind of special Russian Jewish jargon of their own. Listen, you! Only weeks ago you were still going to the trade union committee, the factory committee, the Party committee; you wore a clean shirt, you shaved, you cleaned your nails, you used nice words such as "excuse me", "please", "man is a proud word". Why have you let yourself go down the drain so quickly?

There is a restaurant on the Avenue. A sign in Russian reads: "Odessa". Next to it is a notice in Yiddish: "Kosher Dumplings". There is a snack-bar inside the "Odessa", near the entrance. "Half a pound of Russian sausage, please"... "With pleasure, lady... Matilda Samoilovna, bring a whole sausage–best quality... We don't weigh them here." "What's the use of complaining? Last Friday I bought half a pound of sausage here too, and when I got home it was fifty grammes short. I hope he loses fifty months of his life!"

There is cul-de-sac just off the Avenue: it's choked with refuse and all kinds of packing cases. I can hear someone singing in Yiddish. It's not an organ-grinder or a blind fiddler. A middle-aged woman is leaning up against a small structure which is part of one of the shops on the Avenue. Two men are standing by her, and I can tell at once that one of them is already a naturalised American. The other is a newcomer. My companions have not noticed this trio and have gone on ahead, deep in conversation. The woman is singing in a low voice, quietly, for herself alone, and when I stop near her, she shows annoyance. I write the words of her song down in my notebook.

Here is a literal translation:

I wander round the streets,
All on my little own,
No one to talk to
Except myself.
Oi, fate has brought me
To a foreign land.
The punishment of God
Has descended upon me.

To tease me, she breaks off in the middle of this song and sings a few lines from another one:

You've come here to a foreign land,
You knock on other people's doors.
There's no one here will shake your hand,
There's no one here will keep you warm...

And she looks at me, as if wanting to say: "That's for you, you dumbell, for stopping when you weren't asked in front of someone who was singing to herself." I try not to lose sight of my comrades, who are now ahead of me, and I very much want to talk to the singer and the two men. She takes absolutely no notice of me at all. She softly whispers the words of her song and wipes her eyes with the thin kerchief tied round her neck. One of the men, the naturalised American, is kind enough to force out a few words.

"You're in a bad way, you've really landed in the soup..."

"If you're from Sokhnut* and want to persuade them to go to back to Israel, then kindly go away."

He nods at the woman:

"She's bitter about Israel, because when they invited her to go there, she ended up right here..."

Seeing that I'm about to go, he takes out of his pocket a little book, dog-eared and yellow with age, tears off the page at which it is open and pushes it into my pocket:

"I haven't got any money, take this. It'll come in handy..."

As I hasten to catch up my comrades, I look at the page from the old book, which was published about fifty years ago by well-known bourgeois Jewish writer Josef Opatoshu, who was then living in America and visited the Soviet Union. It is a collection of travel notes. Opatoshu arrives by train at some small American town to read a lecture about Soviet Russia. Before beginning the lecture, he chats to some of

---

* *Sokhnut, or the Jewish Agency concerned with the affairs of emigrants bound for Israel.*

ton Beach "holidaymakers", surely they were warned in advance about what to expect in a foreign land.

So here I am, looking at the New York suburb of Brighton Beach. The planks of the boardwalk along the Atlantic seashore squeak like ungreased cartwheels. I look at the faces of estranged people, huddled in groups, surging to and fro. Distraction, remorse, humiliation and helplessness are written on those faces. I hear old worlds which, however, have taken on a different shade of meaning here, and so unexpectedly that I seem to be hearing them for the first time: "lodger", "doss house", "naturalised", "subject", "incomer", "aborigene"...

Isolated phrases:

"He won't take me..."

"You have to get stuck in..."

"I would crawl back home on my hands and knees..."

An elegantly dressed man with dry, sunken cheeks is sitting on a bench surrounded by young people (he must be about seventy, and an artistic-looking butterfly tie can be seen under the coat). He declaims:

In Istanbul, the unwary Turk
Treads on a map, and scarce imagines
It's one of old St. Petersburg:
To every inch, three hundred sazhens.

There is a little house on the boardwalk. I've seen something like it among the lumberjacks on the big rivers. And the very domestic word "Moscow" is written in Russian on the sign at the entrance, and also on the windows facing out to sea. The windows are doing duty for shop display windows, and they are filled with nested dolls, or "matryoshkas", plates of smoked fish, and "Mishka" and "Belochka" chocolates. The restaurant belongs to some "old Russian Jews". The new arrivals don't frequent the place. I open the door: there is no one at the little tables inside.

The voice of the elegant, elderly man again comes to my ears when I step off the boardwalk to go for a stroll with my friends down Brighton Beach Avenue.

My lodging's like that city map:
To every inch, three hundred sazhens.

Brighton Beach Avenue is a long, narrow street consisting of nothing but little shops, grocery stalls and cheap snack bars. The street has a "roof": up above, the whole length and breadth of the avenue where there should be a blue sky, there are concrete girders and slabs over which runs a municipal railway, known by the typical Jewish name of "The Elevator". As Sholem Aleichem put it: "The sort of *leiter* (ladder) that's called an *elevator*..." A ladder can, of course, be stood up against a wall or laid down, and this one "lies". Its rungs, or sleepers, just about touch the heads of the people in the Avenue.

Yes, Brighton Beach Avenue is crowded with people. I've come here to have a look at them. People, people! What evil power threw you into this whirlpool at the other end of the world? You there, for instance! You think I don't know that only a matter of weeks ago you were going into the trade union committee, or the factory committee, or the Party committee, and were saying in a firm voice that, thank goodness, we had Soviet power and, if things weren't done in what you considered a rational way, then you'd "take it as high as the Central Committee". How come you only took it as far as Brighton Beach? And just take a look at yourself in the mirror. It's a disgrace! Stovepipe trousers, a hat the colour of baby's diarrhoea, and you sneak about under the "elevator", all steamed up with chasing after a private property. Nothing but a contemporary Menachem-Mendel. Oh, laddie from Uman! Did you sneer at St. Sophia's? But your father lies on the high bank of the Dnieper; he took Kiev back from the Germans. And you've sunk so low that you don't want Uman, and you've no time for Kiev, but you've made it to Brighton Beach Avenue. Fool! In New York, the best you can hope to do is scrape together a few extra dollars to get yourself a pair of check pants which wouldn't suit you at all in Uman. Oh, you fool!

I don't get talking to anyone here. I'm incognito, so let it stay that way. I just look and listen. If I didn't know that all this was actually happening, I would think myself at the shooting of a film about the New Economic Policy. In front of the camera are some amusing little people "in costume", with some professional troublemakers among them; they look like stevedores, but they're only hoodlums really, terrorising ordinary people and fleecing the unwary. There are tarts in the crowd too, and some hungry youths. There are crowds of sightseers in the middle of the street. There is

their new places of residence in Europe, and now America. I can foresee a "little Nürnberg trial", with zionism sitting in the dock–not only for its barbaric treatment of the Palestinians, but for its criminal incitement of the Jews to emigration–the cynical hoodwinking of many thousands of people and thereby the creation of a horrible society of outcasts torn from the world of socialism in which they once lived and had their own homes, whereas they are now dependent on those who are burdened enough as it is with their own problems. Who could fail to be disappointed when those people, whom no one ever deprived of a normal life, have become lodgers in strange houses or have turned into vagrants? Some of them have even gone morally down the drain–denigrating the country that brought them up, going and working for dealers in human souls, involving themselves in alien ideologies.

Brighton Beach looks like a suburb with its own railway station. A closer look reveals, however, that the platform extends into the sea and might be described as a wide boardwalk between the end houses of the city and the sea shore. Green benches with the paint flaking off are occupied by people, for the most part elderly, wearing autumn coats and either caps pulled down over their ears or winter hats. The young ones walk up and down, chatting. All here are busy talking, whether seated or promenading up and down, as can be seen from the way they wave their hands and tug one another's buttons off.

The sea is sullen, the people are autumnal, the air is cold, and it is uncomfortable on the boardwalk.

The emigrants are "taking the air"–a useful occupation; but if we might philosophise a little, those sitting on the sea shore could be called contemporary "people of the air". Although their appearance tells me all I need to know, I cannot understand with my heart who they are and where this meeting of ours is taking place. They seem to be wearing Soviet clothes, but the landscape round them is not in the least like the beach at Riga or the seaside park in Odessa, or any other sea coast in our own country...

But this is the pavement at Brighton Beach. Several New York comrades have undertaken to show me "Russian gold-diggers", as one of them put it. I don't agree.

"If you want to understand the nature of the present-day emigration," I tell them, "you must first of all find out who these people are, which republics of the USSR they come from, and just who in each family was the first to talk about leaving the country and induced them to expect that a change of domicile would work some kind of miracle. Was it the mother and father who cherished an irresponsible dream? The grandfather? The children?"

In Vilnius, Lvov, Kishinev, Chernovtsy, that is, in the western regions of the country, I knew many elderly Jews who belonged to the "capitalist generation", and for whole decades–I am not exaggerating–they cherished in their hearts the dream of a "shifskarte"–a ticket for the steamer. Many, at the age of eighteen to twenty, were on the verge of leaving for Palestine but in fact sat on their trunks all their lives because something always prevented them: at first in old Lithuania, in Poland of the Pans, in Romania of the Boyars, there wasn't enough money for the ticket, and, moreover, bitter experience showed that a neighbour would try his luck and end up with the same capitalism that he had left behind him. Then the war began, and those who had survived left neither for America nor for Palestine but for the depth of Russia to save their lives. After the war, it took a long time before the dream of foreign strands came back to haunt them. For the war-torn country, there were to be long years of another war, the "cold war", when the migration of citizens was particularly difficult. Only after Helsinki, in the atmosphere of nascent detente, when life in general had been stabilised and joys and disappointments had begun to alternate in the usual, commonplace way–only in the 70s could emigration raise its head, and this inevitably affected other layers of the Jewish population too, apart from the "westerners". Zionist propaganda found its takers, many of them among the "Georgian Jews" on religious grounds; among those whose heads and hearts had been clouded by minor offences; among people who were simply unstable and irresponsible; among "parents whose children are leaving" and among "children whose parents are leaving"; and among all kinds of relatives, brides, bridegrooms, unrecognised artists, misunderstood writers...

Seriously, one must express sympathy not for the country which was left by such people, but the countries in which they are settling and to which they are taking their morbid problems, their deteriorating characters, their disillusionment, and their memories of the life they left behind them–everything that goes under the name of nostalgia. Soviet society has definitely lost nothing. As for sympathy towards the hapless Brigh-

Memorable Literary Dates

On the occasion of the 250th anniversary of the birth of Moisei Mendelssohn (1729-1786), the philosopher of the Enlightenment who had a considerable influence on Jewish culture, we are publishing an article about him by Doctor of Philology Z. Libinzon of Gorky.

"Moisei Mendelssohn was born 250 years ago," writes the author of the article. "Controversy about him, his work and his activities continue to this day. The arguments began during his lifetime. The orthodox Jews frequently attacked him as impious, but the liberals assigned him to the religious orthodox minority. Those who favoured Yiddish criticised him for what they considered his negative attitude to the Jewish language. On the other hand, his leanings towards world culture were well known."

Z. Libinzon describes Mendelssohn's complex creative world and his progressive attitude.

In connection with the 80th anniversary of Soviet Jewish poet Ezra Fininberg (1899-1947), we are publishing reminiscences about him by Nochem Oislender.

We are marking the 70th anniversary of essayist Yasha Chernis (1909-1978) with the publication of his essay on Birobijan; it was found in the author's archives. There is an introductory article by Chaim Beider of Moscow.

We are continuing the travel notes by Aron Vergelis of Moscow, "Fifteen Years After", earlier instalments of which were published in Nos. 6-9, 1979. Here is a further chapter.

Aron Vergelis

Fifteen Years After

14. Incognito Among the "Russian Jews"

Why not, in a foreign land, meet one's own country-people?

I go to Brighton Beach, a district in New York with a beach on the Atlantic Coast. That is where the "Russian Jews" are accumulating. My route runs through various city ghettos, but I am so deeply wrapped up in my thoughts that I fail to notice this. One never knows what the changing times are going to bring next. Fifteen years ago, Brighton Beach existed as it does now, but at that time it never entered my head to go there. If there were "Russian Jews" in New York, they were to be looked for among the old emigrant generations, that is, among those who fled from tsarist Russia and from Hitler's Germany, escaping from the Kishinev pogrom, from "Crystal Night", and so on...

What has happened now? Why has the dismal fate of the emigrant succeeded in attracting people today? The world war has long been over, the Jews have rebuilt a peaceful life for themselves along with other peoples. Life is already back to normal. Joy and care, success and disappointment alternate in the normal course of things. As for disappointments, in Moscow, Vilnius, Kishinev, Tashkent, Sverdlovsk, or Leningrad, they are as ordinary as could be: they are the ones that invariably happen to people and, of course, they cannot and should not be made an excuse for "packing one's things". Only two causes can drive a Soviet citizen to such an insane course: vicious persecution *from outside* or a sort of clouding of the mind–morbid illusions and irresponsible considerations which inevitably lead to personal catastrophe.

I think that when the madness has passed, the Jews, supported by other peoples, will bring the instigators to book. I can already see it now, because my own restless life has brought me into contact many times with these unfortunate emigrants in

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 10, October 1979

The current issue opens with a selection of items throwing light on the problem of punishing the nazi criminals who are hiding from a fair trial by Boris Mogilner of Moscow, and of Matvei Talalayevsky's novel, "The trying to protect the executioners from inevitable retribution, pointing out the fact that crimes were committed such a long time ago. "Sovietish Heimland" quotes from a series or articles and comments from the Soviet and foreign press on this matter.

"Thirty million people perished in Europe during the Second World War," states the editorial. "Eighteen million were systematically and sadistically tortured by Hitler's executioners. Eleven million were wiped out in the death camps and the ghettos. One third of the Jewish nation–six million women, children and old men–were shot at mass executions, died of starvation and torture in concentration camps, or were asphyxiated in gas chambers. Such is the sad total of fascist crimes, and no 'term of expiry' can erase them."

Poetry and Prose in October

Our current issue includes the end of the story, "My Evening Sunset" by Boris Mogilner of Moscow, and of Matvel Talalayevsky's novel, "The Heirs".

There are some new short stories from Buzi Miller of Birobijan. His plots are always interesting, and his prose reflects present-day reality in the Soviet Union and the lives of people today in all their incomparable variety. "The Postman's Mistake", "The Window" and "A Mist Day" are to be included in a book by the writer which is being prepared for the press by "Sovietsky pisatel" publishers.

Kiev poetess Dora Khaikina has a new cycle of poems for our readers. It is entitled "This Wonderful Life", and the reader will hear in it again the pure, lyrical voice of a poet true to her high romantic love for life.

лежке овощи... Эх, товарищ Опатошу! Одесса, Одесса... Как попасть туда обратно? Но Пушкинская красивая улица, а?

— Очень красивая.

— Слышишь, Любочка? А если кто-нибудь скажет плохое слово на Советский Союз, то я не буду возражать, чтобы у него отсох язык...

Эта сценка написана не советским коммунистом Ароном Вергелисом, а американским буржуазным писателем Иосифом Опатошу.

Перевод О. Белозеровой

Критика и библиография

В этом разделе журнал помещает обзорную статью доктора филологических наук Урана Гуральника (Москва), посвященную шестидесятилетию советского кинематографа. Говоря о развитии искусства кино в нашей стране, автор останавливается и на некоторых кинолентах, созданных по произведениям еврейской литературы. «В двадцатые годы, — пишет он, — по мотивам Шолом-Алейхема был создан ряд фильмов, в том числе «Потоп» (1925, режиссер А. Иванов), «Блуждающие звезды» (1927, сценарий И. Бабеля), «Смех сквозь слезы» (1929, по книге «Мальчик Мотл»). Тогда же вышел на экраны фильм «Еврейское счастье» — по мотивам Шолом-алейхемского «Менахем-Мендла». Режиссером этого фильма был А. Грановский, художником Н. Альтман, главную роль исполнял С. Михоэлс. Успехом пользовалась экранизация рассказа И. Бабеля «Беня Крик» (1927). Заметный след в истории советского кино оставила картина народного артиста Белорусской ССР Владимира Корш-Саблина «Искатели счастья» (1936), посвященная строителям новой жизни в Биробиджане. С неподражаемым чувством юмора одну из главных ролей сыграл в «Искателях счастья» В. Зускин. В картине была занята и выдающаяся актриса русского театра Блюменталь-Тамарина».

Под рубрикой «Отвечаем на вопросы читателей» журнал помещает статью публициста Л. Медведко «О роли военной клики в Израиле».

В других постоянных рубриках журнала — «Комментарии редакции», «Листая газеты и журналы», «Веселые строки», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш» и других читатели найдут много интересного о еврейской общественной и культурной жизни в Советском Союзе и за рубежом.

вы на него скажете? В прошлую пятницу я здесь также купила полфунта колбасы, пришла домой, а там оказалось на пятьдесят грамм меньше. Чтоб ему не хватало пятьдесят месяцев для его жизни!»

К авеню примыкает тупичок, заваленный мусором, всякой тарой. Слышу — поют там по-еврейски. Это не шарманщик, не слепой скрипач. Женщина средних лет прислонилась к стене небольшого строения, составляющего часть лавки, что на авеню. Возле певицы стоят двое мужчин. Сразу видно, что один из них уже натурализованный американец, второй — зеленый. Мои спутники не заметили этой троицы и ушли вперед, увлеченные беседой. Женщина напевает низким голосом, тихо, для себя одной, и когда я останавливаюсь около неё, она недовольна. Я записываю в блокнот слова её песни.

Вот подстрочный перевод:

Брожу по улицам
Одна-одинешенька,
Не с кем поговорить,
Только с собой.
Ой, в чужую страну
Меня забросило.
На меня опустилась
Кара божья...

Желая меня поддеть, она прерывает эту песню и поет куплет из другой:

Приехал в чужую страну,
Стучишь в чужие двери.
Никто тебе руку не пожмет,
Никто не пригреет...

И смотрит на меня так, словно хочет сказать: вот тебе, шлимазл, за то, что остановился, непрошенный, около человека, который поет не для публики, а для себя. Я стараюсь не выпускать из виду ушедших вперед товарищей, и очень уж хочется поговорить с певицей и двумя мужчинами. Певица не обращает на меня никакого внимания. Она тихо шепчет слова своей песни и вытирает глаза тонкой косыночкой, повязанной на её шее. Один из мужчин — натурализованный американец — делает мне уступку и выдавливает из себя скупые слова:

— Плохи здесь ваши дела, попали как кур во щи...

Он со мной на «ты»:

— А если ты человек из Сохнута * и собираешься уговаривать их вернуться в Израиль, то, прошу тебя, уходи.

Кивнул на певицу:

— Она злится на Израиль, потому что, уехав по вызову туда, угодила прямехонько сюда...

Видя, что я собираюсь уходить, он достает из кармана потрепанную, пожелтевшую от времени книжку, легко отрывает страницу, на которой она раскрыта, и сует мне в карман:

— Денег у меня нет, бери вот это. Пригодится...

Догоняя своих товарищей, разглядываю страницу из старой книги, которую издал лет пятьдесят назад известный буржуазный еврейский писатель Иосиф Опатошу, живший тогда в Америке и посетивший Советский Союз. Это сборник путевых очерков. Опатошу приезжает поездом в какое-то американское городишко, чтобы прочесть лекцию о Советской России. Перед началом лекции гость беседует с местными евреями. Вот та часть диалога, которая подчеркнута на моей страничке красным карандашом:

— Скажите пожалуйста, товарищ Опатошу, а в Одессе вы были?

— Был.

— А как выглядит Одесса? По-прежнему красива?

— Одесса красива.

— Слышишь, Любочка? Они говорят, что Одесса все еще красива! А мы ведь родились в Одессе! Работали там до тысяча девятьсот двадцать второго года. Я был комиссаром типографии, так взбрело в голову уехать сюда, чтобы развозить на те-

---

* *Сохнут, или Еврейское Агентство занимается делами эмигрантов, направляющихся в Израиль.*

Отрывистые фразы:

— Он меня не возьмет...

— Тут вкалывать надо...

— Я бы на брюхе домой пополз...

Элегантный рослый мужчина с сухими впалыми щеками сидит на скамейке, окруженный молодежью (ему лет семьдесят, из-под пальто виднеется артистическая бабочка), и декламирует:

— В Стамбуле, под ногами турка,
Истоптан, грязен и загажен,
Валялся план Санкт-Петербурга,
В квадратном дюйме — триста сажен...

На досках тротуара стоит домик. Нечто похожее я видел у плотогонов на больших реках. И совсем домашнее слово «Москва» написано русскими буквами на вывеске у входа в домик, а также на окнах, обращенных к океану. Окна заменяют витрины, в них выставлены матрешки, тарелки с копченой рыбой, конфеты «Мишка» и «Белочка». Ресторан принадлежит каким-то «старым русским евреям». Вновь приехавшие туда не ходят. Я открываю дверь: за столиками никого нет.

Голос пожилого элегантного мужчины снова доносится до моего слуха, когда я уже схожу с тротуара, чтобы прогуляться с моими друзьями по Брайтон бич-авеню:

Моя тоска, как эта карта.
В квадратном дюйме триста сажен.

Брайтон бич-авеню — это длинная узкая улица, составленная из одних лавчонок, лотков с зеленью, дешевых закусочных. Над улицей — «крыша»: сверху, по всей её длине и ширине, там, где должно быть голубое небо, тянутся бетонные балки и плиты, по которым проложены рельсы городской железной дороги, носящей типичное американское название — «элевейтор». У Шолом-Алейхема сказано: «Такой лейтер (лестница), который называется элевейтор...» Как известно, лестницу можно поставить или положить. Элевейтор — «лежит», и его ступеньки-шпалы чуть не упираются о головы людей, на улице:

Да, людей на Брайтон бич-авеню видимо-невидимо. Чтобы на них посмотреть, я сюда и прибыл. Люди, люди! Какая нечистая сила бросила вас в этот водоворот за тридевять земель? Вот ты, к примеру. Ты думаешь, я не знаю, что считанные недели назад ты входил «в профком», «в завком», «в партком» и говорил степенным голосом, что, мол, слава богу, у нас советская власть, и, если не будет сделано так, как тебе кажется разумным, ты «до цэ-ка дойдешь». Чего же ты дошел до Брайтон бич-авеню? И посмотри-ка на себя в зеркало, это же срам! Напялил штаны дудочкой, капелюху цвета детского поноса, и снуешь под элевейтором, распаренный от беготни за частной собственностью... Не иначе — современный Менахем-Мендель. Эх ты, уманский хлопец! Плюнул на Софиевку? Отец-то твой лежит на высоком берегу Днепра, он отнял обратно у немца Киев. А ты опустился до того, что не хочешь Умани, не нужен тебе Киев, зато ты достиг Брайтон бич-авеню. Простофиля! В Нью-Йорке ты, в лучшем случае, сколотишь несколько лишних долларов, чтобы приобрести на них клетчатые штаны, которые ни к чему тебе в Умани. Эх, простофиля!

Я ни с кем здесь не вступаю в разговор. Инкогнито, так инкогнито. Смотрю лишь и слушаю. Если бы я не знал, что все это происходит в самом деле, то подумал бы, что идет съемка кинофильма о нэпе. Перед камерой — «переодетые» забавные человечки, среди них несколько профессиональных скандалистов, по виду биндюжники, а в действительности мелкие гангстеры, наводящие страх на людей и обирающие простаков. Попадаются в толпе вульгарные девки, голодные подростки. Посреди улицы — кучки любопытных. На перекрестках — стихийно возникающие барахолки. Люди толкаются по делу и без дела. Слышатся грязные слова. А вообще говорят здесь на каком-то особом русско-еврейском жаргоне. Послушай, ты! Ведь считанные недели назад ты еще входил «в профком», «в завком», «в партком», ты носил чистую сорочку, ты брился, чистил ногти, говорил красивые слова — «извините», «пожалуйста», «человек звучит гордо», — отчего же ты так быстро опустился?

Ресторан на авеню. Вывеска — на русском языке: «Одесса». Рядом надпись по-еврейски: «Кошерные вареники». Внутри «Одессы», у самого входа — буфет. «Дайте полфунта русской колбасы»... «С удовольствием, дамочка... Матильда Самойловна, достаньте батон колбасы из лучшего сорта... У нас не обвешивают.» «Что

они жили, имели собственный очаг, а теперь они путаются под ногами у тех, кто и без того обременен собственными заботами и проблемами. Как не огорчаться, если люди, которых никто не лишал нормальной жизни, сами стали квартирантами в чужом доме, превратились в бродяг, а некоторые опустились и морально — наговаривают на взрастившую их родину, поступают на службу к перекупщикам душ, лезут в чужие идеологии.

Брайтон бич выглядит как пригород с железнодорожной платформой. При более близком рассмотрении оказывается, что платформа упирается в океан и представляет собой, проще говоря, широкий досчатый «тротуар» между крайними домами города и берегом океана. На тротуаре видны выкрашенные в зеленый цвет, полинявшие скамейки, на которых сидят люди, большей частью пожилые, одетые в осенние пальто, в надвинутые на уши шляпы, или в зимние шапки. Молодые ходят взад-вперед, беседуя между собой. В общем-то увлечены беседой все — те, которые сидят, и те что гуляют, — это видно по тому, как они размахивают руками, отрывают друг у друга пуговицы.

Океан нахмуренный, люди осенние, воздух холодный, на тротуаре неуютно.

Эмигранты «дышат воздухом» — занятие полезное, однако, если пофилософствовать, то сидящих на берегу океана имигрантов можно назвать современными «людьми воздуха». Хотя о них говорит сам их вид, я, тем не менее, сердцем не могу понять, кто они и где происходит эта наша встреча. Вроде бы одеты они в советскую одежду, но пейзаж, который их окружает, так мало похож на рижское взморье, на приморский парк в Одессе или на другое морское побережье в нашем Отечестве...

А вот и брайтонбичский тротуар. Несколько нью-йоркских товарищей взялись показать мне здесь «русских золотоискателей», как выразился один из них. Я с ним не соглашаюсь:

— Если вы хотите разобраться в характере современной эмиграции, — говорю я, — вам необходимо прежде всего узнать, кто они, эти люди, в каких республиках Эс-Эс-Эс-Эр они жили, и кто именно в каждой конкретной семье первым заговорил о выезде, внес в семью ожидание чего-то неизведанного, связанного с переменой места. Это отец и мать лелеяли легкомысленную мечту? Дед? Дети?

В Вильнюсе, Львове, Кишиневе, Черновцах, то есть в западных областях страны, я знал немало пожилых евреев, которые принадлежали к «капиталистическому поколению», и они в течение десятилетий — я не преувеличиваю — хранили в душе мечту о «шифскартэ» — билете на пароход. Многие в возрасте восемнадцати-двадцати лет готовились было уехать в Палестину, и так всю жизнь сидели на чемоданах, потому что всегда что-нибудь мешало: сперва в старой Литве, в панской Польше, в боярской Румынии не было денег на билет, к тому же горький опыт подсказывал, что вот — попробовал уже счастье сосед и попал в тот же капитализм, что на родине; потом грянула война и оставшиеся в живых подались не в Америку, не в Палестину, а в глубину России, чтобы спастись. После войны потребовалось немалое время, чтобы снова лезла в голову мечта о чужих берегах. Для измученной войной страны на долгие годы наступила новая, теперь *холодная* война, когда эмиграция граждан была затруднена, и только лишь после Хельсинки, в начавшейся разрядке, когда вообще стабилизировалась жизнь и потекли размеренно и нормально радости и огорчения, как обычно, — только лишь в семидесятые годы могла поднять голову эмиграция, которая неизбежно задела и другие слои еврейского населения, кроме «западников». Сионистская пропаганда нашла охотников, и немало, среди «грузинских евреев» — на религиозной почве, среди тех, кому маленькие обиды затуманивали голову и сердце, среди просто нестойких и легкомысленных людей, среди «детей, чьи родители едут», и среди «родителей, чьи дети едут», среди всякого рода родственников, невест, женихов, врачей, непризнанных артистов, непонятых литераторов...

Если говорить серьезно, то следует выразить сочувствие не той стране, откуда такие люди уезжают, а тем странам, где они поселяются, куда приносят свои болезненные проблемы, свои ущербные характеры, свои разочарования, воспоминания о покинутой жизни, всё то, что зовется ностальгией. Советское общество безусловно ничего не потеряло. Ну, а что касается сочувствия несчастным брайтонбичским «курортникам», то их разве не предупреждали о том, что ждет их в чужой стране?

Итак, передо мной нью-йоркский пригород Брайтон бич. Доски на тротуаре вдоль берега Атлантического океана поскрипывают как немазанные колеса у телеги. Я вглядываюсь в лица отчужденных людей, сбившихся в кучки и снующих взад-вперед. Растерянность, раскаяние, униженность и бессилие — всё это видно на их лицах. Я слышу старые слова, которые, однако звучат здесь по-новому и так неожиданно, словно я их слышу первый раз: «постоялец», «ночлежка», «натурализованный», «подданный», «приезжий», «абориген»...

Литературные памятные даты

В связи с 250-летием со дня рождения философа эпохи Просвещения Моисея Мендельсона (1729—1786), оказавшего большое влияние на еврейскую культуру, журнал публикует статью о нем, написанную доктором филологических наук З. Либензоном (Горький).

«250 лет назад родился Моисей Мендельсон, — пишет автор статьи. — Споры о нем, о его творчестве и деятельности продолжаются и в наши дни. Эти споры возникли еще при жизни Мендельсона. Еврейские религиозные ортодоксы нередко обрушивались на него, как на безбожника, а либералы, напротив, относили его к религиозно-ортодоксальному меньшинству. Приверженцы идиша критиковали его за то, что он будто бы относится отрицательно к еврейскому языку. С другой стороны, известно его тяготение к мировой культуре».

З. Либензон раскрывает в своей статье сложный творческий мир Мендельсона, его прогрессивную сущность.

В октябрьском номере читатели найдут продолжение путевых заметок Арона Вергелиса (Москва), начало которых опубликовано в предыдущих номерах (№№ 6—9 за этот год). Приводим главку из этих заметок:

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

14. Инкогнито у «русских евреев»

Почему бы, находясь в чужих краях, не встретиться с земляками?

Я еду в Брайтон бич — район Нью-Йорка, выходящий к пляжам на Атлантическом побережье. Там-то и скапливаются «русские евреи». Мой путь пролегает через различные городские гетто, а я так глубоко ушел в размышления, что не замечаю этого. Чего только не преподносит нам наше время. Ведь пятнадцать лет назад Брайтон бич существовал также, как теперь, но мне тогда и в голову не пришло бы отправиться туда. Если и имелись в Нью-Йорке «русские евреи», то искать их следовало среди старых эмигрантских поколений, то есть среди тех, кто бежал из царской России и из гитлеровской Германии, спасаясь от кишиневского погрома, от «Кристальной ночи»...

Что же произошло теперь? Чем скорбная судьба эмигрантов поманила к себе кое-кого сегодня? Давно уже мировая война закончилась, вместе с другими народами евреи воссоздали свою мирную жизнь. Уже наладился быт. Снова в потоке мирного времени чередуются радости и заботы, удачи и огорчения. А вот, что касается огорчений, то они в Москве и Вильнюсе, в Кишиневе, Киеве, Ташкенте, Свердловске, Ленинграде — самые обыкновенные, такие, что всегда бывают у людей, и, конечно же они не могут и не должны стать причиной к тому, чтобы «складывать чемоданы». Толкнуть на это безумие советского человека могут нынче лишь две причины: злостное подстрекательство *со стороны* и какое-то затмение в собственных мозгах — нездоровые иллюзии и легковесные расчеты, которые неизбежно приведут к личной катастрофе.

Я думаю, что когда пройдет безумие, евреи, поддержанные другими народами, привлекут к суду и ответу подстрекателей. Я это вижу уже теперь, потому что непоседлая жизнь много раз сводила меня с этими несчастными эмигрантами в местах их нового обитания как в Европе, так, теперь, и в Америке. Я предвижу этот «малый нюрнбергский процесс», где на скамье подсудимых будет сидеть сионизм — не только за его разбойство по отношению к палестинскому народу, но также за преступное подстрекательство евреев к эмиграции — циничный обман многих тысяч людей и создание тем самым ужасной среды изгоев, вырванных из мира социализма, в котором

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 10, октябрь, 1979

Номер журнала открывает подборка публицистических материалов, которые освещают проблему наказания нацистских преступников, скрывающихся от справедливого суда народов. «Служители Фемиды» в некоторых капиталистических странах пытаются оградить палачей от неминуемого возмездия, ссылаясь на давность преступления. «Советиш геймланд» приводит ряд статей и заметок из советской и зарубежной прессы об этой проблеме.

«Тридцать миллионов человек погибло в Европе в годы Второй мировой войны, — сказано в редакционной статье. — Восемнадцать миллионов замучено планомерно и с садистским расчетом гитлеровскими палачами. В лагерях смерти и гетто уничтожено одиннадцать миллионов человек. Треть еврейского народа — шесть миллионов женщин, детей, стариков расстреляны во время массовых акций, умерли от голода и пыток в концентрационных лагерях, задушены в газовых камерах. Таков печальный итог преступлений фашизма, перечеркнуть его не могут никакие «сроки давности».

Поэзия и проза в октябре

Читатель найдет в октябрьском номере окончание повести Бориса Могильнера (Москва) «Заря моя вечерняя» и романа Матвея Талалаевского «Наследники».

С новыми рассказами выступает биробиджанский писатель Бузи Миллер. Его проза интересна по сюжету, в ней дышит сегодняшний день страны, жизнь современников во всем её неповторимом многообразии. Рассказы «Ошибка почтальона», «Окно» и «В туманный день» войдут в книгу писателя, издание которой готовится в издательстве «Советский писатель».

Киевская поэтесса Дора Хайкина знакомит читателей со своим новым циклом стихов. В этом цикле, который носит название «Эта удивительная жизнь», вновь слышится чистый лирический голос поэтессы, верной своей возвышенной романтической любви к жизни.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.VIII.1979. Подписано к печати 16.IX.1979 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1486.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Информируем наших читателей. Гитлеровские преступления против человечества не должны иметь срока давности.

М. Талалаевский. Наследники (роман. окончание).

Б. Могильнер. «Заря моя вечерняя» (повесть. Окончание).

Рассказы Б. Миллера.

Стихи Д. Хайкиной, О. Дриза, Б. Синельниковой.

А. Вергелис. Пятнадцать лет спустя (Путевые очерки. Продолжение).

60 лет советской кинематографии. У. Гуральник. Важнейшее из всех видов искусства.

Отвечаем на вопросы наших читателей. Л. Медведко. О роли милитаристской клики в Израиле.

Целине — 25 лет. (фото-репортаж).

Комментарии редакции. Уголок общественного распространителя. Веселые строки.

Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 10